STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03005

# DERTSEYLUNGEN

Isaac Kloomok

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייזיק קלומאק.

# דערציילונגען

(פאַרשפּילט און אַנדערע)

ניו יאָרק
1921

Copyright, 1921
by
Isaac Kloomok

Published by
THE "CLAY" GUILD
3325 Farragut Road
Brooklyn, N. Y.

446

# (1918-1921)

מיין ערשטען בוך מיט ליבע
מיין טאַטען און מאַמען
געווידמעט.
ניט פון זייער גייסט, און
ניט נאָך זייער גוסט איז
דאָס ווערק פון זייער קינד;
אָבער אַלץ וואָס איז אויפ־
ריכטיג, ערליך און פיין אין
די פאָלגענדע בלעטער, קומט
פון זייער קוואַל.

# אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| פאַרשפילט | זייט | 7 |
| קאָראַ | " | 37 |
| מימי | " | 61 |
| שטיל וואַסער | " | 75 |
| מאָנא ליזאַ | " | 103 |
| לולו | " | 131 |
| שטאַרקער פון טויט | " | 161 |
| קיטי | " | 175 |
| לענאָטשקאַ | " | 207 |
| דזשים און דזשאַן | " | 243 |
| פון היץ | " | 265 |
| דער רוף | " | 283 |
| זיין פרוי'ס טויט | " | 301 |

# פאַרשפּילט

.1

עטעל איז געווען נאָך גאָר אַ יונגע.

נאָר יענע חלומות פון ליבע, געוועבט פון אומשולד און באַלויכטען מיט די זונען שטראַלען פון דער יונגער פאַנטאַזיע, זיי האָט זי שוין געזען ווי ווייטע שטערען, וואָס האָבען גאָלדיג באַלויכטען, מיט אַ סך אַנדערע זוניגע פאַנטאַזיעס און שימערדיגע אילוזיעס, יענעם וואונדערלאַנד פון זכרון, וואָס מיר רופען „אַמאָל", פאַרבונדען ביי איר מיט „אין דער היים" — אַ קליין שטעטעלע אין רוסלאַנד.

יעצט איז זי שוין אַ דערפאַרענע געווען, און געזוכט אַ מאַן. האָט זי געפונען קופּערמאַנ'ען.

אַלע אירע פריינט האָבען ביי זיך באַשטימט, אַז זי האָט זיך אָפּגענאַרט: ווי קומט ער צו איר? זי, אַזאַ שיין, געבילדעט מיידעל!

און אַז מען האָט איר וועגען דעם געגעבען אָנצוהערעניש, אַ שטייגער אַזוי: „וואָס כאַפּסטו דאָ אריין?" פלעגט זי מיט אַ שמייכעל ענטפערען: „ס'איז דאָך אַמעריקאַ!" געמיינט האָט זי, ס'איז ניט אייער באַבעס דאגה! נאָר אויסטייטשען פלעגט דאָס יעדערער אויף זיין אופן. איינער: דער שאָפּ איז צו שווער, דער מאָרגען ניט זיכער, שיינקייט ביי דער צייט אין די הענט, אָט בליט עס, — אָט וועלקט עס. און וואו געפינט מען די גליקען? אַן אַנדערער פלעגט קלערען: היינטיגע מיידלאַך, פרייע פייגעל! ווער ווייסט וואָס נעכטען איז געווען? ע ר וועט ניט פרעגען...

יונג, פול מיט וואַרימע בלוט, אָנגעזאַפּט מיט טוי, באַוועגט זיך דער שלאַנקער, ווייכער, בויגיגער קערפּער, רירעוודיג, עלאַסטיש, לאַשצענד; און די אויגען זיינען גרויסע, אָפענע, קוקט יע־

דערעד אריין, זעט ער דאָרט אומרואיגע, שווארצע, דורשטיגע פלעמלאך וואָס גליטשען זיך ארוים איבער די לאנגע, ווייכע ברע־מען, דערפילט ער אין הארצען א ציטער, א זיסען, אן אומרואיגען, און טיף אין דער נשמה גיט עפּעס א שווינדעל. — דערצו פאַר־שווייגט ניט איר צונג יענע לייכטע אידייען, אַנגעכאפּט פון פרייען ווינט — איז איר פריינט און פרעמדער חושד.

קופּערמאן איז געווען אן ארבייטער, א ראדיקאל, און שטאָלץ דערמיט. ער איז געווען פּראָסט און אומגעבילדעט, אָבער ביל־דונג האָט ער זייער ליב געהאט. מיט א גוטער ריינער הארץ, האָט ער געוואָלט, אז אלע מענשען זאָלען זיין גליקליך, אז אמת און יושר זאָלען הערשען אומעטום; און יעדער מענש, וואָס האָט עפּעס גע־טאָן פאַר דיזע ערהאבענע אידייען, איז ביי אים געווען א פערזענ־ליכער פריינט, א טייערער, ליבער ברודער. אויף לעקציעס פלעגט ער גיין אָפט, נאָר פון קינדוויין אָן פרעמד פון וועלכער גייסטיגער אָנשטרענגונג, איז זיין מח געווען פויל, כאָטש ניט טעמפּ; און זייענדיג פיזיש דערשעפּט פון שווערען טאָג ארבייט, פלעגט ער איינדרעמלען זיצענדיג אין א ווינקעל. לעזען האָט ער ניט געקענט א חוץ אידישע צייטונגען. ביכער האָט ער אָבער ליב געהאט און פלעגט גערן קויפען שיינע ביכער, ניט פאַר פוץ, נאָר ווייל ער האָט עס געהאלטען פאַר זיין פליכט אָפּצוגעבען כבוד די גרויסע און נאָבעלע. ער האָט געקויפט ביכער, ווי איינער קויפט א הייליגע זאַך.

מיט איר האָט ער באלאנגט צו איין ברענטש „ארבייטער רינג“. גלייך ווי עטעל איז אריינגעטראָטען אלס מיטגליד, האָט ער זי ליב געקראָגען מיט אמת׳ער, ברידערליכער ליבע, געמישט מיט אפשיי און פאַרערונג.

איז איר אויג געפאלען אויף אים.

איינמאָל איז זי געקומען צו אים לייען א בוך.

זיין הארץ האָט גענומען שטראלען מיט גליק, ווי א ריינער קרישטאָל און זונען ליכט. זי האָט עס געזען און געפילט איר באַ־דייטונג אין זיין לעבען, און זי האָט גענומען קומען אָפטער.

ער האָט געלעבט מיט זיין אלטער מוטער אין א פּריוואט־הויז

אין אַ פֿאַרשטעטעל פֿון ניו יאָרק. די צימערען זיינען געווען אַבּ־סאָלוט דערקוויקענד מיט זייער זויבערקייט און פרישקייט. דאָס שטיל, איינזאַם לעבען פֿון דיזע ערליכע מענשען האָט אַרויס־געלויכטען פֿון יעדען ווינקעלע. די אַלטיטשקע מאַמע האָט איר באַלד פֿאַרטרויט אַ סוד, אַז דער געטרייער זון אירער טוט אַלע הויז־אַרבּייט, וואָס איז צו שווער פֿאַר אירע אַלטע הענט. ער וואַשט דעם „פֿלאָר“, שייערט דעם אויווען, רייניגט די פֿענסטער, און פֿוילט זיך ניט צו פֿאַרקנעטען די חלה. „און אַז מען דאַרף, מאַכט ער אַ בּלאַט לאָקשען אויך, — ווי אַ ניגער!“ האָט זי מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל צוגעגעבען, ווי פֿאַרגינענדיג זיך אויסצו־זאָגען דעם איינציגען חסרון אויף איר זאָנסט געראָטענעם זון. און צוקוקענדיג זיך נעענטער דורך די ספּאַקולען, צו דעם איידעלען פּנים פֿון דער שיינער, יונגער פֿריילען, האָט זי ערנסטער צוגעלייגט: „פֿאַר אים וועט אַ ווייב האָבען אַ גאָלדענע מערכה!“

זיין געזיכט האָט זיך באַגאָסען מיט בּלוט, רויט־ווערענדיג פֿאַר זיין מוטער, וואָס איר קאָן גאָר איינפֿאַלען אַזאַ געדאַנק. ווי קומט ער צו איר? ער האָט מורא געהאַט, אַז זי האָט זיך באַ־ליידיגט.

און כאָטש זי איז געווען ניט גענאַרט ביי זיך איבער אירע באַזוכען, האָט זי זיך דאָך געוואונדערט, וואָס דער געדאַנק דער אַלטער'ס שפּרינגט ניט אָפּ פֿון איר האַרצען...

זיצענדיג אין שאַפּ, פֿלעגט זי אָפֿט טראַכטען פֿון יענער זווי־בערער הויז, און פֿון דעם ערליכען לעבען פֿון דיזען עדעלען, פֿראָ־סטען אַרבּייטער. ניט ווילענדיג פֿלעגט זי פֿאַרגלייכען זיין לעבען מיט די ניט זויבערע לעבענס פֿון אירע געבילדעטע פֿריינט, וואָס האָבען זיך גע'שדכנ'ט צו איר. און כאָטש זי האָט מערערע מאָל געזוכט צו פֿאַרשטויסען פֿון זיך אַזעלכע פֿאַנטאַזיעס, האָט זי דאָך געזען זיך לעבענדיג אין האַרציגע, נאָענטע באַציאונגען מיט אים און מיט זיין מוטער; און ביסלאַכווייז האָט זי זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז מיט אים וועט זי קענען לעבען אַ צופֿרידענעם לעבען. אַחוץ דעם האָט זי גערייצט דער באַהאַלטענער באַ־וואוסטזיין, אַז זי גייט דאָ מאַכען אַן אָפּפֿער: זי, די געבילדעטע,

די שיינע, פאַרוואָרפטע אלע געלעגנהייטען צו געווינען א רייכען מאַן, וועלכען־ניט־איז־דאָקטאָר, אָדער געשעפטסמאַן, און גיט זיך אוועק צו א פּראָסטען ארבייטער, ווייל, ווייל — און דאָס איז געווען אן עכאָ פון אירע אמאָליגע אידעאַליסטישע טרוימערייען.

און כאָטש איצט האָט זי גוט געוואוסט וואָס אָרימקייט באַדייט אין לעבען, און כאָטש איצט איז זי געווען א פּראַקטישע און געזוכטע א מאַן, האָט זי נאָך אַלץ געהאַט דעם געפיל, ווי אן אבערגלויבען, אז רייכטום מיט גליק, רייכטום מיט ליבע, הויזען ניט; אז א געשמאַקער, ריינער לעבען צווישען מאַן און פרוי איז נאָר מעגליך אין א קליינער, זויבערער שטיבעל, וואו די באַלעבאָסטע טוט אַלעס אליין מיט אירע הענט, און איז דאַריבער אַלץ פאַר איר מאַן און קינדער. און זי האָט געוואָלט זיין אַלץ! זי האָט געוואָלט זיין די שטאַרק געווינשטע. זי האָט געוואָלט געבען, געבען אָן א שיר, און דוקא אים, דעם שטילען, דעם נאָבעלען, וואָס ווערט אַזוי ניט אָפּגעשעצט!...

אָבער ווי באַוועגט מען אים, אז ער זאָל זי מאַכען פאַר זיין פרוי?

זי האָט קלאָר געוואוסט, אז ער האַלט עס פאַר אן אומעגליכער פאַנטאַזיע, אז זי זאָל אים ווילען. אויפ׳ן ערשטען פּלאַן איז אַרויסגעטראָטען איר אינסטינקט פון קאָקעטסטווע. אָבער זי האָט מורא געהאַט צו ריזיקירען. די געפאַר איז געווען, אז ער זאָל זיך ניט אָנשטויסען, אז זי זוכט אים צו פאַנגען מיט אַזעטיגע מיטלען, און דאַן וואָלט ער זי אין גאַנצען פאַראַכטעט.

דאַן איז זי אוועק צו זיין מוטער, און האָט איר געגעבען אָנצוהערען, וואָס עס קומט פאַר ביי איר אין הארצען און אין די געדאַנקען. די אַלטע פרוי, וועלכע האָט דאָס מיידעל גלייך ליב געקראָגען, שוין דערפאַר, וואָס זי האָט מוטערליך געפילט, אז דאָס מיידעל וועט איר זון גליק ברענגען, האָט באַלד אַלעס קלאָר באַגריפען. זי האָט געמאַכט דעם פּאַרשלאַג, אז דאָס מיידעל זאָל זיך אריינציען צו זיי אַלס קוואַרטיראַנטקע. זייענדיג מיט אים אין הויז, וועט ער זיך שוין ביסלאַכווייז צוגעוואוינען צו קוקען

אויף איר ווי אויף זיין גלייכען: און דאָס איז דאָך געווען דער שווערסטער פּונקט צו געווינען.

און דער פּלאַן איז געווען אַ גוטער.

דאָס מיידעל האָט געטרויט איר אייגענע נאַטור, און האָט געהאָפט, אז לעבענדיג מיט זיי צוזאמען וועלען זיי אין איר דער־קענען די איינפאַכע, אויפריכטיגע אידישע טאָכטער, מיט אלע אירע נאַטירליכע אוצרות, וועלכע זי האָט אלץ ביז איצט, געזוכט צו פאַרבייטען אויף די מאַנירען פון דער גרויס־שטאָטישער פריי־לען. און דערפאַר האָט זי אָנגענומען דעם פּלאַן פון דער אלטער.

עס זיינען אָבער געווען דערביי אויך הינטער־געדאַנקען ביי דער אלטער, אזוי גוט ווי ביי דער יונגער.

די מאַמע האָט זיך געוואָלט בעסער דערקונדיגען וועגען דער פרוי, וועמען זי וועט פאַרטרויען איר קינד. די יונגע, ווידער, זייענדיג זיכער, אז זי וועט זיך ניט דערוויסען קיין שלעכטס וועגען אים, האָט אביסעל ז י ך ניט געטרויט. זי איז ניט געווען זיכער, אויב זי וועט ניט חרטה האָבען שפּעטער. זי האָט געוואָלט מאַכען אַ פּראָבע, צו לעבען דעם שטילען לעבען, וועלכען זי האָט זיך אָנגעצייכענט אלס קופּערמאַנ׳ס פרוי. וועט זי זיך קענען צופּאַסען, איז גוט! ווען ניט, וועט דאָך אויף אזאַ׳ן אופן ניט זיין שפּעט חרטה צו האָבען. אָבער דאָס איז געווען אַ האַלב־פאַרמירטער געדאַנק. שאַרפער און קלערער האָט זיך ארויס־געשניטען די האָפנונג פון איר אינסטינקט, וועלכען זי האָט פריער פאַרוואָרפען אין דער געשטאַלט פון קאָקעטסטווע: זייענדיג מיט אים צוזאמען אין הויז, האָט זי געהאָפט, וועט זי אין אים אויפ־וועקען אַ ליידענשאַפטליכע ליבע, און צו דעם האָט איר פרויען־האַרץ געהאַט מער צוטרוי, ווי צו אנדערע זאכען. זי האָט אים אליין געבעטען, אז ער זאָל איר ערלויבען קומען צו זיין מוטער אויף עטליכע וואָכען אַפּצורוען זיך, אַנשטאָט צו פאָרען אין קאַנטרי.

ער האָט גוט געוואוסט צו וואָס פאַר אַ נסיון ער שטעלט זיך אויס. ווי קען ער דען האָפען אויף איר ליבע?

אָבער גליקליך איז ער געווען צו זיין מיט איר אין איין הויז,

און דערפאַר האָט ער איינגעשטימט, נאַרענדיג זיך מיט׳ן געדאַנק, אַז ער קאָן איר דאָך ניט אַנטזאָגען.

געשען איז, ווי די צוויי פרויען האָבען געהאָפט... און אין איין שיינעם מאָרגען זיינען ביידע אריין צו דער אַלטער אין קיך, זיין האַנט ארום דער יונגער פרוי׳ס טאַליע, אביסעל פאַרשעמטע און פאַרשולדיגטע, דאָך גליקליכע, און האָבען איר אָפּגעגעבען מזל־טוב: זיי זיינען שוין מאַן און ווייב, — וואָס די קלוגע, אימער־וואַכענדע מאַמע האָט שוין אַ גאַנצען פרימאָרגען גע־וואוסט, און האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַן עקסטרען, יום־טוב׳דיגען פרישטיק. זי האָט זיך אָבער געמאַכט ווי איבערראַשט, און זי׳ מיט׳ן גאַנצען האַרצען געוואונשען גליק, ווי נאָר אַ מאַמע קען. אָט אַזוי איז דאָס געשען.

2.

עס איז געקומען לאַנגזאַם. זי האָט עס ניט געגלויבט, און מער, אַלץ מער איינגעליבט זיך אין איר מאַן. זיין געזונטע, ריינע, ערשטע ליבע האָט אויפגעוועקט אירע.

באַלד איז זי געבליבען די גאַנצע באַלעבאָסטע. די אַלטע פרוי איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען. זי האָט ניט געלאָזט שיקען נאָך אַ דאָקטאָר, און ווען ער איז פאָרט געקומען, האָט זי זיך אָפּ־געזאָגט פון די רפואות. „מיין צייט איז געקומען, קינדערלאַך, האָט זי גוטמוטיג גע׳טענה׳ט. וואָס איך האָב געדאַרפט האָב איך שוין אָפּגעטאָן. איצט פאַנגט זיך אָן אייער צייט. איך וואָלט נאָך געוואָלט דערלעבען אַן אייניקעל, נאָר מסתמא איז בעסער אַזוי". געמיינט האָט זי: קינדערלאַך, איר זייט מיר ליב און טייער, און אייער צופרידענהייט איז ביי מיר געווען דער העכ־סטער פאַרלאַנג, אָבער געהערען געהער איך פאָרט צו אַן אַנדער וועלט, און צו אַן אַנדער צייט. אייער אָרט לעבען איז מיר פרעמד און אומפאַרשטענדליך. געשוויגען האָב איך, געוויס, אָבער מיין האַרץ האָט איר ניט געוואוסט: אַן אייניקעל וועט געבאָרען ווע־רען, אַ גרויסער נחת צו די עלטערע יאָרען, אָבער נאָך מיין גלויר־

בען איז עס ניט קיין כשר קינד. טו איז גלייכער, אז איך גיי אוועק איידער עס קומט. מיין צייט איז שוין אוועק, וואָס האָב איך דאָ נאָך צו טאָן? איר זייט פאַרנומען איינע מיט די אַנ־דערע. ווער דאַרף מיך? איך וועל גיין אהיים, צו יענע — מיט וועלכע איך האָב געלעבט. איצט פאַנגט זיך אָן אייער צייט, און אַט קומט אָן אַ נייער, וואָס דאַרף אָן אָרט. גוט, איך גיי.

זי האָט זיי געקושט און איז געשטאָרבען.

די קינדער האָבען זי אמת ליב געהאַט, און זי האָט זיי שטאַרק געפעלט. אָבער באַלד האָבען זיי זיך גענומען גרייטען אויפ'ן נייעם גאַסט, און ווען ער איז געקומען אין דער געשטאַלט פון אַ געזונטען, שיינעם זון, איז זייער לעבען געוואָרען נאָך ליכ־טיגער און פולער ווי פריער.

קופּערמאַן איז געווען אויפ'ן זיבענטען הימעל פון זיין גליק. די יונגע מאַמע איז, אמת, ניט געווען אזוי גליקליך ווי זי האָט דערוואַרט. אָבער זי האָט איצט גוט געוואוסט, אז איר לעבען האָט פּלוצלונג געקראָגען אַ נייע און וויכטיגע באַדייטונג, און אז זי וועט איר איצטיגען לעבען ניט פאַרבייטען אויף טויזענט גליקען פון וועלכע זי האָט פריער געטרוימט. עס זיינען פון איר איצט פאַרשוואונדען אלע יענע, פריערדיגע טרויעריגע געדאַנקען, אַרויס־געוואַקסען פון אַן אינווענייגסטער אומצופרידענהייט וועלכע, טראָץ איר מונטערע נאַטור, האָט זיך האָך געקליבען אין איר קאָפּ, און וועלכע זי האָט וואַזשנע באַטיטעלט מיט'ן נאָמען פעסימיזם, און געקוקט אויף דעם, ווי אויף איר וועלט־אַנשויאונג. איר גאַנצע געזונטע, לעבענספולע נאַטור האָט זיך איצט פאַנאַנדער־געוויקעלט אין פולער פּראַכט. זי איז געוואָרען איינגער, שענער מיט יעדען טאָג. און אזוי איז די צייט געלאָפען. דערווייל איז געקומען נאָך אַ קינד, און מער טעטיגקייט. זיי זיינען געווען ניט אָרים. ער איז געווען אַ פלייסיגער און פעהיגער אַרבייטער ביי אַ גוט־באַצאָלטער טרייד, און זיי האָבען זיך געקאָנט פאַרגינען דרויסענדיגע הילף אין הויז. נאָר זי האָט ניט געוואָלט. זי האָט געוואָלט זיין אַלעס פאַר איר מאַן און אירע קינדער; און איר ענערגיע איז גע־וואַקסען מיט איר פלייס, און איר פלייס מיט די נויטווענדיגקיי־

טען. און נאָך איידער זיי האָבען זיך ארומגעזען, איז שוין דער זון געווען א היבש־דערוואקסענער, פעהיגער סקול־באָי, און דאָס צווייטע קינד, אַ טאָכטער, האָט פאַרשפּראָכען צו זיין ניט וועני־גער געראָטען.

ווי שטאָלץ עס האָט געקלאָפּט איר טריי הארץ צו זען אירע קינדער איבער די סקול־ביכער, און צווישען זיי איר מאַן אַ גליקליכען, פאַרנומען מיט א סקול־ביכעל, פאַרמעסטענדיג זיך מיט די קינדער אין לערנען זיך. געטראַכט האָט זי עס ניט, נאָר מיט יעדען אבר האָט זי געפילט, אז די דריי ליבע, טייערע וועזענס זיינען איר שולדיג די טיפסטע ליבע, הערצליכסטע דאַנקבארקייט פאַר זייער געזונט, באַקוועמליכקייט, צופרידענהייט און גליק. און ווי הערליך זיי האָט אַנקעגענגעשמייכעלט די רייכע צוקונפט!

3.

עס איז געווען א שיינער פרימאָרגען אין אָנפאַנג פרילינג. די זון האָט געשיינט ווארימער אין א ריינער, בלויער לופט. א פריש ווינטעל האָט געבלאָזען און געבראַכט די ליבע בשורה פון באַנייאונג און אויפבליאונג, וואָס איז שוין געקומען, כאָטש ניט פאַר'ן אויג. די ביימעלאַך ארום הויז האָבען עס דערפילט. די פייגעלאַך האָבען עס באַגריסט מיט אַ באַגייסטערטער טשוויט־טשעריי. דאָס הארץ האָט געשלאָגען האסטיגער, פולער.

עטעל האָט אָנגעפאַנגען דעם טאָג, ווי אימער, לוסטיג און פריילאַך. זי האָט פאַר זיך געהאַט א טאָג ארבייט, און דאָס האָט גערעגט איר ענערגיע. נאָר אָט איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט אין דרויסען ארויסגעקוקט, און איר הארץ איז פלוצלונג שווער געוואָרען.

שוין פרילינג, — שוין פרילינג, יאָ, שוין פרילינג, און — און — און — און וואָס?... הא? וואָס איז געשען? פאַרוואָס איז דאָס הארץ אזוי שווער געוואָרען? זי האָט גענומען זוכען אַן אורזאַך און ניט געקאָנט געפינען. זי האָט געשפּירט, אז ערגעץ וואו ליגט ביי איר א פראַגע, וואָס זי וויל ניט פרעגען, און פרעגט

זיך דאָך, און ווייס ניט וואָס דאָס איז, און קאָן אויף דעם קיין ענטפער ניט געבען, און גיט זיך דאָך אן ענטפער און — און — און — — —

זי איז צוגעגאנגען צום שפּיגעל זיך פאַרקאַמען. זי האָט דערזען, אַז טראָץ איר געזונטקייט און פרישקייט, טראָגט איר פּנים צייכענס פון דער פאַרביי־געלאָפענער צייט. די גאַנצע בויגזאַמקייט און גראַציע פון אירע גלידער זיינען פאַרשוואונדען. איר פיגור האָט פאַרלוירען איר סימעטרע און שיינקייט. יאָ, די צייט לויפט, און ווי שנעל! און מאַכט א תל פון אלעס, וואָס — וואָס?... און וואָס?... וואָס?... ווידער דאָס זעלביגע. וואָס וויל זי פרעגען? פאַרוואָס שפּרינגט דאָס האַרץ אַזוי? זי איז גע־בליבען שטיין פאַרטראַכט. יאָ, די צייט לויפט. אמאָל איז זי געווען א שיין מיידעל. און איצט? האָט ווער הנאה געהאַט פון איר שיינקייט? זי האָט זיך דערשראָקען פאַר איר פראַגע, און דערשראָקען זיך פאַר איר שרעק. פאַרוואָס האָט זי וואָס מורא צו האָבען? צו קאָן זי ניט געבען קיין ענטפער? זי האָט אַרויס־גערופען איר גאַנצען רייכען לעבען, איר ליבע צו די קינדער און צו איר מאַן, און אלעס וואָס זי האָט געטאָן פאַר זיי. נאַריש־קייטען! איז טאַקי נויטיג אַרויסצורופען אַזויפיל ליכטיגע זונען צו פאַרטרייבען דעם שאָטען פון א נארישען געדאַנק? צו איז זי ניט זיכער מיט זיך? זי האָט אָנגעפאַנגען שמייכלען. וואָס פאַר א נאַרישקייטען עס קריכען איר איין קאָפּ אַריין. זי האָט אַזויפיל וויכטיגע אַרבייט.

און באַלד איז טאַקע ניט געבליבען קיין שפּור פון יענעם שאָטען, וואָס האָט זיך פריער באַוויזען פאַר איר. זי איז געווען פאַרנומען מיט די געדאַנקען פון אירע קינדער און פון איר מאַן.

נאָר אָט איז עס ווידער געקומען אומגעריכטערהייט. זי האָט געהאַלטען און באָדען איר אינגסט טעכטערל, דאָס דריטע קינד. זי האָט געקוקט אויף די פרישע גלידער פון דאָס קינד, וואָס האָט זיך געצאַפּעלט אין וואַסער, און איר האַרץ איז געווען פול מיט פאַרגניגען. יאָ, זי וועט זיין א וואונדער־שיין קינד, און זי וועט אויסוואַקסען א געבילדעטע, שיין פריילען, און וועט קומען

אין דער בעסטער געזעלשאפט. און דאן וועט זיך אין איר פאַרליבען דער שענסטער, בעסטער יונגערמאן וואָס וועט — ווער וועט זיך אין איר פארליבען?... וואָס וועט זיין?... האָט זי ניט געהאט דיזעלבע פאנטאזיעס פאר זיך? און?... אָ, איר הארץ איז גאנץ שטאָלץ אויף איר מאן. נאָך אלעמען איז נאָבעלקייט פון הארצען די איינציגע גוטע זאך ביי א מענשען. וואָס איז קלוגהייט? וואָס איז בילדונג? מיט וואָס שיידעט זיך אונטער דער קלוגער פון דעם נאר? דער אונטערשיד איז ניט קיין עלעמענטארער... אַ שיינע נשמה, אָט דאָס איז וויכטיג!... און איר מאן? זי קאָן פאר איר טאָכטער קיין נאָבעלערען מענשען ניט ווינשען. אָבער — נו, און וואָס וועט שוין זיין?... וואו זיינען אירע אַמאָליגע שיינע טרוימען? פארוואָס פארדריסט איר, וואָס איר שיינקייט האלט ביים פארשווינדען? האָט זי געדארפט האָבען איר שיינקייט צו פאנגען קופערמאנ'ען? וואָלט איר קופערמאן ניט געליבט, ווען זי וואָלט ניט געווען אזא שיינע? וואָלט איר איצטיגער גאנצער לעבען ניט געווען ווי ער איז? האָט זי אלעס צו פארדאנקען איר שיינקייט? וואָס האָט זי געהאט פון איר בילדונג?... ניין, קופערמאן האָט איר ניט געליבט פאר איר שיינקייט. ער האָט איר שיינקייט ניט באוואונדערט... ניין, קיין מאָל ניט. זיין ליידענשאפט וואָלט געווען דיזעלבע, ווען ער וואָלט געהאט אן אנדער פרוי לעבען זיך, אַ מיאוס'ע... אָ, ער האָט קיין געפיל און קיין פארלאנג פאר שיינקייט... ער ווייסט גאָר ניט, אז ער האָט אַ שיינע פרוי... עס איז אים אלץ איינס... איר גאנצער קערפערליכער רייכטום איז ארויסגעוואָרפען פאר אים... ווען זי זאָל מאָרגען ווערען העסליך, וועט ער זי דען ניט ליבען דיזעלבע זאך?... פארוואָס האָט ער זי ליב? פאר איר פארשטאנד?... פאר איר אינטעליגענץ?... אָבער פארוואָס קריכען איר אין קאָפּ אזעלכע געדאנקען? וואָס וויל זי? צו ליבט זי ניט קופערמאן? געוויס, ער וואָלט זיין לעבען אוועקגעלייגט פאר אירען אַ קאפריז. אָבער ער ליבט זי ניט פאר איר שיינקייט. אָבער זי איז דאָך פאָרט שיין!... זי איז דאָך פאָרט שענער ווי טויזענט אנדערע... און עס האלט ביים פארשווינדען אָן ווער עס זאָל הנאה האָבען דערפון... אך, גאָט מיינער, וואָס פאר

אַ נאַרישקייטען! יאָ, זי איז שוין פול געוואָרען מיט צופרידענ־הייט, אַט וואָס, זי איז שוין זאַט, — אַט דערפאַר קומען צו איר אזעלכע פּוסטע געדאַנקען.

אָבער זי האָט אַזוי גיך ניט געקאָנט פּטור ווערען פון אַט דיזע נאַרישקייטען. איז שיינקייט ניט אַ מתנה פון דער נאַטור ווי געניאַליטעט? נו, גוט! מיר זיינען גייסטיגע מענשען. אָבער, אָבער — שיינקייט!

און זיכער מוז עס דאָך זיין אַ וואונדערבאַרער געשאַנק פון גאָט, וואָס זאָל האָבען עטוואָס אַ באַדייטונג אין לעבען. שעפּט זיך דען אויס די גאַנצע באַדייטונג פון אַ שיינער פרוי מיט אַביסעל סענטימענטאַלער פּאָעזיע? דער שיינקייט־קולט האָט דאָך גע־שפּילט אַ וואונדערבאַרע ראָלע אין מענשען'ס פּראָגרעס. און עס וועט איבערלעבען אַלע אַנדערע רעליגיאָנען און אידעאַלען. עס וועט בלייבען דער איינציגער קולט. וועט זיך דעם מענשען'ס האַרץ וועלען צופרידען מיט דער אייביגקייט, וועט עס זיך בוקען צו שיינקייט, אַלס אידעאַל, ווען אַלע אַפּגעטער וועלען שוין לאַנג פאַר־ברענט זיין. וואָס וועט בלייבען דער מענשהייט נאָכדעם, ווען אַלע סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטען וועלען באַזייטיגט ווערען? אמת, און יושר, וואָס באַגייסטערען אונז היינט, וועלען דאָך זיין טאָג־טעגליכע וואָכעדיגקייטען. וואָס וועט אַרויסהייבען דעם מענשען פון זיין אין־דער־וואָכען?

דער טויט און שיינקייט!

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די לעצטע געדאַנקען האָט זי געהערט פון אירען אַ פאַרערער, אַן אַמאָ־ליגען פריינט, אַ מאַלער.

„איר זייט אַ פּריסטערין", האָט זי זיך דערמאָנט אָן זיינע ווערטער, וועלכע ער פלעגט אָפט איבער'חזר'ען פאַר איר, „אַ פּריסטערין, וועמען גאָט האָט איבערגעגעבען זיין אידעאַל פאַר די מענשען צו ברענגען, ווי ער האָט איבערגעגעבען אַנדערע שיינ־קייטען צו אַנדערע פּריסטער און פּראָפעטען."

אָריכער פּראַזיאָר! ווי ער האָט זי געליבט! פּראַזען!...

פראזען!... זי האָט זיך דאַן ניט צוגעהערט צו זיינע רייד...
אָבער, צו ליגט דען ניט אַ גרויסער אמת אין דעם?...

זי האָט ווידער אַ שמייכעל געטאָן. ווי מאָדנע! ווען זי איז געווען אַ פריי מיידעל, האָט זי די אַלע פראַזען צום גומען ניט גענומען. און איצט... איצט... איצט האָט זי דערפילט דעם האָניג אין זיי. כאַ־כאַ־כאַ!

זי האָט באַשלאָסען ניט מער צו קלערען וועגען דעם. באַלד האָט זי זיך אָבער געכאַפּט, אַז זי טראַכט פאָרט פון דעם: צוליב וואָס איז זי שיין געווען?... זי, אַ יונגע, שיינע פרוי, מיט ניט ווייניג אינטעליגענץ... וואָס האָט ווער געהאַט פון דעם?... וואָס פאַר אַ פרייד זי וואָלט עס געקאָנט ברענגען צו וועלכען עלענדען, בענקענדען מענשען... און, און... אַך, אָבער ס'איז דאָך נאַריש־קייטען... יאָ, אַלץ איז נאַריש. דאָס גאַנצע לעבען איז נאַריש. צו וואָס לעבט אַ מענש? קאָן דען ווער זאָגען צוליב וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען? צוליב וואָס האָט זי געהאַט קינדער?... ווען אירע קינדער זאָלען איר אמאָל די פראַגע שטעלען... איז דען געווען אַ גרויסע אורזאַך וואָס האָט זיי צום לעבען געבראַכט?... האָט זי זיי געזוכט ווען זי איז געקומען זוכען קופּערמאַנ'ען? ניין. גרויסע פאַרלאַנגען?... גרויסע ליידענשאַפטען?... ניין... גרויסע אומבאַהאָלפענקייט?... איבער געוואַלד פון אומשטענ־דען אריינגעשלעפט?... אויך ניט... טו וואָס דען?... אָבער ניין! ניט פון דאַנען מוז זי אָנפאַנגען. צוליב וואָס איז די ערשטע צעלע באַשאַפען געוואָרען?... אָבער איז זי ניט פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר אירע קינדער?... אַך, יאָ, אָט אַזוי האָט זיך אַלעס אָנגעפאַנגען... ס'איז אַלעס ניט־ווילענדיג געוואָרען. אָט ווי עס קייקעלט זיך אַ קויל שניי באַרג אַראָפּ, וואַקסט און וואַקסט דער לעבענס־קנויל. פון אומשולדיגע, קליינע פּאַסירונגען, אָן גרויסע באַדייטונגען און אָן אַ זין, האָט זיך עס אָנגעפאַנגען, ביז דעם פאַרפלאָנטערטען געהירן פון מאָדערנעם מענשען. דעם מענשען'ס פאַרשטאַנד האָט שוין לאַנג דעם אומזין דערגרונטעװעט, נאָר עס איז אומבאַהאָלפען דעם פּראָצעס אָפּצושטעלען. פאַרוואָס האָט זי געהייראַט? פאַרוואָס האָט זי געהאַט קינדער?...

אָבער איז ניט וואונדערליך גרוים דעם מענשען׳ס געשיכ־טע?.. אָ, געוויס!.. האָט זי געגומען קלערען פּאַרקערט איצט. ווי א קאַרגער גביר, וואָס וואָלט געוואָלט אַלע לוקסוס־זאכען האָ־בען און אויך דאָס געלט, וואָס ער דאַרף דערפאַר באַצאָלען, איז דער מענש מיט זיינע אמביציעס: זיין אומענדליכער גייסט דורשט נאָך אומענדליכעס, און זיין גאַנצער לעבען איז אים ווייניג, און דאָך לעבט ער פאַרט ניט מער ווי מיט׳ן „יעצט“, מיט יעדעז פאַרבייגייענדיגען טאָג; טו ווי זאָל אים ניט פאַרדריסען אויף די פאַרשוואונדענע נעכטענס וואָס ער האָט אויסגעצאָלט פון זיין קאַסע?... אָבער פאַר׳ן פאַרשטאַנד איז דאָך דאָס אַלעס קלאָר... טו וואָרום מאַכען א ווערען פון שאָטענס?... בראַוו גיי דיין וועג פאָראויס! ווי דער ניט־געניטער ביי־סיקעל־פאָרער טאָרסטו ניט קוקען אויף די רעדער ווי זיי דרייען זיך, נאָר ווייט פאָראויס פון דיר, שטעל פאַר דיינע אויגען א ווייטען, ווייטען ציל, וואָס ניט דו און ניט דיינע קינדער וועלען קאָנען דערגרייכען, און בראַוו פאָר־ווערטס! דו טראָגסט פאָראויס די אידעאַלען, וואָס דו האָסט גע־קראָגען בירושה פון דער מענשליכער ראַסע. דיין פליכט איז קלאָר.

ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון אי־דעאַלען, און זי איז געווען שטאָלץ מיט איר פאַרשטאַנד. זי איז געוואָרען רואיג. איר לעבען איז פאַר איר קלערער געוואָרען... און צוליב דעם טאָקי איז נויטיג געווען דיזע שטימונג, וואָס דער פריילינגזווינט האָט אויף איר ארויפגעווייט. ווי דער מענש איז דאָס ספּיריטואַל פאַרבונדען מיט דער נאַטור!

זי האָט באַשלאָסען צו לאָזען מאַכען פון זיך א בילד. א חוץ אנדערע אורזאַכען, האָט זי געהאַט דעם פאַרלאַנג צו פאַרנעמען זיך אביסעל מיט עטוואָס נייס. נאָך אַלעמען, האָט זי געקלערט, ווערט דאָך א מענשען פאָרט צוגעגעסען דער איינטאָניגער לעבען, ווי גוט עס מעג ניט זיין. און דאָס וועט זיין ניי און אינ־טערעסאַנט!

ווען עס איז איר אויפ׳ן געדאַנק ארויף צו ריידען וועגען דעם מיט איר אמאָליגען פריינט, דעם מאַלער, האָט זי זיך א כאַפּ גע־

טאָן צוריק. ווי אַלע אמת־ערליכע נאַטורען, האָט זי זיך שטענ־דיג פאַרדעכטיגט. זי האָט גערעכענט, אַז דאָס איז איר אויפגעוועקטער אינטערעס צום מענשען, וועלכער האָט זי אַמאָל געליבט פאַר איר שיינקייט, וואָס האָט זי איצט אין גאַנצען באַוועגט צו טראַכטען פון אַ בילד. אָבער וואָס קלערער עס איז פאַר איר געוואָרען, אַז דאָרט שטעקט ערגעץ וואו דער רייץ צו באַגעגענען זיך מיט איר אַמאָליגען באַוואונדערער, אַלץ שטאַרקער האָט זי גערעגט איר מאָראַלישע ענערגיע. האָט זי דען מורא פאַר אַ נסיון? זי האָט ניט געוואָלט בלייבען ביי זיך קיין פייגלינג. סייזוויסיי, אויב איר גאַנצער שיינער, ריינער לעבען, האָט זי געקלערט, זאָל מורא האָבען פאַר דער קלענסטער געפאַר, וואָס קומט איר אין וועג, און איז ניט אימשטאַנד צו פאַרהיטען זי, טו וואו ליגט זיין קראַפט און טוגענט? זי לעבט איר לעבען אַזוי און ניט אַנדערש דערפאַר, ווייל אַזאַ לעבען איז אַמשטאַרקסטען אין איינקלאַנג מיט איר נאַטור, איז דער אויס־וואַל פון איר שכל, טו וואָס האָט זי וואָס מורא צו האָבען? און באַלד האָט זי זיך אויסגעלאַכט פון איר גאַנצען טראַכטען. גוט וואָס קיינער ווייס ניט פון אירע געדאַנקען. עס איז איר אויס־געקומען לעכערליך. זי האָט זיך גאָר באַליידיגט אויף זיך אליין פאַר איר קנאַפּען צוטרויען צו איר אייגענער טוגענט.

איר באַשלוס איז אויסגעפירט געוואָרען. איר אַמאָליגער פריינט האָט פאַר איר געמאַכט איר בילד.

ווען דאָס בילד איז שוין געווען צו ענדע, און זי האָט געמאַכט אַ רעכנונג פון דער פאַרלאָפענער צייט, האָט זי כמעט מיט פאַר־דרוס געמוזט צוגעבען, אַז עס איז אָפּגעלאָפען אָן קיינע נסיונות... זי האָט געפילט ווי אַנטוישט, וואָס איר ערליכקייט האָט ניט גע־האַט די געלעגענהייט פּרובירט צו ווערען. דער מאָלער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיין אַרבייט און האָט זיך געהאַלטען זייער רעספּעקטפול. ער האָט אין גאַנצען צו ווייניג אויפמערקזאַמקייט געשענקט איר אַליין, איר לעבעדיגע פּערזענליכקייט. זי איז געווען אייפערזיכטיג אויף איר בילד. ער האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסען, פלעגט זי קלערען, זענדיג אים פאַרנומען מיט זיינע פאַרבען.

און ווען זיין פאַרטרוימטער, פארנומענער בליק פלעגט זיך אָפּ־שטעלען אויף איר, איז ער געווען אָן באוואונדערונג, אָן ליבע, ניט ווי אמאָל. זיין ליבע איז שוין לאנג געווען פארלאָשען. אָ, אָט דיזע מענשען! ווי שנעל ביי זיי ווערט אלעס פארברענט... אָבער וואָס וויל זי דען? וואָלט זי געוואָלט, אז ער זאָל בלייבען איר טריי דורך דער גאנצער צייט וואָס זי האָט אים פארגעסען, און האָט זיך אוועקגעגעבען צו אַן אנדערען?... ווי נאריש, קליינליך, עגאָאיסטיש. אָבער אלץ איינס, עס האָט איר פארדראָסען וואָס ער ליבט זי ניט מער. זי איז שוין איצט ניט שיין!

דער מאלער האָט פארהאלטען דאָס בילד ביי זיך פאר עטליבע וואָכען, און ווען ער האָט דאָס ענדליך געבראכט א פארטיגס, איז זי געווען איבערראשט פון דער וואונדערליכער פארענדערונג. פריער האָט ער זי געמאָלען ווי זי איז, נאָכדעם האָט ער זי איבער־געמאָלען. בליקענדיג אויף דעם בילד האָט זיך איר געדאכט, אז איר גאנצער פארהייראטער לעבען איז געווען א טרוים וואָס איז פלוצלונג פארשוואונדען. אָט איז זי צוריק דאָס פריש מיידעל אין בליענדיגער, רייכער שיינקייט, אין דער גאנצער פראכט פון איר יונגפרוישאפט. דער מאלער האָט געטראָגען אין זיין זכרון דאָס, וואָס ס׳איז שוין אין דער ווירקליכקייט פארשוואונדען. דאָס לעבען אין קינסטלער׳ס פאנטאזיע האָט פארלאָרען דאָס פעלערהאפטע. דאָס אומפולקאָמענע איז רייפער, פולער געוואָרען. איר וועזען האָט אין זיך איינגעזאפט די פּאָעזיע פון דעם קינסטלער׳ס נשמה. און וואָס לענגער זי האָט געבליקט אויף דעם בילד, אלץ קלערער איז פאר איר געוואָרען אז דער מאלער ליבט זי. ווי געצערטעלט און געקושט ער האָט איר יעדען אבר, ווי בולט ער האָט ארויסגעבראכט די באהאלטענע פאָרמען און שיינקייטען פון איר פיגור. דער מאלער איז באלוינט געוואָרען פאר זיין ליבע. דער וועזען פון דעם בילד האָט זיך געצויגען צו אים ליידענשאפטליך. דער אינ־ווענייגסטער, פאר דעם פרעמדען אויג פארבאָרגענער, רייץ האָט ארויסגעגליט מיט ליידענשאפט, פארבאָרגען, און דאָך אנטפלעקט, פון יעדען אָרט וואו דער מאלער האָט באריהרט. דעם מאלער׳ס ליידענשאפטען האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען מיט אירע, און דאָס

בילד איז געווען דאָס טריאומפירענדע קינד פון זייער ליבע. דער מאָלער האָט זי געליבט, געליבט אַלעס וואָס איז שיין אַרום איר, אין איר, און דערפאַר איז עס אים אַזוי געלונגען.

איר איז איצט געווען ניט אנגענעם. זי האָט זיך באַליידיגט אויף דער חוצפּה'דיגער נאַקעטקייט פון מאָלער צו איר. וואָס האָט זי צו טאָן מיט יענעם פרעמדען מאַן? פאַרוואָס האָט ער אַזוי נאַקעט באַרירט מיט זיין אויג און נאָך מער מיט זיין פאַנטאַזיע, איר ווייבליכען קערפּער? קופּערמאַן דאַרף זיין אייפערזיכטיג! זי האָט זיך געשעמט אים צו פרעגען און האָט עס געזוכט אין זיינע אויגען. ער האָט ניט פאַרשטאַנען. אָך, ער האָט ניט פאַרשטאַנען! קופּערמאַן איז געווען אנטציקט פון דעם בילד.

— ווייסט, איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז דו ביזט אַזאַ שיינע! — האָט ער גוטמוטיג געשמייכעלט. עס האָט איר איצט פאַרדראָסען אויף דער גאַנצער פּאָסירונג. זי וואָלט געוואָלט פאַרניכטען דאָס בילד. דאָס בילד וועט איר אַלע מאָל דערמאָנען אָן — אָך, ניין! עס איז בלויז איר טריישאַפט צו קופּערמאַנ'ען, וואָס איז געוואָרען באַפלעקט אין דעם בילד, און דאָס פאַרדריסט איר.

און איינמאָל האָט זיך איר גע'חלומ'ט אַ זינדיגער חלום. אין שלאָף האָט זי זיך באַהעפט מיט אַ פרעמדען מאַן. ניין, עס איז ניט געווען אין פולען שלאָף. האַלב אין טרוים און האַלב אין פיבעריי־שער פאַנטאַזיע איז אַלעס פאָרגעקומען. און מאָרגען פרי איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ שטאַרקען קאָפּ־ווי און אין אַ זייער גע־דריקטער שטימונג. די ווילדע בילדער פון דער נאַכט האָבען זי אויסגעמוטשעט און נערוועז געמאַכט. עס איז זיכער געווען ניט אין שלאָף... זי האָט שלאָפען ניט געקאָנט. זי האָט זיך געשליי־דערט פון זייט צו זייט. זי האָט געוואָלט די בילדער פאַריאָגען, און דאָך האָט זי זיך גערן אונטערגעוואָרפען צו די מאָדנע געפילען, וואָס עס האָט אין איר געוועקט. זי האָט פאַרזוכט פון אַזעלכע מאָמענטען פון פרייד און עקסטאַז, וואָס זי האָט קיינמאָל אין דער ווירקליכקייט ניט פאַרזוכט. און איצט האָט איר געקרענקט דער באַוואוסטזיין פון איר שולד געגען איר מאַן. זי האָט אַ גאַנצען פרימאָרגען געוואָלט וויינען. אָך, ווען די ווירקליכקייט וואָלט גע־

ווען אזוי רייך, אזוי גרויס!... אָבער עס איז דאָך זינלאָז!... איר מאַן... איר מאַן!... פוי!... אימיצער האָט זי באַטראָגען, אימי־צער, אין וועמען זי איז געווען שטארק פארטרויט, האָט זי פאַר־ראַטען. זי האָט זיך געפילט פאר א באַטראָגענע. יאָ, יע. איר אייגען הארץ האָט זי אָפּגענאַרט. זי האָט אזוי שטארק געגלויבט אין איר אייגענער ערליכקייט און טרייהייט. און איצט? זי האָט זיך אליין באַטראַכט אלס איר שונא. זי האָט געפילט די עולה גרעסער געגען זיך, ווי געגען איר מאַן. הייסט עס, אז עס איז אוממעגליך פאַר איר צו זיין אינגאנצען טריי און ריין? קאָן זי ניט געהערען צו איר מאַן ניט נאָר מיט איר לייב, נאָר אויך מיט אירע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס, מיט יעדער וויברירונג פון איר הארץ און נשמה? אָבער איז זי דען די ערגסטע? ניין, עס קאָן דאָך ניט זיין. עס זיינען געווים די פעלערען פון גאָר דער גאנצער מענשליכער ראַסע. דעם מענשעג׳ס הארץ איז פאַלש און באַ־טריגעריש, און לאָזט זיך ניט צאַמען פון ווילען. האָט זי דען גע־וואָלט האָבען יענע טרוימען? ניין. און דאָך, אז זיי זיינען געקו־מען האָט זי פון זיי הנאה געהאַט. און וואָלטען זיי געקומען נאָך אַמאָל — איז זי דען אומטריי דעם מאַן מיט דעם? און ווי קומען פאָרט צו איר אזעלכע חלומות? עס איז דאָך געווען ניט אין שלאָף, פארוואָס האָט זי זיך געלאָזען אריינציען אין זיי?

זי האָט פּלוצלונג דערפילט א שטראָם בלוט אין איר מח. עס האָט זיך איר איצט אויסגעדאַכט, אז זי דערקענט דעם פרעמדען מאַן... יאָ, יאָ, עס איז געווען דער מאלער, וואָס האָט איר בילד געמאָלען, איר אמאָליגער געליבטער. זי האָט איצט גענומען פאָר־שטעלען זיך אין לעבעדיגע, קלאָרע בילדער א נאָענטקייט מיט אים, און עס האָט איר געעקעלט. ניין. זי האָט ניט קיין שום סימ־פּאַטיע פאַר אים. זי פילט ווי איר הארץ קערט זיך אָפּ מיט פאַר־אַכטונג פון יענעם אומריינעם וועזען. און איז ער טאַקי אומ־ריין?... פארוואָס? ווייל ער האָט פארקערט מיט א סך פרויען?... אפשר איז ער דערפאר ריינער?... און אין וואָס באַ־שטייט איר פאַלשקייט? עס איז דאָך איבערהויפּט לעכערליך! זי איז פאַלש דערפאַר, ווייל זי האָט ניט ערליך געהאַלטען דעם

אַפּמאַך, דעם קאָנטראַקט צווישען איר און איר מאַן. הייסט עס אַזוי: זי האָט אים פאַרשפּראָכען ניט צו געהערען צו קיינעם אַ חוץ צו אים. אין דעם ערשטען צוזאַמענטרעפען זיך מיט אים אַלס מאַן און פרוי, איז געלעגען דער ניט געשריבענער קאָנטראַקט, וואָס איז אנערקענט פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער, אַז פון איצט אָן און ווייטער איז זי זיינע און ער אירער. נו, און אַז זי ברעכט דעם קאָנטראַקט ווערט איר לייב אומריין? ווערט איר לייב זיינע מיט'ן קאָנטראַקט? וואָס הייסט זי איז זיינע? ווי די קו וואָס ער קויפט? ער איז אירער ניט בלויז דערמיט וואָס ער האָט ניט קיין פאַרקער מיט אַנדערע פרויען, נאָר ער איז אירער, אירער... אירער? זיינען די קינדער אירע? עס איז דאָ ערגעץ עפּעס אַ פאַרבלענדעניש. וואו איז איר טאַטע? וואו איז איר מאַמע? אַט יענע פרוי איז בלויז געווען איר ניאַנקע, האָט איר געליען איר שוים, אַט ווי זי לייט איר שוים צו אירע קינדער, וועלכע זיינען שוין פרעמדע, באַזונדערע וועזענס פון דער ערשטער מינוט אָן. טאַטע? מאַמע? זי האָט גענומען זוכען אין זכרון ביי זיך, וואו ליגט עס פאַרצייכענט ערגעץ אין איר באַוואוסטזיין אַ צייט, ווען זי זאָל האָבען געפילט איינס מיט איר מוטער. זי האָט ניט געקאָנט אַרויסרופען אין זיך אַזאַ געפיל. בלוט און פלייש, — ווי אָפּגע־שניטענע אברים. און דער אָפּגעשניטענער, טויטער אבר האָט גע־קראָגען באַוואוסטזיין נאָכדעם, ווי ער איז שוין געווען אָפּגעטיילט. אַ שטיק ברענשטאָף גייט איבער פון האַנט צו האַנט דורות־לאַנג, ביז פּלוצלונג צינדט ער זיך אָן אין וועלכער ניט איז אַ האַנט. איז עס איינס מיט דער האַנט? דאָס קערענדעל לעבען האָט זיך גע־קייקעלט פון שוים צו שוים מיליאָנען יאָרען, ביז אָט האָט עס אָנ־געפאַנגען אויפצוכאַפּען זיך, מיט אַ פאַרענדיגטען, פאַרטיגען באַ־וואוסטזיין, אין דער און אין דער פרוי'ס שוים. געוויס, זי איז געקומען ערגעץ פון דער ווייטען שוין אַ גאַנצע, אַן אייגענאַרטיגע, אַ פרעמדע. טאַטע, מאַמע. מאַן, ווייב — פּוסטע נעמען, אין וועלכע עס רוט אַ ווילע אַ פרעמדער פויגעל. איז דער נעסט מיט'ן פויגעל איינס? פון דער נאַטור איז יעדער וועזען אינדי־ווידועל, און אינדיווידועל מוז ער בלייבען. קיין אָפּמאַך קאָן ניט

בינדען דעם אינדיווידיואום אין זיין לעבען, און בלייבען ערליך. איז איר מאַן אידער? איז זי זיינע? און ווען זי וואָלט אים גאָרניט געטראָפען? ער איז ערגעץ געבאָרען געוואָרען אין א ווייטען ווינקעל ערד, אויף אן אנדער וועלט־טייל, אין א קליינער, פארוואָרפענער שטעטעלע. זי איז געבאָרען געוואָרען אויף אן אנדער וועלטטייל. צוויי באזונדערע, אָפּגעשלאָסענע וועזענס. זי איז דאָך זי, ער איז דאָך ער. טא ווי איז זי זיינע? און אז זיי ווילען ביידע מיט׳ן גאנצען הארצען געהערען איינע צו די אנדערע, ווערען זיי שוין איינס? איז זי זיינע, ווייל זי וויל עס? און אז זי וואָלט געטראָפען אן אנדערען און ניט אים? קאָן זי זיין איינס מיט יעדען איינעם באזונדער? די רעליגיאָן האָט געקאָנט באהויפּטען: גאָט האָט פון די צוויי איינס געמאכט. אָבער ביי פרייע מענשען? פארוואָס קאָן זי זיך ניט אָפּגעבען צו איינעם היינט און מאָרגען צו אן אנדערען, ווען זי וויל עס, און ניט דארפען קוקען אויף זיך ווי אויף א פארברעכערקע? צוויי פרעמדע פויגעל טרעפען זיך ערגעץ וואו אין א וואלד, אויף א בוים, אין א נעסט, און האָבען וועלכע ניט איז געמיינשאפטליכע אינטערעסען, און — וואָס פאר א אינטערעסען? כא־כא־כא! און אנשטאָט נאָכדעם צו אנטלויפען איינע פון די אנדערע, ניט מער אנצוקוקען דעם עדות פון אזעטיגע — — און זיין גאנצער קריכען, און לאשצען און בעטלען, פוי! —

דער בראַווער ווילדער, וואָס באפאלט מיט א דובינע דאָס ווייב אין וואלד, און שניעלט צופרידען זיין בעסטיאלישע תאוה, איז עטיש העכער, אויב ניט יענער, וואָס טויטעט זי דערנאָך אין גאנצען. ער קומט ניט פארשטעלט. ער קומט ניט מיט חניפה. ער ווייס ניט פון שאנד. די פרוי, געווינענדיג איר רעכט אלס מענש, האָט פארלאָרען איר ליבע, און פארלירענדיג איר ליבע האָט זי אלץ פארלאָרען. די פרוי פון די אלטע צייטען האָט געקאָנט ליבען איר מאַן, און ניט די היינטיגע. דער מאַן איז פאר איר געווען דער שטאָלצער באזיגער, דער הערשער, איר לאָרד, איר גאָט. איר ליבע האָט זיך געגרעניצט מיט שרעק, מיט באוואונדערונג, מיט רעליגיאָן, אָדער מיט שרעקליכען האס. וואָס פאר א פּאַסירונג, וואָס פאר אן אויפטרייסלונג פון דער נשמה, פון גאנצען

ליבּ, עס איז געווען די דערוואַרטונג פון דעם שרעקליכען גאָט, וועלכער קאָן קומען מיט א בייזען שטורם, מיט דונער און בליץ, נאָר אָט אָ קומט ער מיט אַ שמייכעל, מיט אַ גלעט!... וואָס פאר א באלוינונג פאר די לאַנגע טעג און נעכט פון ווארטען!

און איצט? פרייער קאָנטראַקט! און אלעס איז אזוי קליין, אזוי וואָכעדיג, ווי דער פרייער גאָט, ווי די פרייע נאטור, ווי די פרייע רעליגיאָן. געשעפט! כאַ־כאַ! ווי גרויס עס איז דער טריאומף פון דער מאָדערנער פרוי צו זען איר לאָרד אזוי קליין, אזוי געשעפטסמעסיג, אזוי בעטלעריש־חניפה'דיג, און לעכערליך. ליבע? דאָס פארזוכט א פארהייראטע פרוי נאָר אין טרוים, און מיט א פרעמדען מאַן, און נאָכדעם פלאָגט זי דער געוויסען פאר ברעכען דעם אָפּמאַך און אָפּנארען דעם שותף...

קומט א האָן און זאָגט צו א הון: קום הינדעלע, לאָמיר פארפירען א נייעם קאטוך; נאָר זע, ווי וועט דיר זיין, אויב איך וועל חלילה געפינען אין קאטוך אן אייעלע ניט פון מיר! א בלוט־פלעק וועסטו ווארפען אויף'ן גאַנצען קאטוך, און דיין לעבען וועט בלייבען געשענדט. און דאָס נארישע הינדעל פארגלאָצט פרום מיט די אויגען: אַ בלוט־פלעק! אַ בלוט־פלעק! כאַ־כאַ־כאַ! העגערשע ערע און הינערשע צניעות!

זי האָט פלוצלונג א שוידער געטאָן. איר פּנים האָט געברענט. ווי קומט צו איר אַזאַ ציניזם? עס איז דאָך נאָר א סענטימענ־טאלער, נארישער וויץ פון איר אויפגערעגטער פאנטאזיע. איז איר לעבען מיט איר מאַן טאַקי אזוי מיאוס? דארף זי גיין זוכען ליבע אין דער פרעמד?

אין איר ברוסט האָבען גענומען שטראָמען ווארימע געפילען. זי האָט זיך גענומען דערמאָנען עפּיזאָדען פון זייער פארהייראטען לעבען. אזעלכע ליבטיגע מאָמענטען! ניין, איר גאנצער לעבען, זינט זי האָט זיך באקענט מיט איר מאַן, איז געוואָרען שענער, ריינער. איר הארץ האָט גענומען שלאָגען מיט פרייד. זיי זיינען ביידע פרייע, אומאָפּהענגיגע מענשען, און זיי לעבען צוזאַמען אויס פרייען, אימפּולסיווען פארלאַנג פון ביידענס הערצער. קיין געשעפט! ריין פון פאַלשקייט. ניטאָ קיין היפּאָקריטסטווע. עס

קאָן ניט געבען קיין פולקאָמענערע פריינטשאפט ווי זייערע. און וויפיל אכטונג, און וויפיל ליבע. וואָס פאר א זויבערע, ציכטיגע היים, פול מיט אמת, איבערגעבענהייט און טרייהייט. עס איז דער ערליכסטער אָרט אין דער גאנצער וועלט. און אירע ליבע, שיינע קינדער? וואָס קאָן נאָך געבען פאר א העכערע, ערהאבענערע אויפגאבען, ווי צו זיין די מוטער פון אזעלכע וואונדערבארע וועזענס? איז ניט דער שוים פון וועלכען זיי קומען ארויס געהייליגט? און איר מאַן? איז ער ניט דער בעסטער, נאָבעלסטער מענש? און איז עס ניט מערקווירדיג, וואָס זי טראכט גאָר אזעלכע זאכען? וואָס איז געוואָרען מיט איר הארץ? זי איז זיי ניט ווערט, אָט וואָס!

זי האָט געקוקט אויף זיך מיט שולד. עס האָט זיך איר געדאכט, אז זי האָט זיי באליידיגט, — די אומדאנקבארע! איר האָט זיך פלוצלונג גענומען בענקען נאָך אירע קינדער. זי האָט זיך געשעמט פאר זיך אליין, אָבער איר האָט זיך גענומען ארויסווייזען טויזענט געפארען, וועלכע שטייען צווישען איר און אירע קינדער. דאָס הארץ האָט איר גענומען רייסען. זי האָט זיך געזוכט צו בארואיגען מיט טויזענט ארגומענטען, אז עס זיינען ניטאָ קיינע געפארען, אָבער אומזיסט. זי מוז שוין זען זיי, ווען בלויז זיך צו בארואיגען. זי איז געגאנגען און האָט זיך אומגעקערט פון וועג א פארשעמטע. אָבער זי האָט קוים געקאָנט דערווארטען די צייט ווען די קינדער קומען אהיים. זי איז געלאָפען זיי אקעגען צום סקול, ווי אימער. און ווען זי האָט זיי דערבליקט פרישע, שיינע, פרייליכע, איז זי געווען איבערגליקליך. זי האָט געפילט א ווארימע, ליכטיגע זון איבער איר קאָפּ, וואָס האָט זי אָפּגעשאָטען מיט ווארימע, ריינע שטראַלען, און די שטראלען דרינגען אריין אין הארצען, אין די בלוט, און עס איז אזוי ליכטיג אין איר. איר פולס האָט געקלאפט האסטיג, האסטיג. דער נארישער טרוים קאָן קיין באדייטונג ניט האָבען אין איר לעבען. אָט איז עס שוין מער ניטאָ. אך, ווען עס וואָלט אן אמת'ע פאסירונג געווען!... זי האָט א שוידער געטאָן ווי ביי אן אָפּגרונט... ווי וואָלט זי עס געקאָנט כאפען צוריק?... צו איר פרייד איז איצט קיין ענדע ניט

געוועזן. זי האָט געטאַנצט, געשפּרונגען, געזונגען מיט אירע קינדער, און אירע אויגן זיינען פול געווען מיט וואַרימע טרערן, טרערן פון גליק און דאַנקבאַרקייט.

ווי שטאַרק זי האָט זיי ליב! זי האָט געקוקט אויף זיי מיט גרויסע, צעעפענטע אויגן און געשטראַלט. ווי נויטיג זיי זיינען איר. איצט האָט זי גענומען בענקען נאָך איר מאַן. זי האָט קוים געקאָנט זיך דערוואַרטען ביז ער וועט קומען. די צייט איז איר געווען צו לאַנג. דער אָוונט האָט זיך געצויגען שווער. זי איז אַרויס אויפ'ן גאַניק וואַרטען אויף אים, און ניט שטערען די קינדער. פאַר איר איז געלעגען דער ברייטער, אויסגעשפּרייטער, דונקעלער הימעל, און זי האָט געזען ווי די שטערען צינדען זיך אָן. אָט צינד זיך אָן איינער, אָן צינדט זיך אָן נאָך איינער, דאָרט נאָך איינער. זיי קומען ערגעץ פון דער ווייטען, האָט זי געטראַכט. אָט קומט נאָך איינער. וואַנדערען ארום אין דער אומענדליכקייט, שיינען... זי האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ שטערן, און האָט אַ שוידער געטאָן. ווי שרעקליך די איינזאַמקייט פון קאַלטען, ענדלאָזען רוים. זי האָט געקוקט אויף די בוימעלאך, וואָס האָבען נאָר וואָס דאַכט זיך גענומען אַרויסלאָזען קנאָספּען, און שוין זיינען זיי פול מיט בלעטלאך, האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאָזען, צעשפּרייט זיך, און גרויס געוואָרען מיט גרינס. ווי היימליכער עס איז דאָס בוימעלע. עס גרינט, עס וואַקסט, עס פאַרענדערט זיך, עס לעבט. איר האָט גענומען פאַרדריסען וואָס דער בוים איז צוגעבונדען צום באָדען. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ בוים, צוגעפעסטיגט צו איין אָרט, און דער געפיל איז פאַר איר געוואָרען אומדערטרעגליך. אָך, וואָס פאַר אַ נס, וואָס דער מענש האָט זיך אָפּגעריסען פון דער ערד. זיין לעבען איז ניט אזוי עלענד, ניט אזוי איינזאַם, ווי דאָס לעבען פון זיינע חברים, דער שטערן און דער בוים. און ווי היימליכער, ווי פרייליכער עס איז דעם מענשען'ס לעבען, וואָס ער האָט אַרום זיך דיזע שטומע קאַמעראַדען, וועלכע טיילען זיך מיט אים זיין מיזאַמען, שווערען לעבען. דער שטערן גייט אויף און פאַרגייט, עס איז נאַכט, עס איז טאָג. דער בוים גרינט, בליט, ברענגט פרוכט און שטייט א הוילער, א ווויי-

סער אין שניי, און עס איז פרילינג, זומער, אָסיען און ווינטער. צייט איז ניט אזוי לאנג און מאָנאָטאָן. פּלאַץ איז ניט אזוי פרעמד. ווי מיר עס וואָלט געוועז דאָס לעבען אויף א פּלאַנער, גלייכער, הוילער ערד, ניט צעטיילט דורך טייכען, ניט היימליכער געמאכט דורך בערג, און ניט פריינטליכער דורך בוים, קוסט און נעסט.

זי האָט זיך פארטראכט, עס איז איר געוואָרען אומהיימלאך. זי איז אריין צוריק אין הויז און אָנגעצונדען א סך ליכט. זי האָט מורא געהאט צו קוקען אין פענסטער. די פרעמדע, שווארצע נאכט האָט זי איצט געשראָקען דורך די שויבען. איר האָט זיך גע־דאכט, אז באלד וועט קומען א האנט מיט ווייסע, לאנגע פינגער און וועט זי רופען ערגעץ אין די אומהיימליכע רוימען. זי האָט אראָפּגעצויגען די פאָרהאנגען. עס איז איר געוואָרען היימליכער און פרייליכער. אך, ווי גוט וואָס עס איז פאראן נאָך א הויז לעבען איר׳ס, און נאָך איינס, און אין יעדען ברענט פייער, און אין יעדען קליינגען מענשליכע שטימען. ווי זי וואָלט מורא געהאט צו זיין איצט אין א קליינעם געצעלט אין א מדבר. איר האָט זיך געוואָלט זיין איצט צווישען א גרויסער מאַסע מענשען. זי האָט געוואָלט געפינען זיך אין א טעמפּעל ערגעץ, וואו אלע גייען אָנגעטאָן אין ווייסען, האלטען גרויסע הבדלות אין די הענט און זינגען אלע צו־זאמען צום אָרגאַן־שפּיל. זי האָט אָנגעצונדען נאָך ליכט, זי האָט ניט געקאָנט פארטראָגען קיין שאָטען, קיין טונקעלע זאך. זי האָט זיך גענומען פיבעריש פארפּוצען דאָס הויז אין ווייסען, און דאן איז זי נאָך אלץ ניט געבליבען צופרידען. זי האָט געטולעט די קינדער צו זיך, זיי געקושט און געקוקט זיי אין די אויגען אריין. ווען איר מאן איז געקומען איז זי נאָך אלץ ניט געוועז צופרידען. ניין, קוקען אויף זיי, ריידען מיט זיי, קושען זיי, דאָס האָט זי ניט געקאָנט זעטיגען. זי האָט געוואָלט אויפגיסען זיך מיט זיי אינ־איינעם, ווערען איינס מיט זיי, ארייננגיסען זיך אין זייער בלוט, פילען יעדענס הארץ קלאפּען אין איר׳ער. איר האָט זיך געדאכט, אז ביז איצט איז זי נאָך ניט געוועז נאָענט גענוג צו זיי. זי האָט געוואָלט שטיין נעענטער. נעענטער. זי האָט געוואָלט, אז — אז —

איר הארץ האט זיך ניט געקאנט שטילען. זיי ווייסען דאך גארניט ווי נויטיג זיי זיינען איר. זיי ווייסען ניט, ווי אומענדליך ליב זי האט זיי. ווייסען זיי, וואס זי פילט איצט? ווייס זי, וואס זיי פילען איצט? זי האט פאר זיך געזען א גרויסען, פינסטערען מדבר וואו עס באוועגען זיך ליכטער אין א געדיכטער פינסטערניש. א גרויסער, אומענדליכער, פינסטערער רוים, און אן אומזיכטבארע האנט צינדט פלוצלונג א ליכט אן, און דא נאך איינע, און דארט נאך איינע, און זיי שלעפען זיך ארום אין א מדבר פון פינסטערניש. אט באגעגענען זיך צוויי ליכט דורך א צופאל, באוועגען זיך א ווייל צוזאמען, און יעדער פלאם גארט צום צווייטען, אויפגיסען זיך מיט אים צוזאמען אין א גרעסערען, ווארימערען, ליכטיגערען פלאם, — אבער אומזיסט. איר הארץ איז געווארען פול מיט רחמנות צו די קינדער אירע. זיי זיינען דאך אין אמת'ען עלענד און איינזאם. אט זיצט ער, איר ליבער זון, פארטראכט, זיין שיינער, גאלדענער קאפ אויף זיין האנט אנגעשפארט, און טראכט פון עפעס. אפשר ווערט דארט איצט געבארען א שיינער, ליכטיגער טרוים? וואס פאר א וועלט בויט זיך דארטען? — א וועלט אין וועלכע ער לעבט איצט און אימער אליין, אן איר. וועגען וואס קלערט ער? וואס באוועגט זיך הינטער יענעם שיינעם, ליבען, ליכטיגען שטערען? וואס פאר א ווייכער, מילדער אויסדרוק אויף זיין יונגען פנים. איז ער ניט טרויעריג? אפשר האט ער א פארלאנג ניט דערפילט? זי האט געקוקט אויף איר טעכטערל. זי פירט שוין אויך איר אייגענעם לעבען. ווייסען זיי וואס עס קומט פאר אין איר נשמה? ווען זיי ווייסען כאטש ווי שטארק זי ליבט זיי? זיי וואלטען ניט געווען אזוי עלענד. ווי פארט קאן זי זיי גליקליך מאכען? וואס פאר א גרויסע פרייד קאן זי זיי איצט פארשאפען? איר האט זיך געוואלט בערג איבערקערען, ימים אויסשעפען, טאן עטוואס אומגעהייערעס, אוממעגליכעס, עטוואס וואס זאל זיי ווייזען איר איבערגעבענהייט און טרייהייט. און איר נשמה איז געווען פול מיט איבערגעבענהייט און טרייהייט אן אן ענד. עפעס ווי א היילינג ליד וואלט אראפגענידערט פון דער הויך און אריין אין איר נשמה. זי האט געפילט ווי זי וואלט

ארומגעגאַנגען אין אַ בית־המקדש, וואו אַלעס איז הייליג, נאָר זי איז אומווירדיג פאַר דעם הייליגען אָרט. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל עפּעס ניט פאַרשוועכען מיט אירע באַרירונגען. אַלעס איז איר אַזוי ליב, אַזוי שיין, אַזוי הייליג! זי האָט געקוקט ארום זיך מיט גרויסע, אָפענע אויגען. היינט, אָט איצט, האָט זי דער־זען דאָס אמת'ע ליכט. אויף וואָס נאָר איר אויג איז געפאַלען האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַן אינוועניגסטען, ביז איצט פאַרבאָר־גענעם שיין, ווי יעדע זאַך וואָלט פאַר איר אַ ליכטיגע נשמה אַנט־פּלעקט, זי זאָל עס זען. אינוועניג, אין זיך, האָט זי געטראָגען אַ גרויסע, ליכטיגע פרייד, אַ וואַרימע זון. ריידען האָט זי ניט גע־קאָנט. זי האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין שטיל, שטיל. זי האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, פאַרשעמט. די אויגען האָבען געפינקעלט, די באַקען אירע האָבען געברענט. ווי זי וואָלט ווע־לען זיי אַלעמען אָנטרינקען מיט פרייד! פון היינט אָן וועט זיך זייער לעבען אָנפאַנגען ווי אַ יום־טוב. זי דאַרף נאָר איבער־פּליסען איר גרויסע ליבע צו זיי. די קינדער? די קינדער וועלען איר ניט פאַרשטיין. ער, קופּערמאַן, וועט עס אין זיין נשמה באַגרייפען. אין די שטילע נאַכט־שטונדען ביי זיי אין צימער, ווען אַלעס וועט זיין איינגעשטילט, ווען אַלעס וועט זיין אין האַ־מאָניע פאַרטרונקען, שטילערהייט וועט זי זיך מיט אים די גרויסע פרייד טיילען.

קופּערמאַן, קומענדיג אהיים, האָט זיך פאַרוואונדערט. ער האָט גענומען זוכען, אויב ער האָט ניט פאַרגעסען עפּעס אַ ראַדי־קאַלען יום־טוב. עפּעס פעסטליכעס האָט זיך געטראָגען אין דער לופט. דאָס הויז איז געווען יום־טוב'דיג באַפּוצט, אַלעס בלאַנק ווייס, ניי און פריש. שיין ווי זייער היים איז געווען אַלעמאָל, האָט עס שענער געקאָנט זיין, און דאָך איז געווען היינט עפּעס פרישערעס, פעסטליכערעס. אין וואָס ס'איז באַשטאַנען האָט ער ניט געוואוסט. אפשר איז עס דער אָנפאַנג פון פרילינג, וואָס מאַכט אים דאָס צו פילען? די שפּייזען צום טיש זיינען גע־ווען די געשמאַקסטע וואָס ער האָט ווען געגעסען. זי האָט פאַר אים היינט געמאַכט אַלע שפּייזען, וואָס ער האָט באַזונדערס האָלט

געהאַט. ער האָט געקוקט אויף זיין פרוי, און זעענדיג אירע בלי־ענדיגע באַקען, וואָס האָבען ווי פאַרשעמט געברענט, און טרעפענדיג אין איר אויג אַ מאָדנע רייצענד פייערל, האָט ער באַלד צו־פרידען געשמייכעלט פאַר זיך.

זי האָט געוואַרט ביי זיך אין צימער שלאָפלאָז, און, ווען זי האָט פּלאַץ געמאַכט פאַר אים לעבען זיך, איז ער געוועזען זיכער, אַז ער האָט זי פאַרשטאַנען.

ווען ער איז אַוועק פון איר צימער אין זיינעם, איז זי געבלי־בען ליגען ווי פאַרשטיינערט. עפּעס האַרטעס איז געלעגען אונטער איר, און איר דעם רוקען געבראָכען. זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט געפילט, אַז זי איז בלאַס, און קאַלטע, קלעפּעדיגע טרערען זיינען גערונען פון אירע אויגען. איר האַרץ איז געוועזען טויט. עפּעס איז זיכער געשטאָרבען אין איר בוזים. זי האָט פּלוצלונג גענומען ברענען ווי אין אַ היץ־קרענק, און זיך ארויסגעכאַפּט פון בעט. זי האָט ניט געקאָנט גיין גלייך. זי איז געבליבען שטיין לעבען בעט און מורא געהאַט צו לייגען זיך. זי האָט מורא געהאַט צו טרעפען דאָרטען עפּעס אַ קאַלט, שליימיג, פּויזענד באַשעפע־ניש. איר נשמה איז געוועזען אָנגעפילט מיט עטוואָס שמוציגעס. זי איז אַרויס, און האָט זיך געשטעלט אין דרויסען אויפ׳ן גאַניק. עס איז געוועזען אַ זעלטענע פרילינג־נאַכט, מיט אַ וואַרימען, בלויען, טיפען הימעל, מיט וואַרימע העל־לויכטענדע שטערען, — פריש, ריין און באַשמעקט. דער חן פון דער נאַכט האָט זי ניט גע־רירט. אַ לאַנגע צייט איז זי געשטאַנען באַוועגלאָז. פון די אויגען זיינען פון צייט צו צייט געפאַלען קאַלטע טרערען. זי האָט זיי געלאָזען רינען. זי האָט ניט געקאָנט וויינען און ניט געוואָלט וויינען. זי האָט ניט געהאַט קיין פאַרדראָס, קיין שמערץ. זי האָט ניט געפילט און ניט געדענקט. איר נשמה איז געלעגען אין איר אַ דערשלאָגענע, אַ באַשמוצטע. לאַנג, לאַנג איז זי געשטאַנען, ביז זי האָט דערפילט אַ שמערצליך פייכטע קעלט, וואָס האָט דורכגענומען איר לייב. זי איז געשטאַנען אַ באָרוועסע, אין איר נאַכט העמד, די האָר צעוואָרפען. און די נאַכט, ווי עס טרעפט אין אָנפאַנג פרילינג, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אַזוי שיין,

האָט זיך אויסגעלאָזען מיט אַ קאַלטען, דראָבנעם רעגען, וואָס האָט זיך אַריינגעגעסען אין די ביינער. זי איז געשטאַנען און געלאָזען דעם פֿוילען רעגען איינזאַפּען זיך אין איר לייב. פּיזשער שמערץ איז איר געווען אַנגענעם. צו וואָס גייט זי צוריק אין צימער? צו וואָס לייגט זי זיך צוריק אין בעט? צו וואָס נעמט זי דאָס קינד צו זיך? און פֿאַרוואָס וויינט זי פּלוצלונג?

גאָט! גאָט! און וואָס וועט מאָרגען זיין? ווידער אויפֿשטיין? ווידער לעבען? ווידער אַ טאָג און ווייטער אַ טאָג? ווי שמערצליך אַלעם איז, ווי שמערצליך!

# קאָראַ

## .1

עס איז געווען א שיינער זומער אין דער פרי. איך בין נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון מיינע לופטיגע מאָרגען חלומות, ערשט איך הער מיין טיר גלעקעל קלינגט.

נאָכ'ן קלינגען בין איך געווען זיכער, אז דאָרט ביי מיין טיר שטייט אַ יונגע פרוי, אַ ברונעטע, פון מיטעלען וואוקס, אַ שטילע, אַ גוטע, אַ ווייכע, מיט טרויעריגע, שווארצע אויגען, מיט אַ מיילכעל וואָס פאַנגט און פארפירט איך, אויב איר גיט עס נאָר איין מאָל אַ קוש, מיט אַ שטימע, וואָס איז פליסיג, רייך, ווייך און תאווה'דיג, וואָס מאכט איך גלייך פארבענקט נאָך אַן אומבאוואוסטען גליק, און לאָזט איך אין טרוימען פארוויגט, וואָס ווערט זיך ניט איבעררייסען נאָך איר אוועקגיין, נאָר איר ווערט זיך פלוצלונג ארומזען, אז איר זייט אַן עלענדער, איינזאמער מענש. איך האָב געוואוסט, אז זי איז אַ צארטע, אַ סענזיטיווע, אז איר בלוט איז הייס און שמעקעדיג, אז זי לאכט ניט, נאָר שמייכעלט קוים קוים, אז זי קושט ניט, נאָר בייסט מיט די פּאָדערשטע, לענגליכע, שפּיציגע ציין. איך האָב געוואוסט, אַז איר פוס איז קליין, אז דער לאָמפּ אין איר צימער האָט אַ רויטען אבאזשור, און אַז פון איר העמד שמעקט מיט וואלד־מאָן.

איך האָב איין מאָל געטראָפען אַ יונגע פרוי אין קאָרידאָר פון מיין הויז, און פון דאן אָן פלעג איך טרוימען פון איר אלע אין דער פרי אין מיינע מאָרגען־חלומות. און איצט בין איך געווען זיכער, אז דאָס איז זי דאָרט.

זיי באַזיצען, אָט דיזע ברונעטע פרויען, ווען זיי זיינען יונג און פול־בלוטיג, אַ מאָדנעם צויבער, וועלכען זיי פארשפּרייטען אויף איך פון דער ווייטען, נאָך איידער זיי טרעטען אריבער אייער שוועל. זיי שיקען עס אָן אויף איך דורך זייע־

רע פינגער, אזוי גוט ווי דורך זייערע אויגען. רירט זיך נאָר צו צו זייערע האָר און איר וועט פילען אן עלעקטרישען פונק אריבער־שפרינגען צו אייך אין בוזים אריין. איר פילט זייער געהיימען מאַגנעטיזם ווען איר באַרירט עטוואָס וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין די הענט: — זייער האַנדשו, זייער פאָכער, שפּיגעלע, קאַם, און וואָס ניט?

האָט איר ווען געפילט אַ מאָרגעם, געשמאַקען ציטער דורכ־גיין דורך אייער קערפּער, ווען עס איז אייך צופעליג אין די הענט אריינגעקומען אַ זאַך וואָס באַלאַנגט צו אַן אומבאַקאַנטער דאַמע, וועלכע איר האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען? איר מעגט זיין זיכער, אַז די זאַך האָט געהערט צו איינער פון דיזען טיפּ, וועלכע לאָדען אַן מיט זייער קראַפט, אַלץ וואָס באַרירט זייער לייב.

אַ געהיימניספולע כשוף־קראַפט האָט מיך באַרירט מיט איר קלונג, און איך בין געלאָפען מיט אַ קלאַפּענדיגער האַרץ עפענען די טיר.

יענע פרעמדע, יונגע, שיינע פרוי, איז געשטאַנען פאַר מיר.

„אנטשולדיגט, מיין הער, וואָס איך האָב אייך געשטערט", זאָגט זי צו מיר מיט אַ פרומער מינע. „איך בין דאָס די שכנה אריבער אייער קאָפּ. איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, צי געפינט זיך ביי אייך ניט מיין קעצעלע? זי איז מיר מיטאַמאָל פאַרלאָרען געגאַנגען. אפשר איז זי ביי אייך? אַ ווייס קעצעלע מיט אַ שוואַרצער לאַטע אויפ'ן נאָז לעבען איר לינקען אויג."

איך האָב נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף איר, און איך בין געוועזען זיכער, אַז איר קעצעלע איז ערגעץ ביי מיר אין די צימערען. וואָס פאַר אַ רייצענדע פרוי!

„אָ, מיין ליבע, יונגע דאַמע, קומט נאָר אריין, פאַרשאַפט מיר דעם נחת. געוויס איז אייער קעצעלע ביי מיר, מען מוז עס נאָר אויפזוכען. אַט וועלען מיר זיך אַ נעם טאָן!..."

איך האָב ברייט צעעפענט די טיר און זי אריינגעלאָזען. דער שאָרך פון איר זיידענער קימאָנאָ האָט מיך אנטציקט.

קומט אַ מענש אריין אין אייער צימער, וועט ער שוין דאָרט אויף אייביג פאַרבלייבען, איבערהויפּט ווען דאָס איז אַ שיינע

יונגע פרוי, מיט ווייכע, ליידענשאַפטליכע האָר, מיט אַ שטילער, רייצענדיגער שטימע, מיט תאווה׳דיגע טריט, מיט טרויעריג־שווארצע אויגען. זיי באזיצען אַ מאָדנעם מאַגנעטיזם אַט דיזע פרויען, און אַלעם פאַלט אונטער זייער קראַפט. די ווענט נעמען אריין זייערע שטימען און וויברירען מיט אַ נייעם גייסט, די קאַר־פעטס שלינגען איין זייערע טריט און באהאַלטען עס. די פאָר־האַנגען, די קליידער, די קישענס, די ביכער, זאפּען איין זייער ריח. זייערע שאָטענס בלייבען אין די ווינקלען. — עס בלייבט אַן אָנדענקען אַן זיי אומעטום.

דערפאַר לאָז איך אַזוי ווייניג פרעמדע מענשען אין מיינע צימערען אריין. איך וויל ניט זיי זאָלען מיר שטערען די שאָטענס פון מיינע פארשוואונדענע געסט. אָבער אַזאַ פרוי מאַכט אייך רייך אויף אייביג. איך ווייס, אַז אין איין שטילער נאַכט, ווען אין הימעל וועלען ברענען די שטערען, און איך וועל ליגען אויף מיין בעטעל מיט צוגעמאַכטע אויגען, וועט זיך פון סופיט, פון די ווענט, פון פלאָר, פלוצלונג נעמען אָפּטיילען, צוערשט אַ פיינער ריח, און דאַן אַ לייכטער, גרינגער טראָט, דאַן אַ צאַרטע שטימע, און דאַן אַ דורכזיכטיגער שאָטען, וואָס וועט זיך שטעלען ביי מיין בעט ווי אַ נעבעל און מיך איינהילען, ביז עס וועט אריינ־שלייכען אין מיר, אין מיין הארצען, אין מיין בלוט.

„איך האָב איר שוין טויזענט מאָל אָנגעזאָגט" — מאַכט צו מיר מיין יונגע שכנה — „אַז זי זאָל מיר ניט ארויס פון פענסטער, נאָר זי פאָלגט מיך ניט. זי גייט זיך ארונטער מיט די פייער־עסקייפ לייטערס, און פארבלאָנדזשעט אין פרעמדע צימערען. אייער פענסטער איז געווען אָפען, האָב איך געמיינט, אַז זי איז ביי אייך..."

מיר האָבען ביידע געזוכט דאָס קעצעל. יעדער בויג פון איר יונגען קערפּער איז פאַר מיר געווען אַ זיסער גענוס.

נאָר דאָס קעצעל איז ניט געווען.

„עס טוט מיר לייד, מיין שיינע, יונגע דאמע, וואָס אייער ווייס קעצעלע איז דאָ ניטאָ. עס וואָלט ביי מיר געווען זייער אָנ־געלייגט ווען זי וואָלט מיך פריינדליך באזוכען, ווייל נאָך אַלע־

מען בין איך דאָך אַ שטילער, עלענדער מענש. איך האָב תמיד גוטע מילך און שמעטענע, מאָלט אייך, עס וואָלט איר ניט פאַרדראָסען ווען זי קומט צו מיר אין גאַסט..."

זי האָט אויף מיר זייטיג אַ קוק געטאָן, האָט קוים, קוים אַ שמייכעל געטאָן מיט די אויגען בלויז, און איז אוועק.

איך האָב זיך שוין געזאָרגט, אַז דעם צווייטען מאָל, ווען דאָס קעצעל איז געגאַנגען שפּאַצירען איבער'ן לייטער זאָל עס שוין זיכער ביי מיר אין די צימערען פאַרלאָרען ווערען.

איך ווייס ניט צי איר באַלעבאָסטע האָט מיט אַ כיון די פענסטער איבער'ן פייער־עסקייפּ אָפען געהאַלטען, צי צופעליג. דאָס קעצעל האָט מיך אָפט באַזוכט.

און אַט אַזוי זיינען מיר געוואָרען באַקאַנט און פאַרליבט, איך אין מיין שכנה.

ניין, זי האָט מיך ניט געליבט. זי האָט מיך בלויז געלאָזען זיין איר געליבטער. ניין, דאָס אויך ניט. זי האָט מיר קיינמאָל ניט ערלויבט צו באַרירען זי. אמאָל נאָר אַ קוש טאָן איר ווייסע האַנט, איר נאַקעטען קליינעם פוס, און ניט מער. אָבער זי האָט מיר געגעבען אַ סך קליינע פּריווילעגיעס וואָס אַ פרוי גיט נאָר צו איר געליבטען.

איך פלעג קומען צו איר אָפט. זי האָט ליב געהאַט צו ריידען מיט מיר. געערעדט, אייגענטליך האָב איך, זי האָט מערסטענס געשוויגען און זיך צוגעהערט. אָפט האָט זי טאַקי ניט געהערט אויך, און איז געווען פאַרנומען מיט אירע אייגענע, אומעטיגע געדאַנקען. דאָס האָט מיר פונדעסטוועגען ניט געשטערט צו ריידען צו איר. איר איז געווען ליב צו הערען אַ מענשליכע שטימע אין אירע צימערען. זי איז געווען זייער איינזאַם.

איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס זי איז אַזוי איינזאַם און עלענד, זי וואָס האָט באַזעסען אַזאַ זעלטענעם חן. וויפיל פרייד און גליק זי וואָלט דאָס געקאָנט ברענגען אַ געליבטען. פאַרוואָס איז זי געווען אַזוי אומעטיג? זי האָט געקאָנט קריגען יעדען איינעם וועמען זי וואָלט נאָר געגלוסט. איינ־

סטינקטיוו פּלעגן זיך מענער אומקערן צו איר, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין איר נאָענטקייט.

זי האָט ליב געהאַט טונקעלהייט און שאָטענס. זי פּלעגט מיך אויפנעמען מערסטענס פאַרנאַכט, אָדער אָנפאַנג אָוונט. אין אַ רעגנענדיגען טאָג פלעג איך מוזען קומען צו איר. איך פלעג זי אימער טרעפען אין איר מוזיק־צימער.

דאָס איז געווען אַ גרויס, פיר־קאַנטיג צימער, מיט ווייסע ווענט און סופיט. די איינציגע טיר איז געווען פאַרהאַנגען מיט שווערע, שוואַרצע, סאַמעטענע פאָרהאַנגען, וואָס זיינען געפאַלען אין דיקע, לאַנגע, פולע פאַלדען מיט שווערע פרענז. די צוויי פענסטער זיינען אויך געווען פאַרמאַכט מיט דיזעלבע סאַמעטענע פאָרהאַנגען. אויפ'ן פלאָר זיינען געווען צעשפּרייט דיקע פערסישע קאַווייאָרען מיט טיפע, ווייכע האָר, וואָס האָבן פאַרשלונגען אייערע טריט. ביים וואַנט צווישען די צוויי פענסטער, איז גע־שטאַנען אַ גרענד פּיאַנאָ מיט צעעפענטע פליגלען, ווי אַ ריזיגע פלעדערמויז. באַלויכטען דעם צימער האָבן צוויי זיבען־רעריגע, זילבערנע מנורות, אין וועלכע עס האָבן געברענט לאַנגע, ווייסע סטעריינענע ליכט. די מנורות זיינען געשטאַנען פוןביידע זייטען פון דער פּיאַנאָ. אין די ווינקלען, ביים טיר, זיינען געשטאַנען צוויי ווייסע מאַרמאָר ביוסטען אויף הויכע, שמאָלע, שוואַרצע פּע־דעסטאַלען — פיגורען פון בעטהאָווען און וואַגנער. קיין אַנדער מעבעל איז אין צימער ניט געווען. אויף איין וואַנט איז גע־האַנגען אַ גרויסער, קרישטאָלענער שפּיגעל אין אַ שוואַרצען ראַם.

איך פלעג זי טרעפען זיצענדיג ביי דער פּיאַנאָ אין אַ שוואַרצער קלייד. איר ווייסער, אַנטבלויזטער האַלז, אירע נאַקעטע, ווייסע אָרעמס און איר בלאַסער פנים האָבן געשטראַלט מיט אַ ווייכען, וואַרימען ליכט אין דעם שאָטענפולען צימער, ווי די מאַרמאָר פּי־גורען אין די ווינקלען, ווי די ווייסע ליכט אין די זילבערנע מנורות. איר שוואַרצע, איידעלע פיגור האָט געוואָרפען אירע שאָטענס אויף די גלאַטע, ווייסע ווענט און סטעליע, אויסגעצויגען פאַנטאַסטיש.

זי האָט געשפּילט מיט געפיל.

זי פלעגט מיך זעצען ביים פּיאַנאָ און אליין אויסציען זיך

אויפ׳ן קאַרפּעט, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישעלע. איך פלעג באַרירען די קלאַווישען, אויפוועקען עטליכע טרוימערישע טענער, לאָזען זיי איבערפליען איבער׳ן צימער, און וואַרטען צו הערען וואָס זי פאַרלאַנגט.

אויסגעצויגען אויף די דיוואַנען. איר קליינער, שיינער קאָפּ רוהענדיג אויפ׳ן שוואַרצען קישען, מיט איר בלוטלאָזען, בלאַסען פּנים אַרומגעשאָטען מיט אירע ווייכע, שוואַרצע האָר, האָט זי אויסגעזען ווי אַ טויטע, מיט איר קוים באַמערקבאַרען אָטעמען.

און איך פלעג פאַר איר שפּילען, באַשיטען זי מיט גאָלדענע טענער, מיט הייסע, האַרציגע טענער, וואָס האָבען זיך צעשפּרייט איבער׳ן צימער אויף זייערע גרינגע פליגלען, אַרומגעשוועבט אַרום איר, געבוקט זיך צו איר, באַרירט מיט זייערע ליפּען דעם זוים פון איר קלייד, די ווייכע האָר אירע, אירע שפּיצען פינגער, און צערונען ווי רויכעלאַך און זיך אויסגעוועפּט צווישען די שאָ־טענס אין די ווינקלען.

איך פלעג שפּילען אַ לענגערע צייט און אויפהערען. איך פלעג אויפשטיין שטיל פון שטול, צוגיין צו איר, אַ קוש טאָן איר וואַרים, ווייס, קליין, שמעקעדיג הענטעל און אַרויסגיין פון צימער ווי פון אַ הייליגען אָרט, מיט אַן איבערפילטער נשמה.

איך האָב זי געליבט. זי האָט אָבער פון מיינע ליידענשאַפטען ניט געוואָלט הערען. עס קאָן אָבער זיין, אַז זי האָט מיך יאָ געליבט.

זי האָט געהאַט אַ מאַן, נאָר אים האָט זי זיכער ניט געליבט. און כאָטש זי האָט געהערט צו אים, האָט ער דאָך די רייכע אוצרות פון איר רייצענדען וועזען ניט געקאָנט געניסען. זי האָט זיך גע־האַלטען זייער ווייט און פרעמד פון אים. און דאָך —

איר מאַן איז געווען אַ גאַנץ פיינער מענש: אינטעליגענט און וואַרשיינליך גאַנץ גוט געבילדעט. איך האָב אימער געפונען ביכער ביי זיי אין הויז. זי האָט ניט געלעזען, כאָטש זי האָט ליב געהאַט פּאָעזיע און מאַלעריי. זי פלעגט אָפט גיין צו קונסט־אויסשטעלונגען . ער פלעגט זי באַגלייטען אַהין. גאַנץ אָפט איך. איך האָב אים ניט זעלטען באַגעגענט, נאָר פון אים האָט שטענדיג

געטראָגען אַ קעלט. דערפאַר האָב איך אים געהאסט. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט זיין שטימע. ער האָט תמיד געשוויגען. ענטפערען אויף מיין באַגריסונג פלעגט ער נאָר מיט׳ן קאָפּ. זיינע אויגען, זיין מויל, זיינע אַלע געזיכטסציגען זיינען געווען ווי פאַרפרוירען. זיינע באַוועגונגען זיינען געווען רואיגע, פלעגמאַטישע. ער איז געווען אַ הענדלער פון אַנטיקען. זיי זיינען געווען גאַנץ רייך. זי האָט געהאַט אַ שיין הויז. זי האָט ליב געהאַט לוקסוס ווי אַ קינד זיסע זאַכען.

קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט. איין קינד האָט זי געבוירען, נאָר עס איז געשטאָרבען. קיין אַנדערע האָבען האָט זי ניט געוואָלט.

„מיט וואָס וועט מיין קינד זיין גליקליכער פון מיר? וואָס וועט עס האָבען, וואָס מיר פעלט?" — פלעגט זי מיר אַמאָל זאָגען מיט אַ טרויעריגען שמייכעל.

אַ יונגע, שיינע פרוי ווי זי, אין ליידענשאַפט פון גענוס, פון ליבען און געבוירען, — ווי קאָן זי ריידען אַזוי?

איך האָב פיל מאָל געפּרובירט ריידען מיט איר וועגען איר פאַרגאַנגענהייט, נאָר זי האָט מיר גאָרנישט געוואָלט דערציילען. זי האָט ניט ליב געהאַט צו ריידען וועגען זיך.

עס איז פאַראַן ערגעץ אַ באַהאַלטענער ווינקעל אין איר לעבען, האָב איך געטראַכט. פון וועמען האָב איך געקאָנט אויסגעפינען? איך האָב קיין פרעמדע קיינמאָל ניט געטראָפען אין איר הויז, און דאָך האָט זי געהאַט אַ סך באַקאַנטע. ווען איך פלעג זי באַגלייטען צו אַ בילדער־גאַלעריע אָדער צו אַ קאָנצערט, האָט זי זיך באַגריסט מיט אַ סך מענשען, מערסטענס מענער. פון וואַנען האָט זי זיי געקענט? איך בין געווען אייפערזיכטיג אויף יעדען איינעם, וואָס האָט געוואָרפען אַן אויג אויף איר, כאָטש אַלע זיינען מיר מקנא געווען וואָס איך גיי מיט איר. איך האָב דאָס דייטליך געזען. איך בין נאַטירליך געווען שטאָלץ צו זיין איר באַגלייטער, אָבער איך האָב דאָך געוואוסט, ווי ווייניג, ווי ווייניג זי איז מיינע. אָבער וועמענס איז זי יאָ געווען?

זי איז אַ פריסטערין צו אַ משונה־ווילדען גאָט, האָב איך גע־

טראכט, אַ גאָט וואָס פאָדערט, אז די רייפסטע פרוכט זאָל צע־פוילט ווערען אויפ׳ן גאָלדענעם בוים, ניט פארזוכט; אז דער וויין זאָל אויסרינען פון וויינשטאָק און פארלאָרען גיין אין דער שווארצער, אומגעזעטיגטער ערד, און דער בעכער זאָל בלייבען לער און פארשעמט.

איך האָב געהאט אַ טעות. איר גאָט איז נאָך געווען אן ער־גערער, אַ שווידערליכערער.

.2

איינמאָל האָבען מיך מיינע פריינט איינגעלאדען צו באזוכען מיט זיי די בארימטע נויאָרקער „גערטנער פון פארגעניגען“. איך בין דאָרט פריער קיינמאָל ניט געווען. זיי האָבען מיר פארזי־כערט, אז איך וועל זיי זיין דאַנקבאַר: אויב קיין אַנדער זאַך וועט מיר ניט געפעלען, וועל איך זען און הערען קאַרא׳ן. קאָרא איז געווען אַ פאָפולערע זינגערקע, אַ גרויסע שיינהייט און אַ ברען אַ מיידעל, — אזוי האָבען מיר מיינע פריינט פארזיכערט. איך האָב אָנגענומען זייער איינלאדונג.

זיי האָבען מיך געבראכט אין אן אומגעהייער גרויסען זאָל, ווי אַ פעלד, פול מיט מענשען. איבער׳ן קאָפּ זיינען געווען פאר־צויגען וויין־בלעטער אין זייערע סעפטעמבער־קאָלירען. יאפאַ־נעזישע לאָמפען האָבען פון דער הויך ארונטערגעוואָרפען אַ געמיש פון אלערליי פארביגע ליכט. די ווענט זיינען געווען דעקאָרירט מיט לאַנדשאפטען פון וויינגערטנער, אָזערעס און תבואה־פעלדער. באהאלטענע מוזיק האָט אָנגעפילט די לופט מיט גרינגע, געפלי־געלטע טענער. פאר די אויגען האָט געשווינדעלט אַ ווירוואר פון רייכע קאָסטיומען און בלישצענדיגע לייבער. איך האָב זיך געפו־נען אין אַ פאלשער, פאר׳כשופ׳טער וועלט, און עס האָט גענומען אַ לאנגע צייט ביז איך האָב זיך געקאָנט אָריענטירען.

אין מיטען זאָל האָט מען געטאנצט. ביי די זייטען זיינען געשטאנען טישלאַך פאר געסט. די טישלאַך זיינען געווען פאר־נומען מערסטענס מיט יונגע פאָרלאַך. קעלנער האָבען געהאלטען

אין ברענגען שפּייזען און געטראַנקען אַלערליי. צוערשט זיינען אַרויסגעקומען אַ פּאָר טענצער, באַרימטע קינסטלער, און האָבען געטאַנצט אין מיטען זאָל די לעצטע טענץ פון דער מאָדע. עסענדיג און טרינקענדיג האָט זיי דער עולם נאָכגעקוקט און באַוואונדערט ווי געשיקט זיי האָבען אויסגעפירט די מאָדנע פאַנטאַסטישליידענשאַפטליכע פיגורען פון זייער וואַלץ. באַלד האָבען פאַרלאָך, דאָ און האָרטען, גענומען פאַרלאָזען זייערע טישלאָך און צוגעשטאַנען צו די טענצער. ביסלאַכווייז זיינען די טישלאָך געוואָרען ליידיג. אַלע האָבען געטאַנצט.

אייניגע נאָר, ווי איך, וועלכע האָבען ניט געקאָנט טאַנצען, זיינען געבליבען זיצען און געהיט די טענצער.

נאָך יעדען טאַנץ, ווען די פּאָרלאָך זיינען מיד געוואָרען און זיינען געקומען זעצען זיך צוריק אַרום די טישלאָך עסען און טרינקען, זיי דערוויל צו אונטערהאַלטען ביז זיי וועלען אָפּרוען, פלעגען אַרויסקומען אַ זינגער צו אַ זינגערין, און זינגען אַ פּאָפּולער לידעל, וועלכע דער גאַנצער זאָל פלעגט אויפכאַפּען און נאָכזינגען.

קוקענדיג אויף די געסט, האָב איך פאַרגעסען די טענץ מיט די געזאַנגען, מיט דער גאַנצער פרייליכקייט פון „די גערטנער פון פאַרגעניגען". פאַרטיפט אין זייערע פאַרגעניגענס, מיט פרייע געמיטען, ניט מורא האָבענדיג פאַר פרעמדע בליקען, האָבען זיי געלאָזען אַרויסשווימען אויף זייערע פּנימ'ער סודות, וועלכע זיי וואָלטען אַן אַנדערש מאָל געהאַלטען פאַרבאָרגען אין די תהומ'ען פון זייערע הערצער. געפילען ווי שאָטענס האָבען געשוועבט און געשפּילט אויף זייערע צעפלאַמטע באַקען. און איך האָב זיך פאַרקוקט און פאַרטראַכט. איך האָב ניט באַמערקט ווי די צייט איז געלאָפען.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שטימע, וואָס האָט מיך אויפגעטרייסעלט מיט'ן ערשטען קלאַנג. עס איז געווען אַ רייכע, מאַגנעטישע, ליידענשאַפטליכע שטימע, וואָס קיינער האָט ניט באַזעסען, אחוץ זי. איך האָב געוואָרפען אַ בליק אויף דער זינגערין. אָבער גאָט מיינער, דאָס איז דאָך טאַקע זי!... זי!... אַך,

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען. אַ שאַרפער, נאָגענדיגער ווייטאָג האָט זיך אויפגעוועקט אין די טיפענישען פון מיין נשמה. מיין האַרץ איז געזונקען אין מיר אַ קראַנקע. אַ מיטען זומער טאָג. איר גייט אין גאַס. די זון שיינט איבער'ן קאָפּ. מענשען איילען זיך הין און הער פאַרביי אייך. נאָר פּלוצלונג גיט די זון אַ פּלאַץ אויף און לעשט זיך אויס, און איר כאַפּט זיך צו אייערע אויגען, בלינד, בלינד, בלינד.

און דאָס איז קאָראַ!.... און דאָס איז די פּאָפּולערע קאָראַ!...

אַך, ווען איך וואָלט דאָס געקאָנט צופאַלען צו אירע פיס, קושען אירע ווייסע, קליינע טאַנץ־שיכעלאך און אויסברעכען אין אַ ביטערען, פאַרצווייפעלטען געוויין! זי אין אַזאַ אומפאַרשעמטער נאַקעטקייט! זי דאָ! אויגען אָנגעצונדען מיט נידעריגען לוסט קוקען אויף איר פון אַלע זייטען. און זי שטייט אַ ליכטיגע, אַ שטראַלענדיגע, אַ פריידיגע, איר מאַגנעטישער חן שפּריצענדיג פון אירע אויגען, פון אירע באַקען, פון אירע ווייסע ציין, פון אירע ליפּען. עפּעס שפּרייט זיך אַ וואַרימקייט, גיסט זיך אַ פרישע זאַפטיגקייט, רינט אַ ווייַן פון איר גאַנצען באַלעבטען וועזען. ווי עלאַסטיש און גראַציעז עס איז איר יוגענטליכע, רונדע פיגור. ווי גרינג איר טראָט. איר שמייכעל ציט. איר קער אַנטציקט. און זי שטייט און חנ'ט און כשופ'ט אייך מיט איר וואונדערליכען לייב און זעלע, און פילט אייך אָז מיט איר גאַנצען שווימענדיגען לעבען.

איך האָב זיך גענומען צוהערען צו איר זינגען. זי האָט געזונגען עפּעס פון אַ הינטעל, וואָס זי האָט פאַרלאָרען אין גאַס. זי בענקט נאָך אים זייער שטאַרק. וואו זי גייט דוכט זיך איר, אַז ער רופט זי. אָט אַזוי רופט ער זי — האַוו־האַוו!... האַוו־האַוו! ווילט איר העלפען זוכען איר הינטעל? זי האָט אַ פולען שוים מיט פּייפלאַך פון צוקער געבעק. זי נעמט אַ הויפען און גיט עס אַ שאָט צום פּובליקום. די גליקליכע כאַפּען פּייפלאַך. זי וואַרפט הויפען נאָך הויפען אין אַלע זייטען. אַלע האָבען שוין פּייפלאַך. זי לייגט צו צום מויל אַ פּייפעל און גיט אַ פּייף. און טויזענט מיילער איבער'ן זאַל ענטפערען איר אָפּ מיט אַ „האַוו־האַוו". ווען

זי פייפט האָוקעט דאָס פּובליקום. ווען דאָס פּובליקום פייפט, האָוקעט זי.

מיינע פריינט אַמוזירען זיך גרויסאַרטיג. זייערע אויגען זיינען פייכט פון באַגייסטערונג. זיי קאָנען ניט פאַרשטיין פאַר־וואָס איך האָוקע ניט. זיי גיבען מיר אַן עצה, אַז איך זאָל טרינ־קען אביסעל וויין, דאַן וועל איך ערשט ריכטיג הנאה האָבען.

גוט. איך נעם אָן זייער פריינטליכען ראַט.

„קעלנער, גיט מיר וויין, שנעל, שנעל!“

איך טרינק גלאָז נאָך גלאָז, נאָר מיין האַרץ איז נאָך אַלץ שווער. אָ, קאָרא, קאָרא!..

פּלוצלונג טרעפט מיר אַ צוקער־פייפעל גלייך אין פּנים אריין. איך האָב ניט געזען ווי זי האָט עס געוואָרפען. האָט זי זיך געצילט אין מיר? האָט זי דערקענט מיין געזיכט צווישען די הונדערטע? זי קוקט אויף מיר. זעט זי מיך? האָט זיך איר שטימע איבערגעריסען, אָדער האָט זיך עס מיר געדאַכט? האָט זי אַ שווידער געטאָן? יאָ, עס האָט זיך מיר געדאַכט. זי זינגט ווידער אַזוי לוסטיג און פאַרשייט ווי פריער.

„אָ, קעלנער, נאָך וויין!“

קאָרא איז אוועק און געקומען נאָך אַמאָל. די געסט האָבען זיך ניט געוואָלט שיידען מיט זייער ליבלינג. קאָרא איז אַ שיינע פרוי. אירע אָרעמס זיינען רונד און ווייס, און איר בוזים — איך האָב זי מער ניט געקאָנט זען. מיינע אויגען זיינען געווען פול מיט אַ ציטערדיגער פייכטקייט. מיין קאָפּ האָט געברענט, מיין גאַנצער גוף האָט געפיבערט. אין די אויערען האָט געזשור־מעט. אויף וואָס האָב איך איצט געוואַרט?

אַ יונג מיידעל מיט געפאַרבטע באַקען, אויגען און ליפּען, איז צוגעקומען און זיך געזעצט לעבען מיר, איינע פון די מיידלאַך, וואָס דרייען זיך אַרום אין די עפענטליכע פּלעצער. אין זאָל איז געווען אַ היבשע צאָל פון זיי. עס איז געווען זייער פּליכט צו אונטערהאַלטען איינזאַמע מענשען. זי פרעגט מיר צי מיר איז ניט אומעטיג. אויב איך וויל, וועט זי פאַרברענגען מיט מיר.

אפשר וויל איך טאנצען מיט איר? (באלד האָב איך אויסגע־פונען, אז קאַרא האָט זי געשיקט צו מיר מיט א געוויסען פּלאַן).

„אָ, געווים, מיין שיינער מלאך!... קום טאנצען! וואו ביזטו פריער געווען? קום!... אָבער, אפשר קאָנסטו מיך צונעמען פון דאנען?... האָב רחמנות, שוועסטערל, און נעם מיך גיכער צו פון דאנען!"

זי האָט אריינגעבליקט אין מיינע אויגען מיט א פאַרשטענד־ליכען שמייכעל און מיט טיפער סימפּאַטיע. „גוט, זאָגט זי, קום!"

זי האָט מיך אוועקגעפירט אין א קליינעם, עלעגאנטען צימער מיט טונקעלע ליכט. זי האָט באשטעלט וויינען מיט אלערליי זיסע נאַשערייען, און געצאָלט פון מיין געלט. מיר האָבען געטרונקען, געדרויכערט און געפּלוידערט. זי איז געווען א ליב, וואוויל מיידעל, און פון דער ערשטער מינוט האָב איך זיך פאַר־ליבט אין איר. איך האָב געקושט אירע נאקעטע שולטערען, און זי אונטערהאלטען מיט מיין פּלוידעריי. מיינע וויצען האָבען זי שטארק אמוזירט, און זי האָט געלאַכט א סך. שפּעטער איז א מיידעל אריינגעלאָפען און איר עפּעס געזאָגט אין דער שטיל. זי האָט זיך שטארק דערפרייט. „ווייסט, מיין ליבער? מיר זיי־נען איינגעלאַדען צו א באנקעט. קום לאָמיר גיין!"

זי איז צוגעלאָפען צום שפּיגעל, האָט זיך געפּוצט א ווייל‏ע, דאן האָט זי פארקאמט מיינע האָר, פאררי‏כט מיין שניפּס, און נעמענדיג מיך אונטער'ן אָרעם, האָט זי מיך געפירט ערגעץ.

זי האָט מיך געבראכט אין א גרויסען זאל, רייך מעבלירט, עלעגאנט, אריסטאָקראַטיש. טישען מיט בלומען באדעקט, זיינען געווען פול מיט פלעשער און גלעזער. ארום די טישען זיינען גע־זעסען ביי א צען פּאָרלאך. עס איז געווען אן אינטימע גרופּע פריינט. זיי האָבען זיך געקושט, די מענער מיט די פרויען. איך בין געווען א פרעמדער, אָבער זיי האָבען מיך אויפגענומען ווי אן אלטען פריינט. אלע זיינען געווען האלב באטרונקען און אין א געהויבענער שטימונג.

עס איז געווען א באנקעט לכבוד קאַרא'ן.

מיין ערשטער בליק אויף קאַרא'ן האָט גלייך פאַרטריבען

דאָס ביסעל ווייַן, וואָס איז געווען אין מייַן קאָפּ. אין דער פּריי־ליכער געזעלשאַפט, אין דער פּולער שייַן פון די עלעקטרישע ליכט, אין דעם וואַרימען גליִען פון די גלעזער ווייַן, אין די פריינדליכע שמייכלען פון אַלע אירע פאַרערער, האָט אין אירע וואונדערליכע אויגען, טיף אונטער איר לאַכענדיגען שלייער, געלויערט אַ טרויער. זי האָט ווייניג געטרונקען, זי האָט אָבער אַכטונג געגעבען, אַז איר שותּף זאָל אַ סך ווייַן אייַנשלינגען. ער האָט איר ניט אָנטזאָגט, און וואָס מער באַטרונקען ער איז געוואָרען אַלץ פרע־כער איז געוואָרען זייַן האַלטונג. ער האָט זי געקושט און גע־האַלזט, און באַלעסטיגט מיט זייַן ליבע. איך האָב זיך געהיט פון טרינקען, און וואָס איך האָב געטרונקען האָט אויף מיר ניט גע־ווירקט. איך האָב מייַנע אויגען ניט געקאָנט אַרונטערנעמען פון קאַראַ'ן. זי איז פאַר מיר געוואָרען אומפאַרשטענדליכער. זי האָט מיך אינגאַנצען פאַרנאַכלעסיגט, און דאָך האָב איך גע־וואוסט, אַז זי האָט דאָס מיך געבראַכט אַהער. ווען אירע אויגען האָבען זיך צופעליג אָנגעטראָפען מיט מייַנע, האָב איך דאָרטען געזען שפּאָט און אַ שיר. נעמט זי נקמה פון מיר? פאַרוואָס האָט זי מיך געבראַכט אַהער?

עס האָט לאַנג ניט גענומען, און דער באַנקעט האָט זיך פאַר־וואַנדעלט אין אַ צעלאָזענער הוליאַנקע, און זיך געענדיגט אין אַן אָרגיע. ביסלאַכווייז איז די גרופּע צעפאַלען געוואָרען; אייניגע פאַרלאָך האָבען זיך אַרויסגע'גנב'עט פון צימער. אַנדערע האָבען זיך געוואַלגערט אויפ'ן פלאָר אין שכור'ען שלאָף. קאַראַ'ס געליבטער איז געווען דער ערשטער אַרונטערצופאַלען אונטער'ן טיש אַ באַזויפענער. דאַן האָט זי פרייער אויפגעלעבט, און גע־נומען טרינקען.

ווען זי איז געוואָרען גוט שכור, איז זי מיט וואַקלענדיגע טריט געקומען צו מיר און זיך געזעצט אויף מייַן שויס.

„יעצט בין איך דייַנע. נעם מיך מיט זיך!“

וואוהין האָב איך זי געזאָלט נעמען?

איך האָב זי אוועקגעפירט אין נעענטסטען האָטעל.

אין דרויסען האָט שוין אָנגעפאַנגען צו טאָגען.

עס איז געקומען א פוילער, נאסער אָסיען טאָג. דער הימעל איז געווען פאַרדעקט מיט צעפלאָסענע, פאַרמלאָזע וואָלקען וואָס האָבען זיך געצויגען און געשלעפּט גאנץ נידעריג צו דער ערד, און אָפּגעריסען שטיקער פון די טורעמס פון די גרויסע געביידען, און אָנגעפילט די לופט מיט רויכיגע נעבלען. א קליין רעגענדעל האָט געאימזעט. דאָס ליכט וואָס איז געקומען פון דער באַהאַלטענער זון איז געווען בלאַס און טרויעריג. די גאַסען, די הייזער און די מענשען האָבען אויסגעקוקט מיד און קראנק.

איך בין געשטאַנען ביים פענסטער, געקוקט אין דרויסען און מיין בוזים איז געווען אָנגעפילט מיט א קאלטען, האָפנונגסלאָזען [illegible] יאוש.

עס האָט שוין געמוזט זיין שפּעט נאָכמיטאָג. קאָרא האָט נאָך געשלאָפען. זאָל איך זי לאָזען א שלאָפעדיגע און אוועק? איך האָב זיך געשראָקען צו בלייבען מיט איר אויג אויף אויג ווען זי וועט זיך אויפכאפּען נאָך נעכטיגער נאכט.

אָבער אוועקצוגיין אָן אַ וואָרט צו זאָגען איר, איז פאַר מיר אויך געווען שווער. איך האָב געוואוסט וואָס זי וועט טראַכטען. איך האָב דאָך זי געבראכט אין א באוואוסטלאָזען צושטאנד, און זי וועט האָבען א פאַרדאַכט.

איך בין געזונקען אויף אַ שטול, פארבאָרגען מיין קאָפּ אין מיינע הענט און געמאַטערט זיך ניט צו טראַכטען. אָבער דאָס איז געווען אוממעגלאך.

פאַר מיינע אויגען האָט זיך געוויזען אַן אלטע חורבה, וואו אונטער צעפוילטע בלעטער איז געלעגען א צעבראָכענער אָרון מיט ווייסע ביינער.

א, קאָרא, קאָרא! מיין הייסגעליבטע, הייליגע קאָרא!

פלוצלינג האָב איך דערהערט ווי זי רופט מיך.

מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען בין איך צוגעקומען צו איר בעט, געקניט פאר איר, און באהאלטען מיין קאָפּ אויף איר קישען.

זי האָט גענומען מיין קאָפּ און צוגעדריקט צו איר נאקעטער ברוסט.

דער געשמאַקער ריח פון איר בעט, דער ווייכער גלעט פון אירע אָרעמס, און דער ברי פון איר לייב, האָט ביי מיר מיט איינמאָל געהויבט מיין געבראָכענעם ווילען. דער קאַמף מיט זיך, וואָס איך האָב געפירט א גאַנצע נאַכט, וואַכענדיג איבער איר בעט, וואו זי איז געלעגען אן אומבאַשיצטע אין איר הילפלאָזען, שכור'ען שלאָף, — האָט איצטער אויפגעהערט; דער הונגער, די ליידענשאַפט פון מאַנאַטען אין מיין בלוט, אויפגערייצט פון ווײַן, האָט איצטער געזיגט. א פיבער האָט ארומגעכאַפּט מיין געהירען, און מיט מיינע זודיגע ליפּען האָב איך זיך צוגעדריקט צו אירע ווייסע, פולע ברוסטען.

זי האָט מיך געלאָזען א ווײַלע אָנטרינקען זיך מיט איר נאַקעטקייט, דאַן האָט זי אָפּגעריסען מיין קאָפּ פון זיך און זיך פריילאַך און לוסטיג צעלאַכט:

„דו צעלאָזענער אינגעל, איז פאַר דיר נאָך וועניג געווען די גאַנצע נאַכט?"

זי האָט אויפגעהויבען מיין פּנים און ארייַנגעבליקט אין מיינע אויגען.

„אָה, קאַרא, איך שווער דיר... איך שווער דיר מיט אַלעם וואָס ביי מיר איז הייליג... מיט דיין לייב און לעבען, אז איך האָב, — אז... אז איך האָב דיך אפילו מיט מיינע ליפּען ניט באַרירט ביז יעצט!"

זי האָט זיך פריילינער צעלאַכט:

„אָט אזוי ביזטו עם מיר דאַנקבאַר? דו ווילסט עס פאַרלייקענען, און מיר קיין דאַנק ניט זאָגען? גיי, איך בין ברוגז אויף דיר!... איך האָב יענעם אָפּגענאַרט כדי איך זאָל בלייבען פאַר דיר... איך האָב אים אזוי אָנגע'שכור'ט, אז ער זאָל ניט ווייסען אז דו האָסט אים באַ'גנב'עט... כאַ-כאַ-כאַ! און דו ביזט מיר אָט אזוי דאַנקבאַר!"

אז איך האָב איר געגומען פאַרזיכערען, שווערען זיך, איבערצייגען אַז איך האָב איר שוועל אפילו ניט באַטראַכטען, האָט זי זיך אָפּגעקערט א ברוגז'דיגע.

„עס איז א ליגען!" — האָט זי פּראָטעסטירט. „איך בין

געווען פאַרשלאָפן, דאָך געדענק איך גאַנץ גוט אַז דו ביזט געווען נעבען מיר ביינאַכט!"

„עס האָט זיך דיר געוויס גע'חלום'ט", — האָב איך זיך ביי איר געבעטען. „וואָרום וואָלט איך עס יעצט געלייקענט? וואָרום זאָל איך דיר זאָגען א ליגען?"

מיין טיפער ערנסט, מיין הארציגער טאָן, האָט זי צום סוף געמוזט איבערצייגען.

„אָבער וואָרום ניט?" — האָט זי זיך פּלוצלונג געווענדט צו מיר מיט אָנגעצונדענע אויגען.

זי איז אראָפּגעשפּרונגען פון בעט אין א פלאַמענדען כעס. זי האָט זיך געטרייסעלט פון אויפרעגונג. איך האָב קיינמאָל ניט געזען א מענשען אין אזא ווילדען צאָרן.

„טו ווי אזוי, ווי אזוי האָסטו געוואַגט צו נעמען מיך מיט דיר אהער אין האָטעל?... דו... דו..."

זי האָט פון כעס ווערטער ניט געפונען. זי האָט געטופּעט מיט די פיס, געשליידערט צו דער ערד אַלץ וואָס איז איר אין די הענט אריינגעקומען, און צום סוף האָט זי ארויסגעפּלאַצט אין א שטראָם זידעל ווערטער.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, און ניט געוואַגט א וואָרט צו זאָגען. איך האָב זיך אויפגעדרייט אין א קנויל ווי א וואָרעם ביי אירע פיס.

ביסלאכווייז האָט זיך איר כעס געגומען אויסלעשען. זי איז געפאַלען א געבראָכענע אויף איר בעט. אָבער דאַן איז עס נאָך ערגער געוואָרען. זי האָט אָנגעפאַנגען צו וויינען.

זי האָט געוויינט שטיל און פאַרשטיקט. עס איז געווען מער א געבראָכענער כליפּען ווי א געוויין, איר קערפּער האָט קאָנוואולסיוו געציטערט פון אירע פאַרשטיקטע זיפצען.

„אָבער איך פאַרזיכער דיר, איך שווער דיר, אַז איך האָב גאָר ניט געמיינט... איך האָב ניט געמיינט דיך צו באַליידיגען... גאָר ניט געמיינט... ווייל דיין ליבע איז ביי מיר אזוי הייליג —"

„אויב דו ווילסט מיך ניט קיין שכור'ע, וועסטו מיך קיינמאָל ניט האָבען!" — האָט זי מיר צוגעוואָרפען אין צאָרן.

„אָבער דאָס איז שרעקליך, קאַרא, זאָג דאָס ניט. וואָרום?.. וואָרום?“

זי האָט מיר ניט געענטפערט. זי איז געבליבען ליגען באַ־וועגלאָז אויפ׳ן בעט.

ווען איך וואָלט געגאָסען פון איר ליבע, פון איר זינדיגער, דערנידעריגענדער ליבע, וואָלט זי אַרוים טריאומפירענדיג, — האָב איך געטראַכט. אָבער האָט זי טאַקע געוואָלט מיך דערנידעריגען? האָט זי געוואָלט נקמה נעמען פון מיר? האָט זי געוואָלט, ווי א שלאַנג, אַריינלאָזען איר גיפט אין מיין נשמה מיט איר זינדיגען בים?

איך האָב ניט געקאָנט געפינען קיין תשובה.

עס איז אוועק א לאַנגע צייט אין שטילשווייגען. אַפּאָר מאָל האָב איך זיך אָנגעבאָטען צו באַשטעלען פאַר איר עפּעס אין מויל אַריין צו נעמען, נאָר זי האָט זיך אָנטזאָגט.

עס האָט שוין גענומען ווערען פאַרנאַכט. אין צימער איז געווען גאַנץ טונקעל. אין דרויסען האָבען זיך גענומען צינדען פייערלאַך. די שטאָט האָט גענומען ווינקען און ציען מיט אירע לעמפלאַך. דער רעגענדעל האָט אויפגעהערט, נאָר אין דער לופטען איז נאָך געהאַנגען א פוילע, רויע נאַסקייט, וואָס האָט דורכגעדרונ־גען דורך די ווענט און אַריין אין צימער, איינגעזאַפּט זיך אין די מעבעל און אין די קליידער, און אַריין אין קאַלטען, פרייידלאָזען קערפּער.

קאַראַ האָט ענדליך געבעטען א טאַסע קאַפע. ווען זי האָט אויסגעטרונקען, איז זי אַראָפּ פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן.

מיט א צעוויייטאָגטער האַרץ האָב איך געשפּאַצירט הין און צוריק אין צווייטען צימער, און געוואַרט אויף איר.

ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן אָנקליידען זיך, האָט זי געהייסען רופען א טעקסי.

„וואוהין קאַרא?“ — האָב איך ביי איהר געפרעגט מיט ציי־טעריגע ליפּען.

„צוריק צו מיינע הינטלאַך!“ — האָט זי זיך פּלוצלינג

צעלאַכט. אין איר שטים איז ניט געבליבען קיין שפּור פון טרויער, קיין צייכען פון טרערען.

„קום בעסער מיט מיר, קאַרא, דו ביזט ניט גליקליך דאָרטען!“

„און וואָס וועסטו מיר געבען? וואָס קענסטו מיר געבען?“

זי האָט איראָניש ביטער אַ לאַך געטאָן:

„ביזט נישט בעסער פון אַלע אַנדערע מענער. וואָס ווילסטו, איך זאָל ווערען דיינע, נאָר דיינע?..“

אין איר טאָן איז געלעגען ביטערע פאַראַכטונג, און איך האָב זיך געפילט קליין און דערשלאָגען.

„אָבער זאָג מיר בלויז איין זאַך, קאַראַ, וואָרום גיסטו זיך ניט אָפּ צו איינעם פאַר זיין ליבע, און דו גיסט זיך אַוועק פאַר געלט?“

„ווייל געלט האָב איך ליב!“ — האָט זי געשמייכעלט. זי האָט געוואוסט אַז איך גלויב איר ניט.

„זאָג מיר, זאָג מיר“, — האָב איך זיך ביי איר געבעטען.

„אָבער דאָס איז ניט אמת!“ — האָט זי זיך בייסיג ווידער צעלאַכט. „אַט האָב איך זיך געגעבען צו דיר פאַר דיין ליבע, נאָר דו האָסט ניט געוואָלט מיך נעמען!“

אפשר האָט זי טאַקי געוואָלט באַלוינען מיך פאַר מיין ליבע מיט דעם געניס פון אירע אָרעמס? — האָב איך געטראַכט. אָבער וואָרום אַ שכור'ע?

„אָה, קאַרא, דו האָסט קיינמאָל ניט געליבט, אָט וואָס!“

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן: „פון וואַנען ווייסטו?.. איך האָב געליבט, און זיך אָפּגענאַרט, ווי יעדער איינער, אָט ווי דו היינט!..“ זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דאַן איז איר שמייכעל געוואָרען זיסער און פאַרפירערישער:

„און יעצט ליב איך אויך... איך בין שטענדיג פאַרליבט, נאָר מיינע געליבטע זיינען אין די טויזענדע. איך האָב ליב יעדען איינעם, וואָס ליבט מיך. איך האָב ליב יעדען איינעם וואָס קוקט אויף מיר מיט אָנגעצונדענע אויגען. איך פיל ווי זיי באַגערען מיך, ווי זיי קושען מיך, צערטלען מיך, טוען מיר וויי, און ליבען מיך... און איך גיב זיך אָפּ צו זיי מיט מיינע אויגען, מיט מיין שטים,

מיט מיין אָטעם, מיט מיין שמייכעל, מיט מיינע באַוועגונגען, מיט אַלץ!...“

אַך, יאָ, פון דאַנען פליסט איר מאָדנער צויבער, — האָב איך געטראַכט.

זי איז פּלוצלונג צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו מיר, האָט גענומען מיין קאָפּ אין אירע הענט, און האָט געבראַכט מיין געזיכט אַזוי נאָענט צו אירען, אַז איך האָב געפילט איר אָטעם אויף מיינע ליפּען. איך האָב גענומען מורא האָבען פאַר דעם בלישץ אין אירע אויגען.

„דו האָסט מיך ליב. דו האָסט מיך ליב מער ווי זיי אַלע צוזאַמענגענומען, דאָס ווייס איך“.

„אָבער זאָג מיר, זאָג מיר“, האָט זי לייהדענשאַפטליך געשעפּטשעט, — „וואָרום ברענגט מיר דיין ליבע נאָר שמערץ?“

און דאַן האָט זי זיך איינגעביסען אין מיין ליפּ ביז בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן. רויטע טראָפּען בלוט האָבען געפינקעלט אויף אירע ווייסע שאַרפע ציין, ווען זי איז אָפּגעטראָטען פון מיר, און זיך צעלאַכט.

„מיין קוש איז פאַר'סם'ט!...“ — האָט זי זיך געדרייצט מיט מיר. „די וואונד וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרהיילען!“

יאָ, איצט ווייס איך עס קאַרא, דו פאַר'סם'סט אַלץ וואָס דו גיסט! — האָב איך ביי זיך געטראַכט. דאָס איז דיין טרויסט!

„נו, גוד־ביי!“ — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיר געגעבען איר האַנט. — „דו ווילסט ניט קיין שכור'ע געליבטע, ווען דאָס איז אַפילו קאַרא אַליין?... נו, גוט. דעם צווייטען מאָל ווען איך וועל זיך נויטיגען אין געלט, קענסטו מיך קויפען אַ ניכטערע... דיין נעקסט!“

איר לעצטער שמייכעל וואָס זי האָט געלאָזען אין צימער, האָט זיך געקייקעלט ווי אַ שלאַנג ביי מיינע פיס, און געטריפט מיט סם, מיט שוואַרצען, בייסענדען סם.

זי איז אַוועק. אַוועק צו דער נאַכט, צו דער שטערענלאָזער נאַכט וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזען איבער בראָדוויי.

איך האָב געקוקט דורכ'ן פענסטער, געזען די טויזענדע

קאַלירטע עלעקטרישע לעמפּלאַך, וואָס האָבען גערופען מיט זינדיגע אויגען, געהערט די פוס טריט וואָס זיינען געפאלען איבער די שטיי־נערנע גאַסען, און מיר האָט זיך געדאכט אז אין דער לופטען, איבער דער גרויסער שטאָט, אין שווארצען שלייער פארהילט, שוועבט קארא'ס זיסער, פאר'סם'טער ווערען.

מימי

איך בין געווען אַן אָרימער גערטנער אין אַ רייכען האָטעל, וואוהין זי מיט איר מוטער זיינען געקומען פאַרברענגען דעם זומער.

דעם ערשטען טאָג וואָס איך האָב זי דערזען, האָב איך זי שוין אויסגעקליבען פאַר מיינער.

איר זעט אַרום זיך שיינע פרויען, ליבט איר זיי, יעדערער פאַר איר האָניג...

זי איז געווען איינע פון יענע פרויען, אין וועלכער איר פאַר־ליבט זיך גלייך, ביים ערשטען אָנבליק. איר ליבט זי אַ טאָג אָדער צוויי, און באַלד, אויב זי גיט זיך נאָר אָפּ צו אייך, גייט איר זוכען אַן אַנדערע. אָבער אייער גאַנצען לעבען נאָכדעם וועט זי שוועבען אַרום אייך, איבער אייך, ווי אַ ניט דערפילטער טרוים. און אָפט אין איינזאַמע ערטער, וועט איר בלייבען שטיין פּלוצלונג, און אַרומקוקען זיך; אייך וועט זיך דאַכטען, אַז איר האָט געכאַפּט דעם איבערגעבליבענעם דופט פון איר פאַרפום, ווי זי וואָלט נאָר וואָס דורכגעגאַנגען מיט אירע ווייכע, זאַמטיגע טריט, און אייך וועט באַנג טאָן, וואָס איר זייט ניט געקומען מיט אַ קליינער ווײלע פריער.

זי האָט געמוזט זיין אינגאַנצען אַ יאָר נײַנצען, אַ יונגינקע, אַ קליטינקע, אַ שייניטקע, מיט גרויסע שוואַרצע, ערנסטע אויגען אין איר קליינעם, ווייס־וואַקסענעם געזיכט, מיט אַ קליין, מילד, רויט מיילכעל, מיט קליינע דראָבנע, ווייסע, שאַרפע ציין, מיט אַ לענגליכען נעזעל, אַ הויכען, גלייכען שטערען, ווייס און זיידען, מיט אַ סך ווייכע דונקעל ברוינע האָר, אַ צאַרטע, אַן איידעלע, עלעגאַנט, גרינג און לופטיג אין אירע זיידענע קליידער, נאָר שווער באַלאָדען מיט איר שמעקעדיגען חן.

אויף מאָרגען, ווי איר מאַן איז צוריק אוועק אין שטאָט, און

זי איבערגעלאָזען מיט איר מוטער, האָב איך איר געבראַכט מיין ערשטען בינטעל בלומען.

„ערלויבט מיר, גנעדיגע דאַמע“, האָב איך זיך ביי איר געבעטען, „צו ברענגען אייך בלומען פרישע יעדען פריומאָרגען. אייער מאַן האָט באַשטעלט.“

זי האָט געכאַפּט דאָס בינטעל בלומען און עס צוגעדריקט צו איר בוזים א ווײַלע, און דאַן א בלימעל באַרירט מיט אירע פרישע ליפּען. מיר האָט זי א בליק ניט געשענקט. איר איז, נאַטירליך, ניט איינגעפאַלען אז די בלומען האָט איר מאַן איר גאָרניט געשיקט.

איך האָב געוואוסט, אז די מענער באַלוינען דערנאָך פאַר דיזער קליינער טובה.

אָבער מיינע בלומען פלעג איך ברענגען נאָר צו יענע פרויען, וועלכע איך האָב געליבט.

איך האָב שוין דערקענט נאָך מיין געליבטער'ס פאַרפום, נאָך אירע קליידער, נאָך אירע אויגען און האָר, וועלכע בלומען זי האָט ליב, און איך האָב עס איר געבראַכט.

דורך די בלומען פלעג איך קומען אין באַרירונג מיט איר.

ווי שיין עס זיינען פערעל אויף א שיינעם פרויען האַלז! איך האָב זיי ליב די גרויסע, ווייסע פערעל, וועלכע קייקלען זיך מיט זייער איידעלער, ווייכער רונדקייט, מיט זייער גלאַטען, דורכזיכטיגען, קלאָרען לייב איבער דעם צאַרטען פרויען־האַלז און ארונטער צו אירע האַלב רונדע, ראָזעווע, קליינע ברוסטען, ווי קאַלטע, קליינע קושען פון בלאַסע ליפּען.

אָבער קיין פערעל האָב איך קיינמאָל ניט פאַרמאָגט; פלעג איך שיקען מיינע געליבטע קליינע בלומעלאַך.

איר זעט ארום זיך שיינע פרויען און איר ליבט זיי, יעדערער פאַר איר האָניג. אָבער ניט אַלע ווערען נאָענט צו אייער נשמה.

מימי איז מיר גלייך געוואָרען ליב און טייער. איך האָב זי געליבט וואָכען און וואָכען, און קיינער האָט פון מיין ליבע ניט געוואוסט, און קיינער האָט מיך ניט מקנא געווען. זי האָט עס אפילו ניט פאַרדעכטיגט.

און אפשר האָט זי יאָ געוואוסט פון מיין ליבע, און עס צו־גענומען, ווי זי האָט צוגענומען דעם ריח פון פעלד, די בלויקייט פון הימעל און דאָס גאָלד פון דער זון? איז דאָך מיין ליבע געווען אזוי שטום, און אזוי אומזיסט זיך געוואַלגערט ביי אירע פיס...

אָ, ווער בין איך געווען פאר איר? איר דינער, וועלכן זי וואַרפט צו א זילבערנע מטבעה פאר זיין דינסט.

די זילבערנע מטבעה האָב איך קיינמאָל ניט פארפעלט אויפ־צומאַנען!

צווישען די פריילינבע געסט אין האָטעל, איז מימי געווען איינזאם. איר מאַן פלעגט נאָר קומען וואָך־ענד, שבת און זונטאָג, און דאַן פארשווינדען. און קומען פלעגט ער אימער מיט א לוסטי־גער געזעלשאַפט, מענער און פרויען. ער איז זעלטען געבליבען מיט איר אליין. איר מוטער, א שיינע עלעגאַנטע פרוי, יונג נאָך פאר אירע יאָרען, האָט מימי'ן ניט גערן געזען ארום זיך.

פלעגט מימי ארומוואַנדערען דורך די קאָרידאָרען, אויף די באַלקאָנען, איבער די טעראַסען, ווי א פארבלאָנדזשעטע.

די יונגע לייט האָבען מימי'ן געזוכט און זיך געקלעפּט צו איר ווי בינען צו האָניג, נאָר זי האָט קיינעם ניט דערמוטיגט. יונגע פרויען פון איר עלטער האָט זי ניט ליב געהאַט, און פון זיי גע־וויכען. זי האָט אויף אלעמען געקוקט מיט מיסטרויען. דאָס האָט מיך שטארק געוואונדערט. אָבער צוליב דעם האָב איך אָפט באַ־געגענט מימי'ן אין איינזאמע ערטער. זי פלעגט ארומשפּאַצירען ארום דער גרויסער אָזערע, דורך די בלעטערדיגע אלייען פון טיפען וואַלד. איך בין געווען אפטער ארום איר ווי זי האָט אליין גע־וואוסט, און תמיד געוואַכט איבער איר ווי איר שאָטען.

די ערשטע צייט פלעגט זי מיך ניט גערן באַגעגענען. אָבער ביסלאַכווייז איז מיר געלונגען צו געווינען איר אינטערעס מיט פארשידענע קוריאָזיטעטען פון וואַלד, מיט וועלכע איך בין געווען גוט באַקאַנט. אמאָל פלעג איך איר אנטקעגענברענגען א זעל־טענע פלאַנץ, אמאָל א פויגעל־נעסט, אמאָל א שמעטערלינג מיט בריליאַנטענע פליגעל.

איינמאָל האָב איך זיך אָנגעבאָטען צו פירען זי אין מיין שי־

פעל איבער דער אָזערע, און לערנען זי כאַפּען פיש — פאַר געצאָלט, נאַטירליך. זי האָט עס אָנגענומען, און אין גיכען איז עס ביי איר געוואָרען אַ ליידענשאַפט.

זי פלעגט איצטער קומען אָפט אין מיין שיפעל, און איך פלעג זי ארויספירען איבער דעם שטילען וואסער, ברענגען זי צו אַ שטילען, פארשאָטענטען ווינקעל, אָנשטעכען פאַר איר אַ ווערימעל אויף דעם הוק, זיצען און ווארטען אויף איר פריידיגען אויסגעשריי, מיט וועלכען זי פלעגט באַגעגענען דאָס צאַפּלענדיג פישעל אויף איר שנור, און פרייען זיך מיט איר, ווי זי מיט איר פאַנג.

אזוי האָב איך פילע פארנאכטען פארבראכט נאָענט לעבען איר, ביי אירע קליינע פיס, לעבען אירע שמעקענדיגע, זיידענע קליידער.

שבת און זונטאָג פלעגט זי ניט קומען צו מיר, אָבער זען האָב איך זי געמוזט, און איך פלעג זיך ארומדרייען אַ הונגעריגער ביז איך האָב ניט געפונען איר שמייכעל.

איינמאָל אין דער פרי, אז איך האָב איר געבראכט מיינע בלומען, איז שוין איר צימער געווען לער. איר מוטער איז מיט איר אוועק. עס איז געווען סוף זומער.

אונזער האָטעל האָט געהאט געסט אַ גאַנצען יאָר. ווינטער, ווען איך האָב ניט געהאט וואָס צו טאָן אין די גערטנער, בין איך געווען באַשעפטיגט ארום די טישען פון די רייכע באַזוכער.

אָבער אָסיען־צייט איז דער האָטעל געווען כמעט אינגאַנצען פארלאָזען.

קיינע יונגע, שיינע פרויען זיינען ניט געווען, איז מיר געווען אומעטיג.

איך האָב שטארק געבענקט נאָך מימי'ן. נאָר אָט האָב איך זי איין טאָג פּלוצלונג דערזען אויף די טרעפּ פון האָטעל. זי איז געווען אליין.

עס איז פאַר מיר געווען אַזאַ אומדערווארטעטע פרייד, אַז איך בין געבליבען שטיין איבערראשט. אין מיין גרויסער שמחה האָב איך זיך פארגעסען :

„אך, וואָס פאר א גליק, מאדאם!... אזוי אומדערוואר־טעט!..."

זי האָט מיך אָנגעקוקט פארוואונדערט, און זיך אָפּגעקערט א באליידיגטע.

האָט זי מיך ניט דערקענט, אָדער—?

אָבער מיינע געדאנקען זיינען באלד געווען פארנומען מיט עפּעס אנדערש. אין דער קורצער רגע וואָס מיינע אויגען האָבען גערוט אויף איר, האָב איך געכאפּט עפּעס אין איר פּנים וואָס האָט מיך שטארק באאומרואיגט. אויף איר גאנצען געזיכט איז געלעגען צעשפּרייט א געלע בלאסקייט דורך וואנען עס האָט זיך געשלאָ־גען א טיפערער, דונקעלער גרונט, ווי עס וואָלט אונטער איר צאר־טער הויט געפלייצט א שווארצע, אונרואיגע פליסיגקייט. ארום די ווינקלען פון איר רויטען מיילכעל האָט זיך איינגעגעסען א ביי־טערע בייזקייט, וואָס האָט אויסגעקוקט אזוי אומגלויבליך פרעמד אויף איר קינדערשען פּנים. אָבער וואָס עס האָט מיך אם מער־סטען פארפאָלגט, איז געווען דער צעשראָקענער, כמעט צעמישטער בליק, וואָס איז ארומגעשפּרונגען אין אירע שווארצע אויגען.

וואָס האָט געקאָנט פּאסירען? וואָס האָט געטראָפען?... פארוואָס איז זי איינע אליין דאָ?

איך האָב שוין ניט געקאָנט רוען. איך האָב קיינעם אין האָ־טעל־בוך ניט געפונען רעגיסטרירט מיט איר, ניט איר מוטער, ניט איר מאַן, אפילו ניט איר דינסט. זי האָט קיין זאך ניט געבראכט מיט זיך, ווי זי וואָלט זיך ארויסגעלאָזט פון הויז אויף א שפּאציר, און איז געקומען אהער פלוצלונג, אומגעריכט פאר איר אליין. עס איז געווען זונדערבאר!

זי האָט זיך גלייך פארשפּארט אין איר צימער, און זיך א גאנצען נאָכמיטאָג ערגעץ ניט געוויזען.

עס איז שוין געווען אָנפאנג אָווענט. די זון איז שוין פאר־גאנגען הינטער די בערג; נאָר די לופט איז נאָך געווען פול מיט איר איידעלער, טרויעריגער נאָכשיין, מיט יענער צארטער, דינער ליכטיגקייט וואָס באריהרט אלעס מיט בענקשאפט, ווי די בענק־

שאפט אין הארצען ארום דעם נאָך־בילד פון א פארשוואונדענעם, ליבען געזיכט.

איך האָב זיך געהאלטען ביים אומקערען פון טייך אין מיין קליינער שיפעלע מיט די פיש, וואָס איך האָב געכאפט פאר אונזער קיך. עס איז געווען שטיל, און קיין זאך האָט זיך ניט געהערט א הויך דאָס שטילע טונקען זיך פון מיינע וויאסלעס, און פון צייט צו צייט דער שפרונג פון א פיש וואָס האָט זיך דערשראָקען פאר מיין אָנקומען.

פלוצלונג האָב איך געהערט א ווייטען פלושק אין וואסער, ווי עפעס א שווערע מאסע וואָלט זיך אָפּגעריסען פון ברעג און אריינגעפאלען אין טייך אריין. באלד האָט זיך געוויזען א שווארצער פלעק איבער דער שטאָל־גרויער אויבערפלאך פון דעם טייך, וואָס האָט זיך געוואָרפען אומרואיג א ווײַלע, און איז שטיל געוואָרען. ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אז ס'איז צו שפעט אין סיזאָן, וואָלט איך געטראכט, אז ווער פון די געסט איז זיך געקומען באָדען. פיליייכט זיינען דאָס פארשפעטיגטע ווילדע ענטעל, וואָס זיינען אָפּגעשוואומען פון ברעג? עס איז געווען צו ווייט צו דערקענען. אָבער באלד האָט מיין אויער געכאפט אן אָפּגעריסענעם, פארדומפּטען געוואלד, און אין א מינוט שפעטער נאָכאמאָל. פאר מיר איז קלאָר געוואָרען, אז אימיצער טרינקט זיך.

עס האָט געדויערט לאנג, צו לאנג, ביז וואנען איך האָב דערגרייכט יענעם פלאץ, מיט אָנגעשטרענגטע קרעפטען. די גאנצע צייט האָב איך קוים געקאָנט פארשטיקען אין מיין מח דעם שרעקליכען געדאנק, אז דאָרט איז מימי אין וואסער.

ווען איך בין געקומען צום אָרט וואו פריער האָט זיך געוואָרפען די שווארצע מאסע, איז שוין איצט קיין זאך ניט געווען צו געפינען. אויב אימיצער האָט זיך געטרונקען ליגט ער שוין איצט אויפ'ן גרונט.

ביי די ברעגען איז דער גרונט ניט טיף, — דאָס איז געווען מיין איינציגע האָפנונג, און ניט טראכטענדיג לאנג בין איך אריינגעשפרונגען אין טייך און זיך איינגעגראָבען אין דער טיפעניש. איין מאָל, א צווייטען מאָל, א דריטען מאָל האָב איך א דערשעפּ־

טער געמוזט ארויפקומען צו כאפען לופט. מיין הארץ איז אין מיר געווען פארגליווערט מיט פארצווייפלונג. איך האב קיין זאך ניט געקאנט געפינען. עס איז געווען פינסטער, און דער פלאץ ניט באשטימט. פון ווייטען נארט וואסער אפ. אפשר בין איך ניט אויף דעם ריכטיגען ארט? שרייען און רופען פאר נאך הילף וואלט געווען אומזיסט. עס איז געווען צו ווייט פון האטעל, קיי־נער וואלט ניט געהערט, און וואלט ווער געקומען, וואלט עס שוין אויך געווען צו שפעט.

איך האב זיך ווידער אראפגעלאזט און ווידער געזוכט. איך האב געזוכט, און די צייט איז אומ׳ברחמנות׳דיג געלאפען איבער מיר מיט אימפעט. אך, עס וועט שוין זיין צו שפעט, צו שפעט.

פלוצלונג האב איך דערפילט אין מיינע פינגער א ווייכע, זיי־דענע מאסע האר. איך האב א כאפ געטאן, א שלעפ געטאן, און געפילט א קערפער ציט זיך מיט.

און קוים האב איך צייט געהאט צו כאפען מיין אטעם און עפענען מיינע פארלאפענע אויגען, האב איך שוין געוואוסט, אז פאר מיר ליגט מימי א דערטרונקענע.

איז מיין גאנצע מי געווען אומזיסט? צווייפלען האב איך ניט געטארט. טראכטען לאנג אויך ניט. איך האב געהאט מימי׳ס טייערען לעבען אין מיינע הענט, און איך האב זיך גענומען טאן, וואס איך האב געקאנט.

און ווען איך האב ענדליך דערהערט איר ערשטען, שמערצלי־כען זיפץ, בין איך געפאלען אן אויסגעמאטערטער ביי אירע נאסע פיס, און זיי געקושט א גליקליכער.

— נו מיין קליינע מימי? וואס טוט מען מיט דיר איצט?

זי איז נאך ניט געקומען צו זיך. איך האב זיך געמוזט איי־לען צו ברענגען זי אין שוץ פון א ווארימען דאך און טרוקענע קליידער.

אבער וואוהין זאל איך זי ברענגען? ברענגען זי אין האטעל, האב איך ניט געוואלט. די נייעס וואלט זיך שנעל פארשפרייט. און ווער ווייס וואס עס האט געטריבען מימי׳ן צו איר פארצווייפעלטער טאט?

און ווי האָב איך איצט געקאָנט מימי'ן געטרויען צו פרעמדע? מיך וואָלט מען דאָך צו איר מער ניט צוגעלאָזען. ניין, דאָס האָב איך ניט געוואָלט. מימי איז דאָך איצט געווען מיינע. איך בין געווען פאראַנטוואָרטליך פאַר איר לעבען, און איך האָב געוואָלט בלייבען מיט איר אליין, ווען זי וועט זיך אויפכאַפּען און געפינען זיך צוריק אין דער וועלט, פון וועלכער זי איז אזוי פארצווייפעלט אנטלאָפען.

אין וואַלד איז געשטאַנען אן איינזאם הייזעל, וואו איך פלעג האַלטען פארשידענע זאַמען און גערטנער־כלים. פון אַזעלכע איז עס געווען ניט ווייט. ביז זי וועט קאָנען אליין באשטימען וואוהין זי וויל גיין, וועל איך זי נעמען אהין, האָב איך ביי זיך באשלאָסען.

איך האָב זי גענומען אין מיינע אָרעמס ווי א שלאָפענדיג קינד, ווי א נאַסען לאַנדיש, און זי געבראַכט אין מיין זומער הייזעל.

קיין בעטעל האָב איך ניט פארמאָגט, האָב איך אויפגעקליי־בען עטליכע וואַרימע דעקען וואָס איך האָב געפונען, און געמאַכט פאַר איר אן אויסבעט לעבען דעם שטיינערנעם, אָפענעם אויוועז, וואו איך האָב שנעל געמאַכט א פריילעכען פייער.

עס איז שוין געווען פינסטער אין דרויסען. די אָסיענדיגע נאַכט איז גיך צוגעפאַלען, — א דונקעלע נאַכט מיט דריבנע, קאַלטע שטערען אין הימעל. דער וואַלד איז געשטאַנען פאַראומערט אין זיין גאָלד און זילבער, וואָס האָט זיך געשאָטען פון אים, און גע־קלאַפּט אין די פענסטער מיט די האַרע, טרוקענע צווייגען.

איך האָב אויסגעשפּרייט מימי'ס נאַסע קליידער צו טריקענען זיך איבער'ן אויוועז, פאַררויכערט מיין ליולקע, און אין מיין וואָל־קען רויך האָב איך זיך געזעצט מימי'ן צופוסען און גע'חלומ'ט חלומות. קיין לאָמפּ האָב איך ניט געהאַט. דאָס פייער פון אויוועז האָט באלויכטען מימי'ס בלאַסען פּנים און אירע גאָלדענע האָר, ווי זי איז געלעגען מיט צוגעמאַכטע אויגען. די שאָטענס, דער רויך פון מיין ליולקע, און די טאַנצענדע צונגען פייער פון די ברענענדיגע שייטען האָלץ, האָבען זיך געוועבט און געצויגען און

געפלאָכטען איינע אין די אנדערע, און מיך באהיט מיט מיין קליי־נעם גאָלדענעם אוצר אויפ'ן פלאָר.

ביסלאכווייז האָט זיך מימי דערוואָרימט און גענומען קומען צו זיך. זי האָט געקרעכצט פון שלאָף ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך געלייגט שלאָפען אַ קראַנקע. פון איר האַרצען האָבען זיך געריסען שווערע, אומעטיגע זיפצען. באַלד האָט זי זיך גענומען ווארפען אומרואיג און וועקען זיך. צוערשט האָט זי אויפגעהויבען אַ קליינע, ווייסע האַנט און אַוועקגעלייגט זיך איבער'ן קאָפּ, דאַן האָט זי איינגעצויגען די פיס, דאַן האָט זי אומגעקערט איר קאָפּ פון איין זייט אויפ'ן צווייטען, און געלעגען אַ ווײַלע רואיג, און ווידער גע־נומען רירען זיך.

איך בין געזעסען שווייגענדיג שטיל, געריוויכערט מיין ליולקע און זי געהיט.

פּלוצלונג האָט זי זיך אויפגעזעצט, אויפגעעפענט אַ פּאָר גרויסע, טיפע, שוואַרצע אויגען און געקוקט דערשראָקען אויפ'ן פייער און אויף מיר.

דאַן האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי איז נאַקעט, און זיך צוריק אַ וואָרף געטאָן אויף איר געלעגער און זיך באַהאַלטען אין די טונ־קעלע דעקען.

עס טרעפט, אַז איר גייט אַרום וואַכען, מאָנאַטען, אַן אַרימער, אַן עלענדער, אַ טריבער. איר האָט ניט קיין היים. איר זייט אַן איבעריגער. נאָר אָט גייט איר אין גאַס, איר כאַפּט אַ קוק אויפ'ן הימעל, און עס איז ליכטיג בלוי, די קליינע זומער וואָלקענדלאַך זיינען פּערעלדיג ווייס, און טראָגען זיך גרינג און לופטיג איבער שפּורלאָזע וועגען, און די ליבע זון איז אין מיטען הימעל מיט איר גאַנצען גאָלד, יונג און פרײידיג, — און אײַך איז שוין גוט. פּאָר אײַערע אויגען דערזעט איר ווייטע, אָפענע, באַשטראַלטע וועגען, און איר טראָגט זיך אַריבער זיי מיט אייער שטילער פרייד זינ־גענדיג. איר זייט שוין רייך דערנאָכדעם.

— ליג קליינע, ווייסע מימי, אין מיינע וואַרימע דעקען. פון היינט אָן הויבען זיך אָן פּאַר מיר גאָלדענע טעג. אָרים וועל איך

שוין ניט זיין. מיין טרויער וועט ז מינען אין גאַלד, און מיינע אוועגטען וועלען מיר שמעקען מיט היאצינט.

אזוי בין איך געזעסען און געטראַכט.

מימי האָט אָנגעפאנגען צו וויינען.

— נו, גוט!... נו, גוט! — האָב איך ביי זיך געטראַכט. זי קומט שוין צו זיך. עס האָט געקענט זיין ערגער. זאָל זי זיך אויס־וויינען.

אַז זי איז מיד געוואָרען וויינענדיג, האָב איך איר צוגעטראָגען הייסע טיי מיט טרוקענע רייזען בלעטלאַך.

— טרינק, קליינע פרינצעסין! — האָב איך זיך געשטעלט פאר איר אויף די קני און געבעטען זיך ביי איר מיט גרויס פאַר־זיכט.

זי האָט זיך צו מיינע פארעדיגע טיי ניט צוגערירט. זי איז געוועזן ברוגז אויף מיר.

— וואו זיינען מיינע קליידער! — האָט זי שטיל און וויך געפאָדערט.

— זיי טריקענען זיך. באלד וועלען זיי שוין טרוקען זיין. דערווייל טרינק דעם טיי און וואַרים זיך. — האָב איך זיך געבעטען ביי איר.

זי האָט זיך צום גלאָז ניט געוואָלט צורירען.

האָב איך געלאָזט שטיין די טיי פאר איר אויפ'ן פלאָר מיט כעס, און זיך גענומען בייזערען:

— די פרינצעסין איז אומגערעכט און שלעכט!

זי האָט זיך ניט געגלויבט צו הערען אזעלכע רייד פון מיר. זי האָט אויף מיר געקוקט איבערראשט און דערשראָקען.

— ווי האָב איך אייך געקאָנט לאָזען אין טייך? — האָב איך פראָטעסטירט.

זי האָט ווידער אָנגעפאנגען שטיל צו וויינען.

— הער נאָר, מימי, — האָב איך זיך פלוצלונג געווענדט צו איר מיט דעם גאנצען ערנסט פון מיין ליבע, — איצט וועל איך דיר אלעס דערציילען, אז דו זאָלסט בעסער פארשטיין. הער מיך נאָר אויס, און ווער ניט בייז.

טעג, וואָכען, מאָנאַטען, האָב איך דיך טריי געהאַלטען, געהיט און געדינט. איך האָב דיך געליבט, ווי איינער ליבט דעם שטערען וואָס לויכט איבער זיין וועג, ווי איינער ליבט די זון, וואָס פאַלט אויף זיין בעט אין דער פרי. איך האָב דיך געליבט, געבענשט און געוועין גליקליך מיט דער ערד, אויף וועלכער דו ביזט געגאַנגען. טעג, וואָכען, מאָנאַטען, האָב איך דיך געליבט, און קוים געוואָגט אויפצוהויבען מיינע אויגען צו דיר דערפאַר, ווייל דו האָסט געהערט ניט צו מיר. אָבער די, צו וועמען דו האָסט געהערט, האָבען דיר שלעכטס געטאָן. זיי האָבען דיר געטריבען אין טייך, און פאַר זיי ביזטו געשטאָרבען. קיינער ווייס ניט, אַז איך האָב דיך געבראַכט אהער, און איך וועל דיך צו קיינעם ניט אָפּגעבען. איצטער ביזטו מיינע. איך האָב דיך געפונען ווי אַ טויטען פויגעל אין וואַלד. איך האָב דיך אָפּגענומען ביי די ווערים, ביי די פיש. איך האָב דיך אַרויסגעצויגען פון טייך, און איצטער ביזטו מיינע, מיין אוצר, מיין זעלטענע פּערעל. פאַרשטייסטו ניט מיין פרייד און מיין גליק? דו האָסט זיך אוועקגעוואָרפען ווי אַ פאַרוועלקטע בלום, ווי אַ נוצלאָזע, ווערטלאָזע זאַך. איך האָב דיך אויפגעהויבען, געבראַכט צו מיר אין מיין שטוב, און מיין שטוב האָט אָנגעפאַנגען צו שמעקען און צו זינגען!...

אָט אזוי האָב איך גערעדט צו איר פון מיין ליבע, שכור מיט איר און מיט מיין אייגען בלוט. זי איז געלעגען און געהערט.

די שייטען אין אויוען האָבען געברענט. דער רויך האָט זיך געקייקעלט אונטער'ן דאַך און זיך פאַרשפּרייט ווי וואָלקענדלאַך איבער'ן שטוב, אָנפילענדיג די לופט מיט די וואַרימע ריחות פון פעך און פון די געטריקענטע לאַרבער צווייגען און יאַגדעס, און פון די געווירצטע וואָרצלען פון שמעקעדיגע קרייטער, וואָס איך האָב געוואָרפען אין פייער.

מימי איז געלעגען קעגען פייער, און ביסלאַכווייז האָבען זיך אירע בלאַסע באַקען גענומען רויטלען, אירע אויגען האָבען גענומען בלישצען אין דער האַלבער טונקעלהייט. צום סוף האָט זיך אויף אירע ליפּען געוויזען אַ שעמעדיגער שמייכעל, און זי

האָט אויסגעשטרעקט אירע שטראַלענדיגע, נאַקעטע הענט, און געבעטען טיי.

איך האָב איר געבראַכט דעם פרישען, פאַרענדיגען טיי, מיט טרוקענע רויזען בלעטלאַך, און זי האָט געטרונקען.

טרינקענדיג האָט זי מיך געלאָזען קושען אירע קליינע, אָנגעוואַרימטע פיס, וואָס זי האָט מיר אַרויסגעשטעקט פון אונטער איר דעק.

אין דרויסען איז געשטאַנען דער וואַלד און די נאַכט ביי מיינע פענסטער.

א וואָך צייט איז מימי געווען ביי מיר אין דעם קליינעם זומער־הייזעל, און געלויכטען און געטרילערט. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין פאַרבען, פול געוואָרען מיט דופט און פאַר׳שכור׳ט און באַרוישט מיט ליבע.

אין דרויסען האָט אַלע טאָג גערעגענט. דער וואַלד האָט געטומעלט. די שטעגען זיינען געווען פאַרוואָקסען מיט נאַסע, געלע בלעטער, אויף די וועגען זיינען געשטאַנען קליינע טייכלאַך. קיינער איז מימי׳ן ניט געקומען זוכען.

ביי דער ענד וואָך, איין מאָל קומענדיג צו מיין קליינער מימי׳ן, האָב איך זי מער ניט געפונען. זי האָט געלאָזען א קליין בריוועלע:

„א דאַנק דיר, ליבער, פאַר דער מתנה וואָס דו האָסט מיר געשענקט, — מיין לעבען. און נאָך א גרעסערען דאַנק דיר פאַר דיין שיינער ליבע. איך בין אַנטלאָפען פון מיין מאַן ווי א נאַריש, דערשראָקען קינד. איצט גיי איך צוריק צו אים. איך קום צו אים א נייע, מיט א גרויסען אוצר, וואָס איך האָב געפונען ביי דיר אין וואַלד. אויב ער וועט וויסען ווי דאָס צו געווינען פאַר זיך, זיינען מיינע אָרימס אָפען פאַר אים. ער קומט פריער. אָבער אויב ניט, דאַן — !“

איך האָב געוואַרט און געוואַרט אויף מימי׳ן. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט קומען צוריק צו מיר און צו מיין ליבע. אָבער זי איז ניט געקומען. איך האָב געהאָפט צו זען זי דעם קומענדען זומער, און איך בין געווען אַנטוישט.

עס זיינען אוועק יאָרען. איך האָב מימי'ן געטראָפען נאָך אַמאָל, אויך אין אַ האָטעל, דעם מאָל ביים ברעג ים. איך האָב זי גלייך דערקענט. זי האָט זיך קיין סך ניט געביטען; דיזעלבע זיסע, קליינע מיידעל, כאָטש זי האָט שוין געהאַט צוויי שיינע קינדערלאַך. זי איז געקומען מיט איר מאַן, אָן איר מוטער.

אורטיילענדיג ווי זי האָט געשפּאַצירט פּאַרטרוייליך אָנגעשפּאַרט אָן איר מאַנ'ס שולטער, האָט זי געמוזט זיין גליקליך מיט אים.

איך האָב געצווייגען מיין הוט צו באַגריסען זיי, נאָר זיי האָבען מיך ניט דערקענט. זיי האָבען מיך גאָרניט באַמערקט.

אָבער דעמזעלבען אָווענט נאָך, האָט מיך מימי אויפגעזוכט אין אַ שטילען ווינקעל. זי האָט מיר גענעדיג אויסגעשטרעקט איר האַנט צום קושען, וואָס איך האָב קוים געוואַגט.

„אַך, מיין פריינט", האָט זי זאָגפט געפליסטערט מיט אַ שטילען זיפץ פון פרייד. „איך בין אַזוי גליקליך מיט מיין מאַן! מיר האָבען צוויי שיינע קינדער. מיר זיינען גליקליך, אמת גליקליך!"

אָ, זי איז געווען גליקליך. איך האָב עס געזען. איר גליק האָט געאָטעמט אין אירע אויגען, אויף אירע ליפּען, אין דער צאַרטער, פיינער פאַרב פון איר זיידענער הויט, און אין דעם גאַנצען פולס פון איר פרישען, שמעקעדיגען וועזען.

צוויי טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי איר מאַן האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט, האָב איך באַמערקט אַ יונגען, עלעגאַנטען מאַן אַרויס'גנב'ענענדיג זיך פון מימי'ס צימער. עס איז געווען פרי פאַרטאָג, ווען אַלע אין האָטעל האָבען נאָך געשלאָפען.

שפּעטער האָב איך דעמזעלבען יונגענמאַן דערקענט ביי איר זייט, שפּאַצירענדיג איבער'ן לאַנגען, זאַמדיגען ברעג פונ'ם ים.

# שטיל וואסער

געבאָרען געוואָרען בין איך אין א גרויסער שטאָט און זיך דאָרט ערצויגען, נאָר דער שיקזאַל האָט מיך פארוואָרפען אין א קליין שטעטעלע, וואו איך בין געוואָרען א לערער.

עס איז פאר מיר געווען שרעקליך שווער צו לעבען אין דעם קליינעם, בלאָטיגען, ניט ברוקירטען, ניט באלויכטענעם שטעטעלע, וואָס האָט פארמאָגט ביי פינף הונדערט אָרימע, נידעריגע, היל־צערנע הייזלאך, אויפגערוקט איינע אויף די אנדערע, מיט זייערע גרין פארוואקסענע דעכער, מיט זייערע קרומע, שווארצע קוימענס, מיט זייערע בערגלאך מיסט ביי די שוועלען. שווערער נאָך איז פאר מיר געווען איינצולעבען זיך מיט די קליין־שטעטעלדיגע, פארגרעבטע, מיט האָר באדעקטע אידען, מיט זייערע שלעכט־דערצויגענע, האַלב פארפרומטע, בטלנ׳שע זין, מיט זייערע גרויס־בייכיגע, קורצע, שווערע טעכטער, און מיט די גאנצע דומע, פאר־שימעלטע מנהגים זייערע.

און עס וואָלט מיר שנעל מיאוס געוואָרען דער לעבען דאָר־טען, ווען ניט צביה.

צביה איז געווען מאָטע דעם בעקער׳ס שנור. צו מאָטע דעם בעקער פלעג איך ארייגקומען אלע טאָג, געבען זיינע אינגערע קינדער א שטונדע.

קינדער האָט ער געהאט א פולע הויז. קוקענדיג אויף זייער מאמען, א קליינינקע, איינגעטריקענטע אידענע, מיט אנטצונדענע, אויטערדיגע אייגעלאך פון שטענדיגען שטיין ביים אויוועז, האָט זיך מיר אימער גע׳חידוש׳ט, אז פון איר שוים האָבען געקאָנט ארויסקריכען אזויפיל און אזעלכע גרויסע קינדער. זי האָט גע־האט זעקס טעכטער און פיר זין, איינע אין איינע, די טעכטער ווי די זין: גרויסע, געזונטע, הילצערנע, מיט ברייטע מיילער, מיט גרויסע, ברייטע ציין, מיט טומעלדיגע, שטארקע שטימען. אלע געראָטען אין זייער פאָטער, אין מאָטע׳ן.

דריי טעכטער און דער עלטערער זון זיינען געווען פארהייראט, און די איידימס מיט די שניר האבען מאטע און מאטיכע געהאלטען ביי זיך.

ווען דאס גאנצע געזינד פלעגט זיך אויפקלייבען צוזאמען, איז געווען א מורא צוצוגיין נאענט. נאר זיי זיינען קיינמאל ניט געווען לאנג צוזאמען. מאטיכע, די מאמע, האט זיך פלינק איר־ספראוועט מיט דיזער קלײנער מחנה ריזען, ווי נאר זיי פלעגען זיך ווייזען אויף אירע אויגען; יעדערען האט זי געשיקט ערגעץ אנדערש. יעדערער האט געהאט ביי איר וואס צו טאן.

אחוץ וואס זיי האבען געבאקט ברויט, האבען זיי געהאלטען א טראקטיר אין שטוב און געהאט אן איינפאר פאר סוחרים און פאר פויערים, געהאנדעלט מיט תבואה, מיט חזיר־האר, מיט קי, מיט געשאכטענע און לעבעדיגע גענז, מיט קעלבער און מיט וואס ניט ?

אין דער גרויסער, לאנגער שטוב, אין די שטאלעס, אין גרויסען הויף, אין די דריי הינטערשטע הייזער און אין דרויסען ארום, האט זיך אימער גע׳יריד׳עלט.

אין דער גאנצער שטוב און אין די הייזער פון הויף, איז ניט געווען איין ווינקעלע א שטילער, וואוהין דער ליארם פון מארק זאל זיך ניט אריינרייסען, אחוץ ביי צביה׳ן אין די צימערען, אויפ׳ן אויבערשטען עטאזש, — האבען מיר געהאט הארטען אונ־זערע שטונדען.

דער מארק, וואו מאטע׳ס הויז איז געשטאנען אין מיטען, איז געלעגען אויף א בארג, פון וואנען די זעקס גאסען זיינען זיך ארונטערגעלאפען אין א טאל. שטייענדיג ביי צביה׳ן אין צימער, דער איינציגער הויכער עטאזש אין דער גאנצער שטאט, האט איר געקאנט זען דאס גאנצע שטעטעלע מיט זיינע גערטנער און סא־דען, און ווייט אוועק די גרינע פעלדער ארום, און דעם גרויסען וואלד. דורך דעם אפענעם, ברייטען פענסטער איז די זון אריינ־געפאלען פריינטליך, ליב, שמייכלענדיג, און דער אומענדליך גרויסער הימעל האט זיך געקייקעלט און געטוליעט צו אירע שוי־בען. און דא האט זי פארבראכט אירע איינזאמע שטונדען, וואס

זי האָט געקאָנט אָפּרייסען פון דער טומעלדיגער שטוב. עס איז געווען ווי א הענגענדיגער נעסט, פול מיט שטילע טרוימען אַרי־בער דעם רעש פון דער גאַס.

קומענדיג אין דער שטוב אין דער פרי, פלעג איך זי טרעפען אליין, זיצענדיג ביים פענסטער מיט עפּעס א האַנט־ארבייט, פריש ווי דער מאָרגען, וואָס האָט אראָפּגעשטראַלט פון איר פּנים. זי איז געווען א הויכע, יונגע פרוי, מיט אַן איידעלער, בויגזאַמער, ווייכער פיגור, מיט א שטאָלצען, שטילען, שבת'דיגען טראַט, מיט א חנ'עוודיגען, צנועה'דיגען מויל, מיט גרויסע, אָפענע, שווארצע אויגען, פול מיט א פארטרוימטער רו, און א פארשלאָפענער, מאַ־גישער קראַפט. איר בלאַס־ווייסער, עטוואָס לענגליכער, זיידענער פּנים, איז שטענדיג געווען פול מיט א מאָדנעם ליכט, וואָס איז געקומען פון אינוועניג און זיך דורכגעלויכטען דורך איר דינער, צאַרטער הויט; און דאָס ווארימע זון־ליכט, וואָס איז געפאַלען אויף אירע באַקען, האָט זיך דורכגעשלאָגען און אריין אין איר בלוט, אַזאַ ליכטיגע איז זי געווען! איר שמייכעל איז געווען ווי א דרעמלענדיג, ווייך פלעמעל, און איר שטים איז געווען געלאָדען מיט רויזען.

ביי מיין אָנקומען פלעגט זי לאַנגזאַם אויפהויבען אירע לאַנ־גע, ווייכע ברעמען, מיך אָנקוקען א מינוט, זיך אויפשטעלען, און מיט א שמייכעל פלעגט זי ענטפערען אויף מיין „גוט־מאָרגען" און ווידער אראָפּלאָזען אירע אויגען, און גלייך נעמען ארויסגיין צו־נויפקלייבען מיינע שילער, וועלכע זיינען אימער געווען פארנומען ערגעץ אַנדערשוואו.

איך פלעג זי אלעמאָל זוכען צו פארהאַלטען אויף א פּאָר מינוט מיט א געשפּרעך. פון אָנפאַנג איז עס מיר שווער אָנגע־קומען. זי איז געווען צוריקגעצויגען און כמעט שרעקעדיג ווי א פויגעל. אָבער ביסלאַכווייז האָט זי זיך צוגעוואוינט צו מיר און איז געוואָרען עטוואָס פרייער. מיט דער צייט האָב איך גענומען באַמערקען, אז זי בלייבט גערן שטיין א ווײַלע מיט עפּעס א תירוץ, א קליינע ווײַלע לענגער צו שמועסען מיט מיר. איך האָב אָנגעפאַנגען צו קומען מיט א פּאָר מינוט פריער, אז איך זאָל האָ־

בען מער צייט צו פאַרברענגען מיט איר. דעם ערשטען מאָל ווען זי האָט עס באמערקט, האָב איך איר געזאָגט אַ תירוץ, אַז מיין זייגער איז איינגעלאָפען. אָבער זי האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם אמת און איז מיר געווען דאַנקבאַר. אָט אַזוי זיינען מיר געוואָרען פריינט.

זי איז געווען איינזאַם, אַן יונגע פריינט, אַן אַ מענשען, וועלכער זאָל קאָנען פאַרשטיין די טרוימען, די האָפנונגען און פאַרלאַנגען פון איידעלען, יונגען בלוט. פון מיר, דעם גרויס־שטאָטישען, געבילדעטען מענשען, דער מענש מיט פאַרפיינטע געפילען, האָט זי געקאָנט דערוואַרטען אמת'ע סימפּאַטיע. ניט איר מאַן און ניט אירע שוועגערינס האָבען איר געקאָנט געבען וואָס איך. און פאַר מיר, אָפּגעריסען פון דער לעבעדיגער וועלט, איז אָט דיזע זיסע, שיינע פרוי, מיט איר גאַנצען צאַרטען, שיינעם וועזען, מיט די טיפע קוואַלען פון איר האַרץ און נשמה, וואָס האָבען זיך געשלאָגען דורך אירע אויגען און דורך איר גאַנצער פיגור, פאַר מיר איז זי געווען אַ וואונדערליכער געפינס. דער חן, דער שטילער כשוף, וואָס דיזע פרוי האָט פאַרשפּרייט איבער מיין האַרצען, איז פאַר מיר געווען אַ זעלטענער גענוס. איינע פאַר מינוט פון טאָג, דער אַנבליק פון איר פּנים, פון אירע שיינע, ווייסע הענט, דער קלונג פון איר שטימע, און די טעג זיינען געווען הערליכע, פריידיגע.

און וואָס אַ טאָג מער עס איז אוועק, אַלץ נעענטער און ליבער איז זי מיר געוואָרען, און אַלץ אינטימער, אַלץ האַרציגער זיינען געוואָרען אירע באַנעמונגען צו מיר.

אָבער וואָס נעענטער זי איז מיר געוואָרען, אַלץ שווערער איז פאַר מיר געוואָרען צו באַנוגענען זיך מיט אַזוי ווייניג. יעדען מאָל, ווען איך פלעג צוטרעטען צו איר טיר, האָט מיין האַרץ געקלאַפּט מיט דערוואַרטונג, מיט פרייד. איך האָב געהאַט גרייט אַ טויזענט זיסע ווערטער פאַר איר. נאָר אָט האָב איך זי דערזען, און איך האָב געמוזט שווייגען.

האָב איך איר געקאָנט זאָגען, אַז איך ליב זי? אויב זי וואָלט זיך ניט באַליידיגט, וואָלט זי מיר סיי ווי סיי געוויזען די טיר.

זי האָט מיך ניט געליבט. און ווען יאָ, איז וואָס? איזעלכע פרויען ווי זי וועלען גיכער דערשטיקען זייער הארץ צוזאמען מיט זייער ליבע, איידער צו באגיין אַ זינד געגען זייער מאַן. ווען מיר זאָל אפילו געלינגען אויפצואוועקען אין איר אַ ליידענשאפט, וועט עס איר נאָר ברענגען שמערץ. וואָס וועט זיין דער סוף? וואו האָבען מיר געקאָנט פירען אונזער ליבע? אין איר הויז, צווישען אזויפיל מענשען, אונטער אזויפיל אויגען, וואו יעדער טראָט איז רער ווערט געהיט, וואו מיר קאָנען ניט בלייבען אַ פערטעל שטונדע צוזאמען? וואָס פאר אַ מעגליכקייטען האָב איך געהאט צו באגעגענען זיך מיט איר? זי איז ערגעץ ניט געגאנגען און ניט געקאָנט גיין, אָן פאַרדאַכט.

אָבער טראָץ אַלע אוממעגליכקייטען, און אפשר גראָד צוליב זיי, האָט מיין הארץ געצויגען צו איר. גראָד אין די אוממעגליכקייטען האָב איך געזען מיין האָפנונג. דערפאר וואָס איר לעבען איז אזוי מאָנאָטאָן, אזוי אָן פרייד, האָב איך געקאָנט אין איר וועקען אן אינטערעס צו מיר. איך בין געווען זיכער, אז איינמאָל רירט זיך אָט דאָס רואיגע הארץ, איינמאָל צינדט זיך אָן אַ פייערעל אין אירע אָפגעשפּאַרטע, פארלעגענע קוואַלען פון ענערגיע, צעפלאקערט זיך עס שנעל אין אַ פלאם. זאָל זי נאָר פארזוכען אביסעל פון אן אויפריכטיגער, טיפער ליידענשאפט, און זי וועט שוין זיין מיינע. איר רואיגער לעבען וועט איר מער ניט צופרידענשטעלען.

אַ ווייל שפעטער האָב איך זיך אליין פאַרווירפען געמאכט פאר מיינע אומריינע מחשבות. ניין! איך טאָר דערפון מער ניט טראכטען. פארשפרייטען אַ נעץ פאר דיזער הילפלאָזער, וואונדערליכער באשעפעניש? געקליידט אין איר אומשולד און אין איר שטאָלץ, אָנפארטרויט אין איר אייגענער ערליכקייט, האָט זי גאָרניט געקאָנט פארשטיין די געפאר. איר לעבען ליגט ביי מיר אין די הענט, און איך מוז עס שוינען! ווי האָב איך געקאָנט נעמען אויף זיך די גאנצע פאראנטוואָרטליכקייט? וואָס וואָלט איך געטאָן מיט איר? געניסען פון אירע פארבאָטענע פרוכט, און דערנאָך איבערלאָזען זי מיט איר פארוואונדעטער הארץ צו

אירע געוויסענסביסען? ניין, ניין, איך טאָר גאָרניט טראַכטען פון דעם! בעסער זאָל עס בלייבען ווי געוועז. בעסער זאָל די צייט פליסען אין אַ שטילען, זיסען טרוים פון אומשולדיגער פריינטשאַפט.

אָבער יעדען מאָל וואָס איך האָב זי געזען, יעדען מאָל וואָס מיין אויג איז געפאַלען אויף איר פיגור, אויף איר פּנים, יעדען מאָל וואָס איך פלעג ארויפגיין צו איר אין צימער און מיך פלעגט ארומנעמען דער ריח פון איר לייב, מיט וואָס איר צימער האָט געשמעקט, יעדען מאָל וואָס איך פלעג נאָך אַ טראַכט טאָן פון איר נעסט אָנגעפילט מיט אירע שטילע טרוימען, מיט איר פרויענצויבער, מיט אירע הערליכע אויגען, מיט איר ווייסען לייב, מיט אירע באָרוועסע טריט, פלעגט מיין הארץ זיך פארדריקען מיט בענקשאַפט און גאַרען. ווי זיס עס איז געוועזן פאר מיר דער געדאנק, אז דיזער הענגענדיגער נעסט קאָן ווערען פול מיט ליבע פאר מיר; אז אין די איינזאַמע שטונדען אירע, וועט זי זיצען אָט אָ דאָ אויפ'ן שטול און טרוימען פון מיר; אז זי וועט שטיין ביים פענסטער און ארויסקוקען אין גאַס און היטען ווי איך גיי פארביי, און מיינע טריט ועלען אָפּקלינגען אין איר בוזים. און אין די שטילע, שימערדיגע, שמעקענדיגע זומער־נעכט, וועט זי שטיין ביים פענסטער, איינגעטונקט אין בלאַסען שיין פון דער לבנה, ארויסקוקען איבער די גאַסען, איבער די הייזער, צו מיין הויז, צו מיין פענסטער, און שטרעקען צו מיר אירע ווייסע אָרעמס, און מיך רופען און רופען מיט אירע הייסע ליפּען.

דערוויילעל איז די צייט געלאָפען. אָט איז אוועק דער ווינטער און פרילינג איז ווידער געקומען. דער פרילינג איז געוועזן וואונדערלאך אין דיזען בלאָטיגען שטעטעל. די פרישע רעגענס האָבען אראָפּגעוואַשען די ווינטערדיגע בלאָטע, דעם אומעט און די מרה־שחורה; דער טיפער אָפענער, בלויער הימעל האָט ארומגענומען דאָס גאַנצע שטעטעלע, ווי דער אָקעאַן אַ קליין אינזעלע און עס געבאָדען, געוואַשען און געלייטערט. עס איז געקומען די ליבע, ווארימע זון און עס באַשאָטען מיט שטראַלען פון גאָלד, און עס באַצויגען מיט נעצען פון ליכט, וואָס האָבען געכאַפּט אין זיך די

בלויקייט פון הימעל און געלייגט זיך אריבער די דעכער, ביי די שויבען, ביי די שוועלען. און די סעדער און גרינע פעלדער ארום האָבען אַנגעטריבען אין די גאַסען זייערע גרינס און דעם גייסט פון גרינס און דעם ריח פון יאַסמין, פון בורנעלקעס און עפּעל־צווייט. די בעריאָזעווע פּריסאַדעס אין די עקען גאַסען האָבען צע־וואַרפען די לאַנגע ריטערדיגע קעפּ, באַשאָטען זיך מיט קליינע, גרינגע גרין און זילבערנע בלעטלאך, און ווי שטומע גלעקעלאך זיך צעוויגט אהין און אַהער אין פרישען ווינטעל, און צעשפּרייט א לייכטען, זומערדיגען ציטערען און אומרו אין דער לופטען. אין וויי־טען האָט זיך געבלויט דער סאָסנאָווער וואַלד, וואָס האָט זיך געזען פון מארק און דערמאָנט אָן זיינע שטילע, קילע, לאַנגע, פארשאָ־טענטע, מאָכיגע אַלייען, אָן אַלטע, הונדערטיעריגע בוימער, און יונגע שיקסעלקעס, מיט באָרוועסע פיסלאך, מיט קריגלאך רויטע פּאָזימקעס און פארטוכער מיט גאָלד־קעפּיגע שוועמלאך.

און דער רוף פון די וויטע וועלדער, דער ריח פון סירען און פון דער אויפגעעפנטער ערד, האָט מיך פאַר׳כשופ׳ט. אָדער איז עס געווען די אויסגעשטערנטע שטילע נעכט, וואָס זיינען מיר אריין אין דעם בלוט און מיך פאַר׳שכור׳ט? אפשר איז עס געווען דער ריח פון איר לייב און דער בליק פון אירע אויגען?

איין פרימאָרגען, געפינענדיג צביה׳ן אליין אין איר צימער, האָבען זיך מיינע ליפּען פּלוצלונג געעפענט און ווערטער פון ליי־דענשאַפט און ליבע האָבען זיך א שפּאַר געטאָן פון מיין הארצען. זי האָט זיך צוגעהערט צו מיר, א ווײַלע, צעמישט, און דאַן שנעל פאַרלאָזען דאָס צימער, אָן א וואָרט צו זאָגען.

פון דאַן אָן האָט זי מיך גענומען באהאנדלען ווי א פרעמדען. עפּעס איז געלעגען אין אירע אויגען אזא אומפאַראינטערעסירט־קייט, אזא קאַלטקייט, אז עס האָט מיך געפּראָרען. איך האָב אָנ־געפאַנגען גלויבען, אז די גאַנצע צייט פון אונזער נאָענטקייט איז געווען א נאַרעריי פון מיין פאַנטאַזיע.

דאַן האָט זי גאָר אויפגעהערט צו ווייזען זיך פאַר מיר. אז איך פלעג קומען, פלעג איך שוין יעצט טרעפען אַלע מיינע תלמידים פאַרזאַמעלט.

איך האָב שוין געוואוסט מיין סוף. איצט מוז איך אוועק־פאָרען. איך האָב פלוצלונג פארלאָרען דעם געדולד צו מיינע תלמידים. עס איז מיר אלעם מיאוס געוואָרען. איך האָב באַשלאָסען גיך צו פארלאָזען דאָס שטעטעל, און אָנגעפאנגען אויס־צופארקויפען מיין באלעבאטישקייט, און בּיסלאכווייז אָפּזאָגען מיינע תלמידים. איך האָב זיך געמאכט גרייט אין וועג אריין, און געוואַרט מיט אומגעדולד ווען איך וועל שוין זיצען אין וואַגאָן.

נאָר אָט, קומענדיג צו מאָטע דעם בעקער אויף מיין לעצטער שטונדע, אריינגייענדיג צו צביה'ן אין שטוב האָב איך געטראָפען צביה'ן ווארטענדיג פאר מיר. איך געדענק ניט וואָס איך האָב איר געזאָגט. איך בין ניט זיכער, צי מיר האָבען גאָר איינגאנצען גערעדט. איך ווייס ניט ווי אזוי עס איז געקומען, נאָר פלוצלונג האָב איך זי געפונען אין מיינע אָרעמס, און געפילט אירע הייסע, ליידענשאפטליכע קושען אויף מיין פּנים. איך געדענק קיין זאך ניט קלאָר פון יענעם פרימאָרגען. איך געדענק נאָר ווי זי האָט זיך ציטערדיג געטוליעט צו מיר און ליידענשאפטליך געוויינט. מיינע צערטליכע ווערטער, מיינע הייסע קושען האָבען זי ניט גע־קאָנט איינשטילען. אָרימע צביה! וויפיל עס האָט זיך דאָס געמוזט אָנקלייבען אין איר בוזים! א פּאָר מינוט האָט זי זיך אָנ־געטרונקען מיט מיינע קושען, און דאן זיך שטיל ארויסגעגליטשט פון מיינע אָרעמס, און מיט א וואונדערליכען שמייכעל, מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם בליק, אָבער מיט אַזויפיל גליק אין אירע אויגען, איז זי גיך פארשוואונדען.

זי ליבט מיך! זי איז מיינע! — האָט מיין הארץ גע־יובעלט.

דאָס האָט געענדערט מיין פלאַן. און ניט נאָר מיין פלאַן... טעג זיינען אריבער אין בארוישענדיגער פרייד. איך האָב איצט געטראכט נאָר פון איר. מיך האָט ניט געקימערט וואָס ווייטער וועט זיין. עס איז געווען פאר מיר גענוג.

אין א פּאָר טעג ארום האָב איך זי געזען, נאָר ניט אליין. איך האָב צו איר ניט געקאָנט ריידען. עס איז אָבער ניט געווען נויטיג. זי האָט בלויז אויפגעהויבען אירע אויגען און מיך אָנ־

געקוקט א סעקונדע, און עס איז געווען גענוג. ליידענשאפט און ליבע אן א מאס האבען זיך א גאס געטאן צו מיר פון אירע אויגען, און נאך עפעס, עפעס וואס איך ווייס ניט ווי אנצורופען, וואס איך האב ניט געקאנט באגרייפען מיט מיין זינען, אבער וואס מיין הארץ האט דערקענט, עפעס וואס האט געהאט אין זיך פון לעבען, פון טויט. איך האב זיך כמעט ווי דערשראקען פאר דיזען בליק אירען. עס האט זיך מיר געדאכט, אז זי האט מיך אפגעמאסטען און דורכגעדרונגען דורך און דורך, און אויסגעפארשט אלע מיינע ווינקעלאך. און איך האב מיך געשראקען: בין איך גרויס גענוג פאר איר ליבע? קאן איך איר ענטפערען הארץ צו הארץ?

מיין לעבען איז דאך ביז איצט געווען אזא טריוויאלער!

עס איז אוועק א וואך, צוויי. איין מאל באקום איך פון איר א בריוו דורך פאסט. עס איז געווען געשריבען מיט א בליי־שטיפט, איילענדיג:

„מיטוואך אווענט וועט מיין מאן ניט זיין אין דער היים. קום צווי א זייגער ביינאכט. אויב עס וועט ברענען א קליין פייערעל, קום ארויף. זיי פארזיכטיג.“

אט דיזע פאר ווערטער ניט מער, אן אן אונטערשריפט. ווי איינפאך!... יא, צו וואס דער נארישער פלאנטער, דער קאמף צווישען געפילען און פליכטען? צו וואס זיך שווער מאכען דאס הארץ מיט אלערליי אוממעגליכקייטען? פארוואס האב איך גע־האט וואס מורא צו האבען? פארוואס האט מיך מיין געוויסען געפלאגט? עס איז אלעס אזוי איינפאך. אט ווי דיזע פרויען ליבען! עס צינדט זיך אן אין זיי א ליידענשאפט ווי א פלאם, און אלעס ווערט פארברענט אין דעם. „מיין מאן וועט ניט זיין אין דער היים. קום צווי א זייגער ביינאכט. זיי פארזיכטיג“. — דאס אלעס.

א, דו זיס, ליב גאלדען קינד!... ווי מיין הארץ איז געווען פול מיט איר. יא, אלעס איז ביי איר אזוי איינפאך. זי האט מיך געוואלט, האט זי מיר געשיקט א קליין בריוועלע: „מיין מאן וועט ניט זיין אין דער היים. קום!“ און איך וועל קומען, עפענען די טיר, אריין אין איר צימער, און מיך וועט ארומכאפען,

דער ריח פון איר לייב, און זי — מיין פאַנטאַזיע פלעגט זיך באַ־גיסען מיט אַ שטראָם פייער, יעדען מאָל וואָס איך האָב נאָר אַ טראַכט געטאָן פון מיין ערשטען באַזוך אין איר צימער ביינאַכט.

דער מיטוואָך איז געקומען, און איך בין אַוועק צו איר. דורך הינטערשטע גאַסען און געסלאַך בין איך געגאַנגען, געקראָכען אי־בער פּאַרקאַנעס און צאַמען, אָנגעלייגט מיילען גאַנג, צוליב וואָס? איך ווייס ניט. אין דער גוי׳שער גאַס זיינען מיך הינט באַפאַלען. וואָס האָב איך דאָרטען געטאָן? צוליב וואָס בין איך אַריינגע־קראָכען אין אַ גערטעל און אָנגעריסען בלומען און זיי דערנאָך אַריינגעוואָרפען אין אַ ברונעם?

אין איר וואוינונג האָט אַ לעמפּעל געברענט. איך בין אַרי־בערגעקראָכען איבער׳ן הינטערשטען פּאַרקאַן אין הויף אַריין, און אַרויפגעפאַלען אויף אָקסען, וואָס זיינען דאָרט געלעגען אויף איבער נאַכט. די אָקסען האָט מען מסתמא געפירט ערגעץ אויף אַ יריד. מער וואָלט מיר ניט געפעלט, ווען אַן אָקס גיט מיך אַ שטויס מיט אַ האָרן!... און נאָך ערגער וואָלט עס געווען, ווען איינער פון זייערע וועכטער דערזעט מיך און נעמט מיך אָן פאַר אַ גנב. נאָר די וועכטער זיינען געווען שכור און געשלאָפען גע־שמאַק. קיינער האָט מיך ניט געזען. איך בין אַרויף אויף די טרעפּ, געפונען די טיר ניט פאַרשפּאַרט און אַריין אינוועניג.

געטראַכט האָב איך, אַז ווי זי וועט מיך דערזען וועט זי אַריינפאַלען אין מיינע אָרעמס, וועט זיך צוטוליען צו מיר און זיך איבערגעבען צו מיינע הייסע לאַסקעס. איך האָב מיר פאָרגע־שטעלט, ווי איך טרעף זי אין איר נאַכט־העמד, מיט אירע וואונ־דערשיינע, שמעקענדיגע האָר ארומגעשאָטען ארום איר אַנטבלויז־טען בוזים, ווי אירע ווייסע, נאַקעטע אָרעמס שיינען אין דער לבנה־ליכט, ווי אירע אויגען ברענען אין דער פינסטערקייט פון צימער, פאַרשעמט אָבער גליקליך. וויפיל טעג און נעכט איך האָב דאָס געטראַכט און געטרוימט פון דיזען צימער ביינאַכט, פול מיט איר הערליכקייט, מיט די זיסע געהיימניסע פון איר נאַקעטער נאַענטקייט!

ווען איך בין אַריין אין צימער און געטראָפען אַ שוואַרצע,

שטייף ארומגעהילטע, פרעמדע דאמע, וועלכע האָט מיך אריינגע־לאָזען אין צימער און איז אליין געבליבען שטיין ביים שוועל אזוי שוואַך, אזוי אומבאהאָלפען און געבראָכען, האָט זיך מיר גאָרניט געגלויבט, אז דאָס איז זי. איך האָב געמאכט אַ פּאָר טריט צו איר. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מיך אָנגעקוקט מיט אזעלכע טרויעריגע, בעטענדיגע אויגען, אז איך האָב גלייך גע־וואוסט, אז אויב איך וויל איר ניט פארשאפען קיין שמערצען, זאָל איך זי לאָזען צורו. אָבער איך האָב עס ניט געקאָנט פאר־שטיין. פאר דעם שיין פון דעם לעמפּעל האָב איך געזען, אז זי איז בלאס, אז עס איז ניטאָ קיין טראָפּען בלוט אין אירע ליפּען, אז שפּורען פון טרערען זיינען נאָך געווען פריש אויף איר פּנים. אַ ווײלע האָט זי געקוקט אויף מיר מיסטרויאיש, און דאן האָט זי פארלאָזען דעם פּלאַץ ביים טיר און פארלאָשען דאָס לעמפּעל. דאָס צימער איז געבליבען פינסטער, באלויכטען נאָר פון דער לבנה. איך בין צוגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּענדיגער הארץ נאָענט צו איר, גענומען איר האנט אין מיינער און עס צוגעטראָגען צו מיינע ליפּען. אָבער איר האנט איז געבליבען קאלט און לעבענסלאָז. מיין הארץ איז געזונקען אין מיר. איך האָב אָפּ־געלאָזען איר האנט, געשוויגען און געוואַרט.

אַ היבשע ווײלע איז אוועק אין שווייגען. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען איר. עס איז דאָך אַלעס געווען עפּעס, וואָס פאָדערט ניט קיין ווערטער. און וואָס האָב איך איר טאַקע געקאָנט זאָגען? איך האָב גע־וואַרט אויפ'ן ערשטען צייכען פון איר.

מיין האַלטונג האָט איר קענטיג געגעבען מער מוט. איר פּנים איז דוכט זיך לויטערער געוואָרען, און באלד האָט זיך גע־וויזען איר זיסער שמייכעל. איך האָב געוואונען איר צוטרוי.

„עס איז געווען צופיל געוואָגט פון מיר — האָט זי שטיל אָנגעפאנגען — וואָס איך האָב אייך גערופען אהער אין אזעלכע פּאָרדעכטיגע אומשטענדען. נאָר איך האָף, אז איר פארשטייט מיין לאגע. איך האָב מיט אייך געמוזט ריידען, און איך האָב קיין אנדער וועג ניט געקאָנט נעמען. וואו האָב איך אייך געקאָנט

טרעפען און האָבען מיט אייך אַ לענגערען געשפּרעך? פאַר מיר זיינען אַלע מעגליכקייטען אָפּגעשניטען. מער וואָלט מיר ניט געפעלט, ווי אויפצואוועקען אַ פאַרדאַכט אין מיין שוויגער'ס פאַמיליע! מיין לעבען איז אַזוי אויך קיין פּרוטה ניט ווערט. איך האָב געמוזט וואָגען. איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע עולה געגען אייך: איר האָט זיך געקליבען אוועקצופאָרען, און צוליב מיר זייט איר פאַרבליבען דאָ. עס איז געווען אַן אומגליקליך מיספאַרשטענדניש. אונזער לעצטע באַגעגעניש איז געווען אַ מאָדנע פּאַסירונג, וועלכע איך קאָן אַליין ניט פאַרשטיין. עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו בלייבען אונטער'ן איינדרוק, אַז עס האָט עפּעס געמיינט. איך בעט אייך, פאַרגעסט עס!"

זי האָט גערעדט שנעל און מיט היץ, ווי אין פיבער. איר שטימע, וועלכע זי האָט ניט געוואָגט אויפצוהויבען העכער פון אַ שעפּטשען, איז אָבער געווען אַזוי מילד, אַזוי ערנסט, אַזוי האַרציג, אַז איך האָב ניט געקאָנט צווייפלען אין איר אויפריכטיגקייט. איך האָב זי געוואָלט אונטערברעכען ביי יעדען וואָרט, און פאַרזיכערען איר פון מיין טיפסטער, איבערגעבענסטער ליבע, נאָר איך האָב ניט געקאָנט. עפּעס האָט מיך געדריקט אַ טיפער צער, אַ טיפער פאַרדרוס, און איך האָב ניט געקאָנט באַשליסען צו עפענען מיינע ליפּען.

„עס איז געווען אַ נאַרישער טעות, — האָט זי ווייטער פאָרטגעזעצט — איך האָב זיך זייט דאַן איבערצייגט, אַז עס טאָר ניט האָבען קיין פאַלשען זין ביי אייך. איך בעט אייך, פאַרגעסט עס. איך קאָן ניט ליבען קיין אַנדער מענשען, אַחוץ מיין מאַן, און איך פאַרזיכער אייך, אַז עס איז ביי מיר אין האַרצען ניטאָ קיין אָרט פאַר אַ פרעמדען. איר שטייט פיל העכער פון אים אין אַלע הינזיכטען, נאָר ער איז מיין מאַן, אים האָב איך געגעבען מיין האַרץ. ער האָט ניט קיין עלעגאַנטע מאַניערען, אָבער ער איז ניט אַזוי פּראָסט ווי מען קאָן מיינען. ער איז אַ בראַווער מאַן און גוט צו מיר. איך ליב אים, און אַלעס אַנדערעס איז וואַנזין. איך צווייפעל ניט אין אייער אויפריכטיגקייט קיין איין מינוט. איך פיל, אַז איך בין פאַר אייך ניט קיין נאַרישער שפּיל, ניט בלויז אַ צייט-

פּאַרטרייב. אַט דערפּאַר קאָן איך ניט פּאַרטראָגן קיין פאַלשע ראָלע, און דערפאר האָב איך באַשלאָסען אייך צו רופען אהער און צו ווייזען אייך מיין האַרץ. עס וואָלט ניט געווען ערליך צו אייך, און ניט ערליך צו מיין מאַן, אז איך זאָל אייך ערלויבען צו קוקען אויף מיר, ווי אויף אייער געליבטער. איך קאָן עס ניט זיין. מיין האַרץ געהערט ניט צו אייך. פאַרט אוועק פון דאַנען און פאַר־געסט מיך..."

אַט אזוי האָט זי גערעדט מיט א צאַרטער שטימע, ערנסט, פּאַרטרויליך, האַסטיג, כמעט ווי פיבעריש, ווי מורא האָבענדיג, אז זי זאָל וואָס נויטיגעס ניט פאַרגעסען צו זאָגען, ווי מורא האָ־בענדיג, אז איך זאָל זי ניט איבערשלאָגען אין מיטען, איידער זי וועט צייט האָבען מיך צו איבערצייגען. איך געדענק שוין אליין ניט, וואָס נאָך זי האָט געזאָגט. איך האָב זי געהערט און ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען און וואָס צו גלויבען. א מינוט האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, אז עס איז אלעס אן אָנשטעל, אז דאָס צייט זי מיך נאָר אָן. אָבער קאָן דאָס זיין, אז זי זאָל דאָס טאָן? א ווײַלע בין איך הינגעריסען געוואָרען פון אירע אָפענהאַרציגע רייד און אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין דעם אמת פון אירע ווערטער. דאַן, ווידער, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז דאָס אַרגומענטירט זי מיט זיך אליין, אז דאָס בעט זי זיך ביי איר אייגענער האַרץ, אז עס זאָל איר גלויבען אין איר טרייהייט צו איר מאַן. איר אומבאַ־האָלפענקייט, איר שוואַכקייט האָט דאָס אַרויסגערעדט פון אירע ווערטער. אלעס וואָס איך דאַרף, איז צו נעמען זי אין מיינע אָרעמס, און אלע אירע אַרגומענטען וועלען צעפאַלען ווי שפּינ־וועבס. איך מוז זי באַצווינגען מיט מיין ליבע און ליידענשאַפט.

מיט צוויי טריט בין איך געווען לעבען איר און זי געכאַפּט אין מיינע אָרעמס, איבעררייסענדיג דעם שטראָם פון אירע רייד. א ווײַלע האָב איך זי געדריקט צו מיין בוזים, און דאַן האָב איך באַשאָטען איר פּנים מיט הייסע קושען. איך האָב זי אויפגעהויבען און גענומען טראָגען צו איר בעט. זי האָט ניט געוויזען דעם קלענסטען ווידערשטאַנד. זי האָט זיך ניט געפּרופט ווערען. זי האָט נאָר שטיל אָנגעפאַנגען צו וויינען.

איך האָב זי אָפּגעלאָזען און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ בין איך אַרויס פון צימער.

„מאָרגען וואָלסטו מיך געפונען אַ טויטע“ — האָב איך געהערט אירע ווערטער איידער איך בין אַרויס. זי האָט עס געזאָגט שטיל, רואיג, געלאַסען.

די ווערטער האָבען מיך יאָרענלאַנג נאָכדעם פאַרפאָלגט. אָבער דאַן האָב איך איר ניט געגלויבט. אַ בייזער געלעכטער האָט זיך אַרויסגעריסען פון מיין האַרצען איר פאַר אַן ענטפער.

2.

עס זיינען אַוועק יאָרען ביז איך האָב זי געזען נאָכאַמאָל. אויף מאָרגען נאָך יענער נאַכט בין איך אַנטלאָפען פון שטעטעל און פון צביה'ן. איך בין געוועזען צוריק אין מיין געבורט־שטאָט, און אַריינגעפאַלען אין אַ לוסטיגען לעבען, באַזוכט בעלער, וויין־קעלערס, קאָרטען־טישלאַך און פרויען. צביה'ן האָב איך פאַרגעסען. איך האָב געפונען שענערע פרויען פון איר.

נאָר איינמאָל האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ נייגעריגקייט צו זען זי נאָך אַמאָל, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגען פון נאָכגעבען מיין האַרץ. עס איז געוועזען בלויז נייגעריגקייט.

איך בין פאַרפאָרען צו מאַטע דעם בעקער אין אַכסניה. זיי האָבען זיך אַלע דערפרייט מיט מיר, איבערהויפּט צביה. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז שענער געוואָרען אין דער צייט. זי האָט מיר באַלד דערציילט, אַז זי האָט אַ מיידעלע פון צוויי יאָר. זי האָט זיך אָנגעשלאָגען צו פירען ווייזען מיר איר קינד, וואָס איז געשלאָפען אין איר וואוינונג. איך בין זי נאָכגעגאַנגען.

ווען איך בין אַריין אין איר צימער און זיך אָפּגעשטעלט מיט איר אַליין, האָב איך דערפילט ווי די דריי יאָר וואָס איך בין געווען אין דער גרויסער שטאָט, זיינען אַרויסגעפאַלען פון מיין לעבען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אָט ערשט נעכטען בין איך געשטאַנען אָט אָ דאָ אין מיטען נאַכט, און געהאַלטען זי אין מיינע אָרעמס, און אָט נעכטען ערשט —

„הערט, מאַדאַם — זאָג איך צו איר, נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעהערט אַלע גרויסע מעלות פון איר מיידעלע, — דעם לעצטען מאָל ווען איך בין געווען אין דיזען צימער, האָב איך געהערט פון אייך עטליכע ווערטער, וואָס איך האָב נאָך ביז איצטער ניט פאַרשטאַנען. קאָנט איר מיר ניט זאָגען, וואָס איר האָט געמיינט מיט זיי?"

זי איז געוואָרען רויט, דאַן בלאַס, דאַן ווידער רויט, האָט געוואָרפען אַ בליק אויף מיר, און דאַן אויפ'ן קינד אין וויג. און דאַן האָט זי נאַאיוו אַ פרעג געטאָן: „וואָס האָבען דאָס געקאָנט זיין פאַר ווערטער?"

„הערט! — זאָג איך צו איר — יאָרען לאַנג האָב איך אייך געליבט, פון דעם ערשטען טאָג וואָס איך האָב אייך דערבליקט ביז דיזער מינוט. וואָכען, מאָנאַטען, יאָרען האָב איך געלעבט מיט אייער שמייכעל און מיט דעם בליק פון אייערע אויגען. יאָרען וועלען אוועקגיין, אַ גאַנצער לעבען, אין וועלכען איך וועל אייך ניט האָבען. דריי יאָר צייט האָב איך נאָך אייך געבענקט, און האָף אויסגעקומען אָן אייך, כאָטש איך בין מקנא געווען דער דינסט ביי אייך אין הויז, און דעם שכור'ען פויער, וועמען איר דערלאַנגט אַ גלעזעל בראָנפען. איך וועל לעבען יאָרען און יאָרען אָן אייך. אָבער איר קאָנט ביי מיר קיינמאָל ניט אוועקנעמען אָט יענע צוויי מינוט, וואָס איר זייט געלעגען אין מיינע אָרעמס, און דעם שכור'ען, משוגענעם געדאַנק, דעם ווילדען טרוים, אַז אָט יענע נאַכט האָב איך אייך געקאָנט האָבען, אַז איר האָט זיך פריי־וויליג, אָן קאַמף, אָן ווידערשטאַנד אָפּגעגעבען צו מיר!.... האָט יענע נאַכט געהאַט אַזאַ קליינע באַדייטונג פאַר אייך, אַז איר האָט שוין אַלעס פאַרגעסען?"

„מאָרגען וואָלסטו מיך געפונען אַ טויטע. — האָט איר דאָס שוין פאַרגעסען?"

זי האָט אַריינגעבליקט אין מיינע אויגען מיט אַ מאָדנעם בליק, און באַלד אַ שמייכעל געטאָן: „אַך, עס איז דאָך שוין אַזוי לאַנג זייט דאַן! איר האָט דאָך געמוזט פאַרשטיין, וואָס איך האָב גערעדט מיט אייך, ניין? איר זייט דאָך גלייך אויף מאָרגען

אוועקגעפאָרען. ווי האָט איר עפּעס פאַרבראַכט די דריי יאָר?...
עס מוז זיין גוט צו לעבען אין אַ גרויסער שטאָט?... ניין?..."
און פּלוצלונג האָט זי געביטען איר טאָן און זיך ווידער אוועקגע־
לאָזט לויבען איר קינד. „דענקט איר ניט, אַז זי וועט זיין געראָ־
טען אין מיר?"

איך בין געבליבען אין שטעטעל. צביה'ן האָב איך איצט זעלטען געזען. קיין שטודען ביי איר אין הויז האָב איך מער ניט געקראָגען און קיין אנדער צוטריט האָב איך ניט געהאַט צו איר, אחוץ ווען איך האָב זי צופעליג אמאָל אָנגעטראָפען אין גאס מיט איר מיידעלע. מיר פלעגען בלייבען שטיין, ריידען אַ פּאָר פריינט־ליכע ווערטער און צעגיין זיך. זי האָט אויסגעזען צו זיין צופרי־דען, און מסתמא גליקליך מיט איר לעבען.

אָט אַזוי זיינען אוועק מאָנאַטען.

דאַן האָב איך געהערט, אַז איר קינד איז געשטאָרבען.

אָרימע צביה!

אין דריי מאָנאַטען שפּעטער איז שוין צביה געוועזען מיינע.

זי האָט געפונען אַן איינפאַכען וועג, ווי אַזוי מיר זאָלען זיך זען. זי האָט איינגערעדט איר מאַן, אַז זי מוז נעמען ביי מיר שטונדען, צו פאַרשלאָגען פון איר קאָפּ די בענקשאַפט נאָך איר קינד. זי איז געוועזען זייער מרה'שחורה'דיג, און זי פלעגט ארומ־גיין אַ בלאַסע, אַ נידערגעשלאָגענע, אפילו אין מיין נעגענוואַרט. איר מאַן איז געוועזען גליקליך, וואָס זי האָט געפונען אַ צעשטרוי־אונג. ער האָט זי טריי געליבט. ער איז געוועזען אמת גוט צו איר.

זי פלעגט איצט אויך, ווי אמאָל, אויפהויבען זיך האַסטיג ביי מיין אריינקומען, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען. זי פלעגט נעמען מיין האַנט און ארויפלייגען צו זיך אויפ'ן הארצען, און איך פלעג הערען ווי איר הארץ קלאַפּט האַסטיגער, אומרואיגער, ווי דערשראָקען. זי פלעגט קענען אָפּזיצען אַ האַלבע שטונדע און ניט ריידען קיין וואָרט צו מיר. זי פלעגט נאָר צונויפפלעכטען אירע פינגער, מיט מיינע, שטייף צוזאַמענדריקען, כמעט ביז שמערץ, און פלעגט זיצען און קוקען אין מיינע אויגען, און איינ־הערען זיך וואָס איך האָב צו איר געזאָגט; קוקען אין מיינע אוי־

גען מיט אזא שטארקען, בענקענדען, הונגעריגען בליק, אז איך פלעג עס ניט קאָנען לאנג אויסהאלטען. אמאָל פלעגט מיך דיזער בליק אירער מאכען צו שווידערען. אין דער גאנצער צייט האָט זי מיך קיינמאָל קיין קוש ניט געגעבען, אָבער זי פלעגט גערן אָנשטעלען איר פּנים פאר מיינע הייסע קושען. אז איך פלעג זי נעמען אין מיינע אָרעמס, פלעג איך זען ווי זי ווערט פאר'חלש'ט פון איבער־פולע, פארשטיקטע געפילען. מיר האָט זיך געדוכט, אז זי איז פאר'שכור'ט מיט דער רייכקייט פון אירע אייגענע, ניט אויסגע־לייזיגטע ליידענשאפטען. איך האָב געזען, אז זי ווערט פאר־צערט פון אַן אינוועניגסטען פייער ערגעץ טיף אין איר נשמה. אמאָל פלעג איך טראכטען, אז עס איז אַ שרעק, אמאָל — אז עס איז טרויער. אפשר געטרויט זי מיר ניט? אפשר גלייבט זי ניט אין דער אויפריכטיגקייט פון מיין ליבע? אפשר האָט זי מורא, אז עס וועט זיך באלד איבעררייסען? אז איך פלעג זי פרעגען וועגען דעם, פלעגט זי מיר ענטפערען קורץ: „וואָס קאָן איך מורא האָבען פאר דעם מאָרגען? מאָרגען עקזיסטירט ניט פאר מיר. מיר איז גענוג היינט“.

„פארדריסט דיר, וואָס דו האָסט מיך ליב?“ — פלעג איך ביי איר פאָרשען.

„וואָס האָב איך נאָך אַ חוץ דיין ליבע?“ — פלעגט זי מיר ענטפערען.

„טאָ וואָרום ביזטו ניט גליקליך?“

„אָבער איך בין יאָ גליקליך!“ — פלעגט זי זאָגען מיט אַ פייערליכער שטימע און צודריקען מיין קאָפּ צו איר בוזים.

„טאָ וואָרום ליידסטו?“

„ניין, איך לייד ניט.“

„ביזטו גליקליך?“

„יאָ, איך בין גליקליך! — האָט זי מיך פארזיכערט, — דיין ליבע מאכט מיך גליקליך.“

„טאָ וואָרום ביזטו טרייער דיין מאַן ווי מיר?“

„רעד ניט אזוי, איך בעט דיך“, — האָט זי זיך ביי מיר געבעטען. — „איך געהער צו דיר. איך בין דיינע אין גאנצען, מיט מיין

גוף און מיט מיין נשמה. יעדעס קעמערל פון מיין ליבּ רופט דיך. נאָר אנדערש.“

„ניין, דאָס איז אַלעס נאָר רייד“, — האָב איך פּראָטעסטירט. — „דו גיסט זיך אַוועק צו אים, און ניט צו מיר.“

„וואָרט, האָב געדולד, איך קאָן נאָך ניט איצט“, — פלעגט זי זיך בעטען ביי מיר. — „ווי קאָנסטו צווייפלען אין מיין ליבּע? וואָרט, איך וועל דיך איבּערצייגען!“

אויף וואָס האָט זי געוואָרט? איך האָב זי ניט פאַרשטאַנען. און וואָס ווייטער און ווייטער זיינען מיינע פאָדערונגען געוואָרען צודרינגליכער. איך האָב זי געמוטשעט מיט מיין אייפערזוכט, מיט מיין מיסטרויען.

צום סוף האָט זי מיר נאָכגעגעבּען.

עס איז געווען זומער־צייט. איך האָב מיט איר אָפּגערעדט צו טרעפען זיך אין זייער צעבּליטען סאָד, וואָס איז געלאָפען פון אונטער איר פענסטער ביז צום סוף הויף. דאָרטען איז געשטאַנען אַ געבּויטע סוכּה, אַרומגעוואַקסען מיט אַלערליי קריכענדיגע פלאַנצען און בּלומען און פויגעל־נעסטען. דאָרטען האָב איך אויף איר געוואָרט איין שיינע זומער־נאַכט.

איר מאַן האָט געזאָלט אַוועקפאָרען יענע נאַכט ערגעץ אויף אַ יריד. ער האָט געדאַרפט אַרויספאָרען איינס אַ זייגער ביינאַכט, פאָרען די גאַנצע נאַכט, און קומען פאַר פרי ערגעץ אין אַ שטעטעל, אין צייט צו פאַרכאַפּען אַ גוטען אָרט מיט אַ וואָגען קאָסעס.

ווען ער וועט פאַרלאָזען דאָס הויז, לאָזענדיג זי אַ שלאָפענדיגע, דאַן האָט זי געדאַרפט קומען צו מיר אין סאָד אַריין.

איך בּין געלעגען און געוואָרט אויף איר אַ לאַנגע צייט. איך האָב געהערט ווי דער ליאַרעם און דער טומעל אין די שטובּען שטילט זיך בּיסלאַכווייז איין. די שכּור'ע גוים זיינען זיך צעפאָרען מיט זינגענדיגע געוואַלדען אהיים, די שפּעטיגע באַזוכער זיינען זיך צעגאַנגען. די לאָמפּען האָבּען זיך אויסגעלאָשען. עס איז געוואָרען שטיל. איך האָב געוואָרט אַ לאַנגע צייט. יעדע מינוט האָט זיך געצויגען ווי אַ יאָר.

ענדליך האָב איך דערהערט טריט אין סאָד. זי איז געקומען!

איר ליבע איז רייף געוואָרען ווי אַ גרויסע, זאַפטיגע, טראָ־פּישע פּרוכט.

זי איז געקומען אַ ווארימע פון איר בעט, און איר נאַכט־העמד. זי האָט זיך געזעצט ביי מיר אויפ'ן שויס, ארומגעלייגט אירע נאַקעטע אָרעמס ארום מיין קאָפּ, און צוגעדריקט מיין פּנים צו אירע הייסע ברוסטען. „איצט בין איך דיינע“, — האָט זי גע־זאָגט שטיל, פאר'חלש'ט, מיט אַ ציטער אין איר שטימע, און מיט אַ ברען דורך איר גאַנצען לייב.

נאָר פּלוצלונג איז זי אויפגעשפּרונגען דערשראָקען. עס האָ־בען זיך געהערט טריט איבער די שטיינער פון הויף. דאָס טירעל פון סאָד האָט אַ סקריפּע געטאָן. אימיצער קומט!

מיר האָבען זיך שנעל אַרויסגעגליטשט פון דער הינטערשטער טיר פון סוכה און זיך פארשטעקט אין די קוסטעס מאַלינעס, וואָס זיינען געוואקסען ביי דער דרויסענדיגער וואנט.

די טריט זיינען געקומען נעענטער. באַלד האָבען מיר דער־קענט איר מאַן. מיר האָבען געהערט זיין שטימע. ער האָט שטיל גערעדט צו אימיצען וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען גע־קומען גלייך צו דער סוכה.

איצט זיינען מיר פארלאָרען! איר מאַן קומט אונז זוכען. מיך האָט ניט געקימערט פאר זיך אליין, אָבער גאָט מיינער, וואָס וועט זיין מיט צביה'ן? זי וועט די שאַנד ניט איבערלעבען!

איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האנט צו איר אין דער פינ־סטער, און מיין בוזים איז געווען פארדריקט מיט שמערץ. דאָס איז דאָך אלעס געווען צוליב מיר. איך האָב דאָס געבראַכט אויף איר דיזע שרעקליכע שאַנד, מיט וואָס דאָס גאַנצע שטעטעל וועט מאָרגען קלינגען. אָרימע, אָרימע צביה!

פּלוצלונג האָט געגעבען מיין הארץ אַ שפּרונג מיט פרייד. זי האָט גענומען מיין האנט אין דער פינסטער, צוגעטראָגען זי צו איר הארצען, און דאַן צו איר מויל און זי אַ קוש געטאָן.

גאָט מיינער, וואָס קאָן מיך שוין איצט קימערען אין דער וועלט, פאר מיר אליין? אָט אין דיזער מינוט פון קריזיס, האָב איך ערשט געפונען מיין גאָלדענע צביה'ן. אָט אזוי ליבט צביה! וואָס

קימערט איר די גאנצע וועלט ? זאָל ער אונז געפינען ! מיין האַרץ איז געווען איבערפילט מיט איין גרויסען געפיל, פון טרייהייט ביז'ן טויט, פאר היזער גאָלדענער קעניגין מיינער. איך וואָלט גע־קאָנט טאָן עפּעס וואונדערליכעס און יענער מינוט, פון אירטוועגען.

מיר האָט זיך געוואָלט ארויסלויפען פון מיין באהעלטעניש און אויסשרייען פאר איר מאַן, פאר דער גאנצער וועלט, דעם זיסען וואונדערליכען אמת, אז צביה איז מיט מיר, אז זי איז געקומען צו מיר אין סאָד אריין, אז זי האָט מיך ליב, און אונז קימערט קיין זאך אויף דער וועלט ניט מער !

עס האָט קיין צווייפעל ניט געקאָנט זיין, אז ער איז געקומען אונז זוכען. ער איז אריין אין סוכה מיט דער דינסטמיידעל זייע־רער, א יונגע שיקסע. איך האָב איצט פארשטאַנען, ווי אזוי ער האָט אויסגעפונען פון אונזער ליבע. זי, די דינסט, האָט אונז עט־ליכע מאָל איבערראשט אין פארדעכטיגע פאַרהעלטעניסען. מיר האָבען זיך געטרייסט, אז זי איז א נאַרישע פויערטע און באַמערקט קיין זאך ניט. אָבער זי האָט אים אלעס דערציילט. זי האָט קענ־טיג, אונטערגעהערט ווי מיר האָבען אָפּגערעדט צו טרעפען זיך אין סוכה, און זי האָט עס אים דערציילט. אָ, זאָל ער קומען !

פלוצלונג האָב איך דערהערט עטוואָס — כאַ־כאַ־כאַ !

צביה'ס פּנים האָט געמוזט איצט ברענען פון חרפּה. איר מאַן, וועלכען זי האָט אזוי מורא געהאט צו נארען, האָט זי באַ־טראָגען, פאר איר אין די אויגען, מיט איר דינסטמיידעל, א פּראָ־סטע שיקסע ! וואָס פאר א לאַנגע יאָרען פון לייד און פון שטרייט זי האָט עס דורכגעמאכט, ביז זי האָט זיך ערלויבט צו ווערען אים אומטריי. ווי שווער עס איז פאר איר געווען צו באשליסען זיך צו געניסען פון מיין ליבע. מיך האָט זי דאָך געליבט ! אָבער זי איז געווען גרייט מקריב צו זיין איר האַרץ, איר גליק, איר לעבען אויס טרייהייט צו אים. יוי זי האָט דאָס געקעמפּט מיט מיר און מיט זיך ! און די גאנצע צייט האָט איר מאַן זי גענארט. און מיט וועמען ! —

„נו, נאַריש ווייבעלע מיינע ?" — האָב איך זיך געווענדט צו איר, ווען מיר זיינען ארויס פון אונזער באהעלטעניש. — „איצט

וועט שוין דיין געוויסען זיין איינגעשטילט? דו מוזט מיר איצט אָפּגעבען מיינע פאַרלאָרענע פינף יאָר!... איצט קענען מיר גע־ניסען פון אונזער ליבע אומגעשטערט. איצט איז דער וועג פריי פאַר אונז..."

איך האָב זי געכאַפּט אין מיינע אָרעמס אנטציקט. מיין האַרץ האָט געיובעלט מיט פרייד. כאַ־כאַ־כאַ! וואָס פאַר אַ נקמה! זי וואָלט עס זיכער ניט געגלויבט ווען מען דערציילט עס איר. נו, האָט זי עס אליין געזען!...

אָבער וואָס איז מיט איר? איז איר קאַלט? זי האָט אַזוי געשוידערט.

„דו זיס ווייבעלע מיינע. קום, לאָז מיך, מיט מיינע קושען וועל איך דיך פאַרברענען!... איצט קאָן דיך קיינער ניט צונע־מען פון מיר!... דו ביזט מיינע!.."

נאָר זי איז געבליבען זיצען פאַרגליווערט, ווי פאַרשטיינערט. און באַלד האָט זי מיך איידעל אָפּגעשטופּט פון זיך, געכאַפּט איר שאַל ארום זיך און —

„צביה, ליבסטע — !"

„אַך, לאָז מיך, איך קאָן ניט איצט... איך בעט דיך..."

און שנעל האָט זי זיך אויפגעהויבען, און ווי אַ שכור'ע האָט זי זיך געלאָזען צום הויז.

איך בין נאָכגעלאָפען, און זי געכאַפּט.

„ניין, לאָז מיך, האָט זי זיך ביי מיר געבעטען מיט אַ פאַר־שטיקטער שטימע. לאָז מיך, איך קאָן ניט טאָן וואָס ער... איך קאָן ניט... ווי מיאוס!..."

און מיט שנעלע טריט איז זי פאַרשוואונדען אין הויז.

.3

צביה האָט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען איר מאַן און גיין מיט מיר אין דער גרויסער שטאָט. איך בין געווען גליקליך מיט דער בשורה.

אונזער פּלאַן איז געווען, אז איך זאָל אוועקפאָרען פריער,

אויפזוכען א שטעלע, צוגרייטען א הויז פאר איר, און דאן וועט זי קומען.

איין שיינעם פרימארגען האב איך זיך צעזעגענט מיט צביה'ן און בין אוועקגעפארען. איך האב געהאט בריוו פון איר אלע טאג. אין אירע בריוו האט זי ערשט אויפגעשלאסען פאר מיר איר גאנצע, טיפע נשמה.

עס איז אוועק א לענגערע צייט ביז איך האב זיך איינגעאר־דענט. פון אנפאנג האב איך ניט געקראגען קיין פאסיגע שטעלע, און דאן האב איך ניט גענוג פארדינט. דאן האב איך זיך גענומען צוגרייטען אהיים פאר איר. וואס פאר א פרייד עס איז געווען אריינ־צוגיין עפעס קויפען פאר אונזער היים! עס איז קיין זאך ניט געווען גוט גענוג פאר מיר. איך האב געלעבט נאר פאר איר. מיין יעדע מחשבה איז געווען נאר פאר איר. טעג און נעכט פלעג איך חלומ'ען און טראכטען פון דעם גליק וואס ווארט אויף מיר אין דיזער קליינער, געשמאקער היים וואס איך האב צוגעגרייט פאר אונז. און אט אזוי האט זיך א טאג געגליטשט נאך א טאג. אט נאך א טאג, נאך א טאג, איך דארף נאך האבען איין זאך, א צווייטע. איך האב מיר פארגעשטעלט ווי גרויס עס וועט זיין איר פרייד ווען זי וועט אריינגיין אין איר הויז און דערזען אלץ וואס איך האב אנגעגרייט!

ביז איין פרימארגען קריג איך א בריוו פון איר, וואס האט מיט איין מאל פארניכטעט מיין גאנצען טרוים. עס איז געקומען א קורץ בריוועלע, אין וועלכען זי לאזט מיר וויסען קורץ און קלאר, אז זי קאן ניט קומען צו מיר. זי האט זיך ארומגעזען, אז זי ליבט מיך ניט. זי האט זיך איבערגעבעטען מיט איר מאן, און עס איז ווידער שלום צווישען זיי. אויב איך קאן, טא זאל איך איר מוחל זיין; אויב ניט, איז פארפאלען. זי האנדעלט נאך איר הארצען, אזוי דיקטירט איר הארץ. אדיע!

נאטירליך האב איך עס ניט געוואלט גלויבען. איך בין גלייך געלאפען צו איר.

ווען איך האב איר געלאזט וויסען, אז איך בין דא, האט זי מיך ניט געוואלט אויפנעמען. איך האב איר געסטראשעט, אז איך

וועל מאַכען אַן עפענטליכען סקאַנדאַל. עס האָט אָבער ניט געד־האָלפען. זי האָט מיך ניט געוואָלט זען. נו, בין איך געקומען אומגעלאַדען צו איר אין הויז. זי האָט מיך באַגעגענט רואיג, קאַלט, ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין זאַך ניט געוועזן צווישען אונז. זי האָט עפעס געזאָגט צו איר נייער דינסט, און יענע האָט פאַרלאָ־זען דאָס צימער.

איך בין געבליבען אליין מיט איר, אָבער לאַנג האָט עס ניט געדויערט.

נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט אויפצוקלייבען מיינע געד־דאַנקען, איז איר מאַן אריינגעקומען אין צימער. זי האָט דאָס געשיקט נאָך אים. איצט האָב איך שוין געזען, אַז איך האָב קיין האָפנונג. איך האָב געוואָלט פאַרלאָזען דאָס צימער וואָס שנעלער. מיין האַרץ איז געווען פול מיט סם, מיט האַס צו איר און צו זיך אליין. זי האָט מיך אָפּגעהאַלטען. „איידער איר גייט אַוועק פון דאַנען", זאָגט זי צו מיר, „זאָגט וואָס איר זייט געקומען זאָגען. מיין מאַן מעג עס הערען, ער ווייס פון אַלעם".

איך האָב געוואָרפען אַ בליק אויף אים. ער איז געווען בלאַס, שוואַרץ־בלאַס. זיינע ליפען זיינען געווען צוזאַמענגעדריקט. זיינע אויגען האָבען געשפּריצט מיט בלוט און מיט פונקען. אָבער ער איז געבליבען שטיין רואיג. זי האָט ניט געוואַגט אַ קוק צו טאָן צו אים. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט טרערען אין די אויגען.

„יאַ, מיין מאַן ווייס פון אַלעם", האָט זי באַלד פאָרטגעזעצט. „איך האָב אים דערציילט פון יעדען מאָל, וואָס מיר האָבען זיך גע־טראָפען הינטער זיינע פּלייצעס. איך האָב אים דערציילט, אַז דעם פרימאָרגען וואָס איר זייט אַוועקגעפאָרען, בין איך געווען ביי אייך אין די צימערען און זיך אָפּגעגעבען צו אייך. אויב איר האָט עפעס צוצוגעבען, טוט עס איצט. ער ווייס אויך, אַז מיר האָבען אָפּגערעדט, אַז איך זאָל אים פאַרלאָזען און קומען צו אייך אין דער גרויסער שטאָט..."

איך געדענק ניט ווי אַזוי איך האָב פאַרלאָזען איר הויז.

דעמזעלביגען טאָג האָב איך פאַרלאָזען דאָס שטעטעלע מער ניט צוריקצוקומען. מיין לעבען איז געווען געבראָכען. מיין

פרייד האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָרטען. איך האָב זיך ארומגע־שלייכט איבער דער גרויסער שטאָט ווי אַ שאָטען. די איינציגע טרייסט וואָס מיר איז געבליבען איז געווען די היים, וואָס איך האָב אָנגעגרייט פאַר איר. איך האָב זי געלאָזען ניט געענדערט. איך פלעג אַלע טאָג קומען אהין, און דאָרטען טראַכטען פון מיין צביה'ן און אויסטרוימען די טעג, וואָס איך האָב געקאָנט לעבען מיט איר. מער ווי דאָס איז מיר ניט געבליבען. נאָר ווען ניט ־ווען, אין שטונדען פון גרויסען שמערץ, אין איינזאַמע, עלענדע נעכט, פלעגט זי קומען צו מיר און זיין מיט מיר אין צימער. איך פלעג נעמען ריידען צו איר און דערשרעקען זיך אליין פאַר מיין אייגענעם קול, וואָס האָט געקלונגען אזוי אומהיימליך פרעמד אין די פוסטע צימערען. אָפט פלעג איך זען אין געשליפענעם שפּיגעל אַ פּאָר בלאַסע הענט שטרעקען זיך צו מיר, די פינגער פאַרבראָ־כען איינע אין די אַנדערע מיט ווייטאָג. צוויי מאָל האָט זיך מיר געדוכט ווי זי קומט מיר אנקעגען אין איר נאַכט־העמד, ווי אַ נאַכט־וואַנדלערין. פון שפּיגעל איז זי געקומען צו מיר, און מיר געזאָגט, אז זי ליבט מיך, אז זי בענקט נאָך מיר, און פאַרגייט אין בענקשאַפט, — כאָטש איך האָב דערביי קיין קלאַנג פון אַ מענשליכער שטימע ניט פאַרנומען.

און עס איז מיר נאָך באַשערט געווען צו הערען דאָס פון אירע אייגענע ליפּען!

איינמאָל קריג איך אַ טעלעגראַמע פון דעם שטעטעלע ק., אַז איך זאָל קומען וואָס שנעלער. צביה האַלט ביים שטאַרבען. זי וויל מיך זען. זי האָט זיך פאַר'סמ'ט.

איך האָב זי געפונען אין אַ שטאַרבענדיגען צושטאַנד, כאָטש ביים פולען באַוואוסטזיין.

איר מאַן האָט אונז געלאָזען אליין.

איך בין קוים צוגעפאַלען צו איר בעט און באַהאַלטען דאָס פּנים אין איר שויס. איך האָב געפילט, ווי אירע שוואַכע הענט גלעטען מיין האַלז אזוי צערטליך, אזוי מילד. צוויי גרויסע, שווערע טראָפּען האָבען זיך געקייקעלט פון אירע אויגען איבער אירע איינ־געפאַלענע באַקען.

„איך דאַנק דיר, וואָס דו ביזט געקומען“, האָט זי אָנגעפאַנגען מיט אַ שוואַכער, דערשעפּטער שטימע. „איך האָב דיך נאָך גע־וואָלט זען איין מאָל. איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליב און דו ביזט מיר אַלעס מוחל. איך האָב דיך מיין גאַנצען לעבען געליבט, פון דער ערשטער מינוט וואָס איך האָב דיך געזען. ניין, נאָך פריער, אין מיינע מיידעלשע טרוימען האָב איך דיך געליבט. איך האָב קיינעם ניט געליבט אַ חוץ דיך. אָבער איך האָב דיך באַגע־גענט צו שפּעט. עס איז שוין געווען פאַרפאַלען. אָן דיר האָב איך ניט געקאָנט לעבען. מיין האַרץ האָט זיך געריסען צו דיר, נאָר איך האָב ניט געקאָנט אוועקגיין. איך האָב ניט געקאָנט. זיי מיר מוחל! מיין לעבען איז געווען ניט קיין געראָטענער. דאָך פאַרדריסט עס מיר ניט, ווייל איך האָב פאַרזוכט פון גליק... מיר פאַרדריסט נאָר וואָס צוליב מיר האָסטו געליטען. אָבער מיין טרייסט איז, אַז איין מאָל האָב איך באַלאַנגט צו דיר, ווי דו האָסט געוואָלט. דו וועסט מיך ניט פאַרגעסען... אָך, ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי שטאַרק איך האָב דיך געליבט! אָבער בעסער אַזוי... ווייטער אַזוי האָב איך ניט געקאָנט לעבען... דו ביזט דער איינ־ציגער וועמען איך האָב געליבט... איצטער איז עס אַלעס אויס...“

זי האָט מער ניט געהאַט קיין כח צו רעדען, און זי איז גע־בליבען שטיל. זי האָט נאָר פאַר אַ לענגערע צייט געקוקט אויף מיר מיט אירע שרעקליך גרויסע אויגען. באַלד האָט זי געוואָלט מיר נאָך עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט שוין ניט געקאָנט. זי איז אַריינגעפאַלען אין אַ קאָנוואולסיע.

אָך, מיין גאָט! מיין אָרימע, אָרימע צביה!
און מיר האָבען זי באַגראָבען.

איך האָב זיך אַרומגעבלוקייעט דאָרט אין שטעטעלע אַ פּאָר וואָכען, כאָטש איך ווייס ניט צוליב וואָס; צביה׳ן האָב איך שוין מער ניט געקאָנט זען. נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך מוז נאָך איר טרויערען דאָרטען וואו איך האָב זי געליבט און פאַר־לאָרען. איך האָב ניט געקאָנט אוועקגיין פון דאָרט און ניט באַזו־כען איר קבר נאָכאַמאָל. קיין מצבה איז ניט געווען, האָב איך אַרומגעוואַנדערט איבער׳ן בית־עולם און געזוכט איר פרישען

בערגעל. איך האָב דערזען פון ווייטען א מאן שטייט ביי אַ קבר. ווען איך בין צוגעקומען נעענטער, האָב איך דערקענט צביה׳ס מאַן. איך האָב זיך געוואָלט צוריקכאַפּען, נאָר עס איז שוין געוועזען צו שפּעט. ער האָט מיך דערזען און גערופען. עס איז מיר געוועזען זייער ניט אַנגענעם צו באַגעגענען זיך מיט דיזען מענשען, כאָטש עפּעס האָט מיך געצויגען צו אים. א ווײַלע זיינען מיר געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ ביי איר קופּע ערד, און געשוויגען. ער האָט ניט געוויינט, נאָר פון זיינע אויגען זיינען געפאַלען טרערען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו רעדען צו מיר.

„איך ווייס, אז איר האָט זיך איינע די אַנדערע ליב געהאַט. איר זייט געוועזען א פּאַסענדע פּאָר איינע פאַר די אַנדערע. זי האָט אייך זייער ליב געהאַט. איך האָב דאָס די גאַנצע צייט געוואוסט. איך האָב דאָס געוואוסט נאָך איידער איר זייט דעם ערשטען מאָל אוועק. זי איז די גאַנצע צייט געוועזען אומגליקליך. זי האָט שרעקליך געבענקט נאָך אייך. איך האָב פיל מאָל געוואָלט פאָרען און ברענגען אייך צו איר. איך פלעג זי אימער צורעדען, אַז זי זאָל גיין צו אייך. איך האָב איר געוואָלט געבען א גט, נאָר זי האָט ניט געוואָלט. אָ, וויפיל זי האָט געליטען! זי פלעגט עס זוכען צו באַהאַלטען פון מיר, נאָר איך האָב עס געוואוסט. זי פלעגט אויפשטיין פון בעט אין מיטען נאַכט, דענקענדיג, אַז איך שלאָף, און פלעגט אַרומגיין איבער׳ן צימער און ברעכען די הענט, און שטרעקען די אָרימס צו אייך אין דער ווייטען. איך האָב ניט געקאָנט פאַרטראָגען ווי זי ליידט. איך בין געוועזען גרייט מיין לעבען אַוועקצוגעבען פאַר איר. אָ, איר ווייסט דאָך ווי מען האָט זי געקאָנט ליבען. איך גלויב, אַז זי האָט מיך ניט פאַרלאָזען דערפאַר ווייל זי האָט געוואוסט ווי שטאַרק איך האָב זי געליבט. אָבער זאָגט מיר, דענקט איר, אז זי האָט מיך אויך געליבט?"

ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

איך האָב דעם אָרימען, בראַווען יונג געדריקט צו מיין האַרצען ווי אַ ברודער. מיר איז איצט אַ סך קלערער געוואָרען די איידעלע נשמה פון צביה׳ן.

# מאנא ליזא

איך האָב געקענט ליזאַ'ן נאָך איידער איך האָב זי געזען. אַלע מיינע פריינט האָבען גערעדט פון איר פאַרליבט. זיי האָבען אין איר געפונען זייער אידעאַל. איך האָב זיי אויסגעהערט און געשמייכעלט.

נור אַט האָב איך זי געטראָפען, געשטאַנען א ווײלע אין איר נאָענטקייט, געלאָזען זיך פאַרפירען פון אירע קלוגע אויגען, פאַר'שכור'ען זיך מיט איר צויבערליכען שמייכעל, און איך האָב זי שוין מער ניט געקאָנט פאַרגעסען.

איר שיינקייט איז ניט געווען פון בלענדענדיגען, רייצענדיגען סאָרט. זי האָט ניט פאַרמאָגט ארום זיך קיין אַנדער פראַכט, א חוץ אירע שמעקעדיגע, שווארצע האָר, וואָס האָט זיך געקייקעלט ווי א רייכער פאַרמעגען איבער איר קליינעם קאָפּ. אַזוי איז אַלעס געווען ארום איר שטיל און באַשיידען, נור מיט א זעל־טענעם חן.

זי איז געווען העכער ווי פון מיטלען וואוקס, מיט א בויגיגער, גראַציעזער פיגור, מיט א קליינער, שטייפער ברוסט, מיט דעם אליוון־קאָליר פון אָריענטאַלישע פרויען אין איר הויט. אירע אויגען זיינען געווען שמאָלע און שווארצע, אירע באַקען־ביינער הויכע, און איר נאָז לענגליך, וואָס האָט געגעבען איר איידעלען פנים אן ענערגישען, ליידענשאַפטליכען אויסדרוק. איר מויל איז געווען קליין און געשמאַק, און ארום האָט אימער געוואַכט א מאַגנעטישער שמייכעל.

אַט פאַר דיזען שמייכעל האָבען זי אירע פריינט גערופען מאָנא ליזא.

דיזער וואָרימער, קלוגער שמייכעל, צוזאַמען מיט דעם שווארצען, שניידענדיגען שאַרף פון אירע שמאָלע אויגען, האָט פאַרשפּרייט א ליכט פון ראַפינירטער אינטעליגענץ אויף איר

לענגליכען פּנים און געגעבען אַ וואַרימען חן צו אַלע אירע געזיכטסציגען.

דיזער חן אירער איז געקומען ניט נאָר פון איר שמייכעל און ניט פון איר פּנים אליין. עס איז געווען אַ מאָדנער, געהיימ־ניספולער צויבער, וואָס איז גערונען פון איר גאַנצער פיגור, אַזאַ מאַגנעטישע קראַפט, וואָס האָט זיך געשפּרייט פון איר גאַנצען וועזען און געגעבען איר שמייכעל זיין פאַרפירערישע ליכט און אירע אויגען זייער כח. עס האָט געהאַט אין זיך אַ סך פון יענעם אָריענטאַלישען כשוף, וואָס ליגט שווערמעריש אויסגעגאָסען איבער די געטער פון אַזיע, ווי פאַרקרימט און פאַנטאַסטיש זיי מעגען ניט זיין.

אין וועלכער געזעלשאַפט ליזא האָט זיך ניט געפונען, איז זי געווען די צענטראַלע פיגור. צו איר האָבען זיך געצויגען אַלע־מענס בליקען און צו איר זיינען געגאַנגען אַלעמענס רייד. און זי האָט אויסגעהערט יעדען איינעם שטיל און באַשיידען, איר קליינער קאָפּ עטוואָס איינגעבויגען אויף אַ זייט, אירע לאַנגע, שיינע הענט אויפגעלייגט אין איר שויס, און יעדען געענטפערט מיט אַ שמייכעל — און דאָס איז געווען גענוג.

אָבער אין אמת׳ן האָט ליזא אַלעמען גענאַרט. יאָ, איר פּנים, אירע אויגען, די ליכט פון אינטעליגענץ, וואָס איז געלעגען אויף איר, האָט אונז פאַרפירט. עס איז געווען ניט אירע. עס איז ביי איר געווען אַ ירושה־זאַך. עס האָט באַלאַנגט צו איר ראַסע, צו איר משפּחה, צו איר דור — נור ניט צו איר אינדיווידועל. זי האָט געהאַט אירע אייגענע די געהירן פון אַ האָטענטאָט.

אפשר האָט די מאַסקע פון אינטעליגענץ געהערט צו איר פון געשלעכט, ווי אירע שיינע האָר, ווי אירע פיינע הענט, ווי איר צאַרטע הויט?

אַ ראַפינירטער, אינטעליגענטער אויסזען איז יעצט אַזוי נויטיג ווי אַ שיינע פיגור, ביי אַ געוויסען קלאַס; און אין דיזען קלאַס איז ליזא געבאָרען געוואָרען. אַ שיינער פרויען־קערפּער מיט דעם פאַרשטאַנד פון אַן עסקימאָס אויפ׳ן פּנים, — וואָס פאַר אַ שאַנסען האָט זי געהאַט צו געווינען?

אזוי איז ליזא געווען די יחסנ'טע, די אויסקלייבערין, די שטארק געזוכטע. אזוי האט זי חתונה געהאט, געהאט קינדער, געפירט א וועלט. מיט וואס?

צום לעבן דארף מען קיין פארשטאנד ניט האבן, נור געוויסע אינסטינקטען, און מיט דעם באזארגט די נאטור איר קלענסטען באשאף.

אימיטירען, נאכמאכען האט ליזא געקאנט אויס אינסטינקט. און דאס איז געווען גענוג. זי האט בלויז געדארפט געבארען ווע־רען אין אלטען יארהונדערט, אין א געוויסער געזעלשאפט, און דאס איבעריגע האט פאר איר דער כלל געזארגט. זי איז געווען א שיינער שפיגעל אין א רייכען זאל.

ליזא האט געטראגען שיינע קליידער, איז געגאנגען אין אפערא, אין טעאטער, צו קאנצערטען. זי האט געפונען אלעס פאר־טיג פאר איר, אפילו א מיינונג. זי האט אליין ניט אויסגעקליבען. זי האט בלויז נאכגעטאן די מיידלאך פון איר קרייז.

זי האט אפילו ניט געהאט קיין פארשטאנד צו קאקעטירען. ווען איך האב זי געקענט פון וויטען, איז דאס מיר געווען געפעלען. זי איז געווען אזוי איינפאך, אזוי נאטירליך, ווי עס פאסט פאר אזא אידעאליסטישער פריילען.

אבער שפעטער האב איך אויסגעפונען, אז אין דעם טוט זי אויך נאך די מיידלאך פון איר קרייז.

אויסגעפונען האב איך עס, ווען איך אליין האב איר אויס־געלערענט עטליכע קאקעטישע שטיק, און גלייך האט זי גענומען באנוצען דאס געגען מיר אליין.

פאסירט האט דאס אזוי: איינמאל, ארייגקומענדיג אין איר צימער, האב איך זי געטראפען מיט אירע פראכטפולע האר ארומגעשאטען ארום זיך. איך בין געווען אנטציקט פון דער מאד־נער רייצענדיגער שיינקייט, וואס דאס האט געגעבען איר פנים, און איך האב זיך ניט געקאנט איינהאלטען צו באמערקען איר וועגען דעם.

דעם צווייטען מאל האב איך זי ווידער געטראפען מיט אירע האר צעשאטען. איך האב געטראכט, אז דאס איז א צופאל. אבער

צום דריטען מאָל, אריינקומענדיג אין איר צימער, האָב איך געכאפּט ווי זי צעוואָרפט אירע האָר פאר מיר. עס האָט מיר געוואָלדיג הנאה געטאָן, וואָס זי וויל מיר געפעלען. אָבער ווי אומפארשעמט!

שפּעטער אמאָל האָב איך אויף איר טישעל געפונען א קליינע סטאַטוע פון וועגוס, די נאַקעטע געטין פון ליבע. א פריינט ליזא'ס האָט עס איר צוגעשיקט. שפּילענדיג זיך מיט דער סטאַטועטקע, האָב איך באַוואונדערט די שיינקייט פון די געטליכע גלידער.

ווי איבעררואשט בין איך געוואָרען צו געפינען, ביי מיין נעקסטען באזוך, ליזא'ן אויסגעצויגען אויף איר בעטעל, אין א לייזער, ברייטער קימאָנא, מיט אַן אָפּגעדעקטען האלז און בוזים, מיט נאַקעטע פיס און ארימס, אירע שמעקעדיגע האָר צעשאָטען ארום זיך.

איך האָב איר אין מיין הארצען געדאנקט פאר דעם נארישען, קליינעם תירוץ, וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאר מיר: איר טוט וויי דער קאָפּ און זי איז מיד פון דער ארבייט, האָט זי זיך געלייגט אָפּרוען.

זייט יענעם אָוועגט האָב איך זיך אָפט געכאַפּט מיט זינדיגע מחשבות וועגען איר. איך האָב געזען, אז איך האָב א צוטריט צו איר ליבע.

איך בין געווען נאָך צו ערליך, צו נאַאיוו, און צופיל טייער האָב איך געהאלטען מיין זעלבסטווירדע, אז איך זאָל זיך ערלויבען צו ווערען איר געליבטער און האָבען מיט איר נאָענטע פארבינדונגען. צו ווייניג האָב איך געקענט פרויען, און צו ווייניג האָב איך געקענט זיך אליין, און צופיל איז מיין קאָפּ געווען פארנומען מיט יוגענדליכע טרוימען, אז איך זאָל זי טיף אין הארצען ניט פאראכטען. ווי ווייט, ווי ווייט זי איז געווען פון מיין אידעאל!

אָבער ליזא האָט זיך אריינגעכאפּט אין מיין יונגען בלוט.

אין דער צווישען־צייט פון מיינע באזוכען ביי איר, האָב איך געפירט א שטרענגען חשבון מיט זיך און מיט איר. ווי נור אָבער עס פלעגט קומען דער אָוועגט, וואָס איז געווען באשטימט פאר

מיינע וויזיטען ביי ליזא'ן, האָב איך אָן אלעם פארגעסען און בין געלאָפען צו איר אן אויפגעשטורעמטער. לעבען איר האָב איך געטראכט, אז מיין לייד און נשמה־מאטערניש איז א נארישקייט.

דערנאָך פלעג איך ארומגיין טעג אן אומגליקליכער.

וואו איז איר געפיל פון שאנדע? וואו איז איר איינגעבאָרענע צניעות? וואו זיינען אירע איינגעוואָרצעלטע מידות פון אנשטענדיגקייט? זי קומט דאָך פון א הויז פון פרומע אידען; האָט מען דאָך פון קינדווייז אויף זי געלערענט פארזיכטיג צו פארדעקען און צו פארבאָרגען איר נאַקעטקייט פון דער אויג פון א מאַן?

איך בין געוועזן איבערראַשט, ווי גרינג זי האָט פון זיך אראָפגעוואָרפען די מאסקע פון אָנשטענדיגקייט. זי האָט זיך ניט געפונען א סעקונדע פארלעגען.

שוין דאַן האָב איך גענומען פאַרדעכטיגען, אַז איר פעלט דער עטישער אינסטינקט. זי איז געווען מאָראליש בלינד. זי האָט ניט געהאַט קיין חוש פאַר זינד, ווי זי האָט ניט געהאַט קיין פאַר־שטאַנד פאַר שכל'דיגע זאכען. עס איז ארויסגעפאַלען פון פורים, ווען איר נאַטור האָט זיך געהאַלטען אין פאָרמירען. אירע עלטע־רען האָבען עס איר ניט געגעבען בירושה, ווי זיי האָבען דאָס גע־קראָגען פון זייערע עלטערען פון פריערדיגע דורות.

וואָס עס האָט מיך אָבער אם שטאַרקסטען איבערראַשט איז געווען דאָס, וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין שטאַרקע ליידענ־שאפטען. ווען זי וואָלט מיך געפרעגט, ווען איך בין געווען לעבען איר, וואָלט איך איר געשוואָרען, אַז זי איז די וואונדערליכסטע מיידעל אויף דער וועלט, אַז איך ליב זי אָן אן ענד, און איך וואָלט מיין שבועה אליין געגלויבט. מיינע ליידענשאפטען פלעגען מיך אוועקטראָגען צו אן עקסטאַז. איך האָב פאַרגעסען און פאַר־געבען אלע אירע חסרונות.

זי האָט צוגענומען קאלט און אומפאר'שכור'ט מיינע הייסעסטע קושען.

אָ, ווי איך האָב זי געהאסט דאריבער!

איך פלעג קומען צו איר מיט אָנגעטרוימטער צערטליכקייט,

מיט ראָמאַנטישע אילוזיעס, און אוועקגיין צוריק א פאַרשעמטער, אַ באַליידיגטער. זי האָט ניט געוואוסט ווי צו שוינען די איידעלסטע אין מיין נשמה.

איך פלעג קומען מיט דעם שטורעם און דראַנג פון יוגענד אין מיין בלוט, וואַרפען הייסע לאַווע פון ליידענשאַפטליכער ליבע צו אירע פיס, און זי פלעגט מיט א נאַרישער באַנעמונג ווייזען מיר, ווי ניט פּאַראינטערעסירט זי איז. ווען איך בין געווען אימ־פּולסיוו און צודרענגלאַך, האָט זי מיר קוים פאַרטראָגען. איך פלעג־זען, אַז איך בין אַ לאַסט אויף איר. דאָס האָט מיך געמוטשעט ביז'ן טויט.

פון אָנפאַנג בין איך געווען איבערזיכטיג אויף איר איבער דעם. זי ליבט מיך ניט, זי וואַרפט זיך אונטער צו מיין ליבע דורך נאַרישע קאַפּריזען. אפשר האָט זי שוין געהאַט אַ סך גע־ליבטע ווי איך? אַזוי פּאַסיוו האָט נאָר געקאָנט זיין די אויסגע־לאַסענע פרוי אין די אָרעמס פון איר לעצטען געליבטען.

אָבער פון דעם האָב איך לאַנג ניט געקאָנט טראַכטען. מאַנכע קליינינקייטען האָבען מיך איבערצייגט אין ליזא'ס אונשולד.

ניין, ליזא'ס גאַנצער נערוועץ אַפּאַראַט איז געווען טעמפּ.

---

איינמאָל, אַריינקומענדיג צו ליזא'ן, האָב איך אין איר צימער געטראָפען אַן אומבאַקאַנטען יונגענמאַן. ליזא האָט אים פאַר מיר פאַרגעשטעלט:

מר. לעווין, איר חתן.

נו, איצט איז שוין אַלעס אויס צווישען אונז, האָב איך געטראַכט, און אין הארצען האָב איך זיך געפרייט, וואָס איך בין אויף אַזאַ אופן אָפּגעריסען געוואָרען פון ליזא'ן. פרייוויליג אוועק־גיין האָב איך ניט געקאָנט.

עס איז ניט אוועק קיין לאַנגע צייט, באַגעגען איך ליזא'ן צופעליג אין גאַס. איך האָב זי העפליך באַגריסט און געוואָלט ווייטער גיין, נאָר זי האָט מיך פאַרהאַלטען. זי האָט גאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָרום איך האָב אויפגעהערט צו קומען צו

איר. בין איך איבערזיכטיג אויף איר חתן? איך מוז זי באַ־גלייטען אהיים.

איך האָב זי באַגלייט אהיים. און פון יענעם אָוונט בין איך ווידער געוואָרען אַן אָפטער איינגייער אין איר צימער, כאָטש איצט אַ געהיימער.

מיט איר חתן האָב איך זיך נאָכדעם נאָענט באַקאַנט. ער האָט שטודירט אין קאָלאָמביאַ פאַר מינען־אינזשענער, און איך האָב דאָרט דאַן געשטודירט פילאָזאָפיע. פלעגען מיר זיך באַגע־גענען און שמועסען. ער איז געווען אַן אַמביציעזער, פעהיגער יונגער מענש. ער האָט געאַרבייט אויף ענטדעקונגען און זיך אַרומגעטראָגען מיט גרויסע פלענער פאַר זיין צוקונפטיגער קאַריערע.

איך פלעג זיך צוהערען צו זיינע ענטוזיאַסטישע געשפּרעכען, און אימער האָט מיין אויג געזוכט זיין פּנים: וואָס ווייס ער פון ליזאַ'ן? קיין באַשטימטען ענטפער האָב איך קיינמאָל ניט גע־קאָנט געפינען. ער פלעגט אויסמיידען צו ריידען פון זיין כלה.

פלוצלונג דערציילט מיר ליזאַ, אַז איר חתן איז אַוועקגע־פאָרען אין פּאַלעסטינאַ. ער איז געוואָרען אַזאַ באַגייסטערטער ציוניסט, אַז ער האָט געוואָרפען זיין לערנען, זיין וויסענשאַפט, זיינע פלענער, און איז אַוועק אין ארץ ישראל היטען די אידישע וויינגערטנער.

און זי? זי וויל ניט פאָרען אין דער ווילדער אַראַבער־לאַנד. זי פאָרט בעסער צוריק אין רוסלאַנד.

פאָרען צוריק אין רוסלאַנד איז געווען מיין פּלאַן. איך האָב שוין לאַנג גערעדט פון דעם מיט ליזאַ'ן. נו, אַלזאָ, פאָרט זי איצ־טער מיט מיר.

איך האָב אַלץ געמאַכט פלענער, אָפּגעלייגט פון מאָנאַט צו מאָנאַט, ביז איין טאָג האָב איך זיך אויפגעהויבען און אַוועק־געפאָרען.

ליזאַ איז געבליבען אין ניו יאָרק.

אין רוסלאַנד האָב איך זיך געזאַמט אַכט מאָנאַט. ווען איך

בין געקומען צוריק, האָב איך געהערט, אַז ליזאַ איז שוין ווידער אַמאָל אַ כלה. איצטער האָט זי געקראָגן אַ דאָקטאָר.

עס האָט ניט גענומען לאַנג, און איך האָב ליזאַ'ן מיט איר נייעם חתן געטראָפּען ביי מיינע באַקאַנטע. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרען צו געפינען, אַז ליזאַ'ס איצטיגער חתן איז איינער פון מיינע בעסטע פריינט, זילבערמאַן!

זילבערמאַן איז געווען מיין יוגענטפריינט און שול־קאַמעראַד פון דערהיים. איצט האָבען מיר זיך זעלטען געטראָפען, אָבער אימער מיט אויפריכטיגער חבר'שאַפט.

און איצט איז ער ליזאַ'ס חתן!

איך בין ניט געווען אייפערזיכטיג אויף אים. איך בין געווען נאָר אומרואיג איבער זיין שיקזאַל. אין זיינע אויגען האָב איך געכאַפּט פונקען פון ליבעס־וואַנזין.

ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר זעקס און צוואַנציג, פון מיטעלער וואוקס, אַ דאַרער, אַ שוואַרצליכער, עלעגאַנט אין זיינע קליידער און זויבער אין זיינע גאַנגען, מיט אַ חנ'עוודיגער, יונג־בחור'שער שעמעדיגקייט אויף זיין ריין־געראַזירטען פּנים. ער האָט שוין צוויי יאָר געפּראַקטיצירט מעדיצין און געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג ביי יונג־פאַרהייראַטע ווייבלעך פאַר זיין שעמעדינקייט און צוריקגעהאַלטענקייט. זיינע שיינע פּאַציענטקעס האָבען געקאָנט קאָקעטירען מיט אים און ניט פאַרסמאַליען זייער ערליכקייט, און זיי זיינען אים געווען דאַנקבאַר פאַר זייער ריינעם געוויסען, און געשיקט צו אים זייערע חבר'טעס.

איך האָב יעצט ניט געקענט זיין אינטימען לעבען, נאָר איך בין געווען זיכער, אַז ער איז געבליבען דער־זעלבער אומשולדיגער יונגערמאַן וואָס ער איז געווען, ווען איך האָב אים מיט דרייצען יאָר צוריק איבערגעלאָזען אין אונזער היים, אַ קליין שטעטעל אין פּוילען.

און איצט? וואָס וועט ליזאַ מאַכען פון אים? ווען זי האָט שטילערהייט מיך איינגעלאַדען אַרויפצוקומען צו איר, האָב איך איר ענטשידען ענטזאָגט.

דאָך האָט מיך מיין געוויסען געפּלאָגט, אפשר האָב איך

אים געדארפט דערציילען, וואס פאר א סארט מיידעל ליזא איז?

אבער איך האב דאס ניט געטאן. דאנקבארקייט צו ליזא׳ן האט מיך אפגעהאלטען.

און וואס ווייס איך איבערהויפט פון די פארפלאנטערטע וועגען און אויסוועגען פון לעבען? — האב איך געטראכט. ווער קאן וויסען, וואו איינער קאן געפינען זיין גליק? נאך אלעמען איז זי דאך א וואונדער־שיינע מיידעל, ליזא. און דער וואס האט א חוש פאר איר באזונדערען חן, קאן רייך באלוינט ווערען פאר זיין ליבע. ווער ווייס וויפיל פרייד זילבערמאן וועט געפינען אין ליזא׳ן?

און טאמער וועט ער דארפען צאלען — נו, און פאר וועלכען גענוס צאלען מיר ניט?

איך האב ליזא׳ן געזען מיט צו קלארע אויגען. ליזא דארף האבען בלינדע ליבע, און זילבערמאן איז פון דער נאטור א מענש מיט א שטארקער איינבילדונג, געניוגט צו אלערליי זעלבסט־נארעריי און ראמאנטיק, — אפשר וועט ליזא זיין די אייביגע איר־ליכט, דער טאנצענדיגער פייערל, וואס וועט אים תמיד ווינ־קען און פארפירען?

אט מיט אזעלכע געדאנקען האב איך געזוכט צו בארואיגען מיין געוויסען, און מיין פריינט גארנישט דערציילט.

אין גאנצען רואיג בין איך אבער ניט געבליבען. איך האב געפילט, אז אין מיר איז דא א באהאלטענער מאטיוו וואס לאזט מיך ניט צו צו ריידען שלעכטס אויף ליזא׳ן, און איך האב זיך געשעמט צו קוקען זילבערמאנ׳ען אין די אויגען. אזוי האט עס אנגעהאלטען ביז ליזא האט זיך גענומען גרייטען צו איר חתונה.

דאן איז מיר איינגעפאלען א משוגענער געדאנק צו פרובירען ליזא׳ן. איז זי געטריי איר חתן? אויב יע, וועל איך אלעס פאר־געסען. אויב אבער ניט, אויב זי וועט אים אין דער לעצטער מינוט באטריגען, טא זאל ער אלעס וויסען, איידער ער מאכט זיין לעצטען שריט.

איצטער פארשטיי איך, וואס עס האט מיך דאן געטריבען צו אזעלכע עקספערימענטען. דאן אבער האב איך זיך געלאזען

פאנגען אין נעץ פון זעלבסטנארעריי און זיך איינגעשמועסט, אז איך גיי טאָן אַ נאָבעלע טאַט.

מיר בענקען דאָך אַלע נאָך נאָבעלע טאַטען!

איך האָב עס נאַטירליך ניט געטאָרט טאָן, ווייל איך האָב דאָך גוט געקענט ליזא'ס נאַטור. (און אפשר דערפאר וואָס איך האָב געקענט ליזא'ס נאַטור האָב איך דאָס געטאָן?)

איך בין אוועק צו ליזא'ן. און איינמאָל בין איך געווען לעבען איר, בין איך שוין ווידער אריינגעצויגען געוואָרען אין איר כשוף, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען צווישען אונז די אַלטע פארהעלטניסען.

און דאַן בין איך געקומען צו זילבערמאַן'ען און אים אַלעס דערציילט.

ביז איצט קאָן איך זיך ניט דערקלערען, וואו איז דאַן אהינ־געקומען מיין קלאָרער פארשטאַנד און וואו איז געווען מיין פאַר־זיכט? וואו איז געווען מיין ערליך הארץ?

צוליב וואָס האָב איך געדארפט הערציילען זילבערמאַנ'ען פון ליזא'ס פאַלשקייט?

איך האָב דאָך געדארפט פארשטיין, אז עס איז שוין צו שפעט: זילבערמאַן האָט ליזא'ן וואַנזיניג געליבט, טו וואָס פאַר אַ טובה האָב איך אים געטאָן, וואָס איך האָב אים געמאַכט אייפערזיכטיג?

איך האָב געוואוסט, אז איך טו אים קיין טובה ניט!

בין איך געווען אייפערזיכטיג אויף אים און געוואָלט ער זאָל איבערלאָזען ליזא'ן פאַר מיר אַליין? האָב איך דאָך געדארפט מורא האָבען אז איך וועל ליזא'ן פאַר מיין אונדאַנקבאַרקייט אין גאַנצען פארלירען?

איך האָב טאַקע מורא געהאַט דערפאַר.

טאָ ווארום האָב איך זילבערמאַנ'ען דערציילט?

עס איז געווען אויס נקמה. איך האָב געוואָלט נקמה נעמען פון זיך אַליין, פארוואָס איך האָב זיך געבאַפט ביי גאַנץ געמיינע, נידערטרעכטיגע האַנדלונגען. איך האָב געוואָלט נקמה נעמען פון זילבערמאַן'ען, פארוואָס ער האָט געליבט ליזא'ן מיט אַזאַ ליבע,

װעלכע איך האָב ניט פאַרמאָגט, און איך האָב געװאָלט נקמה נעמען פון ליזאַ'ן, פאַרװאָס איך האָב זי ניט געקאָנט ליבען ערליך, און פאַרװאָס זי האָט מיך ניט פאַרשטאַנען פון זיך פאַר מיין שװאַכקײט, און פאַרװאָס זי האָט מיך געליבט (אױף איר אײגע־נעם שטײגער).

און אפשר איז עס גאָר געװען אַזאַ ליבעס־געפיל, װאָס עס האָט מיך געטריבען אין קאַמף מיט זילבערמאַן'ען? איך האָב דאָך ניט געקאָנט באַנוצען קײן שטעקען.

װאָס פאַר אַ געננוס עס איז געװען צו צוברעכען זילבערמאַן'ען און טריאומפירען איבער זײן ליבע!

מיר האַכט, אַז ליזאַ איז מיר אַלײן געװאָרען מער אינטים, מער אײגען דורך דעם, כאָטש איך האָב געטראַכט אַז איך האָב זי שױן אױף אײביג פאַרלאָרען.

װען זילבערמאַן האָט מיך אױסגעהערט, האָט ער זיך גע־װאָרפען אױף מײן האַלז און מיך געקושט. אַזױ דאַנקבאַר איז ער מיר געװען, דער נאַרישער יונג. איך האָב צו זיך אַלײן גע־שמײכעלט. פון דעסטװעגען בין איך געװען גערירט פון זײן דאַנקבאַרקײט.

איך האָב אָבער פון אָנפאַנג ניט געקאָנט פאַרשטײן, פאַר־װאָס ער האָט זיך אַזױ שטאַרק געפרײט מיט מײנע ענטדעקונגען. האָט ער ליזאַ'ן ניט געליבט? ער איז גאָר אַ לעבעדיגער געװאָרען. װאָס מער איך האָב ליזאַ'ן דערנידעריגט און באַלײדיגט, אַלץ העלער און ליכטיגער איז געװאָרען זײן פנים.

איך האָב געטראַכט, אַז אפשר איז ער גאָר אַראָפּ פון זינען. דאָס טרעפט.

װאָרום זאָגט ער גאָרנישט? װאָרום רעדט ער נישט?

אַ דערלײכטערטער איז ער גלײך אַװעקגעלאָפען פון מיר.

אַ פאָר שטונדען שפּעטער איז ער געקומען צוריק. עס איז שױן געװען שפּעט נאָך מיטען נאַכט. איך בין שױן לאַנג אין בעט געלעגען, כאָטש שלאָפען האָב איך ניט געקאָנט. פּלוצלונג איז ער אַרײנגעפאַלען אין מײן צימער. איך האָב זיך געשראָקען פאַר

אים און נערוועז געהיט זיינע הענט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער טראָגט ערגעץ אַרום זיך פאַרבאָרגענע וואָפען.

עס איז געווען אַן אומזיסטע שרעק, נאַטירליך. דעם יונג איז דאָס קיינמאָל ניט איינגעפאַלען. טאָ וואָרום איז ער געקומען צו מיר? וואָרום שווייגט ער? געקומען צוגיין, שפּאַצירט ער אַרום הין און צוריק מיט ראַשיגע טריט, און שווייגט.

ער איז ערשט אַוועק אויף מאָרגען אין דערפרי, אַ שווייגעדיגער. איך האָב אים גאָרנישט געפרעגט און ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, און וואָס ווייטער איז דער שווייגען צווישען אונז געוואָרען אַלץ איינגעשפּאַרטער, ביז איך בין איינגעשלאָפען.

פאַרנאַכט איז ער ווידער געקומען און געבעטען מיך, אַז איך זאָל מיט אים גיין שפּאַצירען. ער איז געווען אַביסעל פרייליכער און צום סוף איז ער געוואָרען זייער לוסטיג. ער האָט אַלע ווילע געלאַכט און מיר דערציילט אַנעקדאָטען. ער האָט מיך געהאַלטען אונטער'ן האַנט און מיך באַהאַנדעלט ווי זיינע אַן עלטערע מומע. דאַן איז אים מיאוס געוואָרען דער שפּאַציר, און ער האָט מיך געבעטען, אַז מיר זאָלען זיך אומקערען צו מיין קוואַרטיר. אין מיין צימער האָט ער געטרונקען אַ סך טיי און אַ סך געפּלוידערט. פון ליזא'ן האָט ער אַ וואָרט ניט דערמאָנט. פאַר'ן אַוועקגיין נור, שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער מיך געפרעגט צי איך ווייס אַז ער איז געוואָרען נאָר אַ נייער מענש, זינט איך האָב אים באַפרייט פון ליזא'ן. ער האָט איצטער געקאָנט קוקען אויף זיך צוריק ווי אויף אַ מענשען. ער האָט געפונען זיין זעלבסטווירדע. וואָס האָט ליזא ניט געמאַכט פון אים?

איצטער, נאַטירליך, איז שוין אַלעס אוים צווישען זיי, און איך וועל אים מעגען אָנשפּייען אַ פולען פּנים, אויב ער וועט נאָר אַ קוק טאָן אין איר זייט!

איך האָב זיך געשראָקען פאַר זיין רואיגקייט, און אַז ער איז צו מיר ניט געקומען פאַר אַפּאָר טעג, בין איך געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגען אים.

און פינף טעג אַרום איז ער געקומען. ער איז געווען בלאַס און בלוטלאָז, ניט ראַזירט, אונטער די אויגען שוואַרצע רעדער,

און די קליידער זיינען געהאנגען אויף אים ווי שמאטעס. זיין פנים איז געווען אויסגעלאשען, בלויז זיין שמייכעל האט נאך גע־האט אין זיך עטוואס לעבען.

ער האט אפט געשמייכעלט און מיר פארזיכערט אז ער האט צו מיר דעם גרעסטען צוטרויען. יעדער איינער, האט ער גע־טענה'ט מיט מיר, האט א רעכט צו האנדלען ווי זיין געוויסען דיקטירט אים, און ער דארף ניט אפגעבען קיין רעכנונג קיינעם. ער גלויבט סיי־ווי־סיי, אז איך האב אלעס געטאן פון זיין טובה וועגען. נור אויב איך ווי ל, טו וואלט ער מיר זייער דאנקבאר געווען, ווען איך וואלט אים דערציילט וואס פאר א מאטיוו איך האב געהאט אנצוגעבען זיך פאר ליזא'ס פארהפירער, ווען אין אמת'ן איז דאס גאר געווען שאפירא.

שאפירא?

יא, שאפירא. אבער דאס קימערט אים ניט. אים איז בלויז אינטערעסאנט צו וויסען, פסיכאלאגיש אינטערעסאנט צו וויסען, פארוואס איך האב גענומען אויף זיך אן אנדערענס שולד.

ער איז געווען ביי ליזא'ן. ער איז געגאנגען בלויז אויס נייגע־ריגקייט. ער האט געוואלט זען וואס זי וועט זאגען, ווי וועט זי זיך לייקענען. עס איז דאך אינטערעסאנט.

ליזא האט ניט געלייקענט. פארקערט, זי האט אויפגעעפענט פאר אים איר הארץ, ווי ער וואלט געווען איר אייגענער פאטער. זי האט אים אלעס דערציילט, פון אנפאנג ביז'ן סוף. עס האט נאטירליך ניט געפעלט קיין טרערען, און ער האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און זי געשניטען ביז'ן אריין. אבער זי האט ניט פרובירט פראטעסטירען. זי האט מיט אווארט זיך ניט ענט־שולדיגט. זי ווייס אז פאר איר איז ניטא קיין פארגעבען.

אבער איצטער איז זי גליקליך. ער מעג מיט איר טאן וואס ער וויל, אבער זי איז גליקליך וואס עס איז שוין מער ניטא קיין סודות צווישען זיי, אזוי האט זי אליין געזאגט. זי האט דאס שוין לאנג געוואלט אליין טאן, קומען, איין מאל פאר אלע מאל, און דערציילען אים אלץ; נור זי איז א שוועכלינג, א פיגלינג, זי האט מורא געהאט. איצטער איז זי גליקליך.

אָבער די גאַנצע געשיכטע קימערט אים סיי־ווי־סיי ניט. אַלץ איינס. זי האָט זיך געמעגט לייקענען. ער זעט אָבער ניט איין וואָרום האָט עס געפּאַסט פאַר מיר אָנצוגעבען זיך פאַר ליזא׳ס פאַרפירער? —

אויסגעהערט אים, בין איך געווען דערשטוינט. וואָרום האָט מיך ליזא פאַרלייקענט? און וואָרום האָט זי גראָדע דערמאָנט שאַפּיראָ׳ן?

שאַפּירא איז געווען מיינער אַ פריינט. כאַ־כאַ! שאַפּירא גאָר!.. וואָרום עפּעס שאַפּירא?.. אַזאַ מין גאַרנישט!.. אַזאַ טויגעניכץ!.. אַזאַ מיאוסקייט!.. גאָר שאַפּירא?

„הער נור, זילבערמאַן" — האָב איך זיך געווענדעט צו אים. „זאָג מיר, איך בעט דיר, וואָס איז דאָס דיר דער אונטערשייד?"

ער האָט זיך פּלוצלונג אָנגעצונדען: „מיר איז דאָס שוין גאָר אַן אונטערשייד!.. איך וויל וויסען וואָס פאַר אַ לומפּיגע אבזיכטען דו האָסט געהאַט דערביי!.."

אַ־האַ!

איך האָב געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זיך געמאַכט, אַז איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין מיט וואָס אים וואָלט געווען בעסער, ווען שאַפּיראָ וואָלט געווען אויף מיין אָרט. זיין ביטערער מיסטרויען האָט מיר ניט געאַרט, פאַר אים איז געווען בעסער אַזוי: עס האָט אָפּגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַ צווייטען פּונקט, און אַזוי לייכטער געמאַכט זיין שמערץ. האָט דאָס ליזא געוואָלט? עפּעס האָט זיך דאָס מיר ניט געלאָזט גלויבען. וואו האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ פאַרשטאַנד?

אָבער וואָס אַנדערש האָט זי געהאַט אין זינען?

„מיט וואָס איז ליזא ביי דיר איצט מער באַגלויבט ווי איך?" — האָב איך צו אים גע׳טענה׳ט. „ביז איצט האָט זי דיך באַטראָגען, און איצטער —"

„אָבער ליזא האָט מיך איבערציינגט!"

„איבערציינגט?.. מיט וואָס?.."

„זי האָט מיר געוויזען שאַפּיראָ׳ס בריוו!"

„אָ, — אויב אזוי בין איך געווען ביי איר ניט דער איינ־ציגער !..“

די ווירקונג פון מיינע לעצטע ווערטער אויף אים, אויף זיל־בערמאנ׳ען, איז געווען א שרעקליכע. ער איז ווי צוזאמענגע־בראָכען. ער האָט פארלאָזען מיין צימער ווי א שאָטען.

מיר האָט שוין נאָכדעם פארדראָסען וואָס די ווערטער האָבען זיך ארויסגעכאפט פון מיין מויל. עס איז פיליכט געווען אן איבעראיילטער געדאנק. ליזא האָט טאקע געמעגט האָבען ליבעם בריוו פון שאפירא׳ן. פון וועמען האָט זי דען ניט געהאט קיין בריוו? אלע יונגע מענער פון איר קרייז זיינען געווען פארליבט אין איר און אין געהיים געזוכט איר ליבע. שאפירא האָט געהאט א פרוי מיט צוויי קינדער, פון דעסטוועגען האָט עס מיר ניט איבערראשט וואָס ער האָט געשריבען צו איר ליבעס בריוו.

אָבער צי איז ליזא געווען טאקע זיין געליבטע?

וואָס פאר א בייזען גייסט מיינע ווערטער האָבען ארויסגע־רופען. דער געשפענסט פון שאפירא׳ן האָט יעצט מיך אליין ניט אָפּגעלאָזען, און מיך געמוטשעט ניט ווייניגער ווי זילבערמאן׳ען. איך בין איצטער געווען אויפערזיכטיג אויף שאפירא׳ן.

שאפירא וואָלט געווען דער לעצטער מיט וועמען איך וואָלט ליזא׳ן פארדעכטיג. ער איז געווען א קליינער,מיאוס׳ער מענשעל, מיט א פליכעוואטען, געלען קאָפּ, מיט א פולען, שפּיציגען בויך, מיט שיטערע, שמוציגע ציין, אומגעלומפּערט און אָפּגעלאָזען אין זיינע גאנגען, און אין גאנצען אפּשטויסיג. די איינציגע מעלה זיינע איז געווען אן אומדערשעפליכע מונטערקייט. ער האָט אלעמען אונטערהאלטען מיט זיינע וויצען און פלאפלעריי. ער האָט גע־וואָלט מאכען דעם איינדרוק פאר א קלוגען. אין אמת׳ן איז ער אָבער געווען אן אויבערפלעכליכער, טומעלדיגער קלאון.

אָבער ליזא האָט ניט געקאָנט אונטערשיידען!

ווי שטארק איך האָב ליזא׳ן ניט פאראכטעט, בין איך אָבער ביי זיך געווען שטאָלץ מיט דער מיט וואָס ליזא האָט מיך אויס־געקליבען פאר איר געליבטען. ליזא איז דאָך פריער פאר אלץ געווען א פרוי. ליזא איז דורכאויס געווען א פרוי, און קיין אנדער

זאך ניט. האָט עפּעס אין מיר שטארק טריאומפירט, וואָס ליזא האָט מיט מיר אָפּגענאַרט אירע חתנים און אירע פריינט.

האָט ליזא אין מיר געוואָלט איצט פארניכטען דאָס לעצטע ביסעל שטאָלץ? האָט זי מיך געוואָלט דורכשלעפּען דורך א נייעם זומפּ? האָב איך נאָך וועניג באַצאָלט פאַר מיינע ליידענ־שאַפטען צו איר?

אך, גאָט מיינער, אפשר האָב איך טאַקע ליזאַ'ן ליב געהאַט?

איצטער האָב איך געפילט א ברענונג אין מיינע ביינער, אין מיין מח.

אויף ליזא'ס חתנים בין איך ניט געווען אזוי אויפּערזיכטיג ווי אויף שאַפּיראַ'ן.

איך בין אוועקגעלאָפען צו שאַפּיראַ'ן, און הינטער אַרום, דורך זייטיגע וועגען האָב איך אים געגומען אויספרעגען וועגען זיינע פארהעלטניסען מיט ליזאַ'ן. איז ליזא טאַקע געווען זיין געליבטע?

שאַפּיראַ האָט זיך ניט באַהאַלטען פון מיר. ער וואָלט דאָס מיר קיין מאָל ניט דערציילט, האָט ער געזאָגט, ווייל ער האָט געהערט קלאַנגען, אז איך בין ליזא'ס חתן. נאָר איצטער, אז ליזא גייט חתונה האָבען מיט זילבערמאַנ'ען, מעג ער מיר אויסזאָגען דעם אמת, אז מיר זאָל ניט פארדריסען וואָס איך פארליר זי. זאָל מיר ניט פארדריסען! ער בעט ביי מיר נור אז איך זאָל האַלטען מויל, ווייל נאָך אַלעמען וויל ער ליזאַ'ן קיין שאַדען ניט טאָן.

כאַ־כאַ־כאַ!

יאָ, אָט דאָס איז ליזא.

זילבערמאַנ'ען האָב איך ניט געזען פאַר צוויי וואָכען צייט. ער האָט זיך באַהאַלטען פון מיר. איך האָב אים געזוכט און ניט געקאָנט געפינען.

איין מאָל א פרימאָרגען איז ער געקומען. ער איז געקומען מיר בעטען פארצייאונג. ער האָט געהאַנדעלט גראָב און געמיין געגען מיר. פאַר מיין טיפער, איבערגעבענער פריינטשאַפט האָט ער מיר געצאָלט מיט מיסטרויען און באַליידיגונגען. ער איז זיך מודה, אז ער האָט מיך חושד געווען אין לומפּעריי. ער האָט גע־

טראַכט אַז אפשר ווייל איך ליזא׳ן צונעמען ביי אים. איך מוז אים אָבער אַלעס פאַרגעבען, ווייל איך דאַרף פאַרשטיין זיין לאַגע.

אָבער איצטער ווייס ער וואָרום איך האָב אַלעס גענומען אויף זיך: שיצען שאַפּיראַ׳ן.

אמת, שאַפּיראַ איז אַ לומפּ, און פון מיר וואָלט געווען שענער, נאָך זיין מיינונג נאָך, אַז איך וואָלט אים ניט געשיצט. דאָך קאָן ער מיר פאַרצייען מיין פאַרזיכט, ווייל שאַפּיראַ האָט אַ פרוי מיט קינדער. ער, זילבערמאַן, איז אפילו ניט אַזאַ היץ קאָפּ ווי איך האָב געקאָנט מיינען, און קיין סקאַנדאַלען וואָלט ער סיי־ווי־סיי ניט געמאַכט, אָבער פאַרדעכטיגען האָב איך געמעגט. און אויב איך האָב געפונען פאַר נויטיג צו נעמען אויף זיך די שולד, האָט ער גאָר ניט דאַגעגען.

וואָס ער קאָן נור ניט פאַרשטיין, און וואָס ער קאָן מיר קיינמאָל ניט פאַרצייען, איז אַ געוויסען וואָרט וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט פון מיין מויל, אַ געוויסע פאָר ווערטער. איך האָב דאָס קיין מאָל ניט געטאָרט!

ליזא איז ניט קיין הייליגע. ווייט דערפון! אָבער אַזוי פאַר־דאָרבען איז זי דאָך ניט. אַ מיידעל קאָן אַמאָל באַגיין אַ נאַריש־קייט, איבערהויפּט אַ מיידעל פון אַ געוויסער געזעלשאַפט, וואו פאַרברעכערישע אידייען פון פרייע ליבע הענגען שטענדיג אין דער לופטען. צו זינדיגען אין געהיים ווערט, היינטיגע צייטען, אַ מין סאָרט אידעאַל ביי אַ געוויסען קלאַס מיידלאַך, אַ מין דער־קלערונג פון זעלבסטשטענדיגקייט, אַ פּראָבע פאַר׳ן פרייען גייסט, וועלכער מוז אַלעס וואַגען.

ער געדענקט נאָך גאַנץ גוט, ווען ער איז געווען אַ אינגעל, ווי שטאַרק עס האָט אים גערייצט צו רויכערען אום שבת, כאָטש אַ גאַנצע וואָך האָט ער גאָרניט גערויכערט. נו, איז ער געווען אַ געפערליכער פאַרברעכער דערפאַר?

ער קאָן פאַרשטיין, כאָטש ניט פאַרגעבען (ניין, פאַרגעבען וועט ער דאָס קיינמאָל אין זיין לעבען ניט), אַז אַזאַ מיידעל ווי ליזא זאָל אַמאָל וואַגען צו באַגיין אַ זינד, בלויז אויס טייפעל־שפּיל, דערצו אַמאָל אַ געפיל פון איינזאַמקייט (נאָך אַלעמען איז

זי דאך גאנץ איינזאם, ליזא), א בוך ווי סאנין, א ראמאנטישע שטימונג — מען דארף זיין א שורקע, ווי שאפירא, צו רייצען אזא מיידעל ווי ליזא, און צו באנוצען זיך מיט א מאמענט פון איר שוואכקייט. אזא מענש איז ווערט אז מען זאל אים דער־ווערגען. נאר ער, זילבערמאן, וועט דאס ניט טאן.

ער וויל ניט ענטשולדיגען ליזא'ן, ניין, אים פאלט עס גאר ניט איין. מען טאר דאך אבער ניט איבערטרייבען איר פארברע־כען. פארקערט, עס איז דאך אונזער פליכט צו ווייזען אזא מיידעל, נאכדעם ווי זי האט זיך ארומגעזען וואס זי האט דא געטאן, אז מיר גלויבען און טרויען איר אויף ווייטער. אויב ניט, קאן זי פארלירען אליין דעם גלויבען אין זיך, און דאן איז זי א פארלא־רענע איינגאנצען. און דערפאר האט ער טאקע באשלאסען ניט אוועקצונעמען מיט איין מאל פון איר זיין פריינדשאפט, אז זי זאל ווידער ניט ארייגפאלען אין אזא קאמפאניע ווי שאפירא'ס.

געווים, ער האט איר געגעבען צו פארשטיין, קלאר און דייט־לאך, אז ער איז מער ניט איר חתן, און קאן מער ניט זיין איר חתן. איבער דעם האט ער ביי איר קיין ברעקעל צווייפעל ניט איבערגעלאזען. ער האט אויסגעלאשען יעדער פונק האפענונג אין זיין פליכט איר צו העלפען. זי האט דאך ניט קיין אנדערע אויפ־איר. אבער ער איז דאך ביז איצטער געווען איר פריינט. ס'איז דאך ריכטיגע פריינט אויף וועמען ער קאן זי געטרויען. ניין, ער וועט זי צונעמען אין גאנצען פון איר פריערדיגען געזינדעל, ער וועט זי ברענגען אין א נייער געזעלשאפט, און געפינען נייע פריינט, און ער איז זיכער, אז — סיידען —

ווי האב איך געקאנט אזוי זיך א זאג טאן פון מויל אז —

גאט מיינער, עס וואלט דאך געווען שרעקליך!.. איך און שאפירא, און ער — און אויב אזוי, קאן דאך זיין אז —

וואס האב איך אים געקאנט זאגען, זילבערמאן'ען? איך האב אים איצטער מקנא געווען.

וויפיל האט אים ליזא געהאלפען אין דעם? — דאס האב איך ניט געקאנט וויסען. איך האב אבער געזען, אז זי האט אים שוין באזיגט.

איך האָב ליזא׳ן גענומען באַוואונדערען.

און וואָס זיינען אירע פלענער פאר מיר? עפּעס האָב איך בלינד געפילט, אז ליזא האָט מיך נאָך ניט אָפּגעלאָזען.

איך האָב באשלאָסען צו גיין צו איר. איך האָב שוין נאָך איר שטארק געבענקט. אויב זי וועט מיר נור ארויפלאָזען אויפ׳ן שוועל, וועל איך איר איצט דערציילען דעם גאנצען אמת, דאָס וואָס איך האָב איצט אויסגעפונען, אז איך האָב זי וואַנזיניג ליב!

ליזא׳ס אויפנאַמע האָט מיך ערשטוינט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי האָט געוואַרט אויף מיר. האָט זי מיר שוין אַלעס פארגעבען?

ווי זי האָט מיך דערזען, האָבען אירע אויגען אַ בליץ געטאָן מיט טריאומף, און איר שמייכעל — אָ, איר רעטזועלהאפטער שמייכעל! אין אַזאַ מאָמענט האָט עס איינעם געקאָנט טרייבען צו משוגעת!

זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר אירע ארעמס, און אַז איך האָב זי הונגעריג צוגעדריקט צו מיין ברוסט, האָט זי זיך גענומען רייצען מיט מיר:

„נו, איצט ווייסטו שוין, אז דו האָסט מיך ליב?.. דו אונ־דאנקבארער!.. וואָס וואָלסטו איצט געטאָן, ווען איך וואָלט געווען טויט פון זילבערמאַן׳ס קויל?..“

„און דו ביזט גאָר ניט בייז אויף מיר, ליזא?.. איך האָב גע־ציטערט צו ווייזען זיך פאַר דיינע אויגען...“

„דו וואָלסט געוואָלט, אז איך זאָל זיין שרעקליך אין כעס אויף דיר, ניין?.. אפשר האָב איך דאָס טאַקע געדארפט זיין, נור — איך ווייס וואָרום דו האָסט דאָס געטאָן... און איך קאָן ניט זיין בייז אויף דיר... אָבער יעצט ביזטו שוין זיכער, אז דו האָסט מיך ליב?..“ זי האָט צוגעלייגט איר באַק צו מיינע ליפּען.

„אָ, ליזע, אז איך האָב איצט געקאָנט קומען צו דיר, נאָכדעם ווי איך האָב זיך דערוואוסט וועגען שאפּיראַ׳ן...“

זי האָט מיך איבערגעשלאָגען מיט אַ געלעכטער:

„אויף מיר גלויבסטו אַלעס!... כאַ־כאַ־כאַ!“

„ליזא, ליזא, וואָס פאַר אַ שד דו ביזט!..“

ליזא האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער:

שאפּיראָ מיין געליבטער?.. נאָך דיר?.. דו נאַר איינער, ווי האָסטו דאָס געקאָנט גלויבען?..״

אָ, דיזע פּאָר ווערטער אירע, און דער וואונדערליכער בליק, וועלכען זי האָט מיר דערביי געגעבען, זיינען ווערט געווען מיינע גאַנצע ליידען, האָב איך ביי זיך געטראַכט, קושענדיג אירע שיינע הענט. אָבער באַלד האָב איך דערפילט אַ שאַרפען שניט אין מיין נשמה. ליזא נעמט שוין ווידער שפּילען עפּעס אַ נאַרישע קאָמעדיע.

„הער, ליזא, איצט, אַז איך בין געקומען צו דיר, קאָן מיר שוין קיין זאַך ניט איבערראַשען. טו ווארום זאָלסטו נאָך אַלץ שפּילען דיזעלבע נאַרישע שטיק?..״

„ווער הייסט דיר גלויבען מיין אויסגעטראַכטע מעשה און יעצט זיין ברוגז אויף מיר?״ — האָט זי טריאומפירט.

„ניין, ליזא, איך האָב ניט געגלויבט, ביז איך האָב ניט אויסגעפונען דעם אמת. שאַפּירא אליין האָט זיך פאַר מיר מודה געווען!..״

ליזא איז געוואָרען צוטומעלט:

„שאַפּירא אליין האָט זיך מודה געווען? ביזט אים געגאַנגען פרעגען?.. און ער האָט זיך באַריהמט פאַר דיר?..״

דאַן האָט זי זיך צעלאַכט: „מעגסט אים פאַרגינען זיין נאַרי־שע נקמה... זאָל ער זיך טרייסטען!..״

„אָבער דו אַליין האָסט דאָך געוויזען זילבערמאַן'ען שאַפּי־ראַ'ס בריוו. דו אַליין האָסט אים דערציילט —״

„איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט צו דיר אָנקומען!.. כאַ־כאַ־כאַ! דו ביזט געווען אייפערזיכטיג אויף שאַפּיראַ'ן... וואָס פאַר אַ טריאומף!.. די בריוו — געווים. איך האָב אים אָבער געוויזען בלויז אַ פּאָר, די איבעריגע האָלט איך פאַר דיר... קאָנסט ניט שאַפּיראַ'ן דעם קלאָון? דראַכט זיך, דו אַליין לאַכסט און שפּאַסט פון אים, און יעצט... — אָבער אויף מיר גלויבסטו אַלעם!..״

„אָבער צוליב וואָס איז נויטיג געווען די גאַנצע געשיכטע?״

„דו האָסט דאָך דאָס אַליין אָנגעפאַנגען! ווער האָט דיך

געהייסען דערציילען זילבערמאַן'ען, וואָס ער דאַרף ניט וויסען?.."
— האָט זי מיר אויפגעוואָרפען.

„אָבער איך האָב ניט געקאָנט פאַרטראָגען, אַז זילבערמאַן זאָל מיט דיר חתונה האָבען!.."

„אַז דו ווילסט ניט — ".

„ליזא!"

איך געוואָלט אָפּציען זילבערמאַן'ס אייפערזוכט פון דיר אויף
„נו, גוט, גוט. איך מוז דאָך אָבער חתונה האָבען. אָבער דיר האָב איך מיין ליבע קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט, און דערפאַר האָב שאַפּירא'ן, און דיך טאַקע באַשטראָפען!.."

„אַ!"

---

איך ווייס, אַז אוועקגייענדיג פון ליזא'ן האָב איך געדאַרפט זיין גליקליך. אָבער איך בין דאָס ניט געווען. ווייט דערפון!... ווי איך האָב ליזא'ן געהאַסט פאַר איר נייער חכמה!..

זילבערמאַן פלעגט צו מיר יעצט קומען אַלע טאָג, און יעדען מאָל מיט אַן אַנדער אויסברוך. זיינע יסורים זיינען געווען ניט קיין קלענערע ווי מיינע.

איין מאָל, אַז ער איז געזעסען ביי מיר אין צימער נידער־שלאָגען, האָב איך זיך פאַר אים מודה געווען, דערציילט אים די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, וואָס איך האָב זיך אָנגעגעבען פאַר ליזא'ס פּאַרפירער...

„הער נאָר, זילבערמאַן, מיר מוזען דאָך מאַכען אַ סוף. איין מאָל פאַר אַלע מאָל. איך קאָן שוין מער ניט פאַרטראָגען דיינע ליידען, אָבער מיינע ליידען זיינען אויך ניט קיין קלענערע. איך ליב ליזא'ן אפשר מער ווי דו, און איך בין געווען שרעקליך איי־פערזיכטיג אויף דיר. איך האָב דיך געהאַסט מיט ליזא'ן צוזאַמען. ליזא ווייס פון מיין ליבע, אָבער זי האָט מיך ניט געוואָלט. איך ווייס ניט וואָרום: אפשר ביזטו דער בעסערער פון אונז צוויי, אפשר וועסטו ליזא'ן קענען געבען אַ שענערען לעבען. יעדענפאַלס, ליזא האָט דיך אויסגעקליבען. איך קאָן דאָס דיר ניט מוחל זיין. איך האַס דיך און איך האַס ליזא'ן. איך האָב געוואָלט פון אייך

ביידען נקמה נעמען. איך האָב געוואָלט פארגיפטען אייער לעבען. איך האָב געוואוסט, אַז דו האָסט ליזא'ן ליב, און ווען דו וועסט אפילו גלויבען, וואָס איך וועל דיר דערציילען, וועסטו אויך מיט איר חתונה האָבען. דו ביזט אַ שוועכלינג, אַ שמאטע. דו האָסט ניט קיין ווילען איבער זיך, און ליזא וועט טאָן מיט דיר, וואָס זי וועט וועלען. אָבער דאָס, וואָס איך וועל דיר דערציילען, ווען דו וועסט עס אפילו ניט גלויבען, וועט אויך פארגיפטען דיין בלוט, ווייל דו ביזט אַ מענש אָן ווילען. דו וועסט ניט האָבען קיין כח צו פארטרייבען דעם קלענסטען פארדאכט אויף ליזא'ן. אזוי האָב איך געטראכט, און דעריבער האָב איך דיר עס דערציילט, אליין ניט וויסענדיג, אַז מיין געשיכטע איז האלב אמת. איך האָב ליזא'ן בלויז געוואָלט מיאוס מאכען אין דיינע אויגען און פאר'סמ'ען מיט אייפערזוכט דיין בלוט. איך בין געווען זיכער, אַז צוליב אונזער פריינטשאפט, וועסטו מיר אלעס גלויבען. אין דער אמת'ן האָב איך גאָר ניט געוואוסט, אַז ליזא איז טאקע באַגאַנגען די זינד, אין וועלכער איך האָב זי באשולדיגט. איך האָב דאָס ניט געוואוסט... איך האָב דאָס ערשט דערפארען פון דיר... עס איז געווען בלויז אַ צופאל... דאָס, וואָס ליזא האָט זיך גראדע מודה געווען פאר דיר, איז אפשר אַ פיינקייט פון איר זייט... איר געוואוי־סען האָט זי געפלאָגט האָט זי אויסגענוצט די געלעגענהייט פון מיין פארלוימדונג, און זיך מודה געווען פאר דיר אין דער אמת'ער זינד. דאָס, וואָס זי האָט דיר אליין אויסגעזאָגט פון שאפירא'ן, ווייזט, אַז זי מיינט אפשר ערליך מיט דיר... מיך האָט דאָס אָבער איבערראשט ניט ווייניגער פון דיר... און איצט, אַז דו ווייסט, אַז ליזא איז אַ געפאלענע, ארט מיך ניט, אַז דו וועסט וויסען דעם אמת... וואָס איז מיר דער אונטערשיד, אויף וועמען דו וועסט זיין אייפערזיכטיג, אויף מיר אָדער אויף שאפירא'ן?... ווען דו וואָלסט געווען שטארק גענוג, וואָלסטו איצט ליזא'ן פארהאסט, און דו וואָלסט אויף איר ניט געוואָלט אַ קוק טאָן. אָבער איך וויים, אַז דו וועסט מיט איר חתונה האָבען. דיינע אלע רייד, אַז דו ווילסט ליזא'ן ארויסשלעפען פון זומפּ, איז האַמבאַג. דו גלויבסט אליין ניט אין דעם. דו מאטערסט זיך בלויז צו געפינען

אַן אויסרייד צו זיין נאָענט צו איר. אויב דו נארסט זיך אליין, ארט מיך ניט. אָבער אויב דו מיינסט, אַז דו נאַרסט מיך, האָסטו אַ גרויסען טעות... איך קאָן דיך דורך און דורך. ליזא איז אפשר גערעכט, וואָס זי האָט דיך אויסגעקליבען... דו וועסט זיין אַ שמאטע ביי איר אין די הענט. איך בין דיין לעבען ניט מקנא... פון דעסטוועגן זאָג איך דיר, אַז איך וואָלט זיך מיט דיר גערן גע־ביטען, ווייל איך האָב ליזאַ'ן ליב!..."

זילבערמאַן האָט אויסגעהערט מיינע נייע סודות מיט אַ גרוי־סען הונגער. ער איז געווען, דאכט זיך, גליקליך מיט יעדער נייער איבערצייגונג, אַז איך בין ניט מער ווי אַ שורקע...

צי ער האָט מיר געגלויבט, ווייס איך ניט. ווי גערן ער האָט עס אָבער געוואָלט גלויבען!

ליזאַ'ן האָב איך געזען אַ פּאָר מאָל, אויף זילבערמאַנ'ס פארלאנג. ליזא האָט אים געסטראשעט, אַז זי וועט מיך דערפרי־רען ביז'ן טויט... ער איז אָבער באשטאנען אויף דעם, אַז מיר זאָלען זיך באגעגענען און שלום מאַכען. ער האָט מיך אזוי לאנג געמוטשעט ביז איך האָב איינגעשטימט צו שפּילען די קאָמעדיע פון איבערבעטען זיך מיט ליזאַ'ן.

צי דאָס האָט אים געגעבען וועלכע צופרידענשטעלונג, ווייס איך ניט. ער האָט אָבער אַ סך געהאַפט אויף דעם. זיינע פאר־דעכטיגע בליקען האָבען אונז ניט אָפּגעלאָזען אויף אַ מינוט, און ווען ניט ליזא, וואָלט איך די שפּיל ניט פארטראָגען ביז צום סוף.

אזוי איז איבערגעגאנגען ביז דריי פערטעל יאָר. דאן האָט עס אויסגעזען, אַז זילבערמאַן האָט זיך פּאָרט בארואיגט. ער האָט אויפגעגעבען זיין פּראקטיקע, און זיי זיינען ביידע אוועק נאָך קאַליפאָרניע, און דאָרטען חתונה געהאַט.

פאַר אַ לאנגע צייט האָב איך פון זיי ניט געהערט, ביז איך האָב געקראָגען אַ בריוו פון זילבערמאַנ'ען.

„מיין טייערער גרינבלום, — שרייבט ער צו מיר, — דו און ליזא האָבען געמיינט, אַז איר האָט מיך גענארט מיט אייערע מעשות וועגען שאַפּיראַ'ן. אין אמת'ען האָב איך פון אָנפאנג אָן געוואוסט, אַז דו ביזט געווען ליזא'ס געליבטער, און ניט שאַפּירא.

„דו האָסט פאראויסגעזאָגט, אַז צום סוף וועל איך חתונה האָבען מיט ליזא'ן, און דאָס האָסטו געטראָפען. אָבער, אַז מיין לעבען וועט זיין א פאר'סם'טער, ווי דו האָסט פרובירט נביאות זאָגען, דאָס האָסטו ניט געטראָפען. מיר זיינען גליקליך. איך בין גליקליך. ליזא גייט ווערען מוטער. זי איז א וואונדערבארע פרוי!

„ווער עס איז געווען די שמאַטע פון אונזביידען, ווייס איך ניט. דער פייגלינג ביזטו געווען. דו האָסט ניט געהאט דעם מוט צו געטרויען ליזא'ן, און דערפאר האָסטו מיט איר ניט געוואָלט חתונה האָבען. דו האָסט ליזא'ן געליבט, און ליזא דיך. ליזא וואָלט דיך גענומען מיט ביידע הענט, ווען דו וואָלסט זי מיט אַן אמת געוואָלט.

„עס איז געווען א צייט, ווען איך האָב געטראַכט, אַז עס איז מיין פליכט צו מקריב זיין מיין ליבע, און לאָזען אייך ביידען חתונה האָבען. ווען דו וואָלסט דאַן געמאַכט דעם קלענסטען פאר־זוך ליזא'ן צו קריגען, וואָלט איך, קאָן זיין, אָפּגעטראָטען פון אייער וועג, אויב איך בין אייך איבערהויפט געשטאַנען אין וועג. אָבער אַנשטאָט דעם האָסטו געפּרובירט מיר שיטען זאַמד אין די אויגען.

„ווער איז דער פייגלינג?"

איך האָב איהם אויפ'ן בריוו ניט געענטפערט.

אין א דריי מאָנאט ארום קריג איך נאָך א בריוו:

„ווי גערן וואָלט איך איצט געוואָלט גלויבען, אַז ליזא האָט געהאט צען געליבטע, און ניט דיך איינעם. קענסט עס מיר אַי־בערצייגען? איך וועל דיר דאנקען מיט מיין לעבען!...

„וואָרום איז דער לעבען אַזוי פּוסט, אַז מיר קאָנען ניט געפי־נען קיין אַנדערע אינטערעסען, ווי צו זאָרגען זיך, וואָס די אָדער יענע נארישע פרוי טראָגט אין איר קאָפּ און אין איר בלוט?

„וואָס פאַר א קאָלאָסאַלער אומזין!"

מער האָב איך פון איהם ניט געהערט ביז עס האָט צו מיר דער־גרייכט די שרעקליכע נייעס, אַז זילבערמאַן איז טויט. קלאַנגען האָבען זיך פאַרשפּרייט, אַז זיין פּראַקטיקע דאָרט איז איהם געגאַנ־גען ניט גוט, אַז ער איז געוואָרען קראַנק און רואינירט, און דערי־בער האָט ער זיך גענומען דעם לעבען.

צען יאָר זייט דאַן.

איינמאָל, רייזענדיג אין שנעל־צוג פון ניו יאָרק קיין שיקאגאָ, האָב איך אנקעגען מיר געזען אַ מאַן, וואָס איז מיר פאָרגעקומען באַקאנט. איך האָב זיך גענומען דערמאָנען, און באלד בין איך געווען זיכער, אַז דאָס איז לעווין, דער אינזשינער, ליזא׳ס ערשטער חתן, וואָס איז אנטלאָפען פון איר קיין פאַלעסטינא.

איך האָב אים דערמאָנט מיין נאָמען, און ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר. מיר זיינען אריין אין אַ געשפּרעך, און באלד האָב איך זיך דערוואוסט אינטערעסאנטע נייעס.

שוין צוויי יאָר, אַז ער וואוינט אין שיקאגאָ און איז באשעפטיגט אין אַ גרויסער שטאָל־פאבריק מיט אַ היבשען געהאלט. ער איז פארהייראט און האָט צוויי קינדער.

ליזא איז אויך אין שיקאגאָ. ליזא, מאנא ליזא, מיין אמאָליגע שילערין, צי געדענק איך זי נאָך?

איך האָב אים פארזיכערט, אַז יאָ.

זי איז פארהייראט, האָט ער מיר דערציילט, צו אַ רייכען העמדער־פאבריקאנט, און האָט מיט אים אַ שיינעם אינגעלע.

(יענע נאכט האָבען מיר שוין ווייניג געשלאָפען. מיר האָבען גערעדט פון ליזא׳ן).

איך האָב פון אים דערפארען, אַז ער קומט אָפט אריין צו ליזא׳ן אין הויז, און איז מיט איר אינטים. איר מאַן ווייס ניט פון איר פארגאנגענהייט און פארדעכטיגט קיין זאך ניט צווישען זיי.

„נו, מיין פריינט, ליזא איז אַ וואונדערבארע פרוי! זי איז געבליבען דיזעלבע צויבערליכע מאנא ליזא. איך האָב זי איצט ליבער ווי דאַן. פריער האָב איך זי ניט פארשטאנען. דער אמת איז, אַז איך פארשטיי זי איצט אויך ניט.

„נו, איז וואָס?

„זאָל זיין, אַז זי איז ניט מער ווי אַ פרוי, ניט מער ווי אַ באַלעבטע, רויע שטיק נאטור, אַ צויבערליכע שטיק מאטעריע, מיט דעם סוד און מיט דער זיסקייט פון דער ערד.

„ניט אלעס האָט די נאטור באשאפען נאָך אונזער פארלאנג.

זאָל איך זיך באַקלאָגען, וואָס ווײַן איז ניט אַזוי נאַרהאַפט ווי מילך?

„דער קלוגער עסט ניט אויף די קערנער פון דער מילגרוים בלויז, און וואַרפט אַוועק די שאָלעכץ. ווי וואונדערליך, מײַן פריינט, עס איז אויך די שאָלאַכץ!...“

# לולו

די נעכט אויפ'ן לאַנד זיינען מאָנאָטאָן. דער טאָג רעדט צו אייך אייער שפּראַך, רעגט אייער אויג און אויער, לאָזט אייך ניט גלייכגילטיג, רופט אייך. די נאכט זינגט זיך איר איינטאָניגען געזאנג פאר זיך, אָן ליידענשאפט, ציט אייך ניט, טרייבט אייך אין זיך אריין.

נאָר אָט טרעפט אַ זעלטען שיינע, זומערדיגע נאכט, און איר קאָנט ניט איינשלאָפען. מיד ווי איר זייט פון אַ גאנצען טאָג ארומגיין אויף די פיס אין דער פרישער לופט, קאָנט איר דאָך ניטביישטיין דעם כּישוף פון דער נאכט. איר הויבט זיך אויף פון בעט און לאָזט זיך אוועק איבער די פעלדער.

דער הימעל רעגענט אויף אייך מיט זיינע שטערען. איר הויבט אויף די אויגען און איר זעט גרויסע, שווערע, ליכטיגע שטערען אין אַ שוואַרץ בלויען, ווייכען ים, וואָס אָטעמט אויף אייך מיט אַ זאנפטע קילקייט און לייגט זיך אייך אויפ'ן פּנים. די פעלדער און דער וואלד פאר'שכור'ען אייך מיט ריחות. איר גייט ארום איבער די פעלדער, דאָס הארץ קלאפּט האסטיגער, עפּעס פעלט אייך, נאָך עפּעס בענקט איר. עס נעמען זיך פּלאָנטערען אין אייער פאנטאזיע באָרוועסע מיידלאך אין גראָבע לייווענטענע העמדער, מיט שטייפע, געקילטע לייבער. לאָזט איר זיך אין דאָרף אַריין.

דאָס דאָרף שלאָפט שוין. די ציכטיגע, קליינע, בלוילידּ־גרויע הייזלאַך, מיט די שטרוי־געדעקטע דעכער ליגען זיך און רוען אין זייערע אייגענע שאָטענס. אין שענק ברענט נאָך אַ פייערעל. אַ פערד שטייט אויסגעשפּאנט, מיט'ן קאָפּ צום וואָ־גען און קייט אַביסעל פרישען היי פארשלאָפען. ער וואָלט שוין לאנג אויפגעהערט, נאָר דאָס היי איז געשמאַק און זאפטיג, און באלד וועט ער דאָך סיי־ווי־סיי דארפען זיך אויפטשוכען, צונעמען אַ פּאָר שטורכעס אין בויך, און לאָזען זיך אין וועג. און דערווייל,

ביז מען וועט זיין שכור'ען בעל־גוף ארויסוואַרפען פון שענק, מאַנטשעט ער דאָס פרישע היי. ביים ברונעם, אין מיטען גאַס, שטייט אַן אַלטער פויער, אַ באָרוועסער, אין לייווענטענע הויזען, און שעפּט וואַסער. דער אָצאָפּ סקריפּעט און קריכט מיט'ן קאָפּ אין ברונעם, און שלעפּט אַרויס אַ גרין־שליימיג, האַלב־פאַרפוילט עמערעל, פון וואַנען דאָס וואַסער גיסט זיך צוריק אין קאַלטען, שוואַרצען אָפּגרונט.

„גוט־נאָוועגט, פאָטערעל, ט'מיר געבען אַ טרונק?" ער בור־טשעט עפּעס, און העלפט אייך צובויגען דעם עמער אויפ'ן ראַנד פון ברונעם, און איר טרינקט זיך אָן מיט קאַלטען, פרישען וואַסער, וואָס שמעקט מיט פּעך און מיט ליים.

„אַ דאַנק!"

דער פויער פאַרשווינדט, איר בלייבט אַליין. איר שטייט און טראַכט, טראַכט, דאַן נעמט איר זיך אַרומדרייען מיט די הענט אין די קעשענעס, פאַרביי פינסטערע שויבען. איר כאַפּט גערן אַ קוק דורך אַן אָפען־גלאָזענעם פענסטער, פון וואַנען עס הערט זיך אַ געשמאַק שלאָפען. אַ שווייסיגע וואַרימקייט באַרירט לייכט אייער קילען פנים מיט אַן אַנגענעמען, עטוואָס זויערליכען, שטוב גערוך. פון ערגעץ באַגריסט אייך אַ פערד מיט אַ הירזשע, דער־קענענדיג מענשליכע טריט. אַ ווייסע קו מיט שוואַרצע פלעקען קומט צו צום פּאַרקאַן, קוקט אייך אָן אַ ווײַלע מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ, און שטעקט אַרויס צו אייך דורך די שטאַנגען אַ לאַנגע, שאָרסטקע צונג, און לעקט אייער גע׳זאַלצענעם דלאָן. אָט כאַפּט זיך אויף אַ הונט, טוט זיין פליכט, בילט אָן כעס. באַלד לויפט ער צו צו אייך, שוואַרץ ווי אַ זשוק, גיט אַ שמעק די ערד פון אייערע שיך, גיט אַ דריי דעם עק, און גייט צוריק אין נאָרע. איידער ער לייגט זיך, איז ער זיך מישב, קערט זיך אום צו אייך, און גיט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ האַוקע, געשטילט דעם געוויסען! דערווייל דערמאָנען זיך אַ פּאָר אַנדערע הינט און רופען זיך אָפּ פון דער ווייטען, ווי אַן עכאָ. עפּעס אַ בלודנע, ווייסע קעצעל, ווי אַ קליין העזעל, נעמט אייך נאָכלויפען פון הויז צו הויז, רייבט זיך אַרום אייערע פיס, און איר זעט זיך אַליין ניט אַרום וואו און ווען

איר ווערט זי אָן... מער גאָרנישט. איר דרייט זיך ארום, גייט דורך דאָס דאָרף אַ פּאָר מאָל. איר זוכט, איר הערט זיך איין, — גאָרנישט! בלויז דער מעשענער קוואקען פון די זשאבעס, און דאָס זעגען פון אַ היישערקע, און דער ברייטער, צעשוואומענער זשומעריי־געזאנג פון דער נאכט.

איר קלייבט אָן אַ היטעל קארשען און לאָזט זיך צוריק אהיים.

געקומען צום טיר, ווילט זיך ניט אריין. איר ווייסט, אַז שלאָפען וועט איר ניט קענען, קערט איר זיך אום און לאָזט זיך אוועק אין וואלד.

איין מאָל, אָט אַזאַ זומער ביינאכט, בין איך ארומגעגאנגען אין וואלד און געלאָזט זיך פארפירען פון מיינע פאנטאזיעס, פון מיין בלוט, פאר'שכור'ען זיך מיט די שווערע, דעמפּע, ווארימע ריחות פון דער וואלד ערד, פון די געהיימע קלאַנגען, די שאָטענס, דעם אָטעם פון דעם נאכטיגען וואלד.

פּלוצלונג דערהער איך ווי אימיצער רופט מיך ביים נאָמען די שטימע קומט נעענטער, נעענטער.

איך ענטפער און גיי אנקעגען.

באלד באגעגען איך זיך מיט מיין שכן דעם וועכטער פון וואלד.

וואָס דארף ער מיך אין מיטען נאכט?

איך האָב אים אָנגעקוקט פארוואונדערט.

— אַ מאָדנע נאכט, ניט אמת? עס ציט אין דרויסען, — מאכט ער צו מיר, ווי ער וואָלט מיך צופעליג געטראָפען.

ער איז געווען אַ הויכער, ברייטשולטערדיגער, שיינער איד פון מיטעלע יאָרען, מיט אַ געדיכטער, שווארצער, פעטער, ברייטער באָרד, מיט אַ הויכען, שטארקען שטערען, מיט אַ גוטען, קינדערשען מויל, געזונטע, מוסקולנע הענט און פיס, מיט אַ זיכערען, געמאָסטענעם, שווערען טראָט און שטאָלצען גאַנג. זיינע אויגען זיינען געווען טיף ברוין, אינטעליגענט, און צו אומרואיג פאר זיין שטארקען, רואיגען קערפער. ער האָט שטענדיג געטראָגען ארום זיך דעם ריח פון קאָרע און די פרישקייט פון די פעלדער. ער איז

שטענדיג געווען פארנומען, האט אויפגעטאן א סך ארבייט דורכ'ן טאג, און אלעם געלאסען. ער איז געווען פלייסיג און ציכטיג ווי א מוראשקע. ער האט זיך קיינמאל ניט געאיילט. איך האב מיט אים געלעבט אין שכינות א פאר מאנאטען און אים קיינמאל ניט געזען אין כעס. ער האט רואיג געלעבט, רואיג און ברייט־הערציג געשמייכעלט, און אממערסטען געשוויגען. ער איז געווען א מענש פאר זיך.

פון אנהויב האב איך זיך פאראינטערעסירט אין אים און געזוכט ארייננצוגיין מיט אים אין א שמועס. ער האט געוויזען אינ־טעליגענץ אין קליינע געשפרעכען, האט אבער אויסגעמידען דעבאטען, און זיך אימער אנטשולדיגט אז ער איז פארנומען.

ער האט זייער ווייניג פארבראכט אין הויז, און מיר דאכט זיך אז זיין פרוי און קינדער האבען אים געקענט אזוי ווייניג ווי איך. דאך, זיינע באציאונגען צו זיין פרוי זיינען אימער געווען גאנץ ווארים און צערטליך, נאר קורץ, ווי ער וואלט געווען א גאסט ביי איר, אויף א ווייל.

ער איז איצטער געגאנגען לעבען מיר, געאטעמט פול און גע־רען און געשוויגען. די ווייכע ערד אונטער אונז האט ווי געקרעכצט אונטער זיינע טריט.

— הערט, זאגט ער צו מיר פלוצלונג, איר גלויבט אין ליבע?

די נאאיוויקייט פון זיין פראגע, און דער טאן מיט וועלכען ער האט עס געפרעגט, האט ביי מיר שיר ניט ארויסגעריסען א געלעכטער. נאר דאס וואס דיזער מענש האט פארלאזען זיין בעט און זיין ווייב אין מיטען דער נאכט און איז געקומען מיר פרעגען אזא מאדנע פראגע, האט מיך שטארק פארוואונדערט.

און איר גלויבט אין ליבע? — האב איך אים געפרעגט.

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילען פון א ליבע,

— האט ער כמעט ווי מיט א ציטערדיגער שטימע אנגעפאנגען.

— גוט, דערציילט!

— פון מיין אייגענעם לעבען, — האט ער צוגעגעבען ווי פארשעמט.

מיר האבען זיך געזעצט אויף צוויי שטאמען פון א צווילינג־

בוים. איך האָב פאַרוויכערט מיין ליולקע, און ער האָט רואיג און פּאַרטרויט אָנגעפאַנגען זיין דערציילונג.

„ווען איך האָב זי צום ערשטען מאָל געזען, איז זי אַלט געווען א יאָר עלף־צוועלף. איך בין דאַן געווען פינף און צוואַנציג. איך פלעג זי אָפט זען אין איר היים, וואו איך בין געוואָרען אַן אָפטער איינגייער. איך האָב געהאט נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט אירע עלטערע שוועסטער און ברידער, נאָר גיין אַהין פלעג איך צוליב איר. איך בין געווען פאַרליבט אין איר פון ערשטען קוק.

נאַטירליך, איך האָב עס זיך אַליין ניט געוואָלט צוגעבען. און עס איז ניט לייכט ביי זיך רעכט צו מאַכען אַז א דערוואַקסענער מענש, מיט אַלערליי ערפאַרונגען וועגען פרויען און ליבע, זאָל זיין פאַרליבט אין א קינד. אָבער אַזוי איז דאָס געווען.

דעם ערשטען מאָל ווען איך האָב זיך פאַרליבט, בין איך אַלט געווען זעכצען יאָר, און זיך פאַרליבט אין א פאַרהייראַטער פרוי, א מאַמע פון צוויי קינדער. איך בין גיך געוואָרען אויסגעלאַסען, און באַלד האָט זיך אין מיר אַנטוויקעלט א פאַראַכטונג צו פרויען. מיידלאך פון מיין עלטער האָב איך ניט געקאָנט פאַרטראָגען, איך האָב ניט פאַרשטאַנען זייער נאַטירליכע קאָקעטעריי. זיי האָבען מיר אַלע אויסגעקוקט אָדער פאַלש און פאַרדאָרבען, אָדער נאַריש.

פאַראַן נאָר איין סאָרט נאַטירליכע פרוי, האָב איך געטראַכט, די ניט ערליכע. די איז די נאַטירליכע, די ענערגישע, די גייסט־רייכע. די ערליכע איז ערליך דערפאַר וואָס זי איז נאַריש, פויל און אונבאַהאָלפען, אָדער אויס קאַפּריז. און אויך זי פאַלט ביי דער ערשטער, בעסטער געלעגענהייט.

מיט אַזעלכע ערפאַרונגען, האָט עס ניט לאַנג גענומען, און איך האָב אָנגעפאַנגען צו קוקען אויף זיך ווי אויף אַן אַלטען מאַן. וואָס האָט שוין ניט וואָס צו לערנען וועגען דער וועלט פון פרויען. און ווי וועל איך קאָנען געטרויען א פרוי גענוג, אַז איך זאָל מיט איר חתונה האָבען?

און צוליב וואָס?

און איך האָב זיך דאָס פאַרליבט אין דער קליינער לולו'ן!

און לולו איז פון דער נאַטור געווען א קאָקעטקע. גאַנץ פרי

האָט זי דערצו נאָך געהאט די געלעגנהייט דיזע קונסט צו אנט־וויקלען. איר עלטערע שוועסטער איז געווען א שיין מיידעל, און האָט ארום זיך געהאט א מחנה פארערער. די קליינע לולו האָט פארנומען א וויכטיגען אָרט אין די ליבעס־שפילערייען צווישען איר שוועסטער און די יונגע לייט. זי האָט געדינט פאר א פארמיטלע־רין צווישען זיי. די עלטערען זיינען געווען פארנומענע געשעפטס־לייט, און די קליינע לולו האָט עס געדארפט זיין אויף דער שוועסטערס הענד. און לולו איז געווען דער שומר פון דער שוועס־טער. זי וועט דאָך אלעס דערציילען! די יונגע לייט האָבען באלד אויסגעפונען, אז זיי מוזען זיך מיט לולו'ן רעכענען. זיי האָבען לולו'ן ארייגענומען אין דער שפיל.

אין גאסט־צימער איז געשטאנען א לאנגע, ווייכע קנאַפּע, פלעגט די שוועסטער זיך זעצען און נעמען לולו'ן צו זיך. פלעגט זיך א יונגערמאן צוזעצען און נעמען זיך שפילען מיט לולו'ן, גלע־טען איר שווארצען קאָפּ, לויבען אירע וואונדערבארע אויגען, איר זיסען מיילעכעל, און אזוי ווייטער, מיינענדיג דערביי דער גרויסער. לולו פלעגט עס אָבער אומשולדיגערהייד צונעמען אלעס פאר זיך. און אזוי פלעגט זי צונעמען ניט איין הייסע ליבעס־דערקלערונג, און ניט איין קוש. יעדער יונגערמאן האָט געזוכט לולו'ס פריינד־שאפט, און לולו האָט זיך געלערענט פון איר שוועסטער, ווי צו קאָקעטירען מיט זיי. זי האָט ארויסגעוויזען א היבש ביסעל טאַ־לאנט. וואס מיר האָט אָפט איבערראשט איז געווען די סענזואליטעט פון אירע קאָקעטישע שטיק, און איר טאקט דערביי. זי האָט זיך אויפגעפירט ווי א קליינע קעניגין. די יונגעלייט האָבען זיך היבש אמוזירט מיט דער שפיל און האָבען זי דערמוטיגט. יעדערער פלעגט זי גלעטען און איר ברענגען פרעזענטען.

ווען איך בין געוואָרען באקאנט מיט זיי, האָט שוין לולו געקאָנט אונטערריכטען א גרויס־שטאָטיגע פריילען, ווי אזוי צו קאָקעטירען מיט א יונגען מאַן. פון אָנפאנג האָב איך געשפילט דעם זעלבען שפיל וואס אלע. צו מיר האָט זי ארויסגעוויזען א גאנץ באזונדערע צונעבונדענקייט. מיך האָט זי געהאלטען פאר איר באשערטען. מיט מיר וועט זי חתונה האָבען, ווען זי וועט ווערען

א גרויסע, פלעגט זי אפט זאגען צו מיר מיט א שמייכעל. זי פלעגט ארויפקריכען צו מיר אויפ'ן שויס, ארומלעגען אירע הענט ארום מיין האלז און צולייגען איר באק צו מיינע ליפען פאר א קוש. און מאנכעס מאל פלעגט זי קוקען אויף מיר מיט אזעלכע מאדנע אויגען, מיט אזא אינטענסיווען, דורשטיגען בליק, אז איך פלעג זיך פארלירען. איך פלעג קוקען אויף איר אומשולדיגען פנים, אויף איר יונגען קערפער, און פלעג זיך וואונדערען. מיר פלעגט זיך דוכטען, אז הינטער דער קליינער מיידעלע באהאלט זיך א פול־דערוואקסענע, רייפע פרוי, וואס אנטפלעקט זיך צו מיר נאר דורך די שווארצאפלען פון דער קליינער קינד. אז זי פלעגט מיר מיט אזא בליק, באטש אומשולדיג גענוג אין איר קינדערשען לשון, פרעגען, אויב איך וועל טאקי חתונה האבען מיט איר, א פראזע וואס זי האט אפט געהערט, פלעגט מיר ווערען אומהיימליך. איך פלעג זיך אפהאלטען פון א פארשפרעכען. איך פלעג זיך אויסלאכען פון זיך אליין, אבער געהאלפען האט עס ניט. איך האב געשפירט, אז צווישען איר און מיר שפינט זיך אן אומזיכטבארער געוועב, אז ערגעץ וואו טרעפען מיר זיך צוזאמען און ווערען נאענט פארבונדען און פארוואנדט, אומבאוואוסט פון דער יונגער קינד. און איך האב זיך געשראקען פאר מיין שיקזאל. ווער קאן טרויען א קינד? ווער ווייס וואס זי וועט אויסוואקסען? ווער ווייס וואוהין איר הארץ וועט זיך קערען?

איך האב גענומען קעמפען מיט זיך אליין, און האב זיך אונ־טערגעגעבען צום סוף. איך האב זי אפט געמוזט זען, הערען איר שטים, פילען אירע ווארימע הענטלאך ארום מיין האלז.

דאן האט פאסירט, וואס עס האט פריער אדער שפעטער געמוזט פאסירען. לולו האט זיך ארומגעזען, אז זי איז אן אומשולדיגער קרבן. דער אמת, אז זי אליין איז אומבאדייטענד פאר די יונגעלייט, אז זי איז בלויז א פופע פאר זיי, איז געווען שרעקליך פאר דער קליינער עגאאיסטקע. זי האט ניט געקאנט פארצייען איר שוועס־טער און די יונגעלייט, וואדום זיי האבען זי אזוי אפגענארט און אויסגענוצט.. צו יונג צו פארשטיין די לאגע, האט עס אויף איר געווירקט, ווי סם. זי האט זיך אין גאנצען פארענדערט. זי האט זיך

איבערנאכט געביטען. זי האָט זיך מער קיינמאָל ניט געוויזען פאר פרעמדע, און א חוץ ווי מיט די עלטערען, האָט זי מיט קיינעם ניט גערעדט. זי פלעגט זיך דורכ׳גנב׳ענען דורכ׳ן שטוב, ווי א שאָטען. וואָס אין איר מח קומט פאָר, האָבען מיר זיך געקאָנט אויסמאָלען, אָבער ניט אויסגעפינען. זי האָט זיך פארמאכט. איר גאנצער קינדערשער חן און רייץ איז פארשוואונדען.

איך האָב געפּרובירט אָנהאַלטען מיין אינטימקייט מיט איר, אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. און באלד האָב איך אָנגעוואָרען מיין אינטערעס אין איר. אין גיכען האָב איך זיך אוועקגעלאָזט אין דער פרעמד, נייע ליבעס געגאָסען, און מיין קליינע געליבטע האָב איך פארגעסען. ניין, ניט פארגעסען!

איך האָב פרויען פיינט געהאט, אימער זיי געזוכט, אימער מיסטרויט און פראדאמט.

ווי שטארק האָט געקאָנט זיין מיין צוגעבונדענקייט צו דער קליינער מיידעלע? וואָס האָט זי געקאָנט געבען מיין ליידענשאפטליכע נאטור? אָבער פרוי נאָך פרוי האָב איך געביטען, און לולו׳ן האָב איך ניט פארגעסען.

ווען איך בין געקומען צוריק איז זי אלט געווען נײַנצען יאָר.

קיין שיינע איז זי קיינמאָל ניט געווען. זי האָט אָבער באזעסען א מאָדנעם רייץ. שיינע פרויען באזיצען זעלטען אזא באהאלטענעם, שטילען, הייסען רייץ. די אויג האָט דאכט זיך גאָרניט געזען, און דאָך האָט זיך אייער הארץ געצאפּעלט אין איר נאָענטקייט. זי איז געווען א קליינע, און ניט פראָפּאָרציאָנעל אנטוויקעלט. אירע אָרעמס זיינען געווען צו לאנג פאר איר קורצען קערפּער. הענט האָט זי געהאט זעלטען שיינע. עס קאָן זיין, אז איך האָב זיך פארליבט אין איר צוליב אירע הענט. אירע אויגען שווארץ, זייער שווארץ, כמעט שמערצליך שווארץ, זיינען געווען צו גרויס פאר איר קליינעם פנים. האָר האָט זי געהאט שווארצע, בלויליך שווארצע, געדיכטע, ווייכע, סאמעט־ווייכע, און לאנגע, און א סך; און עס האָט געהאט א געשמאקען ריח. מיין הארץ פלעגט אָנפאנגען האסטיגער צו קלאַ־

פען, ווען איך פלעג זיך איבערבויגען איבער איר קאָפּ, נאָך ווען זי איז געווען א קינד. איר מויל איז געווען וואונדערליך שיין און סענזיטיוו. איך פלעג אלעמאָל טראכטען אז ביי די גריכען האָט זיך געמוזט געפינען אַ מין מוזיקאלישע כלי, וואָס איז געווען גע־שניצט ווי איר מויל, כאָטש דאָס איז אלעס אונזין, נאטירליך. פלעגט זי זיצען שטיל, די הענט אויפגעלייגט אין שויס, דעם קליי־נעם קאָפּ אראָפּגעבויגען איבער איר איידעלער ברוסט, פלעגט זי מיר ווערען אומסימפּאטיש. אָבער דאָס איז נאָר געווען, ווען זי פלעגט שווייגען. פלעגט זי אָנפאנגען ריידען, פלעגען ארויסשפּרינגען אַ טויזענט חנ׳ען און זיך צעגיסען איבער איר פּנים.

עטוואָס ענליכעס פלעגט פּאַרקומען אין איר פיגור, ווען זי פלעגט זיך באוועגען דורכ׳ן צימער. עס האָט אין זיך געטראָגען א מאָדנע גראציע. עס איז קיין זאך ניט אזוי אינדיווידואלעס ארום א מענשען, דאכט מיר, ווי זיין באוועגונג. יעדער מענש האָט זיך זיין גאנג. אין איר גאנג איז געלעגען א מין סוד. אז זי האָט גע־מאכט אַ טראָט, האָט עס געהאט אין זיך ווי א פארשפּרעכען, און מיט דעם נעקסטען טראָט איז דער סוד אייך געוואָרען ליבער, נעענטער ביז אייער גאנצער וועזען איז פול געוואָרען מיט איר. זי פלעגט מיר ווערען אינטימער, נאָכדעם ווי זי פלעגט זיך דורכ־גיין א פּאָר טריט.

און אזוי איז אלעס געווען ארום איר.

ווען איר האָט זיך געפונען נעבען איר, האָט זיך אייך געדוכט, אז זי וועט אייך מיט עפּעס איבעראשען. איר האָט שטענדיג ער־ווארטעט פון איר עטוואָס נייעס, ווי לאנג איר האָט זי ניט געקענט. איר האָט אלעמאָל געדענקט, אז איר קענט זי נאָך ניט. אז זי האָט אין זיך אַ סך פּארבאָרגענעס, פון וואָס איר ווייסט נאָך ניט. זי האָט אייך געררייצט, ווי דער פּארפיום פון באהאלטענע בלומען, ווי דער ריח פון ניט פארזוכטען וויין.

צייטענווייז פלעגט זיך מיר דוכטען, אז זי ווארט אויף אומי־צען, אז אַט באלד וועט ער קומען און ברענגען מיט זיך דעם שליסעל צו אירע רייכע שפּייכלערס. ווער האָט דאן געקאָנט קלע־רען, אז איך וועל עס זיין יענער?

דערוואוסט האָב איך זיך דערפֿון ערשט אין דעם טאָג פֿון איר חתונה, אין דער נאַכט פֿון איר חופּה.

אַלס אַ גוטער פֿריינט, בין איך געוועזן איינגעלאַדען צו איר חתונה.

עס איז פֿאָרגעקומען אין אַ גרויסען, עלעגאַנטען זאַל. די געסט זיינען געוועזן אַ סך. איך האָב זיך געפֿילט ווי פֿאַרלוירען צווישען די אַלע מחתונים, און מיר האָט פֿאַרדראָסען וואָס זיי זיינען אַלע געקומען: ווער דאַרף זיי דאָ, אַלע פֿרעמדע? ביסלעכווייז האָט מיך די פֿייערליכע שטימונג באַהערשט, אָבער פֿריילאַך האָב איך מיך ניט געפֿילט. איך בין זיכער ניט געוועזן איפּערזיכטיג. איר חתונה איז פֿאַר מיר ניט געוועזן קיין איבעראַשונג, עס איז ניט געקומען פּלוצלונג, און מיר האָט עס כמעט ווי ניט געאַרט. איך האָב גע־וואוסט, אַז זי איז ניט פֿאַר מיר. טו וואָס מאַכט עס אויס, צו וועמען זי וועט געהערען? איר חתן איז געוועזן אַ גאַנץ אינטעלי־גענטער יונגערמאַן מיט אַ סך מעלות, שטיל און פֿיין, און זייער פֿריינטליך צו מיר. לולו האָט מיט קיינעם ניט מער קאָקעטירט, און וועניגער נאָך, מיט מיר. איך בין געוועזן אַ נאָענטער גוטער פֿריינט, און זיי האָבען זייער גליק פֿון מיר ניט באַהאַלטען. מיר דוכט זיך, אַז איך האָב זיי ניט מקנא געוועזן. איך האָב פֿון חתונה האָבען אַזוי געטראַכט ווי פֿון שטאַרבען, און אפשר נאָך וויי־ניגער. און איבערהויפּט מיט לולו'ן! זי איז ניט געוועזן פֿאַר מיר, כאָטש איך האָב זי זייער ליב געהאַט. געטרויט אָבער האָב איך איר ניט. איך האָב אַלעמאָל דערוואַרט, אַז פּלוצלונג וועט זיך יענע קינד אויפֿכאַפּען אין איר, און די זעלבסטזיכטיגע, פֿאַלשע באַשעפֿעניש וועט אַרויסקריכען פֿון איר נאַרע. און ווי איך האָב געהאַסט צו זיין דער באַטראָגענער מאַן! מיר איז קיינמאָל ניט אַרויף אויפ'ן זינען צו ווערען איר חתן.

און דאָך האָב איך געפֿילט זייער אומעטיג, און אַ שווערע משא האָט געפּרעסט מיין געמיט, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרפּוצטער אין פֿריילעכען, ליכטיגען זאַל. איך האָב זיך אַליין פֿאַרווירפֿען געמאַכט. וואָרום בין איך געוועזן אַזוי שלעכט גע־שטימט? אפשר איז עס געוועזן דערפֿאַר, וואָס קלערער ווי ווען

ניט איז פריער, האָט זיך די ווירקליכקייט געשטעלט פאַר מיינע אויגען, אז פון יעצט אָן און ווייטער וועט זי געהערען אימיצען אנדערש? אפשר האָב איך שארפער געפילט דעם פארלוסט? און אין מיין פאנטאזיע האָבען זיך געוויקעלט מאָדנע בילדער, ניט אין גאנצען קלאָרע, ניט אין גאנצען פארשטענדליכע. איך ווייס נאָך עד היום ניט, ווי אזוי זיי זיינען צו מיר געקומען: עפּעס ווי א פארגעסענער חלום האָט זיך געפלאָנטערט צווישען מיינע געדאנ־קען יענע נאכט פון איר חתונה, ניט ווי א חלום, וואָס קומט צו אייך אין שלאָף, — גע'חלומ'ט האָט זיך עס מיר קיינמאָל ניט. — נאָר עטוואָס אזוי אומבאשטימט און טומאנע. איך בין ארומגע־גאנגען אין זאל, געקוקט אויף דער כלה, אויפ'ן חתן, פארבראכט מיט די באקענטע מחתנים, און ביי מיר אין המוין האָט זיך גע־טומעלט אז דאָס בין איך דער חתן, אז דאָס איז מיין חתונה, אז די כלה איז מיין כלה, און קומען קומט דאָס פאָר ערגעץ אין א קליין שטעטעלע, אין א מיטען ווינטער־נאכט, פאַר אָן אלטער שול. א מנין אידען דרייען זיך ארום שטיל און געהיים, און ריידען אויפ'ן וואונק; און זייערע לאנגע, אויסגעצויגענע שאָטענס טאנצען ארום אזוי פאנטאסטיש אויפ'ן ווייסען, סקריפּעדיגען שניי, און די הבדלות ביי זיי אין די הענט פלאקערען רויט און לעשען זיך. און מיין שטימע קלינגט אזויפול מיט פחד, ווען איך בין מקדש דער כלה; און זי איז אזוי בלאס, ווען איך הויב אויף איר שלייער; — נאָר די אויגען אירע זיינען אזוי גרויס און שווארץ, און ברענען. און דער אלטער רב מאכט קדוש איבער'ן ווייין מיט א הייליגער, זיכערער, אלטער שטימע. פלוצלונג פארשווינדט אלעס, און איך בלייב אליין אין דער פינסטער, און פאַר מיר זע איך בלויז א בלאסען פּנים און צוויי גרויסע, טרויעריגע אויגען...

איך גיי ארום צווישען די געסט, אונטערהאלט זיך מיט די לוסטיגע מחתנים, די מוזיק שפּילט מונטער, יונגע פּאָרלעך שוועבען אין טאנץ, און די כלה זיצט, א ליכטיגע, א זיסע — און מיר פּלאָנטערען זיך נארישע פאנטאזיעס!

איך האָב זיך פארקליבען צום בופעט און זיך לייכטער גע־מאכט דאָס הארץ מיט עטליכע גלעזלאך שטארקען וויין.

דערווייל איז געווען די חופה. און נאָך דער חופה האָבען זיך ערשט אָנגעפאנגען די פריילינע טענץ. איך בין געשטאנען אָפּגע־רוקט אין א ווינקעל און באטראכט די טענצער.

פלוצלונג האָב איך דערפילט אויף זיך צוויי גרויסע, שווארצע, טרויעריגע אויגען. איך האָב א ציטער געטאָן. פאר מיר איז גע־שטאנען די כלה. איך האָב זיך קאָנטראָלירט און מיט דעם פריינד־ליכסטען שמייכעל, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט געפינען, האָב איך איר אויסגעשטרעקט די האנט.

— מזל־טוב דיר, לולו !

זי האָט ארייגעלייגט איר צארטע, זיסע האנט אין מיינער. עס איז געווען קאַלט ווי שניי. איך האָב האסטיג אויפגעהויבען צו איר מיינע אויגען. זי איז געשטאנען פאר מיר בלאס, בלוטלאָז, לעבענסלאָז.

— לולו ! — האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסען.

אירע גרויסע, שווארצע אויגען האָבען געפלאמט מיט טרויער.

— לולו ! לולו ! — האָב איך גע׳חזר׳ט שטיל פאר זיך דעם טייערען, ליבען נאָמען, וואָס האָט געהאט פאר מיר אזא באדייטונג.

—איר ווייסט ?—מאכט זי צו מיר שטיל און פארטרויאונגס־פול — עפּעס קומט מיר פאָר אזא מאָדנע זאך: מיר האלט זיך אין דוכטען, אז איר זייט עס דער חתן, אז איר זייט עס געשטאנען נעבען מיר אונטער דער חופה, אז דאָס האָט איר מיך מקדש געווען...

— לולו ! לולו !

א שטילער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון איר ברוסט.

— אך, ווען דאָס וואָלט געווען אזוי, לולו !

זי האָט אויף מיר האסטיג א בליק געטאָן און שנעל אראָפּגע־לאָזט אירע אויגען. איר בלאסער געזיכט האָט זיך גענומען באדעקען מיט א צארטער רויטקייט.

— אפשר האָסטו דאָס טיף אין הארצען געוואונשען ?

זי האָט געשוויגען, נאָר איר ווייכער, גלעטענדיגער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף איר געזיכט.

—און דיר פארדריסט עס, לולו ?

זי האָט אויפגעהויבן צו מיר אירע אויגען, און מיך אָנגעקוקט פאר א ווײלע, לאָזענדיג מיך ארײנבליקען טיף, טיף אין אירע אינוועניגסטע טיפענישען.

און אָט אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך דערוואוסט, אז זי איז מײנע.

ווי אזוי איך האָב עס געוואוסט? אך, ווי שווער עס איז צו זאָגען. עפּעס איז געלעגען אזוינס אין איר קוק, וואָס האָט מיך אויפ׳ן שטעל איבערצײגט, דאָס, וואָס טויזענדער פאקטען וואָלטען ניט געקאָנט. עס האָט אין זיך געהאט די איבערצײגענדע קראפט וואָס עס ווײזט זיך אין טאָג־טעגליכע נאטור־ערשײנונגען, אזוי עלעמענטאר, אזוי אײנפאך. ווען איך זע, ווי דער פלאם צינדט אָן דעם טרוקענעם שפּאָן, און פארצערט אים מיט אזא אומגעהוירע רעכט, מיט אזא אומבאשטרײטבארע קראפט, דערמאָנט עס מיר אָן יענעם מאָמענט, ווען אונזערע בליקען האָבען זיך באגעגענט.

און פון דאן אָן האָט עס זיך אָנגעפאנגען.

וויפיל מאָל האָב איך שוין געהאט א זיג איבער א פרוי? אָבער ווי איך פלעג האסען אָט יענע זיגען!

גאנץ אנדערש איז עס געווען יעצט. איך בין געווען אין א הײליגער פרײד.

אויף מאָרגען נאָך לולו׳ס חתונה בין איך אנטלאָפען פון שטאָט. איך האָב מורא געהאט פאר מײן מאכט איבער איר, און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מײן רעכט. בין איך אוועקגעפאָרען.

איך האָב זיך ארומגעשלעפּט אָן א ציל א לאנגע צײט. די צײט האָט זיך געקײקעלט ווי א גרויסער, גיגאנטישער זײפען־בלאָז.

לולו איז מײנע!

לולו! — אָה, וואָס פאר א הײליגקײט עס איז פאר מיר געלעגען אין דיזען נאָמען. איך האָב אים קײנמאָל ניט געוואגט ארויסצוזאָגען. ווי די פרומע אידען טאָרען גאָטס נאָמען ניט דערמאָנען, נאָר האלטען אים טיף אין זינען, ווי א הײליגען פלאם, אזוי האָב איך דיזען קלאנג אין מײן נשמה געטראָגען, און עס האָט

מיך געוואָרעמט. דאָן האָט א בענקשאַפט מיך געפּאַקט אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב געמוזט צוריק קומען.

אָ, דער אַריינקומען צו איר אין צימער און דערזען זי, דערזען דעם בליק אין איר אויג!

און יעצט האָט זיך פאַר מיר אָנגעפאַנגען אַ שרעקליכע צייט. איך בין געוואָרען אייפערזיכטיג אויף איר מאַן. עס האָט מיר ערגער ווי געטאָן ביי יעדען ריר, וואָס ער פלעגט איר געבען. איך האָב זיך געשעמט דאָס איר צו זאָגען. דאָס וואָלט דאָך געהייסען, אַז איך אַנערקען זייערע באַציאונגען. אָבער לאַנג האָב איך עס ניט געקאָנט באַהאַלטען.

ווען איך האָב איר דערציילט פון מיינע ליידען, האָט זי מיך טרויעריג אויסגעהערט און מיך געטרייסט:

— ווייסט דאָך, אַז איך בין דיינע! איז דאָס דיר ניט גענוג?

אַך, געוויס איז עס גענוג. צו דען האָב איך זי געליבט צוליב איר קערפּער? האָבען מיר דען געפעלט פרויען? אמת, זייט יענער נאַכט, האָב איך קיין פרוי ניט באַריהרט. אָבער ניט דאָס האָט מיר געפעלט. מיר איז געווען שרעקליך אומעטיג אָן איר. איך האָב געפילט זיך עלענד, איינזאַם. גאַנצע טעג פלעג איך זיצען שפּעט ביי נאַכט ביי זיי, ביז זי פלעגט ווערען שלעפעריג און פלעגט זיך צוריקציען אין שלאָף צימער. איר מאַן פלעגט נאָך, אויס העפליכקייט, זיצען מיט מיר אַ ווייל. אָבער איך האָב דאָך גוט געוואוסט, ווי גערען ער איז פטור צו ווערען פון מיר. און ווי נאָר איך האָב פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, איז ער דאָך אַוועק צו איר! און איך, איך פלעג זיך אַרומשלעפּען איבער די גאַסען, אַרומגיין אין אַ פיבערהאַפטען צושטאַנד, שיר וואַנזיניג געוואָרען פון די בילדער, מיט וועלכע מיין איינגעעקשנ'טע פאַנטאַזיע האָט מיך געריייצט. וויפיל איך האָב זיך דאָס געפּלאָגט און געמאַטערט ניט צו טראַכטען פון יענעם צימער אין אַזעלכע נעכט! איך פלעג זיך וואַרפען אַן אויסגעמוטשעטער אויף מיין געלעגער, און בייסען די קישען פאַר ווייטאָג און פאַרדרוס. וואָרום זאָל דאָס

מיר גאָר ארען? זי איז דאָך מיינע! אָבער איך האָב דאָס ניט געקאָנט פארטראָגען.

— ווייסטו וואָס, זאָגט זי צו מיר איינמאָל, ווען איך האָב אָנגעפאנגען איר צו פארביטערען דעם לעבען מיט מיינע קלאָגען, ווארום זאָלסטו ניט חתונה האָבען?

— אָבער, גאָט מיינער, וואָס רעדסטו! ווי איז דאָס מעגליך?

— וועסט זיך צוגעוויינען, עס וועט זיין בעסער, דיין ליבע וועט זיין א ריינערע, — האָט זי געזאָגט מיט א שמייכעל, וואָס האָט מיר געשניטען איבער'ן הארצען.

איך בין געווען ברוגז אויף איר פאר צוויי וואָכען צייט. דאן בין איך געקומען, איר אָנזאָגען, אז איך האָב אָנגענומען איר עצה.

און אזוי האָב איך חתונה געהאט.

און ערשט דאן האָב איך זיך ארומגעזען, אז ליב האָב איך לולו'ן. וואָלט איך זי פארדעכטיגט, אז זי איז ווי אנדערע פרויען, וואָלט איך געגלויבט, אז זי האָט מיך אבזיכטליך צוגערעדט צו הייראטען, מיין בענקען נאָך איר זאָל שטארקער ווערען. איך האָב זיך שנעל צוגעוואוינט צו מיין פרוי, און האָב זי גאנץ האָלט געהאט.

אָבער לולו'ן?

וויפיל מענשען הייראטען און מיינען אז זיי האָבען שוין פארזוכט פון'ם העכסטען מענשליכען פארגניגען? אָה, נארישע מענשען, ווען זיי וואָלטען עס פארזוכט, כאָטש איינמאָל, דעם שמערצליכען לוקסוס צו ליבען א לולו'ן!

וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געווען לולו'ס מאן?

ווי אָפט פלעג איך טראַכטען וועגען דעם. ווען איך פלעג זיך פארשטעלען, אז לולו איז אינגאנצען מיינע, אז זי איז מיין פרוי, פלעגט זיך פאר מיר עפענען אן אנדער וועלט מיט אן אנדער נאטור. נייע צייטען, נייע רוימען, נייע פאסירונגען פארנעמען דעם אָרט פון די אלטע. ברייטע האָריזאָנטען שפאלטען זיך אויף פאר מיר, ווי טויערען, און לאָזען אריין נייע זונען, פרישע לופט, א

גרויסען טאָג. די בלומען ווערען העכער. ביימער ווערען גרעסער, ליכטיגער, געשמאַקער. בערג רוקען זיך אָפּ אהינטער. עס שטעלען זיך אויס פּאַלאַצען פון ווייסען מאַרמאָר. עס ווייזען זיך נייע מענשען. לויטערע קלאַנגען וועקען זיך. עס שפּרייטען זיך נייע הימלען. עס ווערט אַן אַנדער לעבען.

ווארום האָב איך ניט געזוכט צו מאַכען לולו'ן פאַר מיין פרוי? ניין, דאָס האָב איך ניט געוואָלט. עס איז ניט געווען די שווערקייט, וואָס איך וואָלט געדאַרפט דערביי בייקומען, ווי צו שיידען זיך פון מיין פרוי, פּטור ווערען פון לולו'ס מאַן, פאַרטראָגען דעם געזעלשאַפטליכען סקאַנדאַל, און אזוי ווייטער, וואָס עס האָט מיך אָפּגעהאַלטען. ניין. קיין זאַך איז מיר ניט געשטאַנען אין וועג. ניט דער איינאָרדענען זיך אין דער אַלטער וועלט, נאָר די האָפנונגסלאָזיגקייט פון אַ נייער וועלט. ווי האָב איך געקאָנט? ווי האָב איך געקאָנט שאַפען אַ נייען לעבען, אַ נייע נאַטור, אַ נייע געזעלשאַפט? עס איז געווען פאַר מיר אוממעגליך צו אָריענטירען זיך אין דער אַלטער, וואָכעדיגער וועלט מיט לולו'ן ביי מיין זייט.

וואָס? מאַכען פון מיין לולו'ן אַ קינדער־פאַבריק? מאַכען לולו'ן פאַר מיין דינסט? לולו זאָל ווערען אַ נוצליכער חפץ אין מיין שטוב, ווי מיין אויסגעטראָגענער שלאָף־ראָק? ווי מיין באַקוועמער שאָקעל־שטול? ווי מיינע וואַרימע שטעק־שיך? איר אָרימע בעטלער! לולו איז מיין פּרינצעסין, און איך בין איר עזרא! איר האַנט איז פאַר מיר גענוג! זי איז פאַר מיר דער הייליגער בעכער, וואָס שוימט מיט רויטען וויין און גיסט זיך אַריבער, נאָר איך טאָר עס מיט מיינע וואָכעדיגע ליפּען ניט באַרירען. לולו איז מיין דיאַנאַזישע פּריסטערין, וואָס קומט צו מיר מיט הייליגע וויינבלעטער אין אירע האָר! לולו איז פאַר מיר די טאָכטער פון דער זון, און פון אירע האָר שפּריצען פונקען אין דער נאַכט, איר בלוט איז פול מיט שטראַלען. זי איז פאַר מיר די מיידעל ערד פון וועמענס ברוסטען עס רינט די פרייד פון לעבען!

איך ווייס, איר רופט דאָס פּלאַטאָנישע ליבע.

אָבער איך זאָג אייך: ניין. איך האָב זי געליבט, געליבט איר לייב, איר קערפּער, אירע האָר, איר שמייכעל, איר מינע, איר

קער, איר שוך, איר קלייד, איר שטים, אַלץ ארום איר. ווי איך פלעג אריינגיין אין איר צימער פלעג איך ווערען שכור מיט איר, און איבערלעבען אזעלכע פריידען, וועלכע איינער געניסט נור אין טרוים.

דער צימער, אין וועלכען זי פלעגט מיך אויפנעמען, איז געווען ניט קיין גרויסער. ער איז געווען א לאנגליכער און א הויכער. די ווענט זיינען געווען פון א ווארימען, אָראנזש־געלען קאָליר און אויסגעמאָלט מיט שווארצע טולפּע בלומען, יעדער שטאָק אַ מאָן די הויך. די פאָרהאנגען אויף די ברייטע צוויי פענ־סטער זיינען געווען פון א טונקעל רויטען קאָליר, מיט שווארצע טולפּען. דער דיל איז געווען באדעקט מיט א טערקישען טעפּיך. אַ וווייכע, אָריענטאלישע, נידעריגע סאָפּע איז געשטאנען ביי די פענסטער. אַ פּאָר נידעריגע, ווייכע שטולען איבער'ן צימער. אויף די ווענט זיינען געהאנגען אַ פּאָר קליינע בילדער. און דאָס אלעס. אויף א קליינעם טישעלע, אין אַ ווינקעל, איז געשטאנען אַ בראָנזע־נער אינדישער גאָט; אין אים איז שטענדיג געווען הייסע קוילען, און שטענדיג האָט זיך דאָרטען גערויכערט שמעקעדיגע האָלץ און בשמים. אַ קוים זיכטבארער, בלויליכער רויכעלע, ווי פון אַ ציגאַר, האָט זיך אויפגעהויבען פון ווינקעל און האָט זיך צעשפּרייט אין דער לופט, אָנפילענדיג דעם צימער, מיט אַ מאָדנעם שארפען, רייכען פארפיום. זייענדיג א ווילע אינווייניג, פלעגט דער דופט זיך אזוי איינזאפּען אין אייך, אז איר האָט אים מיט זיך גענומען. אז איר האָט זיך צוגעוואוינט, האָט איר מער ניט געפילט די שארפקייט, נאָר א ווייכער, ווארימער, דינער ריח האָט אייך איינגעוויקעלט, און עס האָט אייך אויסגעקוקט, ווי עס קומט פון אייער אָטעם. ווען איך פלעג אריינטרעטען אין צימער, פלעגט זי אימער צושיטען פרישע בשמים און אויפשאָקלען דעם פייער.

איך פלעג זיך אימער זעצען אויף אַ ווינקעל סאָפּע, אונטער־געשפּארט מיט א קישעלע. זי פלעגט מיר באלד דערלאנגען שווארצע קאַפּע, וועלכע זי פלעגט אַליין צוריכטען, אַ געדיכטע, שמעקעדיגע, שווארצע פליסיגקייט, וואָס האָט געהאט אן אייגענ־ארטיגען אַראָמאט. און זי פלעגט אַרומגיין איבער'ן צימער. דער

צימער איז געווען ניט קיין גרויסער, און זי האָט אים אָנגעפילט מיט איר באַוועגונג, מיט איר קערפּער.

ווען איר מאַן איז געווען אין דער היים, אָדער ווען זי האָט געהאַט פּרויען־געסט, צי פרעמדע מענער, פלעגט זי זיי אויפנעמען אין אַן אַנדער צימער. דאָ פלעגט זי אויפנעמען נאָר נאָענטע פריינט, און קיינמאָל ניט מער ווי איינעם, אָדער צוויי. זעלטען דריי.

איך האָב ליב געהאַט דעם צימער, ווי דער אָפּיום־טרינקער זיין אָפּיום־צעלע.

איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען דיזעלבע. קיין צירונג האָט זי ניט געהאַט, נאָר קליידער האָט זי ליידענשאַפטליך ליב געהאַט. איר מאַן איז געווען היבש פאַרמעגליך, — דער איינציגער זון פון אַ רייכען זייד־הענדלער, און אַ שותף מיט זיין פאָטער אין געשעפט, האָט ער איר פאַרשאַפט אַלעס וואָס איר האַרץ גלוסט.

זי האָט זיך באַנוצט מיט קליידער, ווי אַ מאָלער מיט פאַרבען פאַר זיין בילד.

און געקליידעט האָט זי זיך פאַר מיר. זי האָט געהאַט קליידער, וועלכע האָבען זיך נאָר געפּאַסט פאַר דיזען צימער, און וועלכע זי פלעגט ניט טראָגען אַנדערשוואו, נאָר דאָ. פלעגט אימיצער נאָך ווער זיין צו מיר אין צימער, וואָס עס פלעגט זייער זעלטען טרעפען, פלעגט זי טראָגען אַנדערע פאַרבען, אַנדערע פאַסאָנען. פאַר מיר האָט זי געהאַט באַזונדערע קאָלירען און באַזונדערע מאָדעס.

איר פיגור, איר געזיכט, איר הויט האָט זיך געביטען מיט יעדען קלייד. איר קערפּער איז פאַר איר געווען אַ פיינער, דעליקאַטער אינסטרומענט, און זי האָט געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצובריינגען די עדעלסטע נואַנסען.

ווי ליב איך פלעג האָבען צו זיצען אויפ'ן סאָפע, זופען אירע שוואַרצע קאַפּע און היטען זי, איינשליינגען אירע באַוועגונגען, איר שמייכעל, איר שטילען געלעכטער, איר ווייכען קול. איר געזיכט האָט זיך גערעגט און געביטען אָן אויפהער. וואָס האָט עס אויסגעמאַכט פאַר מיר, וואָס זי האָט גערעדט? ווי זי האָט גערעדט, און וואָס זי האָט געטאָן איז געווען וויכטיגער.

וויפיל צייט עס איז אַזוי פאַרביי געלאָפען, ווייס איך ניט. עס

האָט מיר קיין זאַך ניט געקימערט. איך בין געווען באַטרונקען מיט לולו'ן. יענע נאַכט פון איר חתונה האָט זיך פאַרצויגען. די וועלט איז פאַר מיר געווען ווי יענער חתונה־זאַל. איך גיי אַרום ווי אַ גאַסט צווישען די מחותנים. וואָס גייט מיר אַלעס אָן? די כלה איז מיינע.

דאָך האָב איך געהאָפט אַז זי וועט נאָך געהערען צו מיר אינגאַנצען.

טאָג נאָך טאָג האָב איך זיך געזען נעענטער צו יענער וואונדערליכער צייט.

און איך האָב געוואַרט.

זי האָט מיינע חלומות וועגען דעם קיינמאָל ניט געשטערט, פאַרקערט, זי פלעגט מיר אָפט, ווי פאַרביי־גייענדיג, דערמאָנען אָן דעם, געבען מיר דערמוטיגונג. ווי גוט עס איז צו וואַרטען אויף אַ גרויסער זאַך! — פלעגט זי אָפט זאָגען מיט אַ פלאַם אין די אויגען.

איין זומער האָבען דאָקטוירים געראַטען לולו'ן, אַז זי זאָל פאָרען אויף אַ דאַטשע. זי האָט געליטען פון שוואַכע לונגען. אויף מיין רעקאָמענדאַציע איז זי געקומען אַהער. איך האָב געוואוינט אַ פינף מייל פון דאַנען.

איר וועט צוגעבען, אַז קיין שענערער אָרט איז ניטאָ אין אונזערע געגענדען. לולו איז געווען באַגייסטערט פון דער שיינקייט פון דער לאַנדשאַפט. איך האָב פאַר איר געדונגען די ווייסע הויז וואָס שטייט אויפ'ן באַרג, נעבען דער אָזיערע.

די מילנערקע האָט זיך אונטערגענומען צו באַזאָרגען איר מיט אַלעס, וואָס זי האָט נאָר באַדאַרפט.

די הויז האָט לולו באַוואוינט מיט איר שוועגערין, איר מאַנ'ס אַ שוועסטער, אַ יונגע פרוי, וועמען לולו האָט זייער ליב געהאַט. זיי זיינען געווען גרויסע פריינט. איך פלעג צייטענווייז גלויבען, אַז לולו האָט איר פאַרטרויט אונזער ליבע. איך בין אָבער ניט געווען זיכער. איך האָב לולו'ן וועגען דעם איינמאָל געפרעגט. זי האָט אויף דעם, ווי איר שטייגער, זיס געשמייכעלט. וואָס האָבען מיר פאַר

ווערמען מורא צו האָבען? דערווייל האָבען מיר דאָך קיין זינד נאָך ניט באַגאַנגען.

אָבער איך האָב דער ווייבעל פיינט געהאט.

מיר האָט זיך געדוכט אז זי פאַרדעכטיגט אונז און היט אונז. איך בין געווען זיכער, אז זי איז א פאַלשע. אויף מיר פלעגט זי אַלעמאָל קוקען מיט אַן איראָנישען שמייכעל. איך האָב פאַרשטאַנען פאַרוואָס, אָבער געאַרט האָט דאָס מיר ניט. מיר האָט עס כמעט ווי א הנאה געטאָן. ווי ווייניג זיי האָבען מיך פאַרשטאַנען. זיי האָבען מיך געהאַלטען פאַר א נאַר, וואָס לאָזט זיך פירען פאַר'ן נאָז. די קליינע, נאַאיווע נאַשער! ווען איך וואָלט איר דערציילט, וויפיל מאָל איך האָב פאַרפירט פרויען, און ווי גרינג עס איז מיר אָנגעקומען א זיג, וואָלט זי אויף מיר געקוקט מיט גרויס דרך ארץ.

שפּאַצירען מיט לולו'ן אין וואַלד אַליין, האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט. איר שוועגערין האָט אונז אימער פאַרפאָלגט, ווי א שאָטען.

איין פרימאָרגען באַקום איך פון לולו'ן א בריוועלע. דעם ערשטען ליבעס־בריוועלע פון איר! ווי זיס עס איז! אין קורצען, שיינעם בריוועלע בעט זי מיך, אז איך זאָל קומען צו איר ביינאַכט, ווייל איר שוועגערין איז אוועקגעפאָרען, און זי האָט מורא צו בלייבען אַליין.

אויסצומיידען וועלכען־עס־איז פאַרדאַכט, בעט זי מיך, אז איך זאָל קומען, ווען אַלע וועלען שוין שלאָפען. קיינער זאָל מיך ניט באַגעגענען.

גוט! איך האָב זי פאַרשטאַנען.

ווי זיס פון איר דער קליינער ליגען. דער מילנער האָט דאָך דריי גרויסע מוידען, וואָס וואָלטען גערען מיט איר א נאַכט גענעכטיגט. ווי איך האָב איר געדאַנקט אין מיין בלוט פאַר דיזען תירוץ. און וואָס פאַר א וואונדערבאַרען טאָג איך האָב דאָס געהאַט...

איך בין אַרומגעלאָפען איבער'ן וואַלד און געשריען פון פרייד. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. מיין קערפּער איז מיר געשטאַנען אין וועג. מיינע הענט און פיס זיינען מיר געווען

צו גרויס, איבריג. איך בין געשפּרונגען, געלאָפען, געמאַכט איבונגען איך זאָל ווערען אינגער, בוויגיגער, גרינגער. מיין גוף האָט צופיל פּלאַץ פאַרנומען. איך האָב געוואָלט ווערען א גייסט, אַ וואָג. איך האָב א גאַנצען טאָג געהאַלטען אין באָדען זיך אין טייך. קיין גראָבע שפּייז האָב איך ניט געקאָנט עסען. איך האָב זיך גע־נערט אויף ווייסע, זאַפטיגע, ווייכע עפּעל. איך וואָלט געוואָלט עסען בלומען מיט מילך... לופט מיט טוי. גאָט, וואָס פאַר א גרויסע, ליכטיגע פרייד! ווי מיך האָט געצויגען אהין, צו יענער הויז, זען דעם פּלאַץ פון ווייטען. און דערזעענדיג די ווייסע הויז, האָט מיך א שטראָם זודיגע בלוט אָפּגעגאָסען. איך בין אַנט־לאָפען און ווידער געקומען. ווי דערוואַרט מען שוין דעם ערשטען שטערען!

אָבער וואָס נעענטער עס איז געקומען דער אָוונט, אַלץ אומרואיגער בין איך געוואָרען, אַלץ שווערער איז געוואָרען מיין האַרץ. מיך האָט אַרומגענומען אַן אומעט. ווער ווייס, צו וועל איך זי היינט ניט פאַרלירען אויף אייביג? זי איז דאָך אַזאַ צאַרטע, דעליקאַטע נשמה. אָ, ווי מיר האָט זיך געוואָלט גלויבען אָט אין יענע פאַנטאַסטישע בילדער, וואָס איך האָב אין מיינע געדאַנקען געהאַט צו איר חופּה־נאַכט. ווי מיר האָט זיך יעצט געוואָלט גלויי־בען, אז א פאַטאַלע מאַכט האָט אונזערע נשמות צוזאַמענגעשמאָל־צען אין א הייליגען פייער, און אייביג וועט איר האַרץ ציען צו מיר. ווי איך וואָלט געוואָלט גיין מיט איר ערגעץ אין א טעמפּעל און דאָרט פאַרבונדען ווערען מיט איר אויף אייביג. איך האָב געוואוסט, אז איר האַרץ און נשמה זיינען מיינע, אָבער גאָט מיינער, אָט ביי דעם נסיון, וועט איר פלייש און בלוט וועלען אורטיילען — !

און זי האָט דאָך א מאַן, מיט וועלכען זי האָט אַזוי לאַנג שוין געלעבט, און זיין שאָטען וועט שטיין צווישען אונז. ווי קאָן זי פאַרגעסען? זי וועט פאַרגלייכען. צו וועל איך אים באַזיגען? צו וועל איך אים קאָנען פאַרטרייבען?

איצט ערשט האָט זיך מיין אייפערזוכט צו איר מאַן פאַנאַנ־דער געברענט.

איך האָב זיך געמאַטערט צו דערשטיקען אין זיך אַלע גע־

דאנקען. איך האָב ניט געוואָלט טראכטען. איך האָב קוים דערוואַרט די צייט.

אין א פיבערישען צושטאַנד בין איך אוועק צו איר. די נאַכט איז געווען א פרישע, א געשמאַקע, און געפלאָסען אייך אין די אָדערען אריין. דער נאַכטיגער הימעל האָט אייך אויפגעהויבען העכער צו זיך, און איז אנטלאָפען פון אייך. ער האָט אייך געלאָזען עלענד און איינזאַם. דער וואַלד האָט געמאַניעט צו זיך. עס איז געווען אזא נאַכט ווי היינט. עס איז שווער צו בלייבען אן א חבר.

מיט וואָס פאר א פרייד זי האָט מיך באַגעגענט. זי האָט איך איינגעלאַדען פאר א שפּאציר אין וואַלד. זי האָט מיך גענומען פאַמיליאַר אונטער'ן אָרעם, און צוטוליענדיג זיך צו מיר, האָט זי מיך געפירט אַהער, אין וואַלד אריין.

איר ווייסט ווי שווער עס איז צו ריידען הויך אין וואַלד ביי־נאַכט. עס ווילט זיך אייך בעסער שווייגען, און אז איר מוזט ריידען רעדט איר מיט א שטילען שושק, ווי איר וואָלט סודות גערעדט.

און גיין מיט איר, מיט דער שווייגענדיגער לולו'ן, אָט מיט דיזער זיסער, יונגער פרוי, פון וועמעס נשמה נאַכטיגע פעלדער האָבען מיר ארויסגעשמעקט, ווי האָבען מיר געקאָנט ריידען? זיינען מיר געגאַנגען שטיל, ווען ניט ווען נאָר א שטילע פאָר ווערטער אין איילעניש ארויסגערעדט, מיט א ציטער אין דער שטימע. די הערצער נאָר האָבען געקלאַפּט הויך און שטאַרק.

אָ, די פאַלשקייט פון אייער הארץ, איר קאָנט זיך אויף איר ניט פאַרלאָזען. אין די גרעסטע מאָמענטען פון אייער לעבען, אין די פאָר איינציגע שיינע מאָמענטען וואָס גיבען אין אייער לעבען, פאַראַט זי אייך. וויפיל טעג און נעכט, וואָכען, מאָנאַטען, יאָרען, האָב איך דאָס געוואַרט אָט אויף היינטיגען אָווענט, און יעצט, יעצט, אז איך גיי מיט מיין פרינצעסין אליין אין וואַלד, אין אזא וואונדערליכען אָווענט, און מיין הארץ ליגט אין מיר שווער, עט־וואָס אומרואיג, און דאָס אלעס. וואָרום צעשפרינגט זי ניט פון גליק? וואָרום ווערט זי ניט ברייט און טיף ווי דער הימעל? וואָרום נעמט זי ניט אריין אין זיך דעם וואַלד? אפילו פאר מיין לולו'ן

איז ניטאָ דאָרט פּלאַץ גענוג. ווי באַגרעניצט, ווי קליין! איך האָב געפילט, ווי צו בעטען פאַרצייאונג פון איר, פון מיין קליינער קעניגען, מיין זיסער לולו'ן. אַט אַזוי בין איך דאָס גליקליך? און ניט מער?

לולו האָט באַלד פאַרלאָזען דעם ברייטען וועג און גענומען נאָכפאָלגען די קלענערע וועגען, וואָס האָבען טיפער און טיפער אין וואַלד געפירט. מיר האָבען יעצט ניט געקאָנט גיין געאָרעמט. זי האָט מיך איינגעלאָזען און געאיילט פאָראויס. זי איז כמעט ווי געלאָפען. און וואָס פינסטערער דער אָרט איז געווען, וואָס געדיכטער, אַלץ מער האָט עס זי געצויגען. אַז זי פלעגט קומען צו אַ געדיכטען פינסטערען קוסט, פלעגט זי בלייבען שטיין, ארום קוקען זיך ארום און ארום, פאָרשען, זוכען, שמעקען און ווייטער געאיילט.

וואוהין האָט עס זי געצויגען?

איך האָב זיך קוים געקאָנט אָבגעבען אַ רעכנונג דערפון, אָבער עס האָט מיר אַ מאָדנעם גענוס פאַרשאַפט אַט אַזוי זי נאָכצופאָלגען. אָפט פלעגט זי דאַרפען אריבערקריכען איבער אַ געפאַלענעם בוים, איבער אַן ארויסגעוואַקסענעם וואָרצעל, דאַן פלעגט זי וואַרטען אויף מיר, אָנשפּאַרען זיך אויף מיין שולטער מיט איר קליינעם, פולען קערפּער, וואָס פלעגט שיקען אַ הייסען שטראָם דורך מיין האַרצען, און ווייטער געאיילט. איר האַנט, וואָס האָט גערוט אַ ווייל אין מיינער, האָט געפיבערט. ווי געשיקט זי פלעגט אויסמיידען צווייגען. זי האָט זיך זעלטען וועגן פאַרטשעפּעט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אַ וואַלד אינסטינקט באַזעסען, ווי זי וואָלט זיך אין אַ וואַלד אויסגעהאָדעוועט. צייטענווייז פלעגט זי ארויסשיקען אַ קליינעם, קורצען רוף־געשריי, וואָס האָט געקלונגען אַזוי מאָדנע פרעמד, און דאָך אַזוי זיס־באַקאָנט אין נאַכטיגען וואַלד. אָפט פלעגט זי בלייבען שטיין ווי דערשראָקען פאַר אַ וואַלד פויגעל, צו פאַר אַ קליינער חיה, וועמען איר אָנקומען האָט אויפגעוועקט, אָדער פאַר אַ גערויש וואָס פלעגט קומען אומגעריכט. אָבער דער שרעק פלעגט ביי איר ארויסרופען אַ פרייד, אַ ליידענשאַפטליכע פאַרשטיקטע פרייד.

ענדליך איז זי געבליבען שטיין. עס איז געווען פאַר אַ מין

סאָרט סוכה. עטליכע בוימער זיינען געווען אויפגעוואָרפען איינע אויף די אנדערע פון א שטורם. ארום און ארום איז געווען א שטיק לער, און די לבנה האָט זיך אריינגעריסען מיט א ווייסער ליכט. אָבער אין דעם קוסט פון צוזאַמענגעוואָרפענע בוימער איז געווען פינסטער. זי האָט מורא געהאַט אריינצוגיין. איך האָב זי גענו־מען פאַר'ן האַנט און אריינגעפירט. עס איז געווען אזוי פינסטער, און מיר האָבען איינע די אנדערע ניט געזען. איך האָב געהערט איר האַרץ קלאַפּען הויך און אומרואיג. דער ריח פון איר לייב האָט מיך פאַר'שכור'ט. איר אָטעם האָט מיר געברענט דעם געזיכט. איך האָב זי פעסט צוגעקלאַמערט צו מיין בוזים און באַדעקט איר ברענענדיגען פּנים מיט מיינע ציטערדיגע קושען. א ווײַלע האָט זי זיך געדריקט צו מיר. זי האָט זיך פאַרלאָרען אין מיין לייבענשאַפטלכער אומאַרמונג. אָבער לאַנג האָט עס ניט געדויערט. א שוידער האָב איך דערפילט דורכגיי'ן דורך איר קערפּער. זי האָט זיך גענומען באַפרייען פון מיר.

— ניט דאָ... ניט דאָ... איך בעט דיך... קום אהיים... אין הויז...

— אָבער ווארום ניט דאָ? ווארום ניט דאָ? דו האָסט דאָך מיר געפירט אהער! ווארום האָסטו מיך געבראכט אהער?

— איך וויים ניט, איך וויים ניט! — איז געקומען איר ענטפער — איך בעט דיך, נעם מיך אהיים.

זי האָט זיך געריסען פון מיינע אָרימס, ווי א גרויסע, שוואַר־צע פויגעל.

— אָבער ווארום ניט דאָ?

— אך, דאָ... דאָ... דאָ איז דער באָדען א שטעכיגער... איך האָב מורא פאַר א שפּין... פאַר א וואָרים... איך וועל שטאַרבען פון שרעק ווען איך וועל דערפילען עפּעס ארומקריכען אויף מיין נאַקעטער לייב... און עס איז פייכט און קאַלט...

זי האָט געזוכט א תירוץ... און אפשר? א, די קליינע, נאַרישע פרוי...

האָבען מיר זיך געלאָזט אהיים. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז איך האָב די וועג געפונען. מיין געניטקייט אין וואַלד איז מיר

צוניץ געקומען. מיר זיינען אין הויז אריין מידע. זי איז געפאלען אויפ'ן בעט אן אויסגעמאטערטע. איך האב זיך געזעצט נעבען איר.

— לאז מיך אפרוען, — האט זי געבעטען, — א, איך בין זייער מיד, אזוי פארמאטערט. איך קען זיך קוים רירען. טו מיר אויס די שיך! —

וואס פאר א פארגניגען אט דיזער קליינער באפעל איז געווען פאר מיר. זי האט זיך מיט מיר געשאפט קאפריזנע און צע־פיעשצעט. איך האב איר געפאלגט, ווי א געהארכזאמער שקלאף. אנשטאט איך זאל זיך באליידיגען, האב איך זיך געפילט גליקליך פון דעם. עס איז פאר מיר געווען א זעלטענער גענוס צו בא־שעפטיגען זיך אזוי פאמיליאר ארום איר. און זי האט געוואוסט ווי מיר גענוס צו פארשאפען. זי האט מיין נשמה געעפענט און האט עס מיט גליענדיגע בשמים אנגעפילט.

ווען איך בין געלעגען א באטרונקענער פון איר נאקעטער לייב, האט זי זיך פלוצלונג ארויסגעגליטשט פון מיר מיט א קליי־נעם תירוץ; און נאך איידער איך האב צייט געהאט זיך ארומ־צוזען, איז זי שוין געשטאנען הינטער'ן טיר פון צווייטען צימער, וואו איר שווענגערין פלעגט אימער שלאפען.

איך האב מיט שטוינען געהערט ווי זי פארשפארט הינטער זיך די טיר.

א קליינע וויילע בין איך געבליבען נידערגעשלאגען. איך האב ניט געקענט באגרייפען, וואס דא איז פארגעקומען.

באלד בין איך געלעגען פאר'ן טיר ווי א פארוואונדעטער הונט, און איך האב זיך ביי איר געבעטען.

— ניין... ניין... ניט היינט!.. ניט היינט!.. — האב איך געהערט איר קאלטע, פארשלאפענע שטימע פון צווייטען צימער.

דאן האט מיך א ווילדער כעס אנגעצונדען. אין מיין קאפ זיינען פלוצים געקומען מאדנע געדאנקען. פאר איין מאל איז מיר אלעס קלאר געווארען. איך האב פאר זיך יעצט דערזען די אמאליגע קליינע לולו, די קינדערשע קאקעטקע, נאר יעצט פארוואנדעלט אין א טייפעל. פון מיר נעמט זי דאס נקמה, נקמה פאר אירע

אמאָליגע קינדערשע ליידען, פאַר איר אמאָליגען פאַרוואונדעטען עגאָאיזם. מיט מיר רעכענט זי זיך אָפּ פאַר אַלעמען, פאַר אַלע יענע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך מיט איר קליינער האַרץ גע־שפּילט. אָבער איך האָב זי דאָך אַזוי געליבט!.. מיט מיר זאָל זי האַנדלען אַזוי געמיין? מיין מח איז פול געוואָרען מיט קאָכיגע בלוט. איך האָב אויפגעהערט צו טראַכטען.

מיט מיינע שטאַרקע שולטערען האָב איך אויפגעבראָכען איר טיר.

און ווי האָט זי זיך געקאָנט שיצען?

זי האָט געשריען פאַר הילף. אָבער ווער האָט איר געקאָנט העלפען? די הויז איז געשטאַנען ווייט פון אַנדערע. און וואָס פאַר א וואָפען האָט זי געהאַט, א חוץ אירע ציינער?

זי איז געפאַלען הילפלאָז אין מיינע שטאַרקע הענט, א קרבן צו דער ליידענשאַפט, וואָס זי האָט אויפגעבלאָזען.

---

ווען איך בין אַנטלאָפען פון הויז, האָב איך זי געלאָזען אַן אויס־געמוטשעטע, א לעבענסלאָזע. אין מיין מח האָט נאָר געברענט איין קלאָרער געדאַנק, אז איך בין באַגאַנגען א מיאוס'ען פאַרברע־כען. איך האָב געפילט אַן עקעל צו זיך אליין. איך בין פאַר־קראָכען אין א קוסט, ווי א קרעציגע חיה. אָט אַזוי האָט זיך דאָס אויסגעלאָזען מיין שיינער טרוים?

אין מיין מח זיינען געקומען שמוציגע, פאַרברעכערישע גע־דאַנקען. מיר האָט זיך געוואָלט לויפען צוריק אין הויז אריין און טויטען זי. איך האָב גענומען טראַכטען און זוכען עפּעס א מיאוס'ען, שרעקליכען טויט פאַר איר. דערווערגען זי? דריקען איר האַלז ביז איר צונג און אויגען וועלען ארויסקריכען! און דאַן אויפרייסען מיט די ציינער איר בויך, — און אויסגעשמירט אין איר בלוט, וועל איך זיך אויפהענגען אויף א בוים, א הוילער, א צעוואונדיגטער. אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין ווילענסקראַפט. דער אויפהויבען זיך פון אָרט איז פאַר מיר געווען צו שווער. די ערד האָט מיט שווערע רימענס צוגעבונדען מיין יעדען מוסקעל.

איך האָב זיך געקייקעלט אין מיינע וואַנזיניגע געדאַנקען, ווי אין קנוילען שלאַנגען.

פּלוצלונג בין איך אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי באַרירט פון אַן עלעקטרישען פונק:

האַ?.. וואָרום האָט זי אַזוי ביטער געקעמפט געגען מיר?.. וואָרום האָט זי געשריען פאַר הילף?.. וואָרום האָט זי אַזוי פאַר־צווייפעלט געביסען מיט אירע שאַרפע ציין?.. זי האָט דאָך גלייך געוואוסט, אַז זי איז הילפלאָז. טאָ וואָרום האָט זי זיך גלייך ניט אונטערגעגעבען? אָה, גאָט מיינער!.. וואָלט אַ קאָקעטקע אַזוי געהאַנדעלט?.. וואָס האָט זי געהאַט צו געווינען מיט איר קאַמף? אויב איר ווידערשטאַנד איז געווען אַן אויסגערעכנעטער, וואָלט זי באַלד געביטען איר טאַקטיק, אַזוי שנעל ווי זי וואָלט זיך איבערציינגט, אַז זי איז הילפלאָז. וואָס האָט זי געהאַט צו פאַרלירען? פאַרקערט, זי וואָלט דאָך אַזוי פיל געווינען מיט איר איבערגעבען זיך. אַ קלוגע פרוי וואָלט עס געטאָן אַזוי... און זי... זי... אָ, איר ווידערשטאַנד איז געווען אַ פאַרצווייפעלטער... עס איז געקומען ערגעץ פון איר נשמה... גאָט מיינער! און איך... איך... אָ, מיין לולו!...

איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב מיין ליבע אויף אייביג באַ־שמוצט. איך האָב לולו'ן געטויטעט פאַר מיר.

אָבער איז וואָס? איר פאַרשטייט? דאָס איז דאָך ניט וויכטיג. זי האָט מיך אָבער געליבט!.. יאַ... און אפשר, ניין — וואָס מאַכט עס אויס? עס האָט דאָך געקאָנט זיין אַזוי. ווען איך וואָלט... ווען... — נאַרישקייטען! עס איז קיין זאַך ניט וויכטיג. טרעפט דען ניט, אַז אַ מענש פאַרלירט זיין געליבטע? טרעפט דען ניט אַז אַ מענש פאַרשפּילט זיין לעבען, זיין נשמה? אָבער לולו איז דאָך געבליבען לולו. זי איז געבליבען מיינע. אָט די אַלע יאָרען זייט יענער צייט, איז לולו געבליבען פאַר מיר... ביז איך וועל שטאַרבען.

איך האָב זי זייט יענער צייט שוין מער ניט געזען. נאַטור־ליך. ווי האָב איך געקאָנט גיין צו איר?

נאָך לאַנגע יאָרען אַרומשלעפּען זיך, בין איך געקומען צוריק

אַהער. איך האָב מיין פרוי און איך האָב קינדער. נו, וואָס קאָנט איר טאָן? ווי קאָנט איר אָפּשטעלן דעם שטראָם פון עקזיסטענץ? אָבער דאָ אין וואַלד שטעלט עס זיך אָפּ. דאָ האָב איך לולו'ן. דאַ פליסן נאָר צוויי נעכט...

# שטאַרקער פון טויט

עס איז געווען א שטילע נאכט אין יונגען זומער, מיט א טיפען, שעמערירענדיגען הימעל, מיט א גלעטענדיגען ווינטעל, וואָס ברענגט א גרוס פון דער ווייטען; דאָס האַרץ איז פול מיט דערוואַרטונג, מיט בענקשאַפט, און קלאַפט, קלאַפט גענגען יעדען פארבלאָנדזשעטען קלאַנג, וואָס קומט פון דער פרעמד, און שיקט שטיל, א ווייכען, אומעטיגען זיפץ נאָך יעדען אוועקגייענדיגען טראָט.

פון וואָס רעדט מען אין אזא נאכט?

פון פרויען און פון ליבע.

ווי אָרים איז דאָס האַרץ, וואָס האָט ניט געליבט! און יע־דער איינער האָט זיין געשיכטע צו דערציילען.

מיר זיינען געלעגען אין ניט געשניטענעם גראָז ביז שפעט אין דער נאכט, און געהערט סודות איינע פון די אנדערע.

איינער צווישען אונז איז געווען א פרעמדער. מיר האָבען זיך מיט אים געטראָפען, פריער אין גאסט צימער פון האָטעל, און דערנאָכדעם ביים אָוונט עסען, ווען ער האָט אונז מכבד געווען מיט זיין מיטגעבראַכטען וויין. ער איז געווען א מיטעליעריגער דזשענטעלמען מיט אן אויסלענדישען אויסזען. די צייכענס פון ניט איין רויען דרויסען זיינען געלעגען אויף זיין פנים. הויך און גלייך מיט ברייטע שולטערען, מיט דעם אויפטרעט פון א מיליטערישען מענשען, נאָר זיינע מאַניערען און זשעסטען האָבען גע־האַט אין זיך עפּעס ווייכעס און רונדעס. זיין לאַנגע, ווייכע, שוואַרצע באָרד איז געווען באַזילבערט, דאָך האָט זיין פולער, לענגליכער פנים געהאַט א יונגען, באַלויכטענעם אויסזען. וואָס האָט אונז אָבער אַלעמען צוגעצויגען גלייך, איז געווען זיינע אויגען. א מענש מיט אזעלכע טרויעריגע אויגען!

מיר האָבען מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין געשיכטע.

„ווען איך האָב זיך מיט איר באַקענט“, — האָט ער אָנגע־

פאַנגען, און זיין שטימע איז געווען ווייך, און דער נאָכקלאַנג פון זיינע ווערטער האָבען אויפגעוועקט אַ שטילען אומעט, — „בין איך אַלט געווען פינף־זעקס און צוואַנציג. ווי איר זעט איז עס געווען לאַנג, לאַנג צוריק. איך האָב פיל געליטען זייט דאַן. און כאָטש איך האָב שוין ניט מיט איין פרוי געלעבט נאָך איר, האָב איך דאָך זי קיינמאָל ניט פאַרגעסען, און שטענדיג האָט אַ שמערצליכע בענקשאַפט גענאָגט מיין הארץ. דער אמת איז, אַז אין יעדע פרוי, וואָס איך האָב נאָכער געהאַט, האָב איך זי גע־ליבט, יאָ, זי, ווי מאָדנע עס מעג קלינגען. יעדע פרוי האָט גע־מוזט האָבען אַן אָנבליק אָן איר. יעדע פרוי האָט געמוזט מיך ערינערען מיט עטוואָס אָן יענער: יענער'ס קאָליר פון די האָר, יענער'ס קלאַנג פון דער שטימע, יענער'ס גאַנג, יענער'ס אַ מאַך מיט'ן האַנט, אַ באַוועגונג פון קערפּער. איינמאָל האָב איך זיך פאַרליבט אין אַ פרוי, וואָס פלעגט געברויכען אַ געוויסען ווערטעל אָט ווי יענע. געוואוינלאַך פלעג איך מיט אַזאַ לאַנג ניט בלייבען, אַ נאַכט אָדער צוויי, און ווייטער געזוכט, געזוכט יענע.

מיט איינער נאָר האָב איך געלעבט אַ לענגערע צייט, און דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט אין גאַנצען פיאָלעטע'ס אויסזען. איך זאָג אין גאַנצען, — דעם אמת ווייס איך ניט. די נאַכט האָט געהאָלפען צו פאַרדעקען און פאַרענדערען און אויס־גלייכען. די נאַכט און מיין פאַנטאַזיע. איך פלעג זי טרעפען נאָר ביינאַכט און אין דער פינסטער. דורך אַ צופאַל האָב איך זי גע־טראָפען אין אַן אָרט וואו איך האָב זי ניט געקאָנט זען צוליב דער פינסטערקייט, און דעם שלייער וואָס זי האָט געטראָגען. איך האָב זיך איר גלייך פאַרגעשלאָגען, און אָנגעבאָטען די באַדינגונגען. זי האָט איינגעשטימט. און אַזוי האָבען מיר געלעבט. צווישען די באַדינגונגען וואָס איך האָב איר געשטעלט איז געווען, אַז זי זאָל זיך צו מיר קיינמאָל ניט ווייזען אין דער ליכטיגקייט, זאָל קיינמאָל ניט רעדען אין מיין געגענוואַרט, ניט אַ זילבע.

צוגעצויגען צו איר צוערשט האָט מיך דער פאַרפום וואָס זי האָט געברויכט. עס איז געווען דערזעלבער פאַרפום וואָס איך פלעג אַזוי אָפט שמעקען פון פיאָלעטע'ס הויט, פון אירע האָר.

איך פלעג קומען צו איר אמאָל, שפּעט אין דער נאַכט, אָנ־קלאַפּען שטיל אין טירעל, און באַלד פלעג איך דערהערען שטילע, באָרוועסע טריט איבער'ן קאַרפּעט. זי פלעגט בלייבען שטיין ביים טיר, און וואַרטען אויף מיין צייכען. באַלד פלעגט זיך עפענען די טיר, שטיל, אָן גערויש, און שטיל מיט אַ קלאַפּענדיגער האַרץ פלעג איך אַריינגיין אין צימער.

אנקעגען פלעגט מיר קומען דער שטאַרקער, זיסער פאַרפום, וואָס פלעגט מיך גלייך באַטרינקען און אַרויסרופען אין מיין זכרון שטיקער פון מיין פאַרגאַנגענהייט, מיט יעטווידער איינצעלהייט און קליינקייט.

איך האָב אונזער צימער אַזוי אויסגעמעבעלירט גלייך צו יע־נעם צימער, ווי איך האָב נאָר געקאָנט. איך האָב זיך געזאָרגט, אַז יעדע זאַך וואָס קומט מיר אונטער'ן האַנט, אונטער'ן פוס, יעדע זאַך מיט וואָס איך האָב געמוזט קומען אין באַרירונג, זאָל ניט שטערען יענע געפילען און איינדרוקען וואָס איך האָב באַהאַלטען אין מיין פאַנטאַזיע פון פיאַלעטע'ס צימער. פון דער אויג האָבען די פינסטערע שאָטענס באַהאַלטען. זי פלעגט שוין וואַרטען אויף מיר שטום אויף איר געלעגער.

ווער זי איז געווען, ווי זי האָט ווירקליך אויסגעזען, ווייס איך ניט. איך ווייס ניט דעם קאָליר פון אירע האָר, פון אירע אויגען. איך ווייס זאָגאַר ניט וואָס פאַר אַ קלאַנג איר שטימע האָט געהאַט. די פּאָר ווערטער וואָס מיר פלעגען זיך איבערבייטען איז אימער געווען אין אַ שטילען שושק. זי האָט געהאַלטען איר פאַרשפּרעכען און ניט געשטערט מיין אילוזיע. די פיינקייט פון איר הויט, די ווייכקייט און פולקייט פון איר לייב, די רונדע פאָרמען פון אירע גלידער, זאָגאַר די ליניען און קאָנטורען אירע, ווי ווייט איך האָב געקאָנט אורטיילען, האָט זי געהאַט דיזעלבע ווי מיין פיאַלעטע.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ וועזען, וואָס האָט געקאָנט איינ־שטימען צו אַזעלכע מאָדנע באַדינגונגען? דאָס האָט מיך דאַן ניט אינטערעסירט. אפשר האָט זי אין מיר געפונען אירען אַ געווע־זענעם געליבטען?

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך בין געווען זיכער, אַז זי איז

אַ טרויעריגער, אומגליקליכער מענש מיט אַ טיפער מרה־שחורה אין איר הארצען.

איין מאָל, ווען איך בין אוועק פון איר אין פריען פרימאָרגען, האָב איך זי געלאָזען אַ טויטע. זי איז געשטאָרבען ליגענדיג לעבען מיר, און איך האָב עס ניט באמערקט. שטילערהייט איז זי געשטאָרבען, אָן אַ זיפץ אפילו. אפשר האָט אַ שטילער שרעק אויסגעפרעסט ביסלאכווייז איר אומעטיגע נשמה? זי האָט דאָך מיך ניט געקענט. מיר זיינען דאָך געווען ווי צוויי שאָטענס, וואָס קומען זיך צונויף ביינאכט, גיסען זיך אויף אינאיינעם, יעדערער מיט זיין געהיימנים באהאלטען טיף, טיף אין הארצען.

און אזוי האָב איך מיין פיאָלעטע׳ן אַ צווייטען מאָל פאַרלאָרען...״

באלד האָט ער פאַרגעזעצט:

„פיאָלעטע איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר פינף. זי איז געווען אַ ברונעטין מיט בלוי־שוואַרצע האָר און בלויליך ווייסע שאַרפע ציין, מיט הויכע, רונדע ברעמען אויפ׳ן לענגליכען געזיכט. אויגען האָט זי געהאַט גרויסע, און טיפע. זיי האָבען קיינמאָל ניט געהאַט דעם זעלבען קאָליר. וועלכער איז געווען דער הערשענדער קאָליר, ווייס איך ניט. זיי האָבען זיך געביטען פון טיףשוואַרץ ביז ריין בלוי, אין אַלע שאַטירונגען. בלוי פלעגען זיי זיין זעלטען, גאָר זעלטען. שוואַרץ פלעגען זיי שניידען, ווי טאָן... ביים ערשטען אָנבליק איז זי געווען אַ גלאַסענע, אָבער גראָד דיזע גלאַסענקייט אירע האָט געררייצט ליידענשאַפטליך. אַ הויכע, אַ שטאָלצע, נאָר דער שטאָלץ איז געלעגען מער אין איר ביוסט, אין אירע שולטערען. אויפ׳ן געזיכט איז זי געווען שטיל און אונטערגעבען. די שטריכען פון איר ליבען פנים זיינען געווען הארמאָניש, געבאָרען ווערען מיט איר יעדען צוג און באַוועגונג, ווי די וועלען און פלעגען זיך אויפגיסען איינע אין די אנדערע, און אויף דאָס ניי אויף אַ ווינטיגען טייך.

יעדען מאָל, וואָס איך נעם זיך זי פאָרשטעלען פאַר מיר, נעמען זיך וואַרפען געשטאַלטען אויף געשטאַלטען אין מיין פאַנטאַזיע, און איך קאָן איינע ניט אָפּשטעלען לאַנג גענוג אין איר

איינצוקוקען זיך. נאָך אַזויפיל יאָרען האָט זיך איין גשטאַלט ניט קרישטאַליזירט פאַר מיר. אָבער ווי ליב עס איז מיר יעדע געשטאַלט אירע!

זי האָט שוין געהאַט אַ קינד ווען איך האָב זיך מיט איר באַקענט. איך געדענק, אַז עס איז געווען איר פּאַרפום, וואָס עס האָט מיך צום ערשטען מאָל צו איר צוגעצויגען.

פון אָנפאַנג פלעגען מיר זיך טרעפען אין אַ פרעמדען צימער. שפּעטער פלעגט זי קומען צו מיר. זעלטען פלעג איך קומען צו איר.

איר מאַן איז געווען גאַנץ פאַרמעגלאַך. איר הויז און אירע קליידער זיינען געווען רייך.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַלעס אין איר צימער איז פאַרבונדען מיט איר, ענג פאַרבונדען, קערפּערליך. זי האָט דאָס צימער אָנגעשטעקט מיט איר פּאַרפום, מיט איר לייב. אין אמת'ן האָט זי אויך מיין צימער געמאַכט פאַר אירען. ביסלאַכווייז האָט זי אַלעס איבערגעביטען, אַלעס נאָך איר געשמאַק נאָך, ביז דער קלענסטער קליינינקייט. זי האָט געהאַט אירע קאָלירען, וואָס זי האָט אימער ארום זיך געטראָגען, און מיט דיזע קאָלירען האָט זי מיך איינגעוויקעלט. מיין צימער, מיינע מעבעל, מיינע קליידער,— אַלעס האָט מיך דערמאָנט אָן איר. איך האָב אימער געלעבט אין איר אַטמאָספערע. איך האָב אימער געפילט אין מיין הויז איר אָטעם, ווי זי וואָלט נאָר וואָס ארויס פון מיין בעט, דורך מיין טיר, אויף אַ קליינער ווייל, באַלד זיך אומצוקערען. און ווען זי איז אַוועק האָב איך גלייך גענומען בענקען נאָך איר. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל זי טרעפען, טרעפען עטוואָס וואָס וועט מיך דערמאָנען אָן איר, געבען עטוואָס פון איר צוריק צו מיר.

זאָגאַר אין דעם הויז פון מיינע פריינט, וואוהין זי פלעגט קיינמאָל ניט אריינקומען, אהין פלעגט זי אויך וויסען ווי אריינצובריינגען, דורך מיינע פּרעזענטען, עטוואָס וואָס זאָל מיך ערינערען אָן איר געשמאַקער נאַענטקייט.

ווי וואונדערליך זי האָט עס פאַרשטאַנען צו מאַכען מיך פאַר אירען; און איך האָב אימער געדענקט, אַז דאָס טוט זי אַלץ וואָס

מיר געפעלט, מיך צופרידענשטעלען, אימער מיין וואונש צו דער־פילען.

און איך בין געווען איר שקלאַף!

אָבער זי האָט מיך רייך באַלוינט דערפאַר. זי האָט רייך גע־מאַכט מיין לעבען, מיין בלוט, מיין חלום און מיין וואָר.

וויפיל יאָר זיינען אוועק אַזוי? איך ווייס ניט. מיר האָט קיינמאָל ניט אינטערעסירט דער אומבייט פון צייט.

זי פלעגט מיר אָפט דערציילען פון איר מאַן. זי פלעגט ריידען פון אים ווי פון אַ נאָענטען באַקאַנטען, ווי פון אונזער ביידענס אַ פריינט. זי פלעגט אים ליבען, און איך בין געווען זיכער, אַז זי שעצט אים. איך האָב זיך אַליין ניט געקאָנט צוגעבען, אַז זי ליבט אים. מיר זיינען דאָך אַזעטיגע עגאָאיסטען! איך האָב איר מורא געהאַט צו פרעגען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז זי וועט זאָגען, אַז יאָ.

מיט דער צייט האָב איך אָנגעפאַנגען צו פילען צו אים אַ נאָענטקייט, זאָגאַר אַ פריינטשאַפט. האָט זי דאָס געוואָלט?

ער האָט ניט געוואוסט פון אונזער פאַרהעלטניס.

אפשר האָט ער דאָס פאַרדעכטיגט...

יאָ, יאָ, ער האָט עס פאַרדעכטיגט.

„ווען איך בין נעגאַנגען מיט דיר הייראַטען, האָב איך אויף דיר אַזויפיל געהאָפט, און איצטער —“

אַזוי האָט זי מיר איבערגעגעבען זיינעם אַן אויסדרוק, ניט פאַרענדיגט, ווי ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אין אַ געשפּרעך מיט איר. איך האָב געקוקט אויף איר געזיכט און געזען, אַז זי איז גע־ווען גערירט פון דיזע ווערטער.

איך מוז מודה זיין, אַז דערהערענדיג וועגען דיזען געשפּרעך זייערען, האָט אַ שווערער טרויער געדריקט מיין נשמה. איך האָב אויף אים רחמנות געהאַט; איך האָב אים שטאַרק באַדויערט.

איין מאָל ווען איך בין געקומען צו איר, האָב איך געפילט, אַז עס איז שוין פאַראַן נייס. איך האָב זי געוואָלט נעמען אין מיינע אָרעמס און ניט געקאָנט. איך האָב געפילט, אַז זי וויל עס ניט.

„ביזט נאָך ניט זאט?" — האָט זי מיר געפרעגט מיט א טרויעריגען שמייכעל.

וואָס האָב איך איר געקאָנט ענטפערען?

„מער זאָלסטו ניט קומען אהער. איך וועל פון איצט אָן מוזען קומען צו דיר. ווארט אויף מיר, איך וועל קומען."

דאָס זיינען געווען אירע לעצטע ווערטער.

און איך האָב געווארט.

זי איז ניט געקומען. טעג, וואָכען, מאָנאטען, — זי איז ניט געקומען. איך האָב געווארט אויף איר. ניין, איך ווייס ניט וויפיל צייט עס איז אוועק. איך ווייס קיין חשבון ניט אין צייט און יעדע זאך וואָס האָט צו טאָן מיט איר, אָדער מיט איר ערינערונג. און נאָך אלעמען קאָן דאָך זיין, אז עס האָט ניט זייער לאנג געדויערט.

ענדליך האָב איך געקראָגען א בריוועלע פון איר. זי האָט מיר געבעטען, אז איך זאָל קומען צו איר.

אויפגענומען האָט זי מיך ווי שטענדיג. יאָ, איין בליק אירער איז ווערט געווען די גאנצע ליידען. ווי זי האָט דאָס געוואוסט ווי צו קוקען אויף אייך! וואָס האָב איך מיט איר גערעדט דאַן? איך געדענק ניט. עפּעס איז מיט מיר דאַן פאָרגעקומען. איך האָב איר דערציילט פון דער מאטערניש פון מיין לייב און זעלע, אלעס וואָס איך האָב דורכגעלעבט און דורכגעליטען, אין שלאָף און אויפ'ן וואך — אלעס. זי איז געווען גליקליך, איך האָב עס געזען. אז איך בין ענדליך מיד געוואָרען ריידענדיג, און בין דערשעפּט אנ־שווינען געוואָרען, האָט זי פּלוצלונג אָנגעפאנגען צו ריידען צו מיר פון איר שוועסטער.

איך האָב זי געהערט דערשטוינט. אן אינגערע שוועסטער האָט זי געהאט, וועלכע איך האָב גאָר ניט געקענט. און זי האָט גערעדט פון איר, און געלויבט זי, און אויסגערעכענט אלע מעלות אירע. איך קאָן שווערען, אז איך האָב זי קיינמאָל ניט געהערט ריידען אזויפיל און אזוי שיין. זי איז געווען א שטיקל פון דער נאטור, א שווייגענדיגע. און איצט, — און איז דאָס געווען איר ענטפער? איך האָב פאר איר אויסגערעדט מיין גאנץ הארץ. איך האָב איר דערציילט פון מיין בענקען נאָך איר, פון מיין ליבע צו איר, אלעס

וואָס איך האָב געליטען דורך דער צייט וואָס איך האָב זי ניט געזען. און זי, — זי האָט מיר געלויבט איר אינגערע שוועסטער. כאַ־כאַ־כאַ! יע, יע, עס איז ווירקליך העכסט קאָמיש, ווען מען דענקט נאָר פון דערפון. איך ברען צו איר מיט ליבע, דערצייל איר ווי אַ וואַנזיניגער ווי שטאַרק איך בענק נאָך איר, שמאַכט נאָך איר, — און זי רעדט מיר אַ שידוך. און מיט איר אייגענער שוועסטער!

איך בין שיר וואַנזיניג געוואָרען פון שמערץ און פאַרדרוס. איך האָב דאָך זי אַזוי געליבט!

איך בין אַנטלאָפען פון איר. דער שמערץ איז געווען אומ־דערטרעגליך. זי לאַכט נאָך פון מיר!...

אין אַ צייט אַרום קריג איך אַ בריוו פון איר: זי בעט מיך אַז איך זאָל קומען צו איר אין אַ געוויסער צייט, אין אַ באַשטימ־טען אָווענט. איר שוועסטער, העלען, וועט דאָרטען זיין, וועט זי מיך באַקענען מיט איר.

ווייסט איר וואָס איך האָב באַשלאָסען? גיין און דערשיסען זי. יאָ, אַזוי האָב איך באַשלאָסען, און געקויפט אַ רעוואָלווער.

פלוצלונג קומט מיר אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַ נאַרישער גע־דאַנק: אפשר פּרובירט זי מיך אויס?

איך האָב געהערט פון אַזעטיגע אינקוויזיטאָרישע איינפעלע, וואָס קומען אַמאָל אין די פוסטע קעפּ פון די שיינע געליבטע אונזערע.

דער געדאַנק איז דאָך געווען אַזוי אַבסורד, נאָר איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אויס פאַרצווייפלונג. טיף, טיף אין מח האָט מיך געפּרעסען דער געדאַנק, אַז זי מיינט ערנסט, אַז זי טוט דאָס תשובה, אַז זי איז שוין מיד געוואָרען פון מיר. מיין גאָט! איך מוז דאָס אויסגעפינען פאַר יעדען פּרייז, ווען איך זאָל אפילו דאַר־פען חתונה האָבען מיט איר שוועסטער!

נו, צו מאַכען עס קורץ, איך האָב חתונה געהאַט מיט איר שוועסטער. און פיאָלעטע איז געווען גליקליך. דאַן האָב איך גע־זען, אַז אַלעס איז שוין צו ענדע. יאָ, זי האָט חרטה געהאַט אויף אירע באַציאונגען צו מיר. זי האָט באַשלאָסען מער ניט צו זיין

אומטריי איר מאַן. און דאָס האָט זי גענומען אויף זיך אַ מין אָפּ־קומעניש, אַ פּייניגונג פאַר אירע פריערדיגע זינד, און טאַקע אַזוי אויך נאָך אַ קייט וואָס זאָל בינדען איר ווילען. איר אייגענער שוועסטער נאַרען?

אַז זי ליידט פון דערפון גאָרניט, האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלויבען. מיר זיינען דאָך אַזעטיגע עגאָאיסטען.

איך האָב מיך דערווייל צוגעוואוינט צו מיין כלה, און די לעצטע צייט פאַר מיין חתונה, האָב איך זי זאָגאַר אָנגעפאַנגען צו ליבען. זי איז געווען נאָך אַ גאַנץ יונג מיידעל און האָט געהאַט אַ שיינע פיגור; איינע פון יענע בלומען, וואָס ווערען מיטאַמאָל פאַרטיק, און גיבען ארויס אזא שאַרפען פאַרפום, וואָס פאַר׳שכור׳ט ווי יונגער וויין, — וואָס פאַרבליען אָבער, דאָס רוב, אויך פּלוצלונג. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכען אין חן צו איר שוועסטער. זי האָט ניט געהאַט דעם דעליקאַטנעם צויבער, די כמעט שמערצליכע זיסקייט יענער׳ס, ניט יענער׳ס איידעלע, האַרמאָנישע צוגען. איר שיינקייט איז געווען אַ בלענדענדע, וואָס טרעפט איינעם גלייך. אין טעמפּעראַמענט איז זי געווען אַ הייסע, אַ זודיגע, — צו זודיג פאַר מיר, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אַזוי צוגעוואוינט צו דער גלאַסענקייט און קאַלטקייט פון פיאָלעטען. איך בין נאָך דאַן געווען אין דער רעכטער יוגענד, פול מיט יונגען כח, און דאָך האָב איך זיך געפונען כמעט ווי פאַרלאָרען אין איר ליידענשאַפטליכען ברען. עפּעס איז אין אירע האַנדלונגען, באַוועגונגען, אין איר גאַנג און טראָט, ווי אין איר קוש, געלעגען אַ מין איילעניש. אין אַ שטאַרק, שטאַרק פינסטערען פּלאַץ, ווען איך טרעף אמאָל פאַר׳גנב׳עט אַ ווארימען, גאָלדענעם שטראַל פון דער זון, דערמאַן איך זיך אָן מיין כלה. וואו איז די אַנאַלאָגיע? איך וויים ניט. נאָר עפּעס דוכט זיך מיר, אַז די טראַגעדיע פון ליכט און שאָטען, פון ווייס און שוואַרץ, טראָגט אין זיך אירע געהיימע, האַלב־מיסטישע, טראַגישע טענער. איך האָב אויף איר רחמנות געהאַט, און איך האָב זי געליבט. שטייענדיג מיט איר אונטער דער חופּה, האָב איך געוואוסט, אַז צווישען מיר און פיאָלעטען איז שוין אַלעס אויס. פיאָלעטע האָט זיך ארומגעדרייט ארום אונז, אַ גליק־

ליבע. איר פּנים האָט געשטראַלט. און איך האָב אויך געפילט אַ שטאַרקע פרייד, שלאָגענדיג אין מיין בוזים. יאָ, יאָ, אַלעס איז צו ענדע. דער געפיל פון טרייהייט און איבערגעבענהייט, האָט געזיגט אין איר הארצען. עס איז געווען דער טריאומף פון דער פרוי איבער דער חיה. איך האָב זי דערפאַר ליבער געקראָגען. נאָך אַלעמען, ליגט אין צניעות גופא אַ גרויסע ברכה. מיר איז מיטאמאָל קלאָר געוואָרען די הייליגקייט פון נזיר. וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד צו באזיגען דעם יצר־הרע!

פיאַלעטע׳ס מאַן האָט באַהאַלטענערהייט געקוקט, דאָ אויף מיר, און דאָ אויף איר. ער האָט אונז געהיט. ער האָט עס ניט געקאָנט פארשטיין. סוף אָוועגט איז ער געוואָרען מונטער און פריילאַך. ער איז עטליכע מאָל צוגעלאָפען צו מיר און מיר ווארים געדריקט די האַנט, גלאַט אַזוי. ווארום? ער איז געווען גליקליך. אָרימער מענש! אין זיין האַנטדרוק אין זיינע אויגען, איז געלעגען אַ מין אַפּאָלאָגיע. איך האָב מורא געהאַט צו טרעפען פיאַלעטע׳ן אויג אויף אויג.

עס איז נאָך ניט אוועק אַ וואָך צייט נאָך אונזער אָפיציעלער חתונה, — קריג איך אַן איינלאַדונג פון פיאַלעטע׳ן צו באַזוכען זי אליין. איך האָב געוואוסט, אַז עס איז די צייט ווען איר מאַן איז ניטאָ אין דער היים. דעם אמת געזאָגט, האָב איך קיין מוט ניט געהאַט צו גיין. אָבער איך האָב ניט געוואָלט, אַז זי זאָל מיך האַלטען פאַר אַ פייגלינג, און דאַן די נייגעריגקייט.

איך בין געגאַנגען.

ביי דעם ערשטען טראָט, וואָס איך האָב נאָר געמאַכט אין איר צימער, דער ערשטער בליק אויף איר, האָט מיר קלאָר געמאַכט, אַז פיאַלעטע איז מיינע, ווי אימער. מיין גאָט!

„און צו וואָס איז דאָס אַלעס נויטיג געווען, פיאַלעטע? צו וואָס איז נויטיג געווען די גאַנצע געשיכטע?“

זי האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. זי האָט געמיינט, אַז איך האָב פאַרשטאַנען איר פּלאַן.

„יעצט זיינען מיר פריי, פריי. קיינעם וועט גאָר ניט איינ־פאַלען אונז צו פאַרדעכטיגען.“

„און דיין שוועסטער, פיאַלעטע?"

„מיין שוועסטער? אך! נו, עס האָט געמוזט זיין אזוי."

איך האָב אריינגעקוקט אין אירע אויגען. יא, יא, עס האָט געמוזט זיין אזוי.

ניין! אָבער איך האָב ניט געקאָנט.

איך האָב גענומען מיין יונגע פרוי און מיר זיינען אוועק אין א פרעמדער שטאָט.

פיאַלעטע האָט מיך פארפאָלגט מיט אירע בריוו.

איך האָב איר ניט געענטפערט. ווי געזאָגט, האָב איך דאַן געליבט מיין יונגע פרוי.

פיאַלעטע אָבער האָט ניט גערוט. צום סוף האָט זי אָנגענומען א דראָענדיגע האלטונג. איין מאָל, ווען איך בין געקומען פון מיינע געשעפטען אהיים, האָב איך געטראָפען מיין פרוי טויט. זי האָט זיך פאר׳סמ׳ט. אין א בריוו האָט זי מיר דערציילט, אז זי האָט זיך דערוואוסט פון אלעס. לעבען קאָן זי מער ניט, נאָר זי פארצייעט מיר אלעס. פיאַלעטע האָט זיך פאר איר מודה געווען.

פיאַלעטע האָט לאנג איר שוועסטער ניט איבערגעלעבט. איך האָב זי מיט מיין האנט דערשאָסען.

מיין קויל האָט זי ניט געטויטעט אויפ׳ן שטעל. די שולד האָט זי גענומען אין גאנצען אויף זיך. זי האָט זיך באדעקט מיט שאנד, און מיך האָט זי באפרייט.

אָרימע פיאַלעטע!

ערשט נאָך איר טויט האָב איך זיך ארומגעזען, ווי שטארק איך האָב זי געליבט. זאָגאר אין איר שוועסטער, וואָס איז געווען דער קאָנטראַסט פון איר, האָב איך נאָר זי געליבט.

אָבער זיי זיינען שוין געווען ביידע טויט.

און פון דאַן אָן שלעפ איך זיך ארום ווי א שאָטען אויף דער וועלט.

# קיטש

איך האָב אים געפונען ביים ברעג אין זאמד. די נאכט איז געווען א הערבסטליכע, מיט א הויכען, קאלטען, טריבען, בלוויליך־פינסטערען הימעל, מיט ווייניג דריבנע, טונקעלע שטערען. פון וואסער האָט געטריבען א ווינטיגע אומהיימליכקייט. דער ים האָט געדונערט און געקנאלט אין דער ווייטענס און געוואָרפען שווארצע, אָנגע׳ברוגז׳טע, שווערע מאסען צום איינזאמען ברעג. אין א ווינקעל פון ווייטען, אויסגעשפרייטען חושך האָט זיך געצונדען און געלאָשען דאָס אויג פון א לייכט־טורעם, וואָס האָט געצויגען מיין הארץ. איך האָב געפילט אומעטיג.

דאן האָב איך אים געפונען. איך בין צוגעגאנגען צו אים און געבעטען אביסעל „בול" פאר מיין ליולקע. ער האָט מיר דערלאנגט זיין בייטעלע שטומערהייט. איך האָב ביי אים געבעטען א שוועבעלע, האָט ער עס מיר געגעבען. איך האָב גערעדט צו אים, האָט ער מיר ניט געענטפערט. בין איך אוועק און זיך געזעצט פון דערהווייטענס און געווארט. אז איך האָב זיך אויף אים ניט געקאָנט דערווארטען, האָב איך מיר אויפגעקליבען האָלץ און טרוקענע גראָז, און געמאכט א פייער. איך האָב זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן זאמד און געקוקט אין פייער אריין, גערויכערט מיין פיפקע און געטראכט...

ווי לאנג עס האָט געדויערט, ווייס איך ניט, נאָר איך האָב זיך פלוצלונג געכאפט, אז מיין שכן ליגט ביים פייער. איך האָב אים געכאפט אין מיין נעץ. איינער אליין ביינאכט לעבען טרייסטלאָזען ים, און זעסטו א פייער ברענען, און דערביי זיצט א מענש, וועסטו ניט בלייבען זיצען אליין פון דערווייטענס. און נאָך איידער די נאכט איז אריבער, האָבען מיר שוין געוואוסט סודות איינער פון דעם אנדערענס לעבען.

עס איז ניט גרינג אָנצופאנגען ריידען אין אזא נאכט, כאָטש דו ביזט עלענד און דיין הארץ איז אָנגעלאָדען. נאָר פאנגסטו אָן,

האָסטו מורא אויפצוהערען. דו דרייסט זיך אַ לאַנגע צייט אין זאַמד, נורעסט זיך, טוליעסט זיך צו צו דער ערד, זיפצסט אָפּ אַ פּאָר מאָל, גיסט אַ שפּיי אין פייער, און דאַן פאַנגסטו אָן, ניט זייכער צוערשט, אָן צוטרוי; נאָר באַלד ווערט דיין שטימע וואַרימער, דיין צונג גרינגער, גיסט וועדניט־ווען אַ בליק אויף דיין צוהערער, און דו דערציילסט. דיין צוהערער וואַרפט צו פון צייט צו צייט אַ שטיקעל האָלץ צום פייער, שלאָגט אויף די קוילען, עטליכע פונקען גיבען זיך אַ הויב אויפ'ן ווינט, דאָס פייערעל גיט אַ קנאַק, ציט זיך, ציט זיך, וויגט זיך הין און הער, און ברענט מיט אַ נידעריגען רויך. דער ים קנאַלט פון דער ווייטענס; די כוואַליעס הויבען זיך אויף מיט ווייסע קעפּ, גיבען זיך אַ יאָג־צו צו דיינע פיס, נאָר איידער זיי דערגרייכען דיך, גיסען זיי זיך אוים און ציען זיך צוריק אַהינטער, נידעריגע, געפאַלענע, איבערלאָזענדיג אַביסעל שוימיג וואַסער אין דיינע פוס־טריט. אַמאָל לאָזען זיי דיר איבער אַ ים־שיסעלע, אַמאָל אַ שטיקעל האָלץ פון אַ צעשלאָגענער שיף, אָדער אַ פּאָר לאַנגע, געל־גרינע ים־גראָז.

אָך, וואָרום כאַפּט זיך אויף אין דיין בוזים אַזאַ מאָדנער, פרעמדער, אומרואיגער און אומעטיגער געפיל? דו זעסט זיך פלוצלונג אַרום, אַז פון דיין הערליכער יוגענט האָט זיך גאָרניט ניט אויסגעלאָזען. דיין לעבען איז אַ נאַרישער, מיאוס'ער דורכפאַל. וואָרום האָסטו אַזויפיל געהאָפט און געוואַרט, און צום סוף? —

מיין שכן האָט אָנגעפאַנגען צו דערציילען:

„עס האָט פאַסירט מיט אַ צענדליג יאָר צוריק. איך האָב דאַן געהאַט מיין „קיטי'ן", און געלעבט אַ גאַנצען זומער אויפ'ן ים. „קיטי'ן" האָב איך געקראָגען בירושה פון מיינעם אָן אָנקעל. אַמאָל איז זי געווען גאָר אַ פאַרשוין, „קיטי", נאָר זינט זי איז אריינגעפאַלען צו מיר אין די הענט, איז פון איר געוואָרען אַ תל, פארגרינט און פאַרשוואַרצט פון געזאַלצענעם ים, פון ווינט און פון רעגען. זי איז געוואָרען אַלט און אָפּגעריבען, דאָ און דאָרט מיט אַ מיאוס'ער לאַטע פון פאַרזשאַווערטען בלעך. אָבער אירע זייטען

זיינען נאָך געווען גאַנץ געזונטע, און זי האָט מיך געדינט געטריי. ניט איין שטורעמדיגען טאָג האָבען מיר צוזאַמען איבערגעטראָגען. אירע לונגען האָבען געכריפּעט, אָבער איר נאָז האָט אימער געשניטען די הארטע כוואַליעס מיט אַ בראַווער עקשנות, און זי האָט זיך אימער געמאַכט אַ וועג אין שווערסטען ים. זי איז געווען, טראָץ איר עלטער, אַ לוסטיגע און אַ פרייליכע. ווי איך האָב נאָר דערהערט איר האַסטיגען, קורצען פּולס, איר מונטערען רוף, פלעגט מיר אַראָפּפאַלען אַ שווערע לאַסט פון האַרצען, און מיך פלעגט, ווי זי, נעמען רייצען דער ברייטער, אָפענער ים. ניט אַלעמאָל האָב איך געהאַט „זאַפט" פאַר איר, אָבער דאַן האָב איך זיך באַנוצט מיט אַ פּאָר זעגלען. זי פלעגט גיין יעדענפאַלס. „קיטי" איז געווען ניט גאָר קיין גרויסע, דאָך האָט זי געהאַט פּלאַץ גענוג פאַר אַ קליינער פאַמיליע. איך האָב קיינעם ניט געהאַט. אַ העלפט פון איר האָב איך אָנגעפילט מיט ביכער, און די אַנדערע העלפט איז געווען גענוג פאַר מיין קיך און מיין שלאָפצימער. פאַרמאָגט האָב איך אַחוץ „קיטי'ן" גאָרניט. גאַנץ אָפט פלעגט מיר פעלען אַ מאָלצייט. דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט אין גאַנצען פאַר מיר גאָט'ס גרויסע, ליכטיגע טעג, און דעם אָפענעם, ברייטען ים. אַביסעל פיש, אַביסעל אויסטערס, „קיטי'ס" פליגלען, אַביסעל ווינט אויפ'ן וואַסער, — און ווי הערליך גאָט'ס זוניגע טעג!

אויפ'ן ברעג האָב איך ווייניג פריינט געהאַט, און נאָך ווייניגער אויפ'ן וואַסער. דאָך, ווילענדיג ניט ווילענדיג, אַרומשווימענדיג אין דיזעלביגע וואַסערען יאָר־איין, יאָר־אויס, אַ גאַנצען זומער לאַנג, מאַכט איר צופעליגע באַקאַנטשאַפט. עס טרעפט אַמאָל, איר טוט וועמען אַ קליינע טובה, איר לייט אימיצען אַ שטיקעל שטריק, אַ פאַרזשאַווערטען נאָגעל, צי איר וואַרפט אַמאָל איינעם צו אַ וואַרנונג געגען דעם אָנקומענדיגען שטורם, צי גלאַט אַזוי, אין אַ שיינעם פרימאָרגען, פילענדיג זיך מונטער און פריינדליך אויפגעלייגט צו דער גאַנצער וועלט, באַגעגענט איר וועמען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען, און איר קאָנט זיך ניט איינהאַלטען: „אַ שיינער פרימאָרגען היינט!" רופט איר אויס

צו יענעם. און יענער ענטפערט אייך מיט א ווארימען שאָקעל מיט דעם קאָפּ: „אַ פּראַכטפולער וועטער!“

און פון דאן אָן קאָנט איר אים שוין ניט פארבייגיין אָן א „גוט מאָרגען“, — איר האָט א באַקאַנטען.

צווישען דיזע צופעליגע באקאנטע מיינע, האָט מיך קיינער ניט אזוי פאראינטערעסירט, ווי דער באלעבאָס און די באלע־באָסטע פון דער קליינער יאכט־שיפעל, די „ים־ליליע“. די „ים־ליליע“ פלעג איך טרעפען אין די וויטסטע וואסערען, וואוהין קיינע אנדערע שפּאציר־שיפלאך, פון איר גרויס, האָבען קיינמאָל ניט געוואגט. און די „ים־ליליע“ איז געווען די לעצטע זיך צוריקצוקערען פון א שטורם. זיי זיינען ביידע געווען געניטע שיפער, בראוו און וואגנעד.

ווען דער ים איז שטיל און וויגט זיך געדולדיג, ווי א קינד ביי זיין מוטער אויפ'ן שויס, דאן רייצט עס אייך ניט אויפצוהויבען דעם אנקער. אָבער ווען דער ים ווערט אָנגע'ברוגז'ט, קאַפּריזנע, און ווארפט זיך און שפּריצט אייך אין פּנים קאלטע, הארטע, געזאלצענע טראָפּען, דאן ווערען אייערע מוסקולען שטייף, און אין אייער בלוט שפּרינגט אויף א פייערעל. עס רעגט אייך דער צעשפּילטער פּנים פון ים. אָבער אָפט ווערט ער גאָר פּלוצלונג גע־פערליך.

ניט איינמאָל האָב איך שוין אויפגעגעבען די האָפנונג נאָך אמאָל צו זען די „ים־ליליע“. דאָך אימער פלעגט זי קומען צו־שפּרינגען איבער די אויפגעהויבענע קעפּ פון די כעס'דיגע וועלען, ווי א האָז איבער די בערגלאך פון פעלד.

זי איז אימער געזעסען ביים ראָד. זי האָט שטענדיג געפירט דאָס שיפעל. ער האָט נאָר אויסגעפאָלגט אירע באפעלען. און זי איז געווען צו דרייסט, צו ריזיקאליש. זי האָט זיך ליידענ־שאפטליך געשפּילט מיט איר לעבען. האָט זי גאָרניט געהאט וואָס צו פארלירען?

ער איז געווען אן אירלענדער, פון א יאָר פערציג, הויך און שטארק ווי א מאסטבוים, מיט א רונדען פּנים, פולע באקען, גרויע, אָפענע אויגען מיט א ברייטען, פליישיגען מויל, ארום וועלכען עס

האָט זיך געשפּילט אַ גוטמוטיגער שמייכעל ווי בײַ אַ קינד. זי איז געווען פון אַ יאָר דרייסיג, העכער פון מיטעלען וואוקס און גאַנץ שיין. איך האָב געדענקט, דאָס זי שטאַמט אָפּ פון אירען, צוליב אירע שנעלע באַוועגונגען און לעבהאַפטע געזיכטציגען. זי פלעגט זיצען ביים ראָד, און ער פלעגט זיצען אַנקעגען איר מיט אַ פּיפּקע אין מויל, און קוקען אויף איר מיט אַ ברייטען, צופרידענעם שמייכעל. אַזוי פלעג איך זיי אַלעמאָל טרעפען.

יאָרען זיינען אוועק, און איך האָב גאַנץ וועניג באַקאַנטשאַפט געהאַט מיט זיי, אָדער בעסער געזאָגט — זיי מיט מיר. איך ווייס גאָרניט, צי זיי האָבען מיך גאָר אַמאָל באַמערקט, כאָטש איך פלעג זיך אימער אַרום זיי אַרומדרייען.

איין זומער האָב איך די „ים־ליליע“ ניט מער געפונען. די „ים־ליליע“ איז ניט געקומען. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, קיינער האָט זי ניט געזען. יענער זומער איז פאַר מיר געווען אַ שרעקליך לאַנגווייליגער. איך האָב געהאַט אַ שלעכטען זומער, גאָר אַ שלעכטען. איך האָב שוין אויפגעגעבען די האָפנונג זיי ווען עס איז נאָך אַמאָל צו זען. איך האָב גערעכענט, אַז אָדער עס האָט עפּעס פּאַסירט אַן אומגליק מיט זיי, אָדער זיי זיינען אוועק ערגעץ אין אַנדערע וואַסערען.

וואוהין?

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג אין סוף זומער, ליג איך מיר אויף מיין שיפעל און לעז. עס איז געווען נאָך וואַרעמעס. „קיטי“ האָט זיך געמיטליך געוויגט אויף די רואיגע וועלען און מיך האַלב איינגעוויגט. פּלוצלונג האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, אַז איך הער טריט אויפ׳ן דעק. איך האָב זיך אַליין ניט געגלויבט, וואָרים ווער האָט דאָס געקאָנט קומען צו מיר אַזוי אומגעריכט? איך בין געלעגען פאַראַנקערט ביי אַ מייל פון ברעג טאַקע אָט דאָ, ביי דיזען ברעג. דאָ איז דאָס וואַסער גאַנץ אומרואיג, און די כוואַליעס ברעכען זיך אויפ׳ן ברעג מיט שטורם. זעלטען־ווער עס קומט זיך באָדען אַהער. און ווער וואָלט זיך אונטערגענומען אַרויסצושווימען אַזוי ווייט? עס דאַכט זיך מיר נאָר, האָב איך באַשלאָסען, כאָטש איך האָב זיך פּאָרט אויפגעהויבען און אַ קוק געטאָן.

וואָס פאַר אַן איבערראַשונג!

די דאַמע פון דער „ים־ליליע" איז געשטאַנען ביי מיר אויפ'ן דעק.

אַ ווײַלע זיינען מיר געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט און קיין וואָרט ניט געזאָגט. עפּעס האָט איר באַזוך ביי מיר געהאַט אַ וואונדערליכע באַדייטונג. איך וויים ניט וואָס זי האָט געטראַכט, אָבער איך האָב געפילט, אַז עפּעס אוממעגליכעס און אומפאַר־שטענדליכעס האָט פּאַסירט, אויף וואָס אָבער איך האָב מיין גאַנ־צען לעבען געוואַרט. איך האָב קיין אָנונג ניט געהאַט און גאָרניט געטראַכט דאַן, אַז פון דיזען באַזוך וועלען אַרויסקומען פאַר מיר אַזעלכע קומערליכע פאָלגען, אַז זי וועט שוין מער פון מיין לעבען ניט אַרויסטרעטען. נאָר דער פאַקט אַליין, וואָס אָט שטייט זי דאָ לעבען מיר אָט אַזוי, אָט אַזאַ ווי זי איז, זון־באַגאָסען, די וועלען אָפּרינענדיג פון אירע געשמאַקע גלידער, וואָס האָבען אַראָפּגעשאָטען פון זיך די שטראַלען ווי געפּאָלירטער בראָנז, מיט איר שטאָלצען קאָפּ עטוואָס איינגעבויגען, קוקענדיג אויף מיר מיט אירע בייזע, גרינע, ליכטיג אָפענע אויגען, און איר שמייכעל, עטוואָס אומזיכער און פאַרלעגען, גיסט זיך צו מיר, אין גאַנצען פאַר מיר, — איז געווען גענוג, אַז מיין האַרץ זאָל שפּרינ־גען מיט פרייד.

איך האָב איר ניט געדאַרפט פרעגען, נאָך וואָס זי איז געקומען. אַך, עס איז געווען אַזוי פרעמד, אַזוי וואונדערליך!

„גיב מיר דיין מאַנטעל, וועל איך ביי דיר אָפּרוען אַ רגע", זאָגט זי צו מיר נאָך אַ ווײַלע פון שטילשווייגען, מיט אַ שטימע, וועלכע איך האָב ערשט דאַן געהערט צום ערשטען מאָל. איך האָב זיך געמוזט אַ צאַפּעל טאָן דערהערענדיג איר שטימע. אפשר בין איך בלאַס געוואָרען. און דאָך האָב איך פריער געוואוסט, אַז איר שטימע וועט זיין אָט אַזאַ!

איך האָב איר געגעבען מיין ראָק. זי האָט עס אָנגעטאָן מיט אַ שמייכעל, פאַרדעקט איר בוזים און פּראַכטפולע אָרעמס, אַ ווײַלע אַרומגעגאַנגען איבער מיין שיפעל מיט אירע קליינע, שטאַרקע, באָרוועסע פיס, און באַטראַכט יעדע קלייניגקייט. מיין

„קיטי“ האָט איר זייער שטאַרק אינטערעסירט. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין די ווענט, און זיך נאָכגעפרעגט ווי שטאַרק. זי האָט באַקוקט דעם ענדזשין, דעם מאָטאָר. זי האָט געזוכט, געניש־טערט און אויסגעפאָרשט אַלצדינג מיט דער נייגיריגקייט פון איינעם, וואָס באַזוכט דעם ערשטען מאָל זיין נייע דירה. דאַן האָט זי זיך געזעצט און מיר האָבען געפּלוידערט ביי א שעה אָדער צוויי. זי האָט מיך געמאַכט צו ריידען פון מיין פאַרגאַנגענהייט, פון מיין לעבען, וועגען „קיטי׳ן“, און פון וואָס ניט?

איך האָב א סך גערעדט און א סך דערציילט. איך וויים ניט, וואָס עס האָט מיך געמאַכט צו זאָגען איר אַזויפיל ליגען. צוליב וואָס? איך האָב זיך אַליין געוואונדערט און זיך צוגעהערט צו מיינע אייגענע מעשיות מיט איבערראַשונג.

„קיטי“ איז א נאָמען נאָך מיינער א געליבטער, האָב איך איר געזאָגט. און סינסינעטי האָב איך זיך פאַרליבט אין א מיידעל, און זי האָט חתונה געהאַט מיט א רייכען סוחר. איך האָב זי ניט געקאָנט פאַרגעסען. איינמאָל האָב איך זי געטראָפען צופעליג אין א טעאַטער אין ניו יאָרק. זי האָט מיך באַמערקט און נאָך דעם צווייטען אַקט איז זי צוגעקומען און האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל זי נעמען צוריק. ביי אים וויל זי מער ניט זיין. עס איז געווען א פאַרבלענדעניש. זי בענקט נאָך מיר. די גאַנצע צייט האָט זי געבענקט נאָך מיר. זי איז אַזוי אומגליקליך. אויב זי האָט זיך דאָס לעבען ניט גענומען ביז איצט, איז עס געווען דערפאַר, וואָס זי האָט געהאָפט צו ווערען שלום מיט מיר. איך מוז זי איצט נעמען צוריק, ווייל זי קאָן אָן מיר ניט לעבען.

איך האָב אָבער ניט געוואָלט הערען. איך האָב איר אַנט־שידען אָפּגעזאָגט.

צום סוף האָט זי ביי מיר גע׳פועל׳ט, אַז איך זאָל זי לאָזען אויפהאַלטען זיך ביי מיר א פּאָר וואָכען, ביז זי וועט געפינען ערגעץ אַן אָרט פאַר זיך, ווייל פון אים גייט זי גלייך אַוועק.

איך האָב זי גענומען אהער, צו זיך אויפ׳ן שיפעל, וואָס האָט זיך דאַן גערופען „די עלדאַראַדאָ“.

זי האָט זיך אויפגעהאַלטען ביי מיר א פינף וואָכען צייט. די

גאנצע צייט האָט זי זיך צו מיר געלאשצעט, זי האָט זיך אונטער־געבעט אונטער מיינע פיס. זי האָט זיך געבעטען, אז איך זאָל איר פארצייען און נעמען צוריק.

איך האָב איר אָבער פארזיכערט, אז איך ליב זי מער ניט. זי איז געווען אומגליקליך און צעבראָכען. איך האָב געזען, אז זי ליידט, אָבער איך בין געבליבען ביי מיין פעסטען באשלוס.

איין מאָל, ווען איך האָב זיך געזאמט אין שטאָט א גאנצע נאכט, האָב איך, קומענדיג אין פרימאָרגען, זי מער ניט געפונען. אין עטליכע טעג ארום האָט מיר דער ים ארויסגעוואָרפען איר אויפגעבלאָזענעם קערפער.

פון דאַן אָן גיי איך ארום ווי א שאָטען. דעם איינציגען אָנ־דענקען וואָס איך האָב פון איר, איז איר נאָמען אויף מיין שיפעל. צייטענווייז, ביינאכט, ווען דער ים איז אומרואיג, דוכט זיך מיר, אז איך הער זי אין וואסער, ווי זי שפרייט די הענט צו מיר מיט תחנונים. צייטענווייז חלומ׳ט זיך מיר, אז איך בעט זיך מיט איר איבער, אז איך נעם זי צו זיך מיט ליבע, ווייל איך האָב זי דאָך ליב, האָב גאָרניט אויפגעהערט צו ליבען זי. וואָס טויג איצט מיין לעבען אָן איר?

אָט אזוי האָב איך איר דערציילט, דעם גאסט מיינעם, וואָס איז געזעסען ביי מיר אויפ׳ן דעק צום ערשטען מאָל.

מיין געשיכטע איז איר ניט געפעלען. אירע אויגען האָבען גענומען ברענען ווי ביי א הונגעריגען וואָלף. איך האָב זיך אמת דערשראָקען פאר איר. זי האָט גלייך אראָפגעוואָרפען פון זיך מיין מאנטעל און זיך פארטיג געמאכט אוועקצוגיין.

אָבער זי האָט באלד חרטה געהאַט. זי איז געקומען און זיך געזעצט צוריק. זי האָט זיך געמוזט אויסלאכען ביי זיך פון מיין דומהייט און גראָבקייט. „דו ווייסט, זאָגט זי, מיך רופט מען אויך קיטי!" איך האָב דאָס שוין געוואוסט ארום דריי יאָר צייט. דאָך האָב איך זיך געמאכט איבערראשט:

„אך, וואָס פאר א וואונדערליכער נאָמען, מאדאם! דער נאָמען איז מיר אזוי ליב און טייער. איר ווייסט? איך שעפטשע דיזען נאָמען אין שלאָף. עס קומט קיינמאָל ניט אראָפ פון מיינע

ליפּען. דער נאָמען האָט די קראַפט מיך אַריינצוּוואַרפען אין פיבער. קיטי, קיטי, — וויפיל בענקשאַפטען און גאַרען עס ווייעט אָן אויף מיר דיזער קלאַנג! וויפיל טרוימען איך האָב אַרום איס געשפּונען! איר ווייסט ניט, מאַדאַם, פאַרוואָס האָבען מענשען פאַרציימען הייליג געהאַלטען מאַנכע נעמען? געוויסע נעמען האָבען פאַר זיי געהאַט אַ געטליכע קראַפט..."

אָט אַזוי האָב איך געמורמעלט אַנטציקט, קוקענדיג אויף איר ליבען פּנים, וואָס איז איצט געווען אַזוי גערירט, אַזוי ווייך, אַזוי לאַשצענד און גוט. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט אַרויפגעלעגט איר האַנט אויף מיין שולטער.

„איך בין מקנא דיין קיטי'ן, זאָגט זי מיט אַ טרויעריגען שמייכעל. איך בין זי מקנא, נאָר —"

איך האָב פאַרזיכטיג גענומען איר האַנט און צוגעדריקט צו מיינע ליפּען. אַ ווייל האָט זי געלאָזען מיך אָנטרינקען זיך מיט איר געשמאַקער נאָענטקייט. דאַן האָט זי לאַנגזאַם אַרויסגעצויגען איר האַנט.

„נו, און דיר פאַרדריסט ניט, וואָס דיין קיטי איז אָט אַזוי געשטאָרבען פאַר דיין ליבע?"

„ניין, מאַדאַם, מיר פאַרדריסט ניט. איך וואָלט דאָסזעלבע געטאָן פאַר איר."

זי איז געשטאַנען אַ ווייל פאַרקלערט.

פאַרוואָס האָב איך דאַן ניט אויסגעשטרעקט מיינע הענט צו איר און געבעטען זיך ביי איר, אַז זי זאָל ביי מיר בלייבען? זי האָט געוואַרט אויף דעם. אַזוי האָט זי זיך געלאָזט גיין.

„נו, גוד־באַי. איצט מוז איך גיין!"

„וואוהין, מאַדאַם?"

„צו מיין שיפעל."

„אָבער וואו איז אייער שיפעל? איך האָב נאָך דאָס היי־יאָר ניט געזען."

דאַן האָט זי מיר דערציילט, אַז זיי האָבען באַזוכט דעם ניו דזשוירזי ברעג. אָט היינט ערשט האָבען זיי זיך אומגעקערט אהער. זי איז אַרומגעשוואומען דאָ אַרום, און באַמערקענדיג אַ

שיין שיפעל, מיט איר נאָמען דערויף, איז זי געקומען זען, צו ווע־מען עס קאָן באַלאַנגען.

האָט זי ניט געוואוסט, אז איך גלויב איר ניט? זי האָט גאָר קיינמאָל פריער מיין שיפעל ניט געזען מיט איר נאָמען דערויף? אַך, און איך האָב זיך אימער ארומגעדרייט ארום זיי, אַ פּאָר מאָל דורכ'ן טאָג, הין און צוריק, אַזוי נאָענט, אַז איך האָב געקאָנט זען דעם קאָליר פון אירע אויגען. איר מאַן פלעגט מיך אימער באַ־גריסען. זי ניט. ניט איין מאָל האָב איך ביי אים טאַבאַק פאַר מיין ליולקע גענומען. און זי האָט מיך ניט געזען! וויפיל מאָל האָב איך זיי געבראַכט אַ זעלטענעם פיש פאַר אַ מתנה, אין זי האָט ניט געוואוסט, אַז מיין שיפעל רופט זיך „קיטי"! זומער נאָך זומער האָב איך זי געליבט, זומער נאָך זומער זי געזוכט, און זי? — ניין, אָבער זי האָט געוואוסט!

טאָ פאַרוואָס האָט זי געזאָגט דעם ליגען?

שפּעטער ערשט האָב איך אויסגעפונען, אַז עס איז אינגאַנצען געווען ניט אמת. די „ים־ליליע" איז ערגעץ וואו פאַרשוואונדען, און צוזאַמען מיט איר, אויך איר באַלעבאָס (ער איז גאָרניט געווען קיטי'ס מאַן). וואָס עס איז מיט אים געוואָרען, האָב איך קיינמאָל ניט ערפאַרען. עס איז געבליבען פאַר מיר אַ מיסטעריע.

זי איז געקומען אָפּזיכטליך מיך אָפּצוזוכען, און צו בלייבען מיט מיר. דאַן, נאַטירליך, האָב איך דאָס ניט געוואוסט. איך האָב געגלויבט, אַז איר שיפעל ווארט טאַקע ערגעץ פאַר איר.

„אָבער לאָזט מיך, מאַדאַם, אייך אַפּפירען מיט מיין שיפעל", האָב איך זיך ביי איר געבעטען. „דער ווינט קומט פון ים, און ביז איר וועט דערגרייכען אייער „ים־ליליע" וועט עס אייך לאַנג נעמען."

„ניין, דאָס קאָן ניט זיין", זאָגט זי, „מיין מאַן טאָר ניט ווי־סען, אַז איך בין געווען ביי דיר צום באַזוך."

„אַהאַ!" האָב איך געטראַכט.

„איבעריגענס, זאָגט זי, האָב איך ליב איצט צו שווימען. דאָס וואַסער איז זייער אומרואיג היינט. די וועלען רופען מיך. איר זעט ווי די וועלען שפּרינגען ארום שיפעל? דאָס זיינען מיינע

הינט, וואָס רייסען זיך צום יאַגד. איך מוז זיי לויז מאַכען פון צוים!"

„אָבער איך קאָן אייך דאָך איצט ניט לאָזען אליין. איך קאָן אייך דאָך שוין איצט ניט געטרויען צום הונגעריגען ים!" האָב איך זיך ביי איר געבעטען.

זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ בייזען, ווילדען, שלעכטען געלעכטער. אירע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען. מיך האָבען געסטראַשעט אירע ווייסע שאַרפע ציין.

און נאָך איידער איך האָב זיך ארומגעזען איז זי שוין געווען אין וואַסער.

ערשט דאַן האָב איך זיך געכאַפּט, וואָס איך האָב פאַרלאָרען.

איך בין אריינגעשפּרונגען אין וואַסער און גענומען זי נאָכיאָגען.

איך בין געווען אַן אויסגעצייכענטער שווימער, און ניט איין מאָל האָב איך געהאַט אַ לוסטיגען קאַמף מיט די הונגעריגע וועלען. אָבער קיינמאָל איז דער קאַמף ניט געווען אַזאַ אויסטערלישער.

עס האָט געבלאָזען אַ שטאַרק מזרח ווינטעל. די זון איז שוין געווען גאַנץ נידעריג און פאַרדעקט מיט צעפלאָסענע, דינע, גרויע וואָלקענדלאַך. דער ים איז געווען רוי און אומרואיג. דאָס וואַסער איז געווען פון אַ גרינליכען אַש קאָליר, און פּורפּורלאַך גרין אין דער ווייטען. עס איז געווען קאַלט אָבער פריש. דאָס בלוט איז גרינג און וואַרים געפלאָסען דורך די מוסקולען ווי זיי האָבען זיך געריבען אָן די האַרטע, קרישטאָלענע, קאַלטע מאַסען.

קיטי איז געשוואומען מיט'ן ברעג, נאָר וואָס ווייטער זי איז אַוועק פון מיין שיפעל, אַלץ מער האָט זי זיך פאַרנומען צום אָפענעם ים. זי איז געווען אַ געניטע שווימערין, און אירע הענט זיינען געווען ווי געגאָסען פון בראָנז. זי האָט זיך געגליטשט איבער די ראַגענדע, שמאַראַגדענע און פערעל באַשאָטענע פעלדער, גרינג, גראַציעז, ווי אַ פייע.

איך בין איר נאָכגעשוואומען. זי האָט זיך גע'ברוגז'ט און זיך געמאַכט, אַז זי ווייס ניט, אַז איך בעט זיך ביי איר, אַז זי זאָל קומען צוריק.

א לאנגע צייט זיינען מיר געשוואומען אָט אזוי, אין שטילען איינגע׳עקשנ׳טען ברוגז, ניט אומבייטענדיג זיך מיט א וואָרט. איך בין געווען שכור פון פארגעניגען אָט אזוי זי נאָכצושווימען, איך האָב געוואוסט, אז זי וועט דאָך מוזען מיד ווערען און זיך אומקערען.

און דאן האָט פאסירט עטוואָס וואָס —

זי האָט מיך פארפירט!

זי האָט מיך ארויסגעפירט ווייט אין ים אריין, און איך האָב מער ניט געקאָנט קומען צום ברעג.

ווען איך האָב זיך געכאפט וואָס דאָ האָט פאסירט, בין איך שוין געווען אן אויסגעמאטערטער.

און דאן האָט זי זיך גענומען רייצען מיט מיר. זי איז ארומגעשוואומען ארום מיר אין א קרייז, און געשמייכעלט צו מיר, און מיך באריהרט, און קאָקעטירט מיט מיר.

און מיין בלוט האָט זיך צעשפילט... עס איז געוואָרען א ביטערער פאר׳עקשנ׳טער קאמף. ווי האָב איך זיך געקאָנט אומקערען און הערען הינטער זיך קיטי׳ס געלעכטער?

אָבער איך האָב גענומען בלייבען הינטערשטעליג. איך האָב ניט געקאָנט מער מיטהאלטען מיט איר.

ווען זי האָט באמערקט, אז איך קאָן זי ניט אָניאָגען, האָט זי זיך אומגעקערט צו מיר:

„ביזט שוין מיד? ווילסט אָפרוען?"

„ניין, איך בין נאָך ניט מיד!"

מיר זיינען געשוואומען ווייטער. זי איז איצט געגאנגען לאנגזאמער, אָבער לאנג האָב איך איצט אויך ניט געקאָנט מיטהאלטען. איך בין געוואָרען דערשעפט.

אָבער זי האָט זיך ארומגעדרייט ארום מיר און גערעדט צו מיר אזוי ווייך, אזוי גוט, אזוי ליב. „הער, זאָגט זי, איך האָב דיר פריער דעם גאנצען אמת ניט געזאָגט. מיין מאן איז ניטאָ אויפ׳ן שיפעל. איך בין דאָרט איינע אליין. דו וועסט מיט מיר דאָרטען בלייבען נעכטיגען. מיין מאן בלייבט היינטיגע נאכט אין שטאָט, דערפאר בין איך געקומען נאָך דיר".

איך האָב אַ קוק געטאָן צום ברעג אַהינטער מיר. איך וועל שוין סיי־ווי־סיי צום ברעג ניט קומען.

„וואו איז אייער „ים־ליליע“, מאַדאַם?“

„אָבער פאַרוואָס רופסטו מיך ניט קיטי? דו האָסט דאָך דעם נאָמען ליב, זאָגסטו. דו לאָזט דאָך דעם נאָמען ניט אַראָפּ פון דיינע ליפּען. גאַנצע דריי יאָר האָסטו מיך געליבט, פאַרוואָס ביזטו ניט געקומען נאָך מיר? און אַז איך בין געקומען צו דיר, געבויגען מיין קאָפּ, האָסטו מיך נאָך געסטראַשעט. וואָס האָסטו געוואָלט?“

איך האָב דייטליך אירע ווערטער ניט געקאָנט הערען. עס קאָן זיין, אַז עס האָט זיך מיר האַלב אָפּגעדוכט, אַז דאָס האָט זי מיר געזאָגט. איך האָב געוואָלט קומען נעענטער צו איר, נאָר זי איז געשוואומען שנעל ווי אַ פיש, זי האָט מורא געהאַט צו קומען צו נאָענט צו מיר. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע קרעפ־טען, אָבער ווייט האָב איך ניט געקאָנט דערגרייכען. עס האָט מיר געשטאָכען אין די זייטען, מיינע לונגען זיינען געוואָרען ווי פון לעדער, אַ שאַרפער מעסער האָט זיך געצויגען איבער מיינע קנעכלאַך, די פינגער האָבען מיר געקרעמפּט. איך בין געשוואו־מען צום ברעג, אָבער מיין שפּיל איז אַ פאַרלאָרענער!

איך ווייס ניט וואָס עס וואָלט געוועזען דער סוף פון מיר, ווען איך וואָלט פּלוצלונג ניט דערהערט דאָס אָטעמען פון אַ מאָטאָר־שיפעל. עס איז געקומען נאָך אונז. אימיצער ביים ברעג האָט באַמערקט אונזער אוועקשווימען און ווערענדיג אומרואיג, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אונז זוכען. אַך, איך זאָל זיך נאָר קענען אויפ־האַלטען אויפ'ן וואַסער ביז דאָס שיפעל וועט קומען!...

„העלפּט!... העלפּט!...“

האָב איך דאָס געשריען? ווי מאָדנע מיין שטימע האָט גע־קלונגען...

„העלפּט!“ — און דאַן — — — — —

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געפונען זיך רוענדיג אין אַ ווייכען שוים.

איינגעבויגען איבער מיר, איר פּנים נאָענט צו מיינעם, האָב

איך געטראָפֿען קיטי'ס אויגען. ווען זי האָט געכאַפּט מיין בליק, האָט זיך אַ פריידיגער, ליכטיגער שמייכעל אָנגעצונדען אין זיי. צוויי טראָפּען טרערען האָבען געפינקעלט אויף אירע ברעמען.

איך בין געווען אויף מיין אייגענער שיפעל.

די יונגע לייט פון דעם מאָטאָר־שיפעל, צוויי באַקאַנטע מיינע, האָבען מיך געראַטעוועט און געבראַכט אהער. זיי האָבען מיך איבערגעלאָזט אויף איר שוים. איך האָב גענומען איר האַנט צום מויל און עס באַדעקט מיט הייסע קושען.

„אַ קיטי, קיטי! פאַרוואָס האָסטו געוואָלט מיך אַזוי שווער באַשטראָפען? וואָס וואָלט געווען ווען איך וואָלט זיך דערטרונקען?"

זי האָט געשוויגען.

„האָב איך דיך טאַקע אַזוי שטאַרק באַליידיגט, קיטי?"

„רייד ניט מער פון דעם, זאָגט זי. איך וועל בלייבען ביי דיר, ווילסטו?"

„קיטי!"

---

אָט אַזוי האָט עס פּאַסירט.

קיטי איז געוואָרען די באַלעבאָסטע פון מיין שיפעל, ווי זי איז דאָס פריער געווען פון דער „ים־ליליע". מיין עלענד איז פאַרשוואונדען.

איין מאָל, אַ פרימאָרגען אין סוף סעפּטעמבער, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז זי שוין ניט געווען.

איך האָב דאָס דערוואַרט. איך האָב געוואוסט, אַז זי איז אוועק אין שטאָט אַריין. זי וועט מער ניט קומען ביז נעקסטען זומער. זי האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט, און איך האָב ביי איר ניט געוואָגט צו פרעגען. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז זי איז אוועק צוריק אהיים, צו איר מאַן, און אפשר צו אירע קינדער. אַזוי פלעגט זי טאָן אַלע פריערדיגע יאָרען, ווען זי איז געווען אויף דער „ים־ליליע". מיט מיר האָט זי זיך געזאַמט צוויי וואָכען שפּעטער.

וואו איז איר היים? ווער איז איר מאַן? האָט זי קינדער?

די אַלע פראַגעז האָבען מיך כמעט ווי ניט אינטערעסירט. איך האָב געוואוסט, איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט קומען צוריק. און דערווייל — אָ, זי האָט מיר געלאָזט אַזעלכע וואונדערליכע עראַי־נערונגען, אַזעלכע טייערע חלומות און האָפנונגען! איצט האָב איך געהאַט אויף וואָס צו וואַרטען אַ גאַנצען ווינטער לאַנג.

דאָך האָט מיר שפּעטער פאַרדראָסען, וואָס איך האָב ניט גע־וואוסט וואו זי געפינט זיך. איך וואָלט אפשר טעג און וואָכען גע־לעגען אונטער אַ לאַנטערן־סלופּ און געוואַרט, טאָמער וועט זי אַמאָל פאַרבייגיין. ווי שטאַרק איך האָב דאָס נאָך איר געבענקט! אַזוי האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט אַ גאַנצען ווינטער איבער די בלאָטיגע ניו יאָרקער גאַסען, אָן ציל און אָן תכלית, ווי אַ היימ־לאָזער הונט. אַמאָל פלעג איך קומען אַהער צום פאַרלאָזענעם ברעג, זיך לייגען צו פוסענס פון ים און וואַיען, און וואַיען.

אָבער דערפאַר, ווען דער ערשטער פרילינג־טאָג האָט זיך נאָר באַוויזען, האָב איך זיך געקאָנט צוריק אַריבערקלייבען אויף מיין שיפעל.

וואָס פאַר אַ פרייד!

און איינמאָל אַ פרימאָרגען, דעם אכטען יוני, איז זי געקומען צוריק.

זי איז געווען דיזעלבע: יונג, שיין, פריש און גליקליך מיט פרייד.

ווען זי איז אַרויף אויף מיין שיפעל און איך האָב זי מיט מיין גאַנצען גאַרען און בענקען צוגעדריקט צו מיין בוזים, האָט זי מיר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגען:

„היינטיגס יאָר, פון דיינטוועגען, בין איך געקומען פריער. איך האָב געוואוסט, אַז דו בענקסט נאָך מיר."

זי איז געווען פול מיט פרייד און באַגייסטערונג.

„אָ, מיר וועלען דאָס האָבען אַ וואונדערליכען זומער, יאָ?" האָט זי געקוקט זשעדנע אויפ'ן ים.

„אָ קיטי, אַז דו ביזט נאָר געקומען צוריק צו מיר!"

„ביזטו צופרידען?" האָט זי געשמייכעלט אין מיינע אויגען אַריין.

„וואָס וואָלט איך דאָס געטאָן איצט אָן דיר? ווי וואָלט איך געקאָנט לעבען אָן דיר?“

„וואָס האָסטו געטאָן אָן מיר א גאַנצען ווינטער?“ האָט זי זיך קאָקעטיש, ליב און גוט געריייצט מיט מיר.

„נעקסטען ווינטער וועסטו מיר מוזען געבען אן אָרט ביי דיין הונט אין ביידעל.“

זי איז פּלוצלונג טרויעריג געוואָרען.

„נו, מיר וועלען ניט טראַכטען איצט פון ווינטער. דער ווינ־טער איז נאָך וויית. איצט האָבען מיר אַזעלכע גאָלדענע טעג פאַר זיך, און אַזעלכע וואונדערליכע, דימענטענע נעכט!“

און אַט אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר מיר א ליכטיגע צייט.

זי איז געווען א וואונדערליך באַשעפעניש, קיטי. דעם ים האָט זי ליב געהאַט ליידענשאַפטליך, און עס האָט אויסגעאיבט אויף איר א מאָדנעם איינפלוס. אַט איז זי געווען לוסטיג און פריי־לאַך, אַט לעבענסלאָז. אַט אויפגערעגט, נערוועז, און אַט קאַלט. ניט־פאַראינטערעסירט. אַט שטאָלץ, וויית אַוועק, אָנגע׳ברוגז׳ט, אַט צוגעלאָזט, האַרציג, קינדיש־נאָכגעביג און לאַשצענד.

אַמאָל פלעגען טרעפען טעג, וואָס זי האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. זי פלעגט זיין נערוועז, די אויערען אויסגע־שטעלט, די אויגען וויַיט אָפען, ווי אין דערוואַרטונג. זי פלעגט אויפנעמען יעדען קלאַנג, אויפכאַפען יעדען פלעק אויפ׳ן וואַסער. שיפען האָט זי מאָדנע ליב געהאַט, איבערהויפּט פישער־שיפען. זי האָט געקאָנט זען גאַנץ וויית. זי פלעגט דערזען א שפּיץ פון א מאַסט, א זעגעל, מיילען און מיילען פריער פון מיר, און אז א שיף פלעגט צוקומען נעענטער, פלעגט זי אָנקעגען שרייען מאָדנע ווער־טער, פון א פרעמדער ים־שפּראַך. זי פלעגט מאַכען צייכענס צו די מאַטראָזען, געבען זיי סיגנאַלען מיט איר קליינער פאָן. און זיי פלעגען איר ענטפערען, פלעגט איר פּנים נעמען שטראַלען. אַט אַזוי פלעגט זי אָפּשטיין שעה׳ן אויפ׳ן דעק, געשפּאַנט, אויפגע־רעגט, שלינגען דעם פרישען ווינט, דעם געזאַלצענעם, ביטערליכען ריח פון ים, די ברענענדיגע זון, און אָטעמען מיט אירע נאָזלעכער, ווי א פיש דורך די זשאַבּרעס.

צו פיש האָט זי געהאט אַ מאָדנע תאוה. די פיש וואָס זי פלעגט פאנגען, האָט זי ליב געהאט צו גלעטען, ארומטאַפּען, שמעקען דעם ריח פון זיי. און אַמאָל פלעגט זי ליידנשאַפטליך ארייננבייסען אין רוקען פון דער צאַפּעלדיגער פיש. זי האָט צו זיי גערעדט אין איר זשארגאָן און גערופען זיי מאָדנע נעמען. זי האָט זיך געפרייט מיט יעדער פישעל, ווי מיט אן אוצר.

אָפּט פלעגט זי אָפּליגען טעג גאנצע מיט'ן פּנים אראָפּ, אויסגעצויגען אויפ'ן דעק, די מאָרדע אָנגעשפּארט אויף אירע הענט, ווי א הונט רוט זיין קאָפּ צווישען די פאָדערשטע לאַפּעס, און קוקען, די אויגען ברייט אָפּען, קוקען אין ים אריין, קוקען מיט גרויסע, אָפּענע, גרינע אויגען אין ברייטען, זון באַגאָסענעם, אָפּענעם ים. שטונדען פלעגען אוועקגיין אָט אַזוי, און זי פלעגט זיך ניט רירען פון אָרט, ניט ריידען, נאָר ליגען און קוקען, מיט זשעדנע אויגען. דער גאנצער קערפּער ווי אָפּגעשטאָרבען, בלויז אירע אויגען זיינען געווען באלעבט מיט אַ הונגעריגען בליק.

אמאָל פלעגט א בענקשאפט זי ארומכאַפּען, אַ טרויעריגער, טריבער שמערץ. זי פלעגט זיין אומגליקליך. דאַן פלעגט זי זיך דערלייכטערען דאָס הארץ מיט לידער, וואָס זי פלעגט זינגען פאר זיך, אזעלכע טרויעריגע, אומעטיגע לידער, מערסטענס אין אַ פרעמדער שפּראך, וואָס איך האָב ניט פארשטאנען. זי האָט די שפּראך ליב געהאט, כאָטש זי אליין האָט עס ניט גוט פארשטאַנען. זי פלעגט איבער'חזר'ען געוויסע ווערטער נאָר צוליב דעם קלאַנג.

קליינערהייט האָט זי זיך געהאָדעוועט ביים ים. זי איז געבאָרען געוואָרען אין א האָלענדישען פישער דאָרף. איר טאטע, איר זיידע, איר עלטער זיידע, און איר גאנצע משפחה זיינען געווען פישער. ווען זי איז אַלט געווען דריי יאָר, איז איר טאַטע מיט אירע פינף ברידער אומגעקומען אין אַ שטורעם.

ביז איר עלפטען יאָר האָט קיטי געלעבט אין קליינעם פישער דאָרף.

דאַן איז פלוצלונג אראָפּגעקומען פון אמעריקע איר טאטענ'ס אַ רייכער ברודער, א דימענט־הענדלער, קויפען דימענטען אין

האָלאַנד. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אָרימער משפּחה, און איז געקומען זי באַזוכען. ער האָט געוואָלט נעמען די אַלמנה מיט איר טאָכטער צו זיך קיין שיקאַגאָ, נאָר די אַלטע האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזען דעם ים וואו איר מאַן און אירע זין זיינען פאַרבליבען, האָט זי אויסגעריכט קיטי'ן אַליין.

דער אָנקעל האָט געפירט אַ רייכען לעבען. ער האָט אריינ־גענומען די אָרימע פּלימעניצע צו זיך און איר געגעבען די ערציאונג פון אַ גרויס שטאָטישער, רייכער פריילען.

צו צוויי און צוואַנציג יאָר האָט זי חתונה געהאַט מיט איר אָנקעל'ס בן־יחיד.

לעבענדיג מיט אים אין איין הויז, האָט זי אים גוט געקענט. ער איז געווען אַ גאַנץ שיינער יונגערמאַן, נאָר אינווענינ פּוסט און פאַרדאָרבען. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין זאַך אַ חוץ זיין תאוה. צו זיין יונגער, שיינער קוזינע האָט ער גאַנץ גיך געקראָגען אַ שטאַרקען אַפּעטיט, און זי שטענדיג פאַרפאָלגט מיט זיין ליבע. זי האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון אים. זיין פרעכ־הייט האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. נאָר זי האָט געוואוסט, אז זי מוז שווייגען. זי טאָר קיין סקאַנדאַלען ניט מאַכען, ווייל סוף כל סוף וועט די שולד פאַלען אויף איר. זי האָט מורא געהאַט, אז זי זאָל ניט מוזען פאַרלאָזען איר אָנקעל'ס הויז.

אין גיכען איז זי געוואָרען זיין פאַרטרויטער קאמעראַד. זי האָט געוואוסט אַלע זיינע סודות. זיין נאָענטקייט און די גע־שיכטען וואָס ער האָט איר דערציילט פון די פאַרגניגענס פּלעצער, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע לוסטיגע נעכט, האָט גערייצט איר בלוט. עס האָט דערוועקט און גערייצט איר לוסט צום לעבען. אָבער זי האָט גוט געוואוסט, אז זי מוז דערשטיקען איר הונגער אין איר בוזים.

און אויב זי האָט גוט אויפגעפּאַסט אויף איר ראָלע, האָט זי עס דאריבער מער געהאַסט. נאָר איר שטאַרקער ווילען און איר שטאָלץ האָבען געקענט בייקומען איר רעבעליש בלוט; אָבער אין הארצען האָט זי געטראָגען אַ שנאה צו אַלע די וואָס האָבען פון

איר געפּאָדערט אונטערצודריקען איר יונגען, פרישען לעבען, וואָס האָט געזאָטען אין איר בלוט.

איר איינציגע האָפנונג איז געווען צו הייראַטען. זי האָט געוואוסט, אַז אַנקעגען איר קאָזין, אַן אָנגעביסענער, אָנגעפּוילטער עפּעל, איז זי, מיט איר מיידעלשער גאַנצקייט און רייפקייט, מיט איר געזונטער, שטאַרקער, ענערגי־שער נאַטור, מער ווי א גוטער אויסגלייך, און דערצו האָט זי גע־וואוסט, אז איבער אים וועט זי האָבען אַ בייטש, די בייטש פון זיינע אייגענע סודות. זי האָט פאַרשטאַנען אז נאָך דער חתונה וועט ער זיך ניט קאָנען אָפּרייסען פון זיין פריערדיגען, גרינגען לעבען פון פאַרבאָטענע פאַרגעניגענס. זי האָט געהאָפּט אויף דעם. דאָס וועט איר געבען איר אייגענע פרייהייט. און אָט אזוי איז איר קאָזין געווען פאַר איר אַ גוטער שידוך. זי האָט שוין צופיל פאַר־סמ'ט איר בלוט מיט רייכען לוקסוס, צו קאָנען גיין צוריק צום פּישער־דאָרף. די גרויסע שטאָט האָט זי געפאַנגען. און צו לעבען אין דער גרויסער שטאָט מוז זי האָבען א רייכען מאַן. אָט דערפאַר האָט זי חתונה געהאַט מיט איר קאָזין.

אָבער סיי־ווי־סיי, זי האָט עס אים ניט פאַרגונען. זי האָט אים ניט געקאָנט פאַרגעבען וואָס צו אים, דעם צעבאַלעוועטען, אָפּגעלעבטען יונגענמאַן, מיט זיינע אויסגעלאָשענע אַפּעטיטען, מוז זי אָנקומען מיט איר טוי־באַדעקטען, זאַפטיגען, באַשמעקטען קערפּער.

גייענדיג מיט אים צו דער חופּה מיט אזא געפיל אין איר בוזים, האָט זי זיך אליין געוואונדערט וואָס אַ יאָר איז אַוועק, און צוויי און דריי נאָך איר חתונה, און זי איז אים נאָך אלץ ניט געוואָרען אומגעטריי.

אָבער עס איז אינגאַנצען אויסגעקומען אַנדערש, ווי זי האָט גערעכענט.

קיטי, נאָך איר חתונה, ווען זי האָט געקאָנט טאָן מיט איר לייב און זעלע, וואָס דאָס הארץ האָט געגלוסט, ווען הינטער'ן שוץ פון איר מאַן, האָט זי געפילט זיכער מיט איר פרייהייט, האָט זיך

פּלוצלונג אַרומגעזען, אַז איר פריייהייט איז איר גאָרנישט ניט ווערט.

לעבענדיג ביי איר אָנקעל, ניט פאַרמאָגענדיג קיין זאַך אייגענע אַחוץ דאָס וואָס זי האָט געבראַכט פון דאָרף, און זעענדיג, אַז נאָר מיט דאָס וואָס זי איז שיין און קלוג און פעהיג, קאָן זי אויסנעמען צווישען לייטען, געווינען איר חלק אַכטונג און אָנדערקענונג, און איר סאַמע אָרט צווישען די גבירה׳שע קינדער, האָט זי במילא געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר זיך אַליין. אַז זי האָט איצטער באַקומען די געלעגענהייט צו ברענגען אירע אוצרות צום פרייען אויסטויש, איז זי געוואָרען קאַרג. אין דער וועלט וואוהין איר מאַן האָט זי אַריינגעפירט, האָט זי באַלד אויסגעפונען, אַז איר שטאַרקייט ליגט אין איר איינגעהאַלטענקייט. זי האָט גלייך געקראָגען אַ קרייז עלעגאַנטע הערען, וואָס האָבען זי באַשאָטען מיט קאָמפּלימענטען, און תאווה׳דיגע בליקען. אָבער מיט דעם האָט זי זיך ניט געהאַט וואָס צו גרויסען . יעדע פרוי אין יענער געזעלשאַפט, האָט אָדער פאַרמאָגט, אָדער געקאָנט פאַרמאָגען אַזעטיגע געליבטע. זי האָט געזען, אַז זי וועט זיין די שטאַרק געזוכטע אַזוי לאַנג ווי זי וועט זיך ניט איבערגעבען צו קיינעם. דאַרטען איבערגעבען זיך האָט געמיינט ביליג מאַכען זיך. און זי האָט זיך צו הויך געשעצט, אַז זי זאָל זיך אויסבייטען אויף אַזעלכע פאַלשע, קליינע מינצען, מיט וועלכע מען האָט דאָרטען געצאָלט. און איר הארץ האָט זיך טאַקע ניט געקאָנט צופרידענשטעלען מיט יענע לייכטזיניגע פאַרגעניגענס. דאָס איז פאַר איר געווען ווי שוים פאַר אַ דורשטיגען. ניין, זי האָט געוואָלט געבען אַ סך, געבען זיך אין גאַנצען, אָבער — אַ לעבען פאַר אַ לעבען! דערווייל האָט עס זי אַמוזירט. דערווייל האָט עס איר געגעבען אַ געלעגענהייט צו רעכענען זיך מיט איר מאַן, אַלטע חשבונות. זי האָט געזען, אַז ער איז אייפערזיכטיג, און זי האָט געזוכט צו וועקען זיין חשד. זי האָט קאָקעטירט מיט אַלע מענער, און זיי אַלעמען פאַראַכטעט, איר מאַן ניט ווייניגער.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט אַ נייע איבערראַשונג פאַר איר. עס האָט זיך איר גאָר קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז זי קאָן האָ־

בען אַ קינד קעגען איר אייגענעם ווילען. נאָר אָט איז עס געשען. זי איז אריין אין אַ שווערער לאגע. זי איז געוואָרען פולער, אָפּגעלאָזענער, מיאוס'ער. זי האָט געמוזט בלייבען אין הויז. זי האָט געצעגערט און געצאָרענט, שרעקליך געלאנגווייליגט זיך, זיך אליין געהאסט, און געהאסט די גאנצע וועלט. אָבער פארפאלען.

ווען זי האָט זיך געפונען הילפלאָז אין בעט, און לעבען זיך אַ קליין, מיאוס בריאה'לע, און איר מאַן און די גאנצע משפחה האָבען ארומגעפּאדעט ארום איר גליקליכע, האָט זי עס ניט געקאָנט פארשטיין. אָבער ביסלאכווייז איז צו איר געקומען דער באַוואוסטזיין, אז דאָס קינד, זיין פאָטער, זיין זיידע און באבע, און די גאנצע פאמיליע, האָבען אַ רעכט, זייער אייגען רעכט, אויף זייער לעבען און זייער גליק, ווי נאריש עס זאָל ניט זיין. זי האָט גענומען מיט זיי סימפאטיזירען, און ביסלאכווייז זיך אונטערגעגעבען.

עס זיינען אריבערגעלאָפען עטליכע יאָר, און קיטי איז געוואָרען אַן אנדערע. עס איז געקומען נאָך אַ קינד. אָבער קיין סך ארבייט ארום די קינדער האָט זי ניט געהאט. זי האָט גענומען פירען אַן אָפּגעלאָזענעם, פוילען לעבען. זי האָט געהאט צופיל ליידיגע צייט, האָט זי צופיל געגעסען, צופיל געשלאָפען, צופיל קליידער געמאכט זיך. זי האָט געמיינט, אז זי איז צופרידען. זי האָט דאָך געהאט אלץ וואָס זי האָט געדארפט. זי האָט קיין זאַך ניט געדארפט פארלאנגען, און קיין זאַך ניט פארלאנגט. צייטענווייז נאָר איז צו איר געקומען אַ געפיל, אַז עפּעס דארף נאָך פּאסירען אין איר לעבען, אז זי ווארט אויף עפּעס. שפּעטער איז דיזער געפיל אין איר אויך אָפּגעשטאָרבען. דאָך, טיף אין איר הארצען האָט זיך אָפּגעשטעלט א הונגער.

איינמאָל האָט קיטי'ס מאַן געבראכט אהיים אַ גאסט, זיינעם אַ שול־קאמעראַד, וועלכער האָט זיך איצטער אומגעקערט פון א לאנגער רייזע אויפ'ן ים. ער איז געווען א קאפּיטאַן פון א שיף. ווען קיטי האָט אים געהערט דערציילען פון זיין לעבען און פון זיינע דערפארונגען אויפ'ן ים, האָט זיך איר נשמה א טרייסעל געטאָן, — ווי אַ חיה וואָס כאפּט זיך אויף אין איר היבערנישער נאָרע, נאָך א לאנגען ווינטערשלאָף. דער קאפּיטאַן האָט באמערקט

זיין ווירקונג אויף איר, און ער האָט גענומען ארויפקומען אָפט. דעם קאַפּיטאַנ׳ס שיף האָט געמאַכט איר נעכסטע רייזע קיין האָלאַנד... קיטי האָט גענומען ריידען מיט בענקשאַפט פון איר געבורטס־פּלאַץ, פון איר פישער־דאָרף, וואו זי האָט געלאָזען איר מוטער און אירע שוועסטער.

אין איין שיינעם טאָג האָט זי זיך צעזעגענט מיט איר מאַן און מיט איר קינד, און איז אַוועק מיט דעם קאַפּיטאַן.

זי האָט דעם קאַפּיטאַן גיך פאַרלאָזען.

פון דאַן אָן האָט זי פאַרבראַכט עטליכע מאָנאַטען יעדען זומער ביים ברעג ים. ווי זי איז געקומען צום אייגענטימער פון דער „ים־ליליע", ווייס איך ניט. ווי זי איז געקומען צו מיר און פאַרבליבען ביי מיר, האָב איך אייך דערציילט.

זי איז געקומען צו מיר, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז איך ליב זי. איך האָב יאָר איין, יאָר אויס געוואַרט אויף איר ביז זי איז געקומען. זי האָט געמוזט קומען.

האָט זי מיך אָבער געליבט?

זי איז געוועזען קאַפּריזנע און שטאָלץ. וואָס זי האָט פון מויל ארויסגערעדט, דאָס האָט געמוזט געשעהן. זי האָט ניט געקאָנט פאַרגעבען און פאַרגעסען.

איך אויך ניט.

איך האָב שוין ניט איינמאָל מיין קאָפּ געבויגען, און מיין שטאָלץ. נאָכדעם האָבען זיי גאַנץ טייער באַצאָלט דערפאַר, אָט די וואָס האָבען מיך געצוואונגען זיך אונטערצוּגעבען. אַמאָל האָב איך זיך פאַרדונגען אַלס אַ געהילף צו אַ קאָטשעגאַר אויף אַ צוג. אַ האַלב יאָר צייט האָב איך געשאָטען קוילען פאַר אים, און זיך געלאָזט שפּייען אין פּנים. ביז איינמאָל האָב איך אים אַ נעם געטאָן, און אים אריינגעשפּאַרט אין אויוועז אריין.

קיטי׳ן האָב איך אָבער געליבט. איך בין געוועזען צופרידען צו ליידען פון אירע קאַפּריזען. נאָר איר שטאָלץ האָט מיך געהאַלטען פון ווייטען פון איר.

„איך ווייס, — פלעגט זי זאָגען, — אויב איך גיב זיך נאָר

איין מאָל אָפּ צו דיר, וועסטו מיך שוין באהאַנדלען ווי דיין דינסט..."

זי האָט מיר ניט געטרויט.

איך האָב געפילט, אז איך האָב זי געליבט אנדערש, טיפער, אומענדליך מער. עס האָבען אָבער ניט געהאָלפען מיינע פּראָטעסטען, און מיינע שבועות. זי איז געבליבען מיט איר מיינונג.

עס האָט זיך אָנגעפאנגען צווישען אונז אַ שטילער אָבער פאַרצווייפעלטער קאמף.

„און דער קאפּיטאן פון שיף, קיטי, האָט ער דיך מער געליבט ווי איך?"

„ער האָט מיך געהאַט נאָר פאר אַ ווײַלע. אויב דו ווילסט מיך נאָך האָבען ביי דיר, טו באנוגען זיך דערווײַלע אָט אַזוי."

„און דער באַלעבאָס פון דער „ים־ליליע" ?"

„דער באַלעבאָס פון דער „ים־ליליע" האָט טייער באַצאָלט פאַר זיין ליבע. ער האָט מיך באַצוואונגען, אָבער ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבען."

„סטראַשעסט מיך, קיטי?"

„אויב דו גלויבסט מיר ניט, טו גיי און זוך אים אויפ'ן גרונט פון ים!"

„האָסט אים דערטרונקען, ווי דו האָסט מיך געוואָלט דערטרינקען?"

זי האָט ניט געענטפערט.

איך האָב געוואוסט, אז מיט גוטען וועט זי זיך ניט אונטערגעבען. איך האָב זי פארשטאַנען, אָבער איך האָב זי געליבט.

איך האָב געוואַרט אויף מיין צייט.

איינמאָל איז געווען אַ שרעקליכע, שטורעמדיגע נאַכט. עס האָט געבליצט און געדונערט, אַ גוס רעגען האָט געשמיסען רעם אויפגעברויזטען, ווילדען פּנים פון ים. עפּעס האָט זיך געקאָכט טיף אין זיינע איינגעווייידען, און ער האָט זיך געוואָרפען קאָנוואולסיוו, און געטריבען מיט כעס צעבורעטע, צעשוימטע כוואַליעס, וועלכע האָבען זיך צעבראָכען אויפ'ן צעשראָקענעם ברעג מיט אַ רעש און קנאַלענדיגען געפּילדער. דער ווינט איז געקומען פּלוצ־

לונג, און זיך געוואָרפען אויפ׳ן ים מיט גבורה, און געוואָלט אים איינהילען אין זיינע מעכטיגע פליגלען. און דער ים האָט זיך גע־ריסען, געוואָרפען און געשליידערט.

אָט האָט דער ווינט אויפגעהערט אַ ווײלע, און דער ים האָט אויסגעקוקט ווי אַ נאַכטיג פעלד אויף וועלכער עס לויפען ארום ווייסע שעפסען. נאָר אָט איז דער ווינט ווידער אָנגעפאַלען, און די מהומה האָט זיך איבעראַניים צעשפּילט. צייטענווייז האָט זיך געדוכט, אז דער ווינט האָט געבראַכט צוטרייבען האָרדעס מיט בופעלאָקסען, און זיי ארומגעטריבען איבער׳ן ים. און אימיצער איז ארומגעפלויגען איבער זיי מיט אַ פלאַמענדיגען בליץ אין האנט, און זיי געשפּודעט, אויפגערייצט און ווילד געמאכט. די אָקסען האָבען זיך געוואָרפען איינע אויף די אנדערע מיט זייערע שפּיציגע הערנער, מיט פארשוימטע מיילער, און פארגלעזערטע, רויטע אוי־גען, געקאָפּעט מיט זייערע קאָפּיטעס, און גערעוועט און געבאָר־בעלט אין גסיסה. און אימיצער מיט טויזענט קולות האָט געוויינט אַן אומבארימהארציגען, טרייסטלאָזען געוויין, און דער רעגען האָט געשמיסען, די דונערען האָבען געקראכט, דער גאנצער ברעג האָט געציטערט.

אויף די קליינע שיפען, וועלכע זיינען באצייטענס נאָך אנטי־לאָפען און זיך באהאלטען אין בוכט, איז אָנגעפאַלען אַן אימה.

מיין שיפעל האָט זיך געוואָרפען אומרואיג אויף איר אנקער, באשיצט ווי זי איז געווען הינטער אַ קליינעם אינזעל, ווי אַ פישעל אויפ׳ן וואַודע. די געפאר איז געווען, אַז זי זאָל זיך ניט אָפּרייסען און ארײנפאַלען אין רשות פון ווינט: אָדער ער וועט זי צעשמעט־טערען אָן די שטיינער פון ברעג, אָדער ער וועט זי פארטראָגען אין אָפענעם ים.

איך האָב קיטי׳ן געוואָרענט אין צייט, אז מיר זאָלען זוכען שוץ אויפ׳ן יבשה איידער עס וועט ווערען צו שפּעט. זי האָט ניט געוואָלט. זי האָט געוואָלט מיטמאַכען דעם שטורעם אויפ׳ן וואַ־סער. איך האָב מורא געהאט פאר׳ן שטורם אין מיין בלוט, מער ווי פאר דעם שטורם אויפ׳ן ים. מיט דעם אָנקומען פון שטורם האָב איך געפילט ווי מיין בלוט ווערט אומרואיג.

און דאן האָט זיך עס צעשפּילט.

קיטי האָט עס ניט דערוואַרט. זי איז געלעגען אויף איר געלעגער אין איר צימערעל, און זיך צוגעהערט, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסען.

פון אָנפאַנג האָט זי מיך גאָרניט באַמערקט לעבען זיך. זי האָט צוגענומען מיינע הייסע קושען מיט פארמאַכטע אויגען. אז איך בין אָבער געוואָרען צודרינגליכער, האָט זי מיך אָפּגעשטויסען פון זיך מיט כעס. אָבער באַלד האָט זי זיך ארומגעזען, אז איר היפּנאָטיזם איבער מיר איז געבראָכען. זי איז אויפגעשפּרונגען און זיך געמאַכט גרייט צום קאַמף. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פיל וואוט, אַזא איינגעשפּאַרטען ווילען, וויפיל זי האָט באַוזען. אָבער מיין ליידענשאַפט איז געווען שטאַרקער פון איר.

איך בין געווען שכור מיט אָנגעזאַמעלטע ליידענשאַפטען און מיט דעם שטורם אין דרויסען. און איר קאַמף און ווידער־שטאַנד האָט מיך נאָך מער צערייצט. איך האָב געוואוסט, אז זי איז הילפלאָז.

ניט איינמאָל האָט זי זיך ארויסגעריסען פון מיינע אָרעמס, אָבער בלויז פאַר אַ ווײַלע. באַלד האָב איך זי ווידער געקלאַמערט צו זיך. זי האָט זיך געראַנגעלט מיט פאַרצווייפעלטער אָנשטרענ־גונג. זי האָט מיך געביסען מיט אירע ציין, און געהאַמערט מיט אירע קליינע, אייזערנע פויסטען וואו נאָר זי האָט געטראָפען. איך בין געווען אין כעס אויף איר. איר ווידערשטאַנד איז דאָך געווען אַזוי נאַריש.

עס וואָלט איר גאָרניט געהאָלפען, ווען ניט די אויפגעשטור־רעמטע כוואַליעס. זיי האָבען זי געשטיצט אין איר בראַווען ווי־דערשטאַנד. דאָס שיפעל האָט זיך געוואָרפען פון זייט צו זייט, אַראָפּ און ארויף, אַזוי אַז עס איז געווען אוממעגליך צו בלייבען שטיין אויף איין אָרט. דער פּלאַץ איז געווען אַן ענגער. זי האָט אויסגעזעצט די פּאָר קליינע שייבלאַך. דער ווינט האָט אריינגע־טראָגען דעם רעגען אינוועניג. איך האָב גענומען זוכען עפּעס מיט וואָס צו פאַרשטעלען די פענסטער, און זי האָט זיך דערווייל ארויס־

געכאפּט אין דרויסען. אָבער וואוהין קאָן זי לויפען? איך האָב זיך נאָר געשראָקען, אז דער שטורם זאָל זי ניט אראָפּטראָגען אין וואסער אריין. די דעק איז געווען א נאסע, דאָס שיפעל האָט זיך געשליידערט, און דער ווינט האָט געריסען.

„זיי פאַרזיכטיג, קיטי!" האָב איך צו איר געשריען אריבערען שטורם.

זי איז געשטאנען א פּאָר טריט בלויז פון מיר, אָנגעהאַלטען אָן פאַרענץ. דער ווינט האָט געריסען פון איר אירע צעריסענע קליידער, דער רעגען האָט געשמיסען איר נאקעט לייב. ווען זי לאָזט זיך נאָר איין איז זי א פאַרלאָרענע.

„אויב דו מאכסט נאָר איין טריט נעענטער, וואַרף איך זיך אריין אין וואסער!" — האָט זי געשריען צו מיר.

איך האָב געוואוסט אויף וואָס זי איז פעהיג און ניט געוואגט צו שטעלען זי צום פּרואוו.

„אָבער, קיטי, איך וועל דיך מער ניט באַרירען. גלויב מיר, לאָז מי דיך אראָפּנעמען פון דעק. איך שווער דיר, אז איך וועל דיך צורו לאָזען", — האָב איך זיך ביי איר געבעטען.

„ניין, ווערסט מיך שוין היינט איבּ:וועניג קיין לעבעדיגע ניט זען!"

איך בין געווען פאַרצווייפעלט. ווי אזוי קאָן איך איר איבערצייגען, אז איך האָב חרטה? ווי אזוי קאָן איך זיך מיט איר איבערבעטען?

איך האָב מיין גרויסען הונגער ניט געשטילט, און קיטי'ן האָב איך סיי־ווי־סיי פאַרלאָרען.

מיין אויג איז געפאלען אויף א קליינעם, שאַרפען פישערהעקעל. מיט איין האק האָב איך אָפּגעהאקט דעם קליינעם פינגער פון מיין לינקער האנט, און צוגעוואָרפען דאָס פאַרבלוטיגט שטיקעל פלייש צו אירע פיס.

„נא, קיטי, זע איך האָב חרטה!"

א ווייל־ע האָט זי מיך אָנגעקוקט אומפאַרשטענדליך. זי האָט זיך איינגעבויגען און אויפגעהויבען דאָס שטיקעל אבר. זי האָט

זיך איינגעקוקט אין דעם דורך דעם בלענדענדיגען רעגען, און זי האט פארשטאנען.

דעם נעקסטען טאג איז קיטי ארומגעגאנגען א דערשלאגענע. זי האט צו מיר ניט גערעדט. בלויז א פאר מאל געפרעגט ווי איך פיל מיט מיין וואונד. איך האב באמערקט ווי זי היט מיך פאר׳־גנב׳טערהייט. זי האט געקוקט אויף מיר לאנג און טיף, ווי זי וואלט געוואלט עפעס דערגיין.

אז מיר האבען זיך געזעצט עסען אונזער וועטשערע, האט זי זיך ניט צוגערירט צום עסען.

„ווארום עסט דו ניט?"

„הער, זאגט זי, איך האב דיך ניט פארשטאנען ביז נעכטען. איך האב געוואוסט נאר פון אן אנדער סארט ליבע."

און ביינאכט ווען איך בין געלעגען אויף מיין געלעגער, איז זי געקומען שטיל און זיך געלייגט לעבען מיר.

---

מאנאטען זיינען אוועק. דער ווינטער איז געווען נאענט. קיטי האט מיך ניט פארלאזען. עס איז שוין געווען שפעט אין סיזאן, עס האבען גענומען בלאזען קאלטע ווינטען פון ים. מיר האבען שוין לאנג אויף דעם שיפעל ניט געקאנט פארבלייבען. נאר קיטי האט זיך ניט געאיילט אהיים.

„מיינע קינדער דארפען מיך ניט. זיי האבען אלץ וואס זיי ברויכען. און מיין מאן? פאר אים קימערט מיר ניט. ער קאן טאן וואס ער וויל!" — אזוי האט זי געהאלטען אין טענה׳ן צו מיר, ווען איך האב אנגעפאנגען איינצורעדען זי, אז זי זאל זיך שוין אומקערען.

צום סוף איז זי אוועק.

איך האב געמיינט, אז איך וועל זי שוין מער ניט זען ביז פרילינג.

איין מאל, אין א פאר חדשים ארום, ווען איך בין אריין אין א באקאנטער קראם, האבען זיי מיר דערלאנגט א בריוו. איך האב גלייך פארשטאנען, אז דאס איז פון איר. זי האט געוואוסט, אז איך קום אריין אהין קויפען מיינע קלייניגקייטען. אין בריוו

האָט זי מיך באַשטעלט צו טרעפען זיך מיט איר אין אַן אָוונט, אין א געוויסען רייכען האָטעל.

און פון דאן אָן האָב איך זיך געטראָפען מיט איר אָפט.

אָבער אין דער רייכער אומגעבונג, לעבען דער פארפוצטער, מיט צירונג באַהאָנגענער, פּארפומירטער קיטי'ן, האָב איך זיך געפילט מאָדנע פרעמד. מיר האָט זיך געדוכט, אז עס איז ניט דיזעלבע קיטי. און איך אליין האָב אויך ניט געפילט דערזעלבער. אַך, איין אָוונט אויף מיין אָרים שיפעלע, ביים גרויסען אָפענעם, פרייען ים!...

נאָר קיטי'ס הייסע לייַדענשאַפט האָט מיך געקאָנט האַלטען.

און וואָס אַמאָל מער מיר האָבען זיך געטראָפען, אַלץ מער האָט זי זיך צוגעבונדען צו מיר. זי האָט זיך אימער געקלאָגט אויף איר נארישען לעבען אין דער היים, וואָס איז פאר איר געוואָרען אומדערטרעגליך. צום סוף האָט זי אָנגעפאַנגען מיך בעטען, אז איך זאָל זי צונעמען פון איר מאַן.

ווי האָב איך געקאָנט? זי האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין איר רייכען לוקסוס, אז זי האָט עס געמוזט ברענגען מיט זיך אויפ'ן שיפעל. און איך בין ניט געווען זיכער מיט מיין נעקסטען מאָלצייט. אחוץ דעם...

„וואַרט קיטי, אָט באַלד וועט שוין דער זומער זיין דאָ, און דאַן וועסטו דאָך סיי־ווי־סיי קומען צו מיר."

אירע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען. „זיי זיכער, אַז איך וועל קומען, אָבער דאַן וועל איך שוין מער ניט אַוועקגיין!"

מיר איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען, נאָר איך האָב געשוויגען.

---

נו, מיין געשיכטע האַלט שוין ביים סוף.

מיט'ן פרילינג איז קיטי געקומען צו מיר. און איך... איך... וואָרום קאָן א מענש זיין אַזוי ברוטאַל? און אפשר איז די שולד ניט אינגאַנצען געווען מיינע. זי איז געווען צו לייַדענשאַפטליך און צו שטאָלץ.

זי איז אוועק צוריק צו איר מאן, אָבער ניט אויף לאַנג. זי איז געקומען צוריק צו מיר ווען איך האָב זי גערופען. אזא ווי קיטי ליבט נאָר איין מאָל, און נאָר איין מאַן.

און איך, — איך בין ניט געווען קיין אויסנאַם פון אלע אנ־דערע מענער, כאָטש איך האָב זי אויך מיט אן אמת געליבט.

אָרימע קיטי! איך האָב זי שנעל געטריבען צו פארצווייפ־לונג מיט מיין קאַלטקייט און מיט מיין ברוטאַלער באַנעמונג.

אָט דאָ ניט ווייט פון דאַנען, אַוואו דער ברעג איז גאַנץ פאַר־לאָזען, וואו דער רולאָזער ים וואַרפט אַלעמאָל זיינע טרייסטלאָזע, דורשטיגע כוואַליעס, ליגט זי איצט מיין שיינע, שטאָלצע קיטי. איך האָב פאַר איר געמאַכט אַ טיפען קבר ביים פוסען פון ים, וועלכען זי האָט אזוי שטאַרק געליבט.

# לענאָטשקאַ

מיר זיינען געזעסען און היציג געפירט א שמועס, א האלבער דאָזען עלטערע און יינגערע אידישע יונגעלייט, אין א רייכער, בראָדווייער קאַפע, ביי א באזונדער טישעל, אין א ווינקעל. אונזערע ענגעלאָרענע אידישע הערצער האבען דאן געפייערט דעם נצחון וואָס טראָצקי'ס ליכטיגע ארמייען האבען געהאט איבער די פוילישע באַטאַליאָנען.

דאָקטאָר שולמאַן איז געווען דער איינציגער וואָס האט זיך ניט אָפּגערופען. ער איז געווען א מענש אין די מיטעלע יאָרען מיט א הדרת פנים פון אן אלטמאָדישען אידישען רב, נאָר אָן א באָרד, א מאָדערנער, געלערענטער איד, מיט א גרויסען נאָמען אין דער מעדיצינישער וועלט, א ספּעציאליסט א כירורג, דער הויפּט פון עטליבע האָספּיטאַלס, נאָר איינפאך און הארציג אין זיינע מאניע־רען, שטיל און באשיידען אין זיינע גאנגען, און אומעטום באַ־ליבט: א הויכער, שיין געבילדעטער, קרעפטיגער מאַן, מיט קלוגע, פארטראכטע, שווארצע אויגען, מיט א מילדען געזיכט וואָס האט געלויכטען מיט אינוועניגסטער שיינקייט און חכמה.

ווען מיר האבען זיך אָפּגעשטעלט אליין, האב איך אים גע־פרעגט ווארום ער האט קיין אנטייל ניט גענומען אין אונזערע געשפּרעכען.

„אז איר נעמט רעדען פון רעכענונג און געצאָלט, דערמאַן איך זיך אויף מיין אייגענער שולד. איך בין באגאנגען אמאָל א פארברעכען קעגען א קינד פון פוילען, און צוליב דעם קען איך ניט טראַכטען וועגען נקמה. איך וועל אייך דערציילען, אויב איר ווילט, די געשיכטע פון מיין ערשטער ליבע.

עס איז געווען מיט א סך יאָרען צוריק. איך בין נאָך דאַן געווען א יונגער בחור'ל פון א יאָר צוויי־און־צוואנציג, א קליידעל מאכער ביי פראַפעסיע, און א פאַרדינער פון זעקס, זיבען דאלאר א וואָך. דאָך האָב איך שוין דאַן געטרוימט צו ווערען א דאָקטאָר.

קינדערשע טרוימען! ווי אזוי? וואָס פאַר אויסזיכטען האָב איך געהאַט? געאַרבייט האָב איך צוועלף שטונדען אַ טאָג, און מיין גאַנצער פאַרמעגען איז באַשטאַנען פון אַן אייגענער שער און פון אַ שטאָלענער שיפעלע צו מיין געדונגענער ניי־מאַשין. דאָך האָב איך געהאַט גרויסע האָפנונגען, אַז אין אַ יאָר צען־צוועלף וועל איך קענען אויפשלאָגען אַ קאַפּיטאַל גרויס גענוג צו באַצאָלען פאַר קאָלעדזש. און דאָס איבריגע — אָבער וואָס האָט מיר דאָס איבריגע געקימערט? ווען אַלעס זאָל גיין כשורה, דאַן!... און מיט השׂוק בין איך געזעסען ביי די ביכלאָך.

אָבער אַלעס איז ניט געגאַנגען כשורה... אַרבייטענדיג צוועלף שטונדען אַ טאָג אין פינסטערען, ענגען שאָפּ — און שפּעטער, אַז מיין אַפּעטיט איז געוואַקסען האָב איך געאַרבייט נאָך לענגער, — און דערצו וווינטער אין אַ צימער אָן אַן אויוון, און זומער אין אַ צימער אָן לופט, אַלע מאָל אָן זון ליכט, קיינמאָל ניט גענוג גענערט, אָן רו און אָן אונטערהאַלטונג, שטענדיג איבער די ביכלאָך, וויפיל האָט עס געדאַרפט דויערען, אַז מיין שוואַכער געזונט זאָל רואינירט ווערען? איך בין געוואָרען בלוט אַרים, דאַר, געל, מיט שוואַרצע רעדער אונטער די אויגען, מיט אַ טרוקענעם הוסט, מיט נאַכטיגע פיבערס, אַ ווייטאָג אין רוקען, אין פּאַטיל־ניצע, אין די לענדען, — מיט אַ גלענצענדען אויסזיכט אויף רומאַ־טיזם, טובערקולאָזיס, און וואָס ניט?

אָבער אונטערגעגעבען האָב איך זיך ניט. דאָס הייסט, קראַנק בין איך אָפט געווען. אָפיען האָב איך זיך געמוזט צולייגען פאַר אַ פּאָר וואָכען אין האָספּיטאַל. נאָר געביטען מיין אַרט לעבען האָב איך ניט.

איך האָב געמוזט ווערען אַ דאָקטאָר!

איך ווייס ניט וואָס עס וואָלט פון מיר געוואָרען, ווען איך וואָלט דאַן ניט באַקענט זיך מיט לענאָטשקאַ׳ן.

אָ, יענע גליקליכע יאָרען פון הונגער און פון האָפען, פון ליידען און פון ליבע, — ווי ליב און ליכטיג עס איז מיר זייער אָנדענקען!

זי איז געווען א פינישערין אין זעלבען שאפ, און געזעסען און געארבייט ניט ווייט פון מיר.

פון ערשטען טאָג וואָס איך בין אריינגעקומען אין שאפ ארבייטען, האָב איך זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט איר. נאָר אזוי ווי איך בין געווען אַ שטילער, שעמעדיגער, אידישער בחור'ל, און זי איז געווען א פוילישע שיקסע, איז א לאַנגע צייט אַוועק איידער איך האָב געהאַט וועלכע נאָענטע באַקענטשאפט מיט איר.

אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. פון דער ערשטער מינוט, פון ערשטען מאָל וואָס איך האָב איר דערזען אין שיינעם, בלאָנדען קאָפּ און איר בלאַסען געזיכט איבער דער אומעטיגער ארבייט, פון ערשטען מאָל וואָס איך האָב געכאפּט דעם רייכען בליק פון אירע גרויסע, שווארץ־בלויע אויגען, האָב איך זיך שוין באַקענט מיט איר, פארליבט זיך אין איר, פאַרזוכט איר בלוט, — און פון דאַן אָן ניט געקאָנט אויסליידיגען זי פון מיינע אָדערען. אין יענער מינוט האָב איך פארזוכט פון די טויזענט זונען, וואָס האָבען דורות לאַנג געשפּייעט איר גאָלדענעם קאָפּ, און אָנגעגאָסען זייער פליסיגען פייער אין אירע ווייכע, וועליגע האָר; פון די פעלדער ווייץ און פעלדער קאָרען און בלויע קאָרען בלומען, וואָס האָבען הונדערטע יאָרען געקליבען זייער זעט אין אירע בלוט; פון די שמעקעדיגע סעדער מיט רייפע, ווייסע עפּעל, פון רויט־פליישיגע, זאפטיגע קארשען און קלעפּיגע מאלינעס סאָק, פון די קריג שמאַנט און טעפּ האָניג, וואָס זיינען אין איר לייב גערונען; פון די טייכען מאָרגען טוי און זומערדיגע זון־רעגענס וואָס האָבען געבאָרען אירע שטייפע, ווייסע פיס; פון די אָנגעברענטע סאָסנאָווע וועלדער מיט זייער צעפּלאַצטער קאָרע און רינענדיגען, שמעקעדיגען, וואַרימען פּעך; פון די מאַיאָווע לאָנקעס מיט ערשט געטריקענטע היי, פון סענאזענץ אין ליידענשאַפטליכע תמוז נעכט, — וואָס האָט פון איר שוים געשמעקט. איך האָב דערשפּירט אין איר דעם רייכען זאַפט פון די פעטע פעלדער וואָס אירע זיידעס האָבען געטרונקען, און איך בין געוואָרען הונגעריג נאָך איר אין מיין מאָגערען בלוט.

און זי? וואָס האָט זי געפונען אין מיר? וואָרום האָט זי מיך פאַרפאָלגט מיט אירע שיינע אויגען?

זיצענדיג נעבען מאַשין און כאַפּענדיג אָפּט איר פאַרטרוימ־טען בליק אויף מיר, ווי גרינג מיין ארבייט איז געווען! ווי גרינג עס איז געווען אוועקצוטרוימען שטונדען, אוועקטראָגען זיך אויף די פליגלען פון פאַנטאַזיע, ווייט פון שמוציגען שאָפּ, איבער ימים און קאָנטינענטען, דורך לענדער און דורות, דורך די פאַרשלאָסענע הינטערטעמפּלען ביין נילוס, דורך די אָפענע אקאַדעמיעס פון אטענס, דורך די בתי־מדרשים פון נהרדאי און פומבדיתה, וועלכע האָבען פאַר מיר זייער ירושה געקליבען, — און זי א פוילישע שיקסע! ווען אירע זיידעס האָבען געפּאַשעט חזירים אין די פוילישע וועלדער, האָבען מיינע זיידעס אָנגעפילט די ישיבות פון זשיטאָמיר און וואָלאָזשין. איך האָב געשטאַמט פון דורות רבנים און למדנים, און זי —

אָבער ביידע זיינען מיר געווען אָפּגעריסען פון אונזערע היימען, ביידע אין א פרעמדער, אייפערזיכטיגער לאַנד, ביידע געזעסען אין איין שאָפּ, איך ביי'ן מאַשין און געשטעפּט קליידלאך, און זי, ניט ווייט פון מיר, האָט דיזעלבע קליידלאך פאַרענדיגט. און ביידע זיינען מיר געווען עלענד און איינזאַם, ביידע בלאַס און אויסגעמאַטערט, און ביידע יונג. ביידענס הערצער פריש מיט טרוימען, און דער שאָפּ איז געווען שטויביג, שמוציג און ענג, אָן ליכט און אָן פרייד, און זי א זיסע, געשמאַקע מיידעל, און איך א פאַרטראַכטער, איידעלער בחור'ל, — האָבען זיך ביידענס אויגען אָפּט געטראָפען, אַ ברען געטאָן, א צונד געטאָן עפּעס א ליכטיגען צוזאָג אין דער נשמה, אַ וואַרימע פרייד אין די בלוט. און ביידענס הערצער האָבען געקלאַפּט באַרוישט פון עפּעס א גליק. און ביידענס הערצער האָבען זיך געפילט נאָענט און אייגען.

ביסלעכווייס האָב איך זיך דערוואוסט פון איר פאַרגאַנגענעם לעבען. דער שניידער, מיט וועמען זי האָט געאַרבייט, א קלוגער, גאַליציאַנער אידעל, אירער א לאַנדסמאַן, האָט מיר דערציילט אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט הערען. וואָרמעס צייט פלעגען מיר

שמועסען וועגען איר. ער האָט געזען, אז איך בין פאראינטערעסירט. האָט ער מיר דערציילט.

איך בין געווען אומגערעכט צו איר. עלענע (איך האָב זי ביי זיך גערופען לענאָטשקא), איז ניט געווען קיין פּראָסטע דאָרף שיקסע. איך האָב דאָס גלייך געקענט זען אין איר אינטעליגענטען פּנים. זי האָט געשטאַמט פון א מיוחס'דיגער פאמיליע. זי האָט זיך זאָגאַר געקענט באַרימען מיט פּרינצען בלוט, אויב איך זאָל גלויבען דעם גאַליציאַנער אידעל. עס קאָן זיין, אז ער האָט זיך געוואָלט איבערנעמען מיט זיין פינישערין, האָט ער איר יחוס א סך איבערטריבען. אָדער, אפשר האָט ער דאָס געטאָן צוליב מיר?

אז זי האָט געשטאַמט פון אַדעל האָב איך מיט יאָרען שפּעטער אליין אויסגעפונען דורך מיינע געשפּרעכען מיט איר, כאָטש עס איז געווען ביי איר אן אָנגעוויטאָגטער פּונקט, איר אָפּשטאַמונג. זי האָט ניט ליב געהאַט צו רעדען וועגען דעם, איבערהויפּט ניט פון איר מוטער. איר מוטער איז געווען אַ אידישע טאָכטער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אין איר געקענט דערקענען שטריכען פון איר אידישער מאַמען, שטריכען פון ליידען און פון אָנגעוויטאָגטען שטאָלץ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט הויפּטזעכליך אין א געוויסען וועג ווי אזוי זי האָט צוזאַמענגעצויגען אירע אויגען און ברעמען אין אַ מאָמענט, ווען עס האָט זיך איר געדוכט, אַז מען מיינט זי צו באַליידיגען. אין א רגע האָט א כעס אויפגעפלאַמט אין אירע גרויסע, רוהיגע, בלויע אויגען, וועלכע זיינען גלייך געוואָרען שוואַרץ מיט אויפגעברויזטען פייער. אָבער באַלד האָבען זיך אירע אויגען צוזאַמענגעצויגען, צוזאַמענגעדריקט, קלענער געוואָרען, און דער פייער איז פארשטיקט און פארלאָשען געוואָרען. נאָר אין דרויסען ארום די אויגען ווינקלען, אין דער צאַרטער, סענזיטיווער הויט, האָבען זיך געוויזען קוים באַמערקבאַרע שנירעלאַך קליינע, ווי אָדערלאַך, וועלכע האָבען געצופּט און וויברירט מיט אונטערדריקטע, אינטענסיווען ליידען. און דער רונדער האַלב־בויגען פון אירע אויבערשטע גלאַטע ברעמען, האָט זיך צעבראָכען און זיך אויפגעהויבען אין א שאַרפען ווינקעל. דאָס, און דער פאקט וואָס זי האָט גיך אָנגענומען א באַליידיגונג,

און אזויפיל געליטען ביי דער גרינגסטער פארלעצונג פון איר כבוד, האָט מיך געמאַכט צו טראַכטען אַז זי האָט גע׳ירש׳נט איינענשאַפטען פון איר אידישער מאַמען.

די מעשה, ווי דער שניידער האָט מיר דערציילט, איז גע־גאַנגען אין דער אידישער שטעטעל אזוי:

דער יונגער, שיינער פאַן, דער איננסטער זון פון דער אַלטער, פריצישער פאַמיליע טשאַפּסקי, איז א סך יאָרען אין דער היים ניט געווען. ער איז געווען ערגעץ א סטודענט אין אויסלאַנד. פּלוצלונג איז ער אַראָפּגעקומען אהיים מיט א יונגער פרוי, א בלענדענדע שיינהייט. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז דערפאַר ווייל זי איז אַן אַקטריסע, אַנדערע דערפאַר ווייל זי איז א אידיש קינד, נאָר זיינע עלטערען האָבען די שנור ניט געוואָלט אויפנעמען. עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע סקאַנדאַלען וועלכע האָבען זיך גע־ענדיגט מיט דעם, וואָס די יונגע פאָר איז פארשוואונדען און מער צוריק ניט געקומען. אין פינף יאָר ארום האָט זיך אין הויף באוויזען א מיידעלע פון א יאָר פיר. ווער זי איז געווען האָט קיינער ניט געוואוסט אויף באַשטימט. נאָר געזאָגט האָט מען, אַז די יתומה׳לע איז זייער אייניקעל פון דער אידישער שנור, אין וועמען זי איז געווען שטאַרק געראָטען. די אַלטע לייט, זיידע און באָבע, האָבען דער קינד באַהאַנדעלט פרעמד און קאַלט. דאָך האָט זי זיך געהאָדעוועט ווי א פאַנע, געגאַנגען אין זיידענע קליידער, געהאַט א גובערנאַנטין צו זיך, און ווי עס האָט אויסגעזען, האָט איר גאָרניט געפעלט. נאָר איר מזל איז געווען ניט קיין גוטער. אין צוויי יאָר ארום איז די פריצטע געשטאָרבען, און דער פריץ איז אוועק אין אויסלאַנד. דעם הויף מיט אַלע זיינע מאַיאָנטקעס האָט ער פארקויפט און צוזאַמען מיט׳ן הויף, — דער יתומה׳לע. אין ניכען איז דער גאַנצער הויף אוועק מיט׳ן פייער און די נייע באַלעבאַטים זיינען זיך צעפאָרען. די יונגע מיידעלע איז געבליבען אליין צווישען די חורבות. א דאָרפישער פויער, אַן אַלטער דינער פון הויף, האָט פאַר רחמנות זי צוגענומען צו זיך, און געהאָדעוועט זי אין זיין פאַמיליע, צוגלייך מיט זיינע אייגענע קינדער. ווען זי איז אַלט געוואָרען אַכצען יאָר, האָט זי דער פויער אויסגעריכט

קיין אמעריקא צוזאַמען מיט זיין איינגסטער טאָכטער. געשיקט נאָך איר האָט א ברודער, דאָס הייסט דעם פּויער'ס זון, וואָס האָט אין דער היים געארבייט ביי א אידישען שניידער, און מיט זיינע אידישע חברים אויסגעוואַנדערט אין אמעריקא.

אראָפּגענומען די גרינע פון שיף, האָט ער דער שוועסטער אוועקגעגעבען פאר א דינסט, און מיט דער שיינער פּאַנע האָט ער געוואָלט חתונה האָבען. אין דער היים וואָלט ער ניט געוואַגט צו שדכנ'ען זיך צו איר. אָבער דאָ איז דאָך אמעריקא! די מיידעל האָט זיך ניט געאיילט. און כאָטש זי איז געווען א גרינע, און הילפלאָז, און איינגאַנצען ביים שנץ אין די הענט, אָבער מיט איר שטאַרקען ווילען, מיט איר איינגעבוירענעם שטאָלץ און אינ־טעליגענץ, האָט זי אויפ'ן יונגען בחור געווירקט, אז ער זאָל זי באהאנדלען מיט רעספּעקט, און נאָכגעבען איר פארלאַנג און וואַר־טען. אין גיכען האָט ער זיך געצאַפּעלט ביי אירע פיס א פאַר־ליבטער, און זי איז אוועק אין שאָפּ ארבייטען.

אזוי האָט דער לאַנדסמאַן אירער, דער שניידער, דערציילט.

אויסהערענדיג דיזע געשיכטע, האָט מיין האַרץ אויפגעפלאַ־קערט פאַר דער יונגער מיידעל. איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איר. יעצט האָב איך פארשטאַנען פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער ערנסטער, טיפער טרויער אין אירע אומ־שולדיגע, בלויע אויגען, און דער איידעלער, אינטעליגענטער בליק אירער. זי האָט געוויס געהאַט דעראינערונגען פון אלטען פּריצישען הויף. האָט זי געדענקט איר מאַמען? האָט זי געהאַסט איר אריסטאָקראַטישען זיידען? און אירע אייגענע אדעל בלוט? די געשיכטע פון איר פאָטער'ס נאָבעלער ליבע צו דער פרעמדער, שיי־נער מיידעל, וואָס פאַר א טרוימען האָט דאָס געוועקט אין איר יונגען, רייפען בוזים? און אויף וואָס האָט זי איצטער געהאָפט? ווער וועט עס זיין דער פרינץ וואָס וועט זי קומען אויסלייזען? דער גראָבער שנץ פון דאָרף, דערפאַר וואָס ער טראָגט א שוואַרצען אנצוג און פּעטענט לעדערנע שיך?

זיצענדיג ניט ווייט פון איר, האָבענדיג זי שטענדיג פאַר מיינע אויגען און אין מיינע מחשבות, איז זי מיר געוואָרען נאָענט

ווי א שוועסטער. ווי גערען איך וואָלט איר געגעבען מיין ברודער־שאַפט, מיין פריינטשאַפט. אָבער ווי אַזוי? זי האָט מער ווי פּויליש ניט גערעדט. און פאַר מיר איז פּויליש געווען אַ פינסטערע בעל־היימנים. זי איז געקומען פון אַ דאָרף אין גאַליציען, און איך פון אַ קליין שטעטעל אין ליטווישען רוסלאַנד. און דערצו בין איך נאָך געווען אַ צוריקגעהאַלטענער ישיבה בחור, וואָס האָט פון „שור שנגח" געוואוסט מער ווי פון די זיסע גאַנגען פון אַ פאַרליבטער פריילען, — ווען זי איז אפילו ניט מער ווי אַ דאָרפישע שיקסע. איך האָב זיך פּשוט געשעמט פאַר איר, און ווען זי פלעגט מיך באַגעגענען מיט אַ ליבען שמייכעלע אויף אירע ליפען, פלעג איך רויט ווערען און אַרונטערלאָזען די אויגען.

דערפאַר, אַז איך פלעג אַמאָל ווערען דרייסט, און איינעסען זיך מיט מיינע אויגען אין איר קליינעם מויל, אין אירע לאַנגליכע, פרישע, קלאָרע באַקען, אין איר געשמאַקען האַלז, — פלעגט זי זיך מאַכען, אַז זי באַמערקט עס גאָר ניט, און באַגעגענען מיין בליק מיט אַ פאַרהילטען, שטאָלצען קוק, וואָס פלעגט מיך באַליי־דיגען, און איך פלעג דערפאַר ניט קוקען אין איר זייט פאַר אַ פאָר טעג.

אָבער ביסלעכווייס איז די וואַנט פון פרעמדקייט פאַנאַנדער געפאַלען צווישען אונז, און מיר זיינען געוואָרען אָפּענהערציג פאַרליבט איינע אין די אַנדערע. זי האָט מיר דאָס געזאָגט מיט איר יעדען בליק, מיט איר יעדען קער. דער ליבער, טייערער סוד צווישען אונז האָט ווי אַ גאָלדענע ליכט אָנגעפילט דעם שאַפּ פאַר מיר. איך פלעג קומען אין שאַפּ מיט פרייד, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל זי זען, און זי וועט קוקען אויף מיר, און ווידער וועט זיך פאַרשפּרייטען אויף מיר דער חן וואָס איז גערונען אויף איר פּנים, איבער איר גאַנצען וועזען, און דער צווי־בער פון אירע פרומע, טיפע אויגען, וואָס האָט זיך געצויגען צו מיר פון דער וויטען ווי אַ שאַרפער פאַרפיום. איך האָב זיך גע־באָדען אין אַ טייך פון גאָלדענער ליכטיגקייט וואָס האָט געקוואָלט פון איר. זי איז געווען איינגעוויקעלט אין ליבליכקייט ווי אין אַ יום־טוב קלייד. זי האָט געשיינט פאַר מיר ווי אַ זון.

האלטענדיג אין אירע הענט די ארבייט וואָס איך האָב פארטיג געמאכט, פלעגט זי שוין געפינען עפּעס א תירוץ פאר וואָס צוצוקומען צו מיין מאשין. זי פלעגט מיר אלע מאָל ברענגען עפּעס צו פארריכטען, און צוקומען גאנץ נאָענט צו מיין מאַשין, באַרירען מיר מיט אירע קליידער, אריבערבויגען זיך איבער מיר מיט איר שלאַנקען, בויגיגען קערפּער, ביז איך פלעג דערשפּירען דעם געשמאַקען ריח פון איר לייב. מיין הארץ פלעגט נעמען קלאַפּען איבערוועלטיגט. און דער ווארימער ריר פון אירע פינגער פלעגט פאר שטונדען נאָכדעם וועקען מיינע מוסקולען מיט'ן פאַרלאַנג צו גיין און נעמען זי אין מיינע אָרימס.

ווען מיר פלעגען זיך טרעפען אונטער פיר אויגען, פלעגט זי בלייבען שטיין מיט א שמייכעל און אריינקוקען מיר אין פּנים מיט אַזאַ אינטענסיוויקייט, וואָס איך פלעג דערפילען אין מיין בלוט. איך פלעג בלייבען שטיין אַ פאַרלאָרענער.

אָבער איך האָב קיין סך ניט געדארפט. עס איז געווען גענוג פאר מיר, אז איך זאָל זי א רוף טאָן „לענאָטשקא“! און זי זאָל זיך האַסטיג א קער טאָן צו מיר מיט איר גאָלדענעם קאָפּ, מיט איר יונגער, פולער פיגור, א ליבער רויטער פלעק אויף די באַקען און אַ צארטער שמייכעל אויף די ליפּען, אז איך זאָל באגאָסען ווערען מיט א שמעקענדיגער פרייד.

איינמאָל האָט זי מיר געמאכט אן איבערראשונג. זי האָט מיר דערלאנגט א צעטעלע, וואָס איך האָב אויפגעעפענט און געלעזען: „איך לערען זיך ענגליש. איך וועל באלד קענען ריידען מיט דיר“.

איך האָב דעם שטיקעל פּאפּיר געקושט.

זי האָט אָבער צו פרי מיר ארויסגעגעבען איר סעקרעט. איך בין געווען צו אונגעדולדיג און יעדען טאָג איר געפרעגט: „נו, לענאָטשקאַ, וואָס קענסטו שוין?“ און זי, פארשעמט און געשמערצט, צו דערזעלבער צייט גליקליך מיט איר שווער דערוואָרבענער קענטניס, פלעגט זיך נעמען מאַטערען אויפשטעלען פאַר מיר אַ פּאָר פראַזען. מיר איז געווען געפעלען ווי זי שעמט זיך און רויטעלט זיך, און איך האָב זי געמוטשעט מיט מיינע פראַגען.

אַרימע מיידעל! איך האָב ניט געוואוסט ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען. איר מח וועניג אַנטוויקעלט, און פון אַ בוך פּרעמד פון קינדרוויים אָן, האָט זי געהאָרעוועט אומדערמידליך מיט וועניג ערפאָלג. זי האָט אָבער געהאַט אַן אייזערנעם געדולד, און מיט אַן איינגעשפּאַרטען ווילען איז זי געזעסען נעכט איבער איר ביכעל, ביז זי האָט זיך אויסגעלערענט ענטפּערען אויף מיינע פראַגען. גליקליכער טאָג!

איצטער האָבען מיר געקענט צוזאַמען פּאַרברייגגען.

„הער, לענאַטשקאַ, דעם קומענדען זונטאג וועלען מיר ערגעץ ביידע גיין. ווילסטו?"

זי האָט געשטראַלט מיט גליק.

II.

זונטאג איז געווען אַ שיינער טאָג. צוועלף אַ זייגער האָב איך באַגעגענט לענאַטשקאַ'ן ביים „גרענד סענטראַל", און פון דאָרטען זיינען מיר אַוועק צו איינעם פון די אינזלען אויף'ן לאַנג איילענד בוכט. פון דאָרט האָבען מיר מיט אַ רודער שיפעל אַוועקגעשיפט זיך צו איינעם פון די קלענערע אינזלען, וואו מיר האָבען פאַרבראַכט אַ גאַנצען טאָג.

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פאַרליבט ווען איך האָב דערבליקט לענאַטשקאַ'ן פון ווייטען, איר ציכטיגען, נעטען וועזען, פריש און געשמאַק אין אירע זומערדיגע קליידלאַך, איינפאַך און האַרציג ווי אַ יונגע בעריאָזקע.

אָבער באַלד האָב איך גענומען פילען עפּעס אַ מאָדנע אַנטוישונג

אין דער אָפענער לופט, אין דער שאַרפער, קלאָרער ליכט פון דער זון, האָט זי ניט אויסגעקוקט אַזוי איידעל און עלעגאַנט ווי אין שאָטענדיגען שאָפּ ביי דער אַרבייט. אונטער איר הויט איז קענטיג געוואָרען אַ היבש ביסעל זומער־שפּרינקלאַך וואָס צוזאַמען מיט איר פּאַריסענעם נעזעל, האָט זי געמאַכט אויסקוקען וואולגאַר. אירע האָר זיינען געווען זאַמדיג, אירע אויגען זיינען שוין געווען צו העל בלוי, כמעט סאַר, און דערצו זיינען אירע ברעמען געווען עטוואָס אָנגעשוואָלען. האָט זי געווײנט אַ

סך איידער זי איז געקומען צו מיר? זי האָט זיך געמוזט צוקריגען מיט'ן שנץ.

פון אָנפאנג איז זי געווען אומעטיג און ניט זיכער מיט זיך. אָבער ביסלאכווייז האָט זי געקראָגען מער צוטרויען צו מיר און צו זיך אליין. און ווען מיר זיינען ארויף אויפ'ן גרינעם אינזעל, איז זי געוואָרען אויפגעלעבט און זאָרגלאָז ווי א פויגעל. זי האָט זיך געפרייט מיט אלץ וואָס זי האָט געזען. מיט'ן גראָז אונטער די פיס, מיט'ן בוים איבער'ן קאָפּ. מיט דעם פרייען הימעל, מיט דער זון, מיט יעדער בלומעל, מיט יעדער פויגעל, מיט מיר, און מיט זיך אליין. זי איז ארומגעשפרונגען אנטציקט ווי אַ נאאיווע קינד, און הארציג געלאַכט און געפּלוידערט.

אָבער איר פרייליכקייט האָט מיך ניט אָנגעשטעקט. איך האָב געקוקט אויף איר, געקוקט און געוואונדערט זיך. ווי האָב איך דאָס פריער ניט געזען? ווי האָב איך דאָס געקאָנט פארליבען זיך אין איר? אַ דאָרפישע שיקסע! אַ פויערטע אין אלע אירע מאַניערען, אין איר צו הארציגען לאַכען איבער גאָר נישט, אין איר שרייענדיגען ריידען, און איר טאקטלאָזען באנעמען זיך. און איר אָטעם האָט געשמעקט די ציבעלע, וואָס זי האָט געגעסען פאר פרישטיק. די פארפיום וואָס זי האָט אָנגעגאָסען אויף זיך, לכבוד מיר געווים, איז געווען אומדערטרעגליך אפילו אין אָפענעם פעלד.

איך האָב זיך געמאטערט צו דערשטיקען אין מיר מיין פאר־דרוס, אָבער דאָס האָט נאָך ערגער געווירקט אויף מיר. איך האָב געפילט, אז אינוועניג אין מיר קלייבט זיך עפּעס, וואָס דריקט אלץ שווערער און שווערער מיין געמיט.

ניין, אָבער איך טאָר איר ניט פארשטערען איר גליקליכען טאָג! וואָס איז זי שולדיג וואָס איך בין אנטוישט? מיט וואָס האָט זי זיך פארזינדיגט געגען מיר? זי האָט מיט'ן גאנצען הארצען געזוכט מיר צו געפעלען. זי האָט מיר אריינגעקוקט אין די אויגען מיט אזא דאנקבארקייט, אַז עס האָט אויפגעוועקט אין מיין הארצען א רחמנות צו איר. אָבער איך בין געווען צערייצט, און עפּעס האָט זיך געשפּארט אין מיר געגען מיין ווילען.

צום סוף האָט זי באַמערקט מיין שטימונג. זי איז געוואָרען אומעטיג. זי האָט זיך געפילט שולדיג. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרשעמטע אויגען. זי האָט זיך געקלעפּט און געבונדען און געטוליעט צו מיר ווי אַ קינד. „וואָס איז זי שולדיג?" — האָב איך געטראַכט. איך האָב זיך געמאַטערט זיין פריינטליך צו איר, און געוואָלט פאַרפירען אַ געשפּרעך.

„וואָס האָסטו געטאָן היינט אין דער פרי, לענאַטשקאַ?" — האָב איך איר געפרעגט.

„גאָרנישט. איך בין געווען אין קלויסטער. — האָט זי מיר אומשולדיג דערציילט.

אַה!

עפּעס האָב איך דאָס גאָרניט דערוואַרט. וואָרום ניט? עס איז דאָך געווען אַ נאַטירליכע זאַך. נאָר איך בין שוין אין שול ניט געווען פון מיין פופצענטען יאָר אָן. און איצטער, אַז איך האָב געהאַט אויף מיין טיש דאַרווין און ספּענסער און האַקסלי — הם!

„און וואָס האָט ער דיר געזאָגט, דער פּאָפּ? זאָלסט ניט אַרומגיין מיט קיין אידישע בחורים?"

„איך גיי ניט אין קלויסטער צו הערען דעם פּאָפּ'ס דרשות!" — האָט זי געענטפערט מיט פאַרוואורף, אין וואַרימער איבער־צייגונג.

„מיט וועמען ביזטו געווען, אליין?" — האָב איך זיך גע־מאַכט ניט הערענדיג איר פאַרוואורף.

„אליין".

„און דיין פריינט? ער גייט ניט אין קלויסטער?"

זי האָט געשוויגען.

„מיר איז אַ וואונדער וואָס ער לאָזט דיך אליין גיין. האָסטו אים געזאָגט, אַז דו גייסט זיך טרעפען מיט מיר?"

זי האָט געטראַכט אַ ווייל. „ניין", האָט זי געענטפערט ניט אָן מי. „ער האָט ניט געוואָלט אַז איך זאָל אוועקגיין. ער האָט מיך געבעטען אַז איך זאָל בלייבען מיט אים".

„און וואָרום ביזטו ניט פאַרבליבען?"

זי האָט מיר געגעבען אַ בליק פון אַ פאַרוואונדעטער. איך

האָב מיר געביסען די ליפּען פון חרטה. אָבער איך האָב ניט גע־קענט פאַרטראָגען דעם געדאַנק פון וועמען איך האָב זי אוועקגע־נומען. דער שגץ איז געבליבען אָן זיין זונטאָגדיגער שיקסע!...

„און דערפאַר האָסטו געוויינט?" — האָב איך זיך ווידער גענומען צו איר.

„פון וואַנען ווייסטו אז איך האָב געוויינט?" — האָט זי זיך פאַרשעמט געוואונדערט.

„דיינע אויגען זיינען ביי דיר פאַרוויינטע", — האָב איך באַמערקט מיט א ביטערען שמייכעל.

זי האָט מיר גאָרניט געענטפערט. זי האָט נאָר געקוקט אויף מיר אומרואיג.

שפּעטער האָב איך גענומען שטעלען איר נייע פראַגען.

„וואָס טוסטו אלע זונטאַג? דו בלייבסט מיט אים אין הויז?"

„מיר גייען ערגעץ" — האָט זי מיר געענטפערט אונווילינ.

„וואוהין גייט איר?"

„צו לאַנדסלייט".

„און וואָס טוט מען דאָרטען?"

זי האָט זיך א ווייל איבערלייגט און דאַן האָט זי מיר גע־ענטפערט מיט א שטילער שטימע:

„עס קלייבען זיך צוזאַמען מיידלאַך מיט בחורים. די בחורים שכור'ן זיך איין. מאַנכע מיידלאַך אויך. דאַן קושט מען זיך, מען זינגט, מען שרייט, ביז מען צעשלאָגט זיך, דאַן טרינקט מען ווייטער, און מען קושט זיך אויף דאָס ניי..."

איר ענטפער, אָפענהערציג ווי ער איז געווען, האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן. איך האָב געוואוסט וויפיל עס האָט איר געקאָסט.

„און דו, לענאָטשקאַ, גייסט אויך אהין?" — האָב איך זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטען א פרעגע צו טאָן.

„וואָרום ניט?... איך בין איינע פון זיי..."

איך בין געווען גרייט צו פאַלען איר צו די פיס און בעטען ביי איר מחילה. א לאַנגע צייט איז אוועק אין שווייגען. דאַן האָט עס מיך ווידער גענומען מוטשען.

„וואָס וועט ער היינט טאָן אָן דיר?" — האָב איך זיך פּלוצלונג געווענדט צו איר, כמעט אליין איבערראשט פון מיין אייגענער פראַגע.

זי האָט מיין פראַגע ניט געכאַפּט. איך האָב עס געמוזט איבערפרעגען נאָך אַמאָל.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פּלוצלונג, געבליבען שטיין אַ ווייַלע ווי צעטומעלט, און דאַן אַוועק פון מיר. זי האָט זיך געזעצט פון וויַיטען אויף אַ געפאַלענער בוים, די הענט אויפגע־לייגט אין שויס, און אויסגעקוקט אומגליקלאך.

איך האָב אויף איר רחמנות געהאַט. איך האָב זיך אליין ניט געקאָנט פארציַיען. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און געוואָלט זי איבערבעטען, און ניט געוואוסט ווי אזוי.

„לענאַטשקאַ, ביזט ברוגז?"

זי האָט ניט געענטפערט.

„לענאַטשקאַ!"

זי האָט געשוויגען.

„פאַרצייַע מיר. איך האָב ווירקליך גאַר נישט ניט געמיינט. איך האָב נאָר געוואָלט — עפּעס ווייס איך ניט וואָס עס איז היינט געשען מיט מיר. איך בין געווען גראָב צו דיר. זיי ניט בייז. מער וועל איך שוין ניט זיין אזוי. לענאַטשקאַ, איך בעט דיך — "

פון אירע אויגען האָבען גענומען פאַלען טרערען. איך בין צוגעגאַנגען צו איר נעענטער און געוואָלט נעמען אירע הענט. זי האָט זיך אָבער האסטיג אָפּגעקערט פון מיר, און דאַן שטיל אָנגעפאַנגען צו וויינען.

איך האָב זיך געפילט שולדיג און געוואָלט זי איבערבעטען, נאָר ניט געוואוסט ווי אזוי. איך בין ווידער צוגעגאַנגען צו איר, און פּלוצלונג גענומען זי אין מיינע אָרימס און געוואָלט זי אַ קוש טאָן.

זי האָט עס ניט דערוואַרט. מיט האסט האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון מיינע הענט, און געבליבען שטיין אַנקעגען מיר מיט אַ פלאַמענדען כעס. אירע אויגען זיינען געוואָרען גרויס און

שוואַרץ. זי איז געשטאַנען הויך און שטאָלץ און מוטיג אין איר גרויסער, באַליידיגטער ווירדע.

„דו ביזט ניט בעסער פון אים!“ האָט זי מיר צוגעוואָרפען מיט האַס.

דאָס האָט מיך שטאַרק באַליידיגט. איך האָב געפילט אַז דאָס האָט זי געוואָלט, און מיין כעס האָט זיך אויפגעכאַפּט. מיר האָט זיך געוואָלט לאָזען זי שטיין און אנטלויפען פון איר. אָבער דאָס איז געווען אוממעגליך, זי וואָלט אליין ניט געקענט קומען אהיים. איך האָב זיך גענומען שילטען פאַר דעם גאַנצען ניט געראָטענעם טאָג. איך בין אוועק אָן א זייט, און זי געלאָזט אליין.

אָבער ביסלאַכווייס האָט מיר גענומען באַנג טאָן פאַר איר, און מיין ליבע האָט זיך גענומען וועקען אויף דאָס ניי. איך האָב גענומען קוקען אויף איר באַהאַלטענערהייט, און געזען ווי שיין זי איז. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט צוגיין צו איר און פּרובירען זי איבערבעטען איבעראַנייס. איך בין געווען גרייט צו באַשיטען זי מיט א טויזענט הייסע און צאַרטע לאַסקעס. נאָר עפּעס האָב איך זיך ניט געקענט רירען פון אָרט.

עס איז אַזוי אוועק א קורצע צייט. פּלוצלונג האָב איך דער הערט אַז זי קומט צו צו מיר. איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען געטראָפען איר בליק, — און זי איז שוין געלעגען צוגע־טוליעט צו מיין ברוסט און געוויינט. איך האָב באַשאָטען איר פּנים, אירע אויגען, אירע האָר, מיט הייסע קושען.

„מיין לענאָטשקאַ, מיין גוטע מיידעלע, ליבסטע מיידעלע, מיין גאָלדענע בלומעלע... לענאָטשקאַ...“ — האָב איך געמורמעלט געריצט. — זעסטו ניט, אַז איך האָב דיך ליב? איך ווייס ניט וואָרום איך בין געווען שלעכט צו דיר, אָבער איך האָב דיך ליב. — ביזט מיין איינציג גאָלדענע מיידעלע, מיין ליבע, ליבע לענאָטשקאַ!“

אָט אַזוי האָב איך געמורמעלט מיט ליבע און ליידענשאַפט, און געוואָרען מער און מער שכור מיט איר.

זי איז געלעגען צוגעטוליעט צו מיין ברוסט, און צוגענומען

מיינע הייסע ליבעס ווערטער און ליידענשאַפטליכע לאַסקעס, ווי אין אַ טרוים. איך האָב היים אריינגעקוקט אין אירע אויגען, און האָב דאָרטען געטראָפען אַ מאָדנע ליכט, ווייט, פאַרצויבערט, פרעמד.

„און דו, לענאַטשקאַ, דו האָסט מיך ניט ליב?" — האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין איר אַבסאָלוטען שווייגען.

„איך בין דיינע, און מיין לעבען איז דיינער".

עפּעס האָבען מיך אירע ווערטער אַ שווידער געטאָן, אזוי איינפאַך ווי זי האָט עס געזאָגט.

די פולע קראַפט פון דיזע איינפאַכע ווערטער אירע, האָב איך ערשט אויסגעפונען שפּעטער. אָבער אויך דאַן האָב איך שוין געפילט, אז דיזע מיידעל האָט מיר געשאָנקען אַלעס וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין איר הארצען. און איך בין געווען גליקליך מיט אַ זיסען, רייכען געווינס.

פון דאַן אָן פלעגען מיר זיך אָפט טרעפען. זי פלעגט קומען צו מיר אין צימער. זי האָט מיך באַרוישט מיט איר זודיגער, זוניגער ליבע.

## .III

איינמאָל איז לענאַטשקאַ געקומען צו מיר מיט אַ נייען פּלאַן. זי האָט געוואָלט פאַרלאָזען דעם שאַפּ, און גיין ווערען אַ דינסט, ווי אַלע אירע לאַנדסמיידלאַך.

איך בין געווען איבערראַשט און געשמערצט. מיר האָט פאַרדראָסען וואָס אזאַ זאַך קאָן ביי איר גאָר רעכט זיין. ווען זי וואָלט געהאַט אין זיך איידעלע בלוט, האָב איך געטראַכט, וואָלט איר אזאַ זאַך גאָר ניט געקענט איינפאַלען.

„אָבער לענאַטשקאַ" — האָב איך זיך ביי איר געבעטען — „ווי אזוי קענסטו זיך דערנידעריגען און גיין יענעם באַדינען? וואו איז דיין שטאָלץ?"

„איך וויים", — זאָגט זי, — „אז דיר שטייט ניט אָן צו האָבען אַ דינסט פאַר אַ געליבטער, אָבער אזוי מוז עס זיין!"

איך האָב זיך געבייזערט און געסטראַשעט זי, און געקריגט

זיך מיט איר, נאָר זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. זי האָט בלויז געשמייכעלט.

„אויב דו האָסט מיך ליב, וועסטו מיר פאַרציַיען. איך טו וואָס עס איז בעסער, און דו דאַרפסט ניט זיין דאַגעגען. ביזט מיר א גוטער פריינט? טו שטער מיר ניט.“

זי האָט מיר אריינגעקוקט אין די אויגען מיט יענעם הונגע־ריגען, הייסען בליק, וואָס האָט מיך אימער פאַרווירט. און דאַן האָט זי מיך א קוש געטאָן און איז אוועק.

„איר פעלט דער חוש פון פריינגעבאָרענעם, זעלבסטשטענדי־גען מענשען, טו ווי קען איך זי איבערציַיגען?“ — האָב איך געטראַכט ביי זיך וואָס מיר האָט געוואונדערט איז געווען דער פאַקט, וואָס זי האָט ניט געוואָלט אָנגעבען מיר קיין גרונדען צוליב וואָס זי וויל עס טאָן.

אין ניַיען האָט זי אויסגעפירט איר פּלאַן. זי איז אָנגעקומען אלס פּראָסטע דינסט צו א ריַיכער, אידיש־ענגלישער פאַמיליע. איך בין געווען אויסער זיך פון ערגערניש, און פאַרשפּראָכען זיך קיינמאָל זי מער ניט אָנצוקוקען דערפאַר. אָבער אַז א ביסעל צייט איז אוועק, און מיין כעס איז צערונען, האָב איך אָנגעפאַנגען צו בענקען נאָך איר, און ווען זי איז געקומען מיך באזוכען, בין איך געווען גליקליך זי ווידער צו זען.

אָרעמע לענאַטשקאַ. וויפיל שמערץ איך האָב איר פאַרשאַפט מיט מיינע בייסיגע באמערקונגען. איך האָב געקענט איר פיין־פילענדיגע נאַטור, און געוואוסט וואו איר צו פאַרוואונדען. שוין צום ערשטען מאָל וואָס זי איז געקומען צו מיר, האָב איך באַ־מערקט אַז זי טראָגט א קלייד וואָס האָט איר ניט גוט געפּאַסט. איך האָב זי אַזוי לאַנג געמוטשעט, ביז זי האָט זיך מודה געווען, אַז די קלייד האָט איר די נייע באַלעבאָסטע אירע אוועקגעשאָנקען. און זי האָט עס צוגענומען, זי, די שטאָלצע פאַנע!

ווען זי האָט מיר געגעבען אירע שיינע הענט צום קושען, ווי אימער, האָב איך זיך אָפּגעקערט מיט עקעל: „פע, עס שמעקט פון זיי מיט געשיילטע קאַרטאָפּעל!“

„טאַקע?“ — האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן מיט ווייטאָג.

„איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז דו וועסט עס דערשמעקען!
איך האָב אפשר דריי שעה געשייערט מיינע הענט איידער איך
בין געקומען צו דיר".

אַרימע לענאָטשקאַ.

ביי זיך אין הארצען האָב איך אָבער געמוזט זיך מודה זיין
אַז איך מוטשע זי אומזיסט. פאַרקערט, ביסלעכווייז האָט די
גרויס־שטעטיגקייט גענומען באַקליידען אין איר דער דאָרפישער
שיקסע. איר שפּראַך, אירע מאַנירען, איר האַלטונג, איר געשמאַק
האָט זיך פאַרפיינערט.

וויפיל פרייד דאָס וואָלט איר פאַרשאַפט ווען איך גיב איר
דאָס צו! דאָס איז דאָך געווען איר ציל צוליב וואָס זי איז גע־
וואָרען אַ דינסט. אָבער ערשט שפּעטער האָט איך זיך אָנגע־
שטויסען אָן אירע פאַרבאָרגענע, איידעלע שטרעבונגען.

זי האָט אַלעס געטאָן צוליב מיר.

זי האָט געוואוסט אַז איך קום פון אַ רייכער, שיינער אי־
דישער הויז און זי האָט געקענט מיין פיינערען, פאַראיידעלטען
געשמאַק. אין די קעמערלאַך פון איר הארצען האָט זי געהאָפט,
אַז זי וועט ווערען מיין פרוי, און וועט דאַרפען פירען אַ שיינע
הויז, די הויז פון אַ באַרימטען דאָקטאָר, פון אַ רייכען, געבילדע־
טען מענשען, — און זי איז ניט מער ווי אַ פּראָסטע שיקסע!
זי מוז זיך באַצייטענס נעמען גרייטען פאַר איר גרויסער פליכט!
זי האָט געהאַט צוטרוי צו איר אַדעל בלוט און צו איר ענערגיע,
אָבער זי האָט געוואוסט, אַז אין דער געזעלשאַפט פון אירע
לאַנדסלייט וועט זי קיין פיינערע מאַניערען ניט אַנטוויקלען. זי
מוז אַריין אין אַ העכערען, געבילדעטערען קרייז. און ווי אַנדערש
האָט זי געקענט אַריינדרינגען אין אַ קולטיווירטער אַטמאָספערע
אַ חוץ אַלס דינסט? און דאַריבער האָט זי אויך געזוכט אירע
באַלעבאַטים נאָר צווישען אידען. מיט פרייד האָט זי גערעדט
פון די אידישע מנהגים וואָס זי האָט געזען און ליב געקראָגען.
זי האָט גערעט פון זיי מיט אַזאַ הונגער וואָס האָט מיך געמאַכט
צו טראַכטען פון איר אידישער מאַמען.

אָבער איז טאַקע אַלעס געווען צוליב מיר? צייטענווייז האָב

איך געצווייפעלט. אפשר איז דאָס געווען דער הונגער נאָך א העכערען לעבען אין איר בלוט, וואָס האָט זי צו רו ניט געלאָזען? אפשר האָט איר ליבע צו מיר אויך געשטאַמט פון דיזען הונגער? זי איז דאָך געבאָרען געוואָרען פאר א העכערען לעבען!

אפשר איז דאָס געווען די בלוט פון איר מאַמען אין אירע אָדערען, וואָס האָט איר געגעבען איר גרויסען הונגער און איר ליבע צו מיר?

ווי טייער עס האָט איר געקאָסט דיזע איידעלע שטרעבונגען! ניט אזוי גרינג האָט זי געבראַכט איר שטאָלץ צו ווערען א דינסט. זי האָט עס פון מיר פון אָנפאנג פארלייקענט, אָבער שפּעטער האָב איך עס אויסגעפונען. זי האָט אָפט געביטען אירע פּלעצער. זי האָט ניט געקאָנט צוגעוואוינען זיך צו דער פאראַכטונג וואָס די רייכע האָבען געהאַט פאר דער דינסט זייערער. און זי האָט געליטען פון די פרעכקייטען פון די מענער, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט איר אומשולד. זי איז דאָך א דינסט, און א דאָרפישע שיקסע! דערצו האָט זי נאָך געהאַט א סך אויס־צושטיין פון איר פריינט דעם שגץ, וואָס האָט זיך נאָך אלץ גע־שדכנ'ט צו איר. ער פלעגט אויסגעפינען וואו זי איז, און קומען אהין א שכור'ער און מאַכען סקאַנדאַלען. זי האָט אָפט געמוזט פארלאָזען איר אָרט מיט בזיונות. אָבער זי האָט זיך ניט אונטער־ווארפען.

צום סוף האָט זי אָנגעטראָפען א פיינע אידישע פאמיליע, וואָס האָט זי אָפּגעשעצט און גוט באהאנדעלט. זי איז געווען פלייסיג, איינטעליגענט און וויליג, און געאַרבייט שווער זיי צו־פרידען צו שטעלען.

עס איז ניט אוועק קיין לאנגע צייט, איז זי געקומען צו מיר מיט א נייעם פאָרשלאָג.

„דו ווייסט, עס איז שוין צייט דו זאָלסט אויפהערען גיין אין שאָפּ, און אריינגיין אין קאלעדזוש!“

„אָבער ווי אזוי, לענאָטשקא, ווי אזוי? דו ווייסט דאָך, אז איך האָב ניט פארוואָס!“

„איצטער קאָן איך דיר העלפען“, האָט זי מיר געענטפערט א

גליקליכע, א שטראַלענדיגע. „עסען קאָסט מיר ניט, קוואַרטיר אויך ניט. קליידער דאַרף איך ניט. וויפיל איך קריג שפּאָר איך אײַנגאַנצען פאַר דיר!"

„לענאַטשקאַ!.. און דערפאַר איז ביי דיר רעכט צו טראָגען געשענקטע קליידער, און עסען אין קיך, אויסשטיין אַלע ערנידערונגען, אראָפּשלינגען אַלע באַליידיגונגען, צו ליידען, צו מאַטערען זיך, און צו — ?"

„מיין לעבען איז דיינער!" האָט זי מיך איבערגעשלאָגען.

„אָבער איך וויל ניט די קרבנות דיינע!" — האָב איך פּראָטעסטירט.

„וואָרום רעדסטו אזוי?" — האָט זי זיך פאַרוואונדערט. — „ווייסט דאָך, אַז דאָס איז מיין גאַנצער גליק. צו וואָס דאַרף איך מיין לעבען? וואָס טויג ער אָן דיר? און טו איך דאָס בלויז פאַר דיר? אַז דו וועסט אויסשטודירען, און ווערען גרויס און בארימט, און רייך, וועט מיר אויך זיין גוט!"

זי איז ביי די לעצטע ווערטער געוואָרען רויט און פאַרשעמט. זי האָט ביז איצט קיינמאָל ניט דערמאָנט אונזער צוקונפט. זי איז איצטער אויך געווען דעליקאַט און ניט דערמאָנט אירע גרויסע האָפנונגען דירעקט, אָבער איך האָב דאָך פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר ביי איר אין האַרצען.

„נו, לענאַטשקאַ, טוסטו דאָס אַלעס צוליב דיר אליין? איז עס דערפאַר וויל דו ווילסט זיך ארויסרייסען פון דיין נידעריגען שטאַנד און ווערען די פרוי פון א דאָקטאָר?"

מיין פראַגע האָט זי צעטומעלט.

„גלויבסטו ניט, אַז איך האָב דיך ליב?" — האָט זי מיר געפרעגט פאַרוואונדערט.

„געוויס האָסטו מיך ליב, נור דיין ליבע האָט א צוועק".

זי איז געוואָרען בלאַס. זי האָט זיך אויף אזא פאַרוואורף ניט געריכט. זי איז אוועק פון מיר א באַליידיגטע.

איך האָב איר אָפּפער אָבער ניט געקענט אָננעמען.

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז איך זאָל מיין גאַנצע קאַריערע, מיין גאַנצע צוקונפט, שולדיג זיין לע־

נאָטשקא'ן. עס איז זיכער געווען אן עגאָאיסטישער געפיל, אָבער א גאנץ שטארקער. ווען איך וואָלט געקאָנט קומען צו איר ווי א גרויסער גביר און צוואווארפען איר א ביסעל גליק, וואָלט איך דאָס געטאָן מיט פארגניגען. אָבער אליץ שולדיג זיין איר, דער דאָרפישער שיקסע? ניין.

איך האָב לענאָטשקא'ן ליב געהאט, שטארק ליב געהאט, איך בין פארבונדען געווען צו איר מיט אלע מיינע יונגע ליידענשאַפטען. אָפט, שכור מיט איר נאָענטקייט אָדער מיט בענקשאפט נאָך איר, האָב איך ביי זיך געטראכט, אז איך פארלאנג קיין זאך ניט מער, ווי אז לענאָטשקא זאָל ווערען מיין פרוי. אָבער מיט'ן גאנצען הארצען צושטימען צו דעם האָב איך ניט געקענט. איך האָב זי געקענט נעמען נאָענט צו זיך, אזוי נאָענט צו זיך, ווי איינער נעמט זיין געליבטער פרוי. אָבער אלע מאָל וואָלט איך געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז פאַר אַ ווייל׳ע. כאָטש די ווייל׳ע האָט זיך געמעגט ציען אַ גאנצען לעבען לאַנג. לענאָטשקאַ האָט אָבער ניט געקענט ווערען מיין פרוי אינגאַנצען. שטענדיג וואָלט געבליבען אַ מחיצה צווישען אונז.

דאָס וואָס זי איז געווען ניט געבילדעט, ניט ראַפינירט, דאָס איז ניט געשטאַנען אין וועג. איך וואָלט סיי־ווי־סיי קיינמאָל ניט חתונה געהאַט מיט א פרוי וואָס שטייט גלייך צו מיר אין שכל אָדער בילדונג. און עלענע מיט איר שטארקען ווילען וואָלט, ביי גינסטיגערע אומשטענדען, מיר לייכט געקענט צופרידענשטעלען אין דעם פרט. דאָס וואָס זי איז געווען רעליגיעז איז מיר גראַדע געפעלען געווען. א פרוי מוז זיין רעליגיעז, אַז ניט איז זי ניט אינטערעסאנט. אין קלויסטער איז זי שוין מער ניט געגאנגען נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט עטליכע געשפרעכען מיט איר.

וואָס איז עס געווען וואָס עס האָט אונז צעשיידט? עס איז געווען יחוס. טיף אין מיין באוואוסטזיין איז געווען דער יחוס פון גאָלד וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אויפמישען מיט זילבער.

איז עס געווען אַ שאָוויניסטישער ראַסען־געפיל? צייטענווייז האָב איך געטראַכט, אַז אַ אידישע מיידעל פון לענאָטשקאַ'ס

סאָרט, וואָלט געקענט ווערען מיין פרוי, זי ניט. דער מוטערס בלוט איז פּסול געוואָרען אין איר קינד.

און אפשר האָט מיר געפעלט דער גרויסער פלאַם וואָס האָט געזאָלט זי אויפלייזען אין מיר? איך האָב אָפּט געצווייפעלט אין מיין ליבע. איך האָב געטראַכט, אַז יענע פרוי דאַרף נאָך ערשט קומען וואָס וועט מיך אָנצינדען מיט'ן אמת'ן פייער.

מיט וואָס יענע פרוי וועט אַנדערש זיין פון לענאַטשקאַ'ן, האָב איך זיך ניט געקענט אויסמאָלען. אָבער אימער האָב איך יענער פרוי געטראָגען אין די טיפסטע צימערען פון מיין נשמה, און איך האָב געפילט אַז לענאַטשקאַ איז ניט זי.

איצט, אַז איך בין שוין אַלט געוואָרען, ווייס איך, אַז אויב עס איז ניט געווען לענאַטשקאַ, איז עס קיין אַנדערע אויך ניט געווען. יענע איז ניט געקומען און גאָרניט געקאָנט קומען.

דאַן בין איך אָבער געווען יונג און אומדערפאַרען. איך האָב ניט געקענט מיין אייגענע נאַטור און ניט געוואוסט, אַז איך באַלאַנג צום קלאַס מענשען, וואָס זיינען אָנגעאיסטען ביז די סאַמע אור־יסודות פון זייער וועזען, וואָס קאָנען קיינמאָל ניט צולאָזען צו זיך קיין גלייכען. דאָס זיינען בלינדע שטיקער גראַניט, וואָס שמעלצען זיך ניט און קלעפּען זיך ניט, און בלייבען זייער גאַנצען לעבען איינזאַם און פרעמד אין זייער שטאָלצען גייסט.

איך בין געווען צו שטאָלץ צו מאַכען לענאַטשקאַ'ן פאַר מיין פרוי. שפּעטער האָב איך געפונען אַן אומשולדיגע מיידעל, פאַר איר געלט באַרימט געוואָרען, און דערפאַר חתונה געהאַט מיט איר, און איר אפילו לענאַטשקאַ'ס אָרט ניט געקענט געבען. און לענאַטשקאַ'ן האָב איך געמוטשעט, געפּלאָגט, און ניט געוואָלט אָננעמען די הילף, וועלכע זי האָט מיר מיט אַזוי פיל ליבע געבראַכט.

לענאַטשקאַ האָט עס פאַרשטאַנען. זי איז געווען אונגליקליך. „איך ווייס", האָט זי געזאָגט, „וואָרום דו ווילסט מיין שטיצע ניט נעמען. דיר שטייט ניט אָן. פאַר דיר וועל איך אַלעמאָל בליי־בען נינ מער ווי אַ דאָרפישע שיקסע."

עס האָט ניט געהאָלפען מיינע שבועות און מיינע הייסע,

ליידענשאַפטליכע ווערטער. זי האָט אָפט געוויינט. זי האָט זיך ניט געקענט באַהאַלטען מיט איר ליידען, כאָטש זי האָט זיך געמאַכט בראַוו און מיר אימער געוויזען אַ שמייכעל. „איך וועל זיך אויף דיר ניט אָנוואַרפען מיט גוואַלד. אויב דו פילסט אַז דו דאַרפסט מיין שטיצע ניט נעמען, וועל איך דיך ניט צווינגען. האָסט מיך אָבער ניט ליב!“

איך האָב זי געפּרואווט אַרומנעמען, קושען, גלעטען, מאַכען זי פאַרגעסען. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען.

„איך וויים, אַז איך וועל דיך באַלד פאַרלירען“, פלעגט זי זאָגען קוקענדיג אויף מיר מיט אַ טיפען, הונגעריגען בליק. „דו ווילסט מיך בּיסלאַכווייז אָפּגעוואוינען פון דיר. דו ביזט אַ גוטער. אָבער איך פיל, אַז איך ווער דיר אַלץ מער און מער פרעמד.“

אין אמת'ן האָט זיך טאַקע באַלד גענומען אַנטוויקלען אַ פרעמדקייט צווישען אונז. איך האָב איצט ניט געהאַט קיין מוט צו קושען זי, צו ווייזען איר מיין ליבע. איך האָב גענומען שעמען זיך פאַר איר מיט מיינע ליידענשאַפטען. זי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ וואַקסענדע קאַלטקייט פון מיר, און אויפגעהערט צו קומען אַזוי אָפט. צום סוף איז זי אַוועק און מער ניט געקומען.

IV

אָבער אַזוי האָט זיך עס ניט געקאָנט ענדיגען. איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך איר, און ניט אויפגעהערט זי צו זוכען. זי האָט מיך אָבער אויסגעמידען.

דערווייל איז אַוועק דער זומער און עס איז אָנגעקומען אַ לאַנגער הערבסט, אַ פוילער, אַ קאַלטער, אַ נאַסער. איך האָב זיך איין טאָג פאַרקילט, בין געוואָרען קראַנק און פאַר אַ פּאָר וואָכען פון בעט ניט אַראָפּ. איך בין געזוען עלענד, אָן אַ נאָענטען פריינד, קיינער האָט מיך קיינמאָל ניט באַזוכט. איך פלעג אָפּליגען אַליין אין מיין קליינעם צימערעל לאַנגע, אומעטיגע, שלעכטע טעג און נאָך לענגערע, קראַנקע נעכט. איך האָב געבענקט נאָך אַביסעלע זון, און געשמאַכט נאָך איר, נאָך לענאָטשקאַ'ן. וואַר־פענדיג זיך פון זייט צו זייט האָב איך נאָר געטראַכט פון איר,

פון איר צאַרטער פּערזאָן, פון אירע טרייע, פאַרליבטע אויגען. איך האָב זי אָפט געפילט אין מיין צימער, שטייענדיג נעבען מיין בעטעל. איך האָב געהערט דעם רויש פון אירע קליידער, איר ווייכען, שטילען טראָט, איר קלינגענדיגע, זוניגע שטימע און וואַרימען, גאָלדענעם געלעכטעריל.

מיר האָט געפעלט דער געשמאַקער ריח פון איר נאָענטקייט, ווי עס האָט מיר געפעלט פרישע, ריינע לופט פאַר מיינע קראַנקע לונגען. אָ, ווי איך האָב געגאַרט נאָך איר אין מיינע טרוקענע ביינער! מיר האָט זיך געדוכט, אז ווען איך וואָלט זי צוגעדריקט איינמאָל צום האַרצען, געקושט איר זיסען מויל, וואָלט איך זיך אָנגעשעפּט מיט וואַרימקייט און היילונג. מיין קאַלטער, אויסגעהונגערטער גוף וואָלט געזונט געוואָרען. עפּעס זיינען אין מיינע געדאַנקען געווען פאַרבונדען מיט איר, גרינע פעלדער און זון־שיין, הייסע ליבע און ליידענשאַפט, זעט און גענוס.

נאָר וואו איז זי? איך האָב מער ניט געקענט האָפען אויף איר, זי וועט שוין מער ניט קומען. די נאַסע, וויאַלע לופט פון מיין ניט געהייצטען צימער, די גרויע, קראַנקע ליכט פון די אָסיענדיגע טעג, וואָס איז קוים אַריינגעקומען צו מיר דורך דער פאַרשטעלטער, קליינער פענסטער, און די שווערע, פוילע רעגענס וואָס האָבען זיך געהערט אָן אויפהער אין דרויסען, — דאָס וועט ניט אויפהערען, דאָס איז מיין האָפען און מיין צוקונפט. מיין ברוסט איז געווען פול מיט טומאַנעם, שווערען יאוש.

איינמאָל אין אָוונט בין איך געלעגען אויף מיין בעטעל, מיד פון שטענדיגען, פרוכטלאָזען טראַכטען, ערשט איך הער אימיצער קלאַפּט פאַרזיכטיג אין מיין טיר. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלען ווער דאָס איז. עס איז געווים א טעות! אימיצער האָט פאַרבלאָנדזשעט צו מיין טיר, ווי עס האָט שוין געטראָפען עטליכע מאָל. איך בין געווען זיכער, אַז עס וועט זיך אָן עפען טאָן די טיר און עס וועט זיך ווייזען א פרעמדער, פריינטליכער געזיכט, וועט וואַרפען א בליק אויף מיר און וועט זיך א כאַפּ טאָן צוריק ווי א דערשראָקענער, מיט אַן אנטשולדיגונג. אָ, ווי מיר האָט זיך געוואָלט, אַז דער גאַסט זאָל זיין פאַר מיר!

נאָר אַט האָט זיך שטיל געעפענט די טיר, שטיל פאַרמאַכט פון אינווענייג, און לענאַטשקאַ איז געשטאַנען אין מיין צימער. איך בין געווען צעטומעלט פון גליק, און ניט געקאָנט אַ וואָרט זאָגען. איך האָב נאָר הונגעריג געקוקט אויף איר. זי איז אריין, געשטעלט זיך מיט'ן פּלייצע צום טיר, און געביטען זיך פון בלאַס אויף רויט און פון רויט אויף בלאַס, און געשמייכעלט פאַרלעגען, פאַרשולדיגט, דאָך גוטהערציג און גליקליך. איך האָב זיך געפרו־בירט שמייכלען, נאָר מיין שמייכעל האָט געמוזט זיין קראַנק און בלאַס. זי האָט אָבער געזען ווי גליקליך איך בין געווען וואָס זי איז געקומען.

זי האָט זיך שנעל אַ קער געטאָן צום צימער, ניט געפונען קיין שטול, און איז געבליבען שטיין. איך האָב ניט געוואָגט צו רופען זי צו זיך. אָבער באַלד האָט זי זיך צעלאַכט, אויסגעטאָן איר הוט, ארומגעלייגט אירע פראַכטפאָלע האָר, און זיך געזעצט אויפ'ן ראָג בעטעל נעבען מיינע פיס און געקוקט אויף מיר, פריינטליך און צערטליך און גערירט. אירע שיינע, געשמאַקע הענט האָבען גערוט אין שויס פון איר שוואַרצער קלייד אזוי ווייס, אזוי קלאָר און מילד, ביידע מיינע שוועסטער.

מיר האָבען געשוויגען, די הערצער זיינען געווען צו פול. אָבער דער שווייגען איז געווען גרינג. אין צימער איז געוואָרען אזוי פריי, אזוי גערעאם און ליכטיג, עפּעס אַ רחבות האָט זיך צע־לייגט אין צימער און אין דער נשמה. און דאָך איז עפּעס געווען אזוי אומעטיג, אזוי אומעטיג. מיר האָט זיך געוואָלט וויינען, און אירע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען.

איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע לאַנגע, ביינערדיגע הענט און פאַמעלאַך גענומען אירע פון איר שויס, און עס צוגעטראָגען צו מיינע ליפּען. „לענאַטשקאַ" — האָב איך געמורמעלט, „לע־נאַטשקאַ !"

זי איז צוגעפאַלען צו מיין ברוסט און אָנגעפאַנגען וויינען. איך האָב זי געגלעט און געקושט און אויסגערעדט פאַר איר מיין אָנגעלאָדענע האַרץ.

„וואָרום ביזטו אוועק, לענאַטשקאַ, וואָרום ביזטו אוועק פון

מיר? זעסט ניט, אז איך דארף דיך? איך בין געוואָרען קראַנק אָן דיר".

זי האָט צוגעטוליעט אירע ווייכע, וואַרימע באַקען צו מיינע. „מער וועט עס ניט זיין! איך וועל שוין מער ניט אוועק פון דיר. קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט. מיין לעבען איז דיינער!"

און זי איז שוין מער ניט אוועק. ביי מיר האָט זיך אנטוויקעלט ניומאָניאַ. טעג בין איך געלעגען באוואוסטלאָז, וואָכען בין איך געווען אין געפאַר. לענאַטשקאַ האָט קיין נעכט ניט געשלאָפען און קיין טעג ניט גערוט, און געוואַכט ביי מיין בעט. זי האָט פאַרלאָזען אירע באַלעבאַטים און ניט אָפּגעטראָטען פון מיר ביז איך בין שוין געוואָרען פאָלשטענדיג געזונט. זי האָט געבראַכט א נוירס פאַר מיר, און די בעסטע דאָקטוירים, און זי האָט, נאַטירליך, פאַר אַלץ געצאָלט מיט איר געלט.

ווען איך בין געזונט געוואָרען, האָב איך זיך שוין יעצט ניט געוועהרט געגען איר. יענע טעג זיינען געווען די גליקליכסטע טעג פון מיין לעבען. זי האָט מיך מער ניט געלאָזט גיין ארבייטען. איך האָב זיך גענומען פלייסיג שטודירען, און דעם קומענדען יאָר בין איך אריין אין קאַלעדזש.

די יאָרען זיינען שנעל געלאָפען. לענאַטשקאַ האָט מיך אויסגעהאַלטען מיט אַלץ, און מיר האָט קיין זאַך ניט געפעלט. זי האָט מיר יעדען טאָג געבראַכט א נייע מתנה'לע. זי פלעגט אריינלויפען צו מיר אין צימער א פריילינבע, א גליקליכע, ווארפען א בליק אויף מיר, קריגען א קוש און פאַרשווינדען. נאָכדעם פלעג איך שוין געפינען עפּעס א גוטע זאַך וואָס זי האָט איבערגעלאָזען פאַר מיר.

זי האָט מורא געהאַט מיר צו שטערען. איך מוז דאָך לערנען! ווי שטאָלץ זי איז דאָס געווען אויף מיר! ווי איר טריי האַרץ איז דאָס פול געווען מיט פרייד ווען איך פלעג איר דערציילען פון מיין ערפאָלג. זי האָט געשטראַלט מיט ליבע, מיט וואַרימקייט, מיט פריינדשאַפט און מיט גליק. איך בין פאַר איר געווען א פרינץ. זי האָט ניט געוואוסט וואָס גענוג צו טאָן פאַר מיר. איך האָב געמוזט גיין שיין געקליידט, עסען גוט, טרינקען גוט. זי פלעגט

מיר אָפּט ברענגען אַ גוטען ביסען פון אירע רייכע באַלעבאַטים. די ערשטע צייט פלעג איך פּראָטעסטירען, עס איז מיר דאָך ניט אָנגעשטאַנען. אָבער זי איז געווען אַזוי אומגליקליך, ביז איך האָב איר ניט נאָכגעגעבען. „ווען איך באַק אַ גוטען טאָרט", פלעגט זי מיר זאָגען מיט איר וואונדערבארען, קלוגען שמייכעלע, „ווייס איך אפריער אז אויב איך וועל פאר דיר ניט נעמען אַ חלק, וועט עס זיכער ניט ארויסקומען געראָטען!"

פאר אזא'ן ארגומענט האָב איך זיך דאָך געמוזט אונטערגעבען. אָ, יענע גליקליכע יאָרען!

איך פלעג זיך אָפּט וואונדערען פון וואנען זי נעמט אַזוי פיל געלט וואָס זי האָט אויף מיר אויסגעגעבען. איך האָב פארדעכטיג, אז זי לייט ערגעץ. איך האָב איר ניט געוואגט צו פרעגען.

אָבער וואָס טרייער, וואָס ליבער זי איז געוואָרען צו מיר, וואָס מער זי האָט מיר באַשאָטען מיט אירע גוטסקייטען, וואָס מער זי האָט אונטערגעבעט איר לעבען אונטער מיין פוס, אלץ קעלטער און ווייטער איז געוואָרען מיין הארץ פון איר. איך האָב זיך אליין פאָרהווירפען געמאכט דערפאר, וויסענדיג גאַנץ גוט אז דאָס איז אַ זינד, אַ פארברעכען, נאָר איך האָב זיך ניט געקענט העלפען. וואָס מער דאַנקבאר איך האָב באדארפט זיין, אלץ מער האָב איך געליטען פון דעם יאָך פון ליבע. מיר האָט זיך געדוכט, אז איך האָב פארלאָרען אלע מיינע גרויסע מעגליכקייטען. איצ־טער איז דאָך שוין אלץ פארפאלען!

עס האָט גענומען אויסברעכען צאַנקערייען צווישען אונז. איך האָב זי געמוטשעט אומזיסט און געבונדען זיך צו איר צוליב קלייניקייטען. איך בין געווען קאַפּריזנע און איינגעשפּארט אָן אַן ענד. איך פלעג זי אָפּט ארייננברענגען אין צאָרן, און ניט איינמאָל איז זי ברוגז געווען אויף מיר פאר טעג. לאַנג פלעגט עס ביי איר ניט אָנהאַלטען. זי פלעגט באלד קומען מיך איבער־בעטען און פארצייען מיר אלץ, און אָנפאנגען אויף דאָס ניי אירע צערטליכקייטען.

איך האָב זיך געוואונדערט. פון וואנען נעמט זיך צו איר אַזוי פיל געדולד מיט מיר? איז עס געווען איר בלינדע ליבע,

אדער איז דאס געווען איר אויסגערעכענטער פּלאן? צייטענווייז האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלץ איז ביי איר ניט מער ווי אַ פאַר־טראַכטער פּלאַן, וועלכען זי האָט מיט איר גאַנצער ענערגיע געזוכט דורכצופירען. און דאַן האָב איך געהאַט פאַר איר מער רעספּעקט און מער ליבע. אָבער דאַן האָט מיך געמאַטערט אַ געפיל פון אייפערזוכט. איך פלעג עס איר אָפען זאָגען, און זי פלעגט ליידען פון דעם.

אַמאָל ווידער פלעגט זיך מיר דוכטען, אַז אַזאַ איבערגע־בענהייט און געדולד איז נאָר מעגליך אויס טיפער, בלינדער ליבע, אָבער דאָס האָט מיך אויך ניט געמאַכט גליקליך. מיר פלעגט זיך דוכטען אַז איך האָס זי פאַר דיזער קראַפט וואָס האָט מיך אויס־געקליבען פאַר אַ קרבן, און איך פלעג זי זוכען צו פייניגען וואָס מער מיט דערנידערונג און פאַראַכטונג, צו זען וויפיל זי וועט קאָנען אויסשטיין פון מיר.

אַזוי האָט זי געליטען פון מיר ביז איך האָב געענדיגט מיין שטודיום.

אין דער נאַכט פון מיין „קאָמענסמענט“, האָט לענאַטשקא געהאַט אָנגעגרייט פאַר מיר אַן איבערראַשונג. אין אַ קליינעם האָטעל, אין אַ באַזונדערען צימער, יום־טוב'דיג פאַרפּוצט מיט ליכט און מיט בלומען, האָט געוואַרט אויף מיר אַ באַנקעט, — אַ באַנקעט פאַר צוויי, זי און איך.

יענע נאַכט איז זי צום ערשטען מאָל געבליבען נעכטיגען אין מיין צימער.

V

אויף מאָרגען, אויפכאַפּענדיג זיך שפּעט, האָב איך זיך געוואונדערט וואָס איך האָב לענאַטשקאַ'ן ניט געפונען נעבען מיר. זי איז שוין ניט געווען.

כ'האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און פאַרלאָזען דעם האָטעל. אַ גאַנצען טאָג האָב איך געוואַרט פאַר איר אין מיין צימער. זי איז ניט געקומען. איך בין געוואָרען אומרואיג און נישט געוואוסט פון וואָס צו טראַכטען. ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג האָב איך גע־קראָגען אַ בריוועלע פון איר דורך פּאָסט.

„מיין ליבער, ליבער דאָקטאָר“, שרייבט זי צו מיר, „אַנט־שולדיג וואָס איך האָב דיך געלאָזען וואַרטען אויף מיר אזוי לאַנג. דו ווייסט האָך, אז „לענאָטשקאַ“ גייט ניט פארלאָרען, און איך האָף, אז דו האָסט זיך שטארק ניט באאומרואיגט.“

ווייטער בעט זי מיר, אז איך זאָל קומען בייטאָג, צען אַ זייגער, און טרעפען זי אין אַ געוויסען זאַל. זי וועט מיר דאָרט אַלעס ערקלערען. ערקלערען וואָס? איך האָב ניט פארשטאַנען. דער גאַנצער בריוו האָט מיך איבערראַשט. אַ צושריפט אונטען האָט געלויטעט אזוי:

„זאָלסט, מיין ליבער דאָקטאָר, ניט זיין שטארק איבערראַשט, ווען דו וועסט זיך געפינען צווישען חתונה־לייט. וועסט מיך דאָרט געוויס טרעפען. אַ בוקעט בלומען פון דיר וועט ביי מיר זיין שטארק אָנגעלייגט!“

עפּעס האָט זי אזוי קיינמאָל ניט געהאַנדעלט. וויל זי מיך ווייזען פאַר אירע לאַנדסלייט? טו וואָרום דיזער געהיימניספולער פארשווינדען? און וואָרום האָט זי אליין ניט געקענט קומען און בעטען מיך אז איך זאָל מיט איר גיין צו דער חתונה? האָט זי מורא געהאַט, אז איך וועל איר ענטזאָגען? זי האָט געוואוסט ווי אונאַנגענעם עס איז געווען פאַר מיר צו טרעפען זיך מיט אירע פריינט. נאָר מיין הארץ איז געווען נאָך פול מיט דער צערטליכקייט און ליבע פון דער לעצטער נאַכט. און אויס דאַנקבאַרקייט האָב איך באשלאָסען נאָכצוגעבען איר פארלאַנג. זאָל זי האָבען פארגניגען! איך האָב זיך פארגעשטעלט ווי זי וועט זיך ארומ־פירען מיט מיר איבער'ן זאַל, אָנגעלייגט אויף מיין אָרים, צוגע־טוליעט צו מיר שטאָלץ און גליקליך, און פארשטעלען מיך, איר דאָקטאָר, פאַר אַלע אירע לאַנדסלייט. עס איז אפשר אַ נאַרישער, ווייבערישער פארגניגען, — אָבער איך האָב עס איר פארגונען. איך האָב באשלאָסען ניט צושטערען איר דעם נחת און אויפ־פירען זיך אזוי, אז זי זאָל זיין צופרידען.

איך האָב זיך ריין ארומגעראַזירט, פארפּוצט זיך אין מיין בעסט, און מיט אַ היבשען בינטעל בלומען אין מיינע אָרימס, האָב איך זיך אוועקגעלאָזט אויפזוכען זי.

אריינגעפאלען אין א זאל צווישען שכור'ע פוילישע מחותנים, בין איך געבליבען שטיין ביים טיר צעטומעלט. איך האָב מיט די אויגען גענומען זוכען לענאָטשקא'ן צווישען די געסט, און זי ניט געקענט געפינען.

באלד איז צוגעקומען צו מיר די כלה. איך האָב געוואָרפען א בליק אויף איר, און דער זאל איז פלוצלינג פינסטער געוואָרען פאַר מיינע אויגען. איך האָב געקוקט און געקוקט און גאָר גיישט ניט געקאָנט זען. ביסלעכווייז איז די ליכט צו מיר צוריקגעקומען. אָבער איך האָב זיך אַלץ ניט געוואָלט גלויבען אז איך זע ריכטיג.

„לענאָטשקא!" מיין אייגענע שטימע האָט מיר געקלונגען פרעמד אין די אויערען.

לענאָטשקא איז געשטאַנען פאַר מיר אין אירע חופה קליידער אזוי בלאס ווי די גאַרלאַנדע אויף איר קאָפּ, און אויף אירע ליפּען האָט געשפּילט א שמייכעל, א בלאַסער, פינסטערער שמייכעל, אָבער אירער.

„לענאָטשקא!" האָב איך געקענט בלויז מורמלען.

„איצטער וועסטו עס גלויבען. דו זעסט דאָך אליין מיט דיינע אויגען. קום וועל איך דיך פאָרשטעלען פאַר מיין מאַן." איר שטימע האָט געציטערט ווען זי האָט גערעדט צו מיר.

אין דיזען מאָמענט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרען, אז איך האָב זי פאַרלאָרען, און מיט איר א גאָלדענע שטיק פון מיין לעבען.

„אָבער, לענאָטשקא, עס איז דאָך אוממעגליך!.. עס איז דאָך אוממעגליך!... ווי אזוי האָסטו עס געקאָנט טאָן?.. אָט ערשט נעכטען האָסטו זיך איבערגעגעבען צו מיר... און... און..."

„איך האָב דיר געבראַכט דאָס לעצטע וואָס איך האָב נאָך פאַרמאָגט אין מיין לייב און זעלע". זי האָט עס געזאָגט מיט גוטסקייט, מיט ליבע, אָן פאַררדרוס.

„ניין!.. ניין!" האָב איך געקרעכצט אין מיין ווייטאָג. „דו ביזט באַגאַנגען א פאַרברעכען קעגען אים, קעגען דיר, און קעגען מיר!... דאָס איז וואַנזין!.. איך וועל עס ניט צולאָזען!.."

„ווארום איז עס וואַנזין? ווארום איז עס א פאַרברעכען?"

זי האָט געשמייכעלט, און איר שמייכעל האָט מיך איצטער גע־שניטען ווי א מעסער. „איצטער בין איך זיינע. אלע טעג און נעכט פון מיין לעבען וועלען איצטער געהערען אים. יענע נאַכט איז געווען מיינע“.

איך האָב זי געהערט, און געהערט די טיפע, גרויסע ליבע אירע, פיליכט צום לעצטען מאָל.

„סיי־ווי־סיי“ — האָט זי באַלד צוגעגעבען אין א שטילען שעפּטשען, — „מיין אונשולד פאר אים איז ווי א בלום פאַר א שוויין. ווייסט ווי די נאַכט וועט זיך ענדיגען? זיינע חברים וועלען אים אריינוואַרפען אין מיין צימער א באַזויפענעם. ער וועט ניט וויסען וואָס עס וועט געשען מיט אים און מיט מיר. זייער טרינקען האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען“.

איך האָב געהערט אירע ווערטער, און זיך ניט געגלויבט מיינע אויערען. זי האָט עס גערעט אזוי קאַלט און געלאַסען. גאָט מיינער! זי האָט זיך געמוזט ארומטראָגען מיט'ן געדאַנק מאָנאַ־טען, אויב ניט יאָרען, אז זי האָט זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צו דעם!

„אָן גייט ער, זעסט? — האָט זי איבערגעשלאָגען מיינע געדאַנקען, אָנווייזענדיג אויף א פאַרפוצטען, שכור'ן יונגען מאַן.

איך האָב אים דערקענט, איך האָב אים שוין פריער געזען, דעם מאַן אירען. עס איז געווען דערזעלבער פוילישער שגץ וואָס האָט נאָך איר געשיקט, דער לאַנדסמאַן אירער, פון וועמען זי האָט זיך אזוי שטאַרק געריסען צו אנטלויפען.

און איצטער!

„ווי אזוי האָסטו דאָס געקאָנט, לענאָטשקאַ, ווי אזוי האָסטו דאָס געקאָנט!“ — האָב איך געמורמעלט פאַרצווייפעלט.

„ווערסט איצטער גלויבען אין מיין ליבע צו דיר? איצטער וועסטו זיין צופרידען? איך האָב קיין אנדערע גליקען ביי דיר ניט געזוכט א חוץ דיין ליבע.“

„אָבער וואָס וועט זיין מיט דיר, לענאָטשקאַ? וואָס וועט זיין מיט דיר?“ — האָב איך געשריען מיט א פאַרשטיקטער שטימע אין מיין ווייטאָג.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

„וואָס האָב איך אנדערש געקאָנט דערוואַרטען? איך בין אַ דאָרפישע שיקסע. מיין מאַמעס בלוט האָט מיך פאַרפירט צו דיר און דו האָסט גענומען נקמה פאַר איר."

„וואָס רעדסטו, לענאַטשקאַ, וואָס רעדסטו!"

„ניין, ניין" — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן. „מיין ניט, אַז איך האָב חרטה. איך וואָלט נאָך דיר יעצט אויך מיין לעבען אוועק־געגעבען. אָבער אַזוי איז עס בעסער פאַר דיר. און פאַר מיר אויך. ביי אים וועל איך זיין זיין פרוי. וואָס וואָלט איך געווען ביי דיר?.."

אין אירע לעצטע ווערטער האָב איך געהערט איר פיינעם שטאָלץ, און עפּעס איז מיין האַרץ רואיגער געוואָרען.

די טעג האָבען זיך יעצט געצויגען אומעטיגע. איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך לענאַטשקא'ן און געליטען פון געוויסענס־ביסען. אָנפאַנגען פאַר זיך אַ פּראַקטיקע האָב איך זיך ניט געאיילט. ניט איך האָב געהאַט געלט גענוג איינצוריכטען זיך אַן אָפיס, און ניט איך האָב געהאַט אַן אינטערעס אין דעם.

איצטער, אָן לענאַטשקא'ן, צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט? איך האָב געאַרבייט אין אַ האָספּיטאַל און זיך אָפּגעגעבען מיט לייב און מיט לעבען צו מיין אַרבייט. איך האָב אויך ווייטער פאָרטגעזעצט מיין שטודיום. אָן לענאַטשקא'ן האָב איך אָבער אַ רגע ניט פאַרגעסען.

וואָכען זיינען אוועקגעלאָפען, און מאָנאַטען, איך האָב לענאַטשקא'ן מער ניט געזען.

איינמאָל וועקט מען מיך אויף ביינאַכט צום טעלעפאָן. מען רופט מיר צו אַ חולה.

איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און אוועקגעלאָזט זיך זוכען דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס.

עס איז געווען ערגעץ אין אַ הינטערשטער שטוב אויף'ן רריטען פלאָר.

אין הויף האָב איך שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ פּאַציענט עס וואַרט אויף מיר: אַ פרוי גייט צו קינד.

אַריינגעלאָפען אין הויז, צוגעלאָפען צום בעט — לענאָטשקאַ!
דערזעענדיג מיך, האָט זיך אַ גאָלדענע ליכט געלייגט אויף איר פּנים. זי האָט שוין מער ניט געשריען. זי האָט דעם שמערץ דערשטיקט אין זיך. זי האָט נאָר געקוקט אויף מיר מיט אַ שטומען בליק, און געקושט מיינע הענט.

נאָך איצטער געדענקט איך יענע בליקען אירע, די פאַרמוטשעטע, הונגעריגע בליקען פון אַ ליידענדער חיה, אויפגעמיישט מיט דעם בעטענדען, צערטליכען קוק פון אַ פאַרליבטער פרוי, אַזוי ברענענד און אַזוי מילד.

איך האָב געזען אַז יעדער ריר פון מיין האַנט לינדערט איר שרעקליכען שמערץ.

„מיין גוטער, גוטער דאָקטאָר!.. אַז דו ביזט דאָ, איז מיר שוין גוט“, — האָט זי געמורמעלט מיט איר פיינעם שמייכעלע וואָס איז געווען אַזוי רירענד דורך אירע ליידען. „יעצט וועט זיך שוין אַלעס ענדיגען גוט. פריער האָב איך געמיינט, אַז איך וועל שטאַרבען. וואָס האָב איך מורא פאַר׳ן טויט? איך וויל נאָר ניט אַז מיין קינד זאָל בלייבען אָן מיר. נאָר ניט דאָס. בעסער זאָל עס בלייבען אין מיר, און שטאַרבען מיט מיר צוזאַמען! ניין, אָבער איך וועל ניט שטאַרבען, ניט ווען דו ביזט נעבען מיר. איאָ? עס וועט זיין אַ אינגעלע, איך ווייס. איך האָב די גאַנצע צייט געבעטען פאַר דעם. ער וועט זיין געראָטען אין דיר. ער וועט האָבען אַ גוטען קאָפּ ווי דו, און וועט שטודירען און ענדיגען מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל ווי דו. און איך וועל זיין זיין מאַמע. אַז ער וועט אויסוואַקסען וועל איך אים שיקען צו דיר. דו וועסט שוין דאַן זיין אַ בארימטער, גרויסער מאַן. ער וועט דאַרפען דיין הילף. וואָס וועל איך קענען טאָן פאַר אים? דאַן וועל איך דיר דערמאָנען אָן דיין חוב. איך ווייס אַז דו וועסט מיר אַלעס אומקערען מיט פּראָצענט. האַלט עס פאַר מיין זון!“ — אַזוי האָט זי גערעדט צו מיר מיט אַ מין עקסטאַז פון דעליריאום.

אָרימע לענאָטשקאַ. אויך דאָס מאָל האָבען אירע האָפנונגען זי אָפּגענאַרט. זי האָט געבוירען אַ מיידעלע.

פון דאַן האָב איך לענאָטשקאַ׳ן ניט געזען פאַר יאָרען. אין

דער צייט האָב איך חתונה געהאט, גענומען א שיין מיידעל מיט א סך געלט, עטאבלירט זיך אין א רייכען געגענד, און געמאכט א גרויסען ערפאָלג. מיין נאָמען מיט מיין פראקטיקע איז גע־וואקסען. איך בין געוואָרען רייך און באריהמט. עס זיינען געווען פאר מיר זייער שטורעמדיגע, אינטערעסאנטע יאָרען. אָבער ווי א קליין, גאָלדען אינזעלע אין א שטורעמדיגען ים איז געלעגען אין מיין זכרון לענאָטשקא מיט איר קליינער, גאָלדענקעפיגער מיידעלע. איך האָב זיי ניט געזען זייט איר קינפעט, אָבער איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראכטען פון זיי, און ווארטען אויף זיי. איך האָב געוואוסט אז זיי וועלען קומען אמאָל אויפמאָנען פון מיר א חוב.

איינמאָל האָב איך געפונען אין מיין ווארט־צימער א פרוי וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן לענאָטשקא׳ן, נאָר ניט מער ווי א שאָטען: אַלט, שוואַך, אויסגעמוטשעט, איינגעבויגען, אָן ציין, אָן האָר. גאָט מיינער, ווי געביטען. לענאָטשקא!..

זי האָט מיך גערופען צו זיך אהיים אויף א באזוך. איר קינד, א מיידעל פון אכצען יאָר, איז שטארק קראנק. זי האָט קיין געלט ניט צו באצאָלען דעם פראָפעסאָר פאר זיין וויזיט, נאָר זי האָט געהאָפט, אז דער פראָפעסאָר וועט זיך דערמאָנען אז —

זי האָט מיך גערופען צו שפעט. איך האָב שוין פאר איר טאָכטער גאָר ניט געקאָנט טאָן.

„דאָקטאָר, דאָקטאָר, העלפט איר! העלפט איר!" — האָט די אָרימע מאַמע פארצווייפעלט געבראָכען אירע הענט, — „איר מוזט איר העלפען! עס קאָן דאָך ניט זיין, אז איר וועט זי לאָזען שטארבען!..."

און דאַן, אין א לעצטען, קאָנוואולסיווען אפּיל צו מיר, האָט זי ארויסגעבראכט פון אירע ליפּען דאָס וואָס איך האָב פאר די גאנצע אכצען יאָר געזוכט צו פארלייקענען פון זיך אליין, וואָס איך האָב אָבער טיף געפילט אין מיין הארצען, — אז די שטארבענדיגע איז מיין טאָכטער.

לענאָטשקא האָט מער קיין קינדער ניט געהאט.

# דושים און דושאן

עס איז געווען מיט עטליכע יאָר צוריק. דער זומער איז געווען א שטאַרק הייסער, אין שטאָט איז קיין סך אַרבייט ניט געווען, האָט מיך אַן אָנשטעלונגס־ביוראָ רעקאָמענדירט צו איינעם א רייכען יענקי, וועלכער האָט געהאַט אַקערס און אַקערס לאַנד פאַרזייט מיט פרוכט־ביימער און בערען־קוסטעס.

פאַר פרוכט איז נאָך געווען צו פרי, אָבער קאַרשען, מאַלינעס, אַגרעסען און ווייַנפּערלאַך, זיינען שוין געווען צייטיג, און די פאַרם־הענט זיינען שוין געווען שטאַרק ביזי מיט'ן אַראָפּקלייבען.

די אַרבייטער, מיט דער אויסנאַמע פון דריי, זיינען געווען אַלע האָבאָס, וועלכע האָבען געהאַלטען אין קומען און גיין, ניט קענענדיג זיך איינהאַלטען אויף איין אָרט לאַנג. צוויי פון זיי האָבען מיר שטאַרק פאַראינטערעסירט. איינער האָט געהייסען דזשים און דער צווייטער דזשאָן.

כאָטש אַלע האָבאָס זיינען געווען גוט באַקענט איינע מיט די אַנדערע, און יעדער נייַ אָנגעקומענער פלעגט אַריינפאַלען ווי צווישען אייגענע און היימישע און אַלע האָבען געלעבט פריינטליך צווישען זיך, פלעגט דאָך יעדער איינער אַרבייטען פאַר זיך, עסען באַזונדער און קומען און גיין אַליין. נאָר דזשים און דזשאָן זיינען שטענדיג געווען צוזאַמען. זיי האָבען געלעבט צווישען זיך ווי ברידער, כאָטש אָפט פלעגען זיי זיך גוט צעשלאָגען. אָבער לאַנג ברוגז זיינען זיי ניט געווען. זיי האָבען געאַרבייט אין שותפות, געגעסען אין איינעם, און שטענדיג געהאַלטען זיך איינער אַרום דעם צווייטען. צוערשט האָב איך טאַקע געטראַכט, אַז זיי זיינען ברידער, אָבער זיי זיינען געווען ווייט איינער פון צווייטען אין אויסזען און אין כאַראַקטער, ווי זיי וואָלטען געווען פון צוויי באַזונדערע ראַסען.

דזשאָן איז געווען דער עלטערער, פון א יאָר פערציג, הויך, דאַר, מיט רויטע האָר און רויטע זומער־פלעקען אויפ'ן פנים, וואָס

האָבען זיך ארויסגעזען צווישען זיין רויטער, ניט אָפּט געראזירטער, הארטער באָרד. ער איז געווען אן אומעטיגער, א בייזער, שטענדיג אָנגעבלאָזען און ניט געזעלשאַפטליך. ער האָט געהאַט בלויז איין האנט. די צווייטע איז געווען אָפּגעשניטען פון איילענבויגען. אָבער די איין האנט וואָס ער האָט געהאַט איז געווען פלינק, ווי ביי א טייוועל.

דזשים איז געווען א נידעריגער, א שווארצער, מיט א שווערען קאָפּ אויף זיינע ברייטע, שטאַרקע שולטערען, מיט גראָבע הענט און פיס, וועלכע ער האָט זיך געפּוילט צו רירען. אָבער זיין צונג האָט ניט גערוט, און ניט זיין איינציג, קליין, גראָ אויג. ער האָט שטענדיג גערעט און געלאכט און געפייפט און געשאָטען מיט וויצען. ער האָט געהאַט א געוויסען ברייטען, גראָבען, אויבערפלעבליכען הומאָר, אין וואָס זיין ברייטער קינדערשער שמייכעל האָט אים שטאַרק ארויסגעהאָלפען, אזוי גוט ווי זיינע אויגען. דאָס בלינדע נאָך מער ווי דאָס זעענדיגע. דאָס בלינדע אויג האָט, דאכט זיך, שטענדיג געהאלטען אין ווינקען צו אייך.

איידער איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיי, האָב איך געטראַכט, אז עס איז אויס רחמנות וואָס דזשים האלט זיך מיט דזשאנ׳ען. דזשאָן, זייענדיג מיט איין האנט, קען זיך אליין ניט העלפען אין א סך נויטיגע לעבענס־באַדערפניסען, און דזשים, כאָטש מיט איין אויג, העלפט אים ארויס. אָבער איך האָב ניט געדאַרפט לאנג צוקוקען זיך צו זען, אז עס איז געווען פאַרקערט. דזשאָן מיט איין האנט איז דזשימ׳ען דעם פוילען שטאַרק צו ניץ געקומען. דזשאָן פלעגט ארומקלייבען מיט איין האנט צוויי קוסטעס, איידער דזשים איינעם, און דזשאָן האָט אַלץ געטאָן פאַר ביידען. ווען עס פלעגט קומען צו קלעפּ, איז דזשים געווען דער ערשטער צו קריגען א צעטראַסקעטע מאָרדע און אן אונטערגעזעצטע אויג. אָבער אין גוטע, פרידליכע צייטען, פלעגט דזשאָן צוזען דזשימ׳ען ווי א מאַמע א צעפּיעשצעטע קינד. ער פלעגט אים אַלע מאָל געבען דעם בעסערען ביסען, און דאָס וואָס עס פלעגט איבערבלייבען. דזשאָן פלעגט אָפּט פאַרפאַלען ווערען אויף א האלבען טאָג און קומען צוריק מיט וואָס ניט אי: א נויטיגע זאַך. אַמאָל פלעגט ער ברענגען

אַ טויטע הון, וואָס ער פלעגט קאָכען אין קאַווע־קאַן, אַמאָל פלעגט ער ברענגען אַ העמד, שיך און אַמאָל אַ פלאַש שנאַפּס. דזשים פלעגט אימער קריגען דעם בעסערען חלק.

אין אַ קורצער צייט ארום בין איך געוואָרען אביסעל אינטימער מיט דזשים׳ען, און ווען דזשאַן פלעגט ניט זיין, פלעגען מיר שמועסען צוזאַמען. דזשאַן פלעגט זיין אייפערזיכטיג.

איינמאָל איז געווען אַ הייסער טאָג. מיר האָבען אַ גאַנצען פרימאָרגען געאַרבייט אין אַן אַלטען סאָד; זיבער אָט האָבען מיר שוין פארנומען די לעצטע קוסטעס. ווייטער איז שוין געלעגען אַן אָפענע פעלד מיט יונגע קוסטעס. קיין איין בוימעל האָט זיך ניט געזען אין גאַנצען פעלד, וואָס זאָל וואַרפען אַ שאָטען. די תמוז׳דיגע זון האָט געברענט אין מיטען הימעל, איבער׳ן קאָפּ און איבער׳ן רוקען, און געבאַקט אומדערבאַרמליך. קיין שטיקעל וואָלקענד׳על האָט זיך ניט באַוויזען וואָס זאָל צוזאָגען אַביסעל שוץ. האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזען דעם לעצטען קוסט אין שאָטען און אַרויספּויזען אויף דעם אָפענעם, פלאַכען לאַנד און פּרעגלען זיך ווי אויף אַ פייער־פאַן. פאָרט איז נאָך געווען איבער׳ן קאָפּ אַ געדיכטער עפּעל־בוים. בין איך געלעגען אין קוסט און געקליבען איינציגווייז די ווייכפערלאַך און זיי געוואָרפען פויל אין קעסטעלע.

מיין שכן איז געווען דזשים.

איך האָב באַמערקט, ווי דזשים גיט אַלע ווייל אַ קוק אויף דער זון, אויף דעם אָפענעם פעלד, וואו אונזערע חברים האָבען שוין געאַרבייט ווי די בינען, גיט זיך אַ קראַץ אין קאָפּ און אַ קרעכץ.

— וואָס הערט זיך, דזשים? וואו האַלסטו?

— עך, — מאַכט ער צו מיר מיט פאַרדרוס, — זאָל עס גיין אין דר׳ערד, ס׳איז צו היים צו אַרבייטען. מיין קוסט איז שוין באַלד ליידיג; און עס ווילט זיך ניט אָנפאַנגען אַ נייעם אין קאַלך־אויווען.

— ווייסטו וואָס, דזשים? כ׳האָב האַלט צו הערען דיינע מעשיות. נאַ דיר אָפּ מיין טיקעט פאַר היינטיגען טאָג אַרבייט, און לאָמיר זיך לייגען דאָ און שמועסען, ביז די זון וועט זיך זעצען אביסעל.

דזשים האָט זיך לאנג ניט געלאָזט בעטען. ער האָט זיך באלד געמאכט בעקוועם לעבען מיר, און מיר האָבען זיך אריינגעלאָזען אין א שמועס. ער האָט ליב געהאט צו ריידען וועגען זיך און דערציילען א סך ליגען. ביסלאכווייז האָב איך אים ארויפגעפירט ער זאָל מיר דערציילען, ווי אזוי זיין מאָדנע גוטע פריינדשאפט מיט דזשאָנ'ען האָט זיך אָנגעהויבען. ער האָט מיר דערציילט די גאַנצע מעשה.

— עס איז געוועזן איינמאָל, — האָט ער אָנגעפאנגען, — א ווינטער נאכט, איך געדענק ניט גענוי אין וועלכען יאָר. נאָר ס'איז געוועזן א קריסטמאס נאַכט. אז איך נעם זיך גוט דערמאָנען, געדענק איך, אז א פארפוצטער קריסטמאס בוים האָט לוסטיג געברענט אין יוניאָן־סקווער פארק, וואו איך בין געזעסען אויף אַ קאַלטער באַנק. עס איז געוועזן ארום ניין דעם זייגער אויפ'ן הויכען טורעם פון דער מעטראָפאליטאן. עסען האָט זיך ניט געוואָלט, טרינקען אויך ניט, בין איך געזעסען אין פארק, געקוקט ווי ס'ברענט יום־טוב'דיג דער קריסטמאס־בוים און ווי פריילאך די מוזיק שפילט דערביי און געטראכט, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקאָנט פאטשאפען עפעס א ווארימע, פוכקע פינפטע עוועניצע אויף איבער קריסטמאס. כאָטש צוריק גערעדט, וואָס וואָלט איך מיט איר געטאָן? כיבע שטעלען זי אין א ווינקעל פאר א שווענטע מאריא. וואָס דען? צו וואָס טויג אזא? זיי זיינען אלע עפעס ווי טשואינג־גאָם, קיי און שפיי. אויסגעפרעסט און אָנגעקראָכמאלט, אז עס איז ניטאָ אין זיי קיין ברעקעל זאפט, קיין אמת'ער זאפט. זיי שטינקען מיט פארפיום ווי דער פאָפּ מיט ווייראך, אין דאָס אלעס. טפוי! און דאָ דרייען זיי זיך ארום הין און צוריק אויסגעבראסקעטע, אז עס זאָל אָננעמען אן אפעטיט.

עך, שוועסטערלאך, האָב איך מיר געטראכט, ווען איינע זאָלט אריין צו מיר אין די לאפעס, וואָלט זי שוי'ן ניט ארויס אָן א צעקנייטשטער טאַליע!

צום סוף בין איך אויף זיי ברוגז געוואָרען און מער ניט געוואָלט קוקען.

שוין בעסער, זאָג איך דיר, אונזערע א מיידעל. אך, א מיידעל האָב איך דאָס געקענט! זי איז געווען הויט און ביינער, א קליינע, א שווארצע, נאָר האָט זי געהאַט אין זיך זאפּט!

אָבער הער נאָך ווייטער. זיץ איך מיר דאָרט אין פּארק אָט אזוי. עס דרייען זיך ארום עטליכע גאַסען מיידלאַך, איינע קומט צו.

— העי, גוטער ברודער, ווילסט זיך אָנוואַרעמען אביסעל?

— ווער פאַרברענט! — זאָג איך איר.

גייט זי אוועק. קומט צו נאָך איינע.

— העי, יונגערמאַן, ווילסט זיך אָנוואַרעמען אביסעל?

— ווער פאַרברענט! זאָג איך איר.

גייט זי אוועק. איך האָב זיי פיינט, כאָטש האָבען צו זיי האָב איך גאָר ניט. אמאָל דאַרפסטו צו זיי טאַקע אָנקומען, אָבער דיין אומעט פאַרגרעסערען זיי נאָך. איך האָב דאַן געוואָלט אַן אַנדער סאָרט זי. אָט אזא, וועלכע קוקט דיר אריין אין די אויגען און דו דענקסט דאַן, אז פון היינט אָן און ווייטער וועסטו שוין ניט זיין עלנד, כאָטש מאָרגען וועט זי דיך אָפּנאַרען.

זיץ איך מיר אזוי און ברוגז זיך. ערשט עס קומט צו איינע און זאָגט צו מיר: „העי, האָבאָ, ווילסט זיך אָנוואַרעמען אביסעל?"

איך האָב שוין געהאַלטען אָנגעגרייט א גוטען ענטפער פאַר איר, נאָר עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטען. איך ווייס ניט וואָס דאָס איז געווען, צו איר וואַרעמע, אויפריכטיגע שטימע, צו איר האַלטונג, נאָר עפּעס האָב איך געפילט, אַז זי פאַרדינט ניט קיין בייזען ענטפער.

— וואָס טויג דיר א האָבאָ, — זאָג איך איר, — און נאָך אַן אויסגעדראָשענער? גיי זוך דיר אָפּ בעסער א יום־טוב׳דיגען פּריץ, וועלכען דו קענסט גוט ארומקלייבען, זוך אויס איינעם וואָס איז אביסעל שכור. אַן גייט ער!

— זע, זע, ווי ער האָט זיך דאָס צערעדט! — זאָגט זי צו מיר מיט א גאָלדענעם שמייכעל, וואָס האָט מיך אַ דריזשע געטאָן אויפ׳ן האַרץ. — א דאַנק דיר פאַר דיינע עצות, נאָר א דזשענטעלמאַן האָב איך פיינט!

הערסט א לשון? עהע! ניט אומזיסט האָסטו אין מיר אָנגע־

טאַטע דעם האַבאַ, טראַכט איך. א געזונד צו דיין מאַמען! און צו איר זאָג איך:

— וואָס הייסט, דו האָסט פיינט א דזשענטעלמאַן? געשעפט איז געשעפט, מיין זיסע. בראָקירען טאָר מען ניט.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט א האַבאַ, ערשט דו ביזט גאָר א פריסטער, צו גלאַט א טכויר, — מאַכט זי צו מיר בייז. הערסט א לשון? עהע, הפנים זי האָט זיך שטאַרק באַליידיגט. מיר האָט עס שוין אָבער א ברען געטאָן.

— פאַרלעג מיט'ן קאָפ! — מאַך איך צו איר, כלומר'שט מיט כעס. און דאָ כאַפּט מיך די ניכפּע נאָך איר. איך האָב שוין דערזען מיט וועמען איך האָב צו טאָן.

צולאַכט זי זיך מונטער.

— טו וואָס גיסטו עצות, אַז מען פרעגט דיך ניט? ביזט גלאַט אַן אָקס מיט א לאַנגען צונג. איך פרעג ביי דיר אַן אָנשטענדיגע פראַגע, טו ענטפער צו דער זאַך. — האָסטו געלט איז גוט, האָסטו ניט — איז אויך גוט! מיר איז אומעטיג היינט, זוך איך עמיצען. אָבער זאָג, האָסטו טאַקע קיין געלט ניט? נו, טו וואַרט אביסעל און איך וועל מאַכען א פּאָר סענט.

זי וויל שוין אוועקגיין, און מיר כאַפּט שיר די האַליערע.

— ניין, — זאָגט זי און קערט זיך אום צוריק צו מיר. — איך זוך ניט קיין געשעפטען. איך האָב א מאַן מיט א היים. נאָר פונדעסטוועגען איז פאַסקודנע, וואָס דו האָסט קיין געלט ניט. אביסעל קוילען איז נאָך פאַראַן אין אויוועז, נאָר ס'ווילט זיך גוטע זאַכען. זאָג, האָסטו טאַקע גאָרנישט? כ'וועל דיר מאָרגען פרי אָפּגעבען. איך דאַרף אויפמאַנען א חוב פאַר א פעקעל גרעט וואָס איך האָב אויסגעוואַשען. איך טו דאָס אָפט. בעסער ווי צו גיין מאַכען געשעפט... הונגעריג בין איך ניט, נאָר היינט איז דאָך פאָרט קריסטמאַס!

עהע! טראַכט איך, דו הערסט דבורים?

— נו, און וואו איז דיין מאַן היינט?

— און אַז דו וועסט ניט וויסען, וועט זיך דיין ציג ניט מעלקען? ער איז א יאָלד, ווי דו, און היינט איז ער אין דער

היים ניטאָ. וואָס פאַרשטייסט דו דאָ ניט? אז ער וואָלט געווען אין דער היים, וואָלט איך דאָך דיך געדאַרפט אויף כפרות...

— קלאַרע, אנשטענדיגע דבורים! נאָר דו רעדסט מיר אבי־סעל צופיל. מיינע מעלות. עך, א מיידעל ביזטו! גוט, קום.

זי נעמט מיך אונטער'ן אָרעם, שטאַרק צופרידען, און פירט מיך.

געקומען צו איר אין צימער, ערגעץ אויפ'ן טאָפ פלאָר, ערשט ס'איז ווארעם, א מחיה! זי האָט פאַרוואוינט דריי צימערען, א שלאָף־קאַמער, א קיך און נאָך א פינסטערע נאָרע. זי האָט אָבער פאַרמאָגט א בעט מיט צוויי ריינע קישעלאַך, גאָר ניט ווי פאַר א האָבאָ, א טישעל וואָס האָט געקאָנט נאָך גאָר נישקשה'דיג שטיין מיט א פאָר אָנשטענדיגע שטולען, עפּעס א קליינעם קאָמאָד, און נאָך עפּעס.

די גאָז האָט געברענט פריילאַך, דער אויוועז איז געווען ווארעם, דער טיש פול מיט כל־טוב. אָט ביזטו דיר, האָבאָ, א גאַנצער מלך!

איך כאַפּ א קוק אויף איר: א פאַרשוין! פון פראָסט און פון דער ווארימקייט אין הויז האָבען זיך אירע באַקען צעפלאַמט, און אירע פינסטערע אויגען גליען מיט שמחה. נאָר זי אליין איז דאַר ווי א שפּאָן, הויט און ביין. אז מען דאַרף וואַשען פּעקלאַך גרעט און האָבען א טרעמפּ פאַר א מאַן, טראַכט איך, קען מען צו קיין פוך ניט קומען. פאַרדריסט עס מיר פאַר איר.

נאָר לאַנג טרויעריג בלייבען לאָזט זי מיך ניט.

— וואָס קוקסטו אויף מיר, ווי אויף דער לבנה? — מאַכט זי צו מיר.

נו. האָבען מיר עס געהאַט א קריסטמאַס נאַכט!

נו, האָבאָ, זאָג איך צו זיך, ווערסטו שוין יעצט לאַכען פון הער גאָט, וואָס ער האָט דיך באשאַפען א בר־דעת? גייסט אום א פאַרפראָרענער, אן איינזאַמער, א פאַרמוטשעטער, א טרויעריגער און אָט קומט זי דיך באַגעגענען אין קאַלטען, הוילען פּאַרק, א פרעמדע, אן אַנדערע, א ווייטע, און טראָגט דיר אנטקעגען א ריין האַרץ ווי גאָלד, א סימפּאַטיע, א ווארימקייט, א פרייד. און כאָטש

דיין טרויער ליגט נאָך אין הארצען, וואָיעט ער שוין מער ניט ווי א פארלאָזענער הונט, נאָר ווערט אַן אָדלער, א לייב, וואָס טראָגט דיך אוועק אריבער די חורבות פון א פינסטערער ערד, ערגעץ אין א ליכטיגען, גאָלדענעם כשוף־לאַנד.

— נאָר

אין תוך גענומען, איז א האָבאָ א פאַסקודנער מענש. אנטקעגען וואָס זאָג איך דאָס אייך? אנטקעגען דעם, אז ווייזט א האָבאָ א גוטע זאַך, קריגט ער גלייך חשק צו דעם. מאָלי האָט מיר געגעבען איין נאכט צו פארזוכען, האָב איך שוין ניט געוואָלט אוועקגיין פון איר.

— ווייסטו וואָס, קעצעל, — זאָג איך צו איר אויף מאָרגען אין דער פרי, — אפשר איז א סברא, אז מיר זאָלען פייערען קריסטמאס א גאנצע וואָך? אויב עס איז טאקע אזא יום־טוב, וואָס מערי האָט געהאט א גוד־טיים מיט א סטאָליאר, טו וואָרום זאָל מאָלי ניט האָבען א גוד־טיים מיט א האָבאָ? ווער וויים, זאָג איך, וואָס עס קען פון דעם ארויסקומען —

— פע, האָבאָ, — מאכט זי, — רייד ניט קיין חזיר'שע רייד. ביזט צו פרעך.

— אָבער, מאָלי, אז איך האָב דיך פאָרט האָלט?

— האריבער?

— האריבער, — זאָג איך, — איז ביי מיר יעזוס זייער אָנגעלייגט, און מיר איז געפעלען צו פראָוועון זיין געבורטסטאָג א גאנצע וואָך, און ניט בלויז איין נאכט.

— געפעלען דיר? זאָגט זי.

— וואָס הייסט געפעלען? וואָרום ניט? א שלעכטע מיידעל ביזטו?

צו מאכען די מעשה קורץ. ס'איז אוועק א וואָך, און נאָך א וואָך, און נאָך א וואָך, און מיין יאָלד האָט נאָך אַלץ קיין חשק ניט אוועקצוגיין.

— הער נאָר, — זאָג איך צו איר איינמאָל, — הער נאָר, מאָלי, אויב דו ווילסט בין איך גאָר דיין מאַן — און פארטיג.

— צו וואָס זאָל איך דאָס וועלען, — מאכט זי, — איין

מאַן איז מיר וועניג? קנאַפּ וועך איך פאַרשווארצט פאַר איין האָבאַ, דאַרף איך נאָך האָבען צוויי?

— וואָס עפּעס צוויי? — זאָג איך, — אז דו וועסט מיך האָבען, וועט שוין זיין גענוג איינער. ניטאָ וואָס צו ריידען. אזוי בלייבט עס. ביי מיר וועסטו קיין פּעקלאַך גרעט ניט האַרפּען וואַשען. ביי מיר וועסטו לעבען ווי אַ פּריצ'טע. איך האָב דיך האָלט, זאָג איך, און היינט גיי איך זוכען אַ דזשאָב. וואָס מיינסטו איז דאָס טאַקע אַ תכלית אַז דו, אַזאַ גאָלד, זאָלסט אזוי אויסקוקען? קראַנק ביזטו צו זיין פעט און רונד ווי אַ קאַלבאַסע? איך בין אַ מבין אויף דיר, זאָג איך, און דו ביזט מיר אַ שאָד. פאַר דיר לוינט זיך צו ארבייטען. פאַר דיר וועל איך אפילו ווערען אַן אנשטענדיגער מענש...

אזוי רייד איך מיט איר, און טענה, און טענה. צום סוף האָב איך איר איינגערעדט.

— און וואָס וועט זיין, — מאַכט זי, — אַז דזשאָן וועט קומען?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דזשאָן? — זאָג איך.

— מיין מאַן, — זאָגט זי. — אָט דאָס איז אַלץ זיינע, — ווייזט זי אָן אויף אירע באַלעבאַטישקייט.

— ווייסטו וואָס, — זאָג איך, — וועלען מיר ארויסמופען פון דאַנען, און זאָל ער אונז זוכען. מיר וועלען מופען אין ברוקלין. אזוי בלייבט עס.

און אזוי איז דאָס געווען.

איך האָב געפונען ארבייט אין אַ קוילען-הויף, און געארבייט בסדר. און מיר האָבען געלעבט! וואָלסט אָנקוקען מאַלי'ן אין דער צייט. עך, זי איז אַלץ ווערט געווען. איך בין שוין אָט אזוי שיר ניט געוואָרען אַ מענש.

ערשט איינמאָל, אין אַ האַלב יאָר ארום, קום איך צוגיין אהיים פון דער ארבייט, גיב אַן עפען די טיר, אַז אַנטקעגען קומען דאָס מיר אַ פּאָר קולאַקעס אין די אויגען אריין, און נאָך אַ טריאַך, אַ טרעשץ אין מאָרדע, אַ באַראַבאַן אין אויער, און בלוט רינט שוין פון מיר, ווי פון אַ דבר אחר, און פון די שטיגען קייקעל

איך זיך שוין ווי אַ פּוס־באָל, און טאַקע אַזש אין רינשטאָק אַריין.

פאַרשטיי איך, אַז דאָס האָט מיר דזשאָן געגעבן אַ שלום עליכם.

פאַרפאַלען, ברודער דזשאָן, טראַכט איך. היינט קען איך שוין גאָר ניט מאַכען מיט דיר, ווייל אין מיר האָט זיך ניט אָפּגע־שטעלט קיין איין איינציגער ביין. וואַרט ביז איך וועל אויפקליי־בען זיך אביסעל. ווען מיר זאָלען אפילו דאַרפען גיין אויף מעסערס — דיינס וועל איך דיר אָפּגעבען.

בין איך אַוועקגעקראָכען אין אַ ווינקעל און געוואָיעט ווי אַ כלב.

נאַר אך, מאַלי, מאַלי...

פאַרפאַלען. אַזוי גייט שוין דער סדר פון דער וועלט. די וועלט איז אַ ראָד מיט שפּיציגע פּלעקלאָך. אויף די פּלעקלאָך שטעקט אַ שוויינערשער זאַדיק, און דאָס רעדעלע דרייט זיך: היינט פּאַטשטע עס מיר איבער די ליפּען, מוז איך קושען, — מאָרגען וועט זיך דאָר רעדעלע איבערדרייען, דער זאַדיק וועט דיר שמיי־סען איבער די ליפּען, וועסטו מוזען קושען... אַזוי טראַכט איך.

אך, אָבער מאַלי, מאַלי...

איך האָב געהיט אויף מאָרגען אַ גאַנצען טאָג דאָס הויז. צום סוף האָב איך זיך דערוואַרט. זי האָט ניט בעסער אָפּגעשניטען ווי איך, זי איז געווען צעקיילט און צעביילט.

— וואָס וועט יעצט זיין, מאַלי?

— וואָס ווילסטו זאָל זיין? ער האָט רעכט, — זאָגט זי, — ער איז דאָך מיין מאַן.

— און אַז ער איז דיין מאַן, — זאָג איך, — קען איך אים די קישקעס ניט אַרויסלאָזען?

— פּע, — מאַכט זי, — דאָס איז שוין אַ מיאוסע זאַך. וואָס וועט זיין דער סוף? איך וועל אייך נאָך בייזדע פאַרלירען. מיט דזשאָנ'ען, זאָגט זי, שפּילט מען זיך ניט. ער וועט אַ טויטער אויפשטיין און מיך דערשטיקען. און צו וואָס טויג דאָס דיר? טראָג זיך יעצט אָפּ. ער וועט לאַנג ניט בלייבען הי, וועסטו ווייטער קומען.

עהע, קלער איך, האָט איז שוין גאָר אַנדערע דבורים. — איך בין דיר הפּנים מיאוס געוואָרען, און איך האָב דיך אַזוי גוט באַהאַנדעלט.

— הער, — זאָג איך, — וואָס טויג דיר, מאָלי, הינטישע שטיק? רעד אָפּענע ווערטער. זאָג, אַז איך בין דיר דערעסען, און שוין!

— ער איז מיין מאַן, — זאָגט זי. — ער האָט דאָך אַזאַ רעכט אויף מיר, ווי דו. און אַז דו ביזט מיר דערעסען, איז וואָס? וועל איך ניט ווערען ווידער הונגעריג?

הערסט אַ לשון? ביזטו טאַקע אַ חכמה, קלער איך. אין האַרצען דאַנק איך איר טויזענט מאָל. נאָר אָט אַזוי זיך אָפּטרעטען יענעם וועל איך דאָך ניט.

מילא בקיצור, קלעפּ אהער, קלעפּ אהין. מיר שלאָגען זיך אַלע טאָג. אָבער שטאַרקער איז דזשאַן, און ער האָט זי אויף זיין זייט. דזשאַן האָט אַ טבע, אַז ווען ער גיט אַ זעץ, האָט ער איז זינען אַז קיין גראָז זאָל שוין דאָרט ניט וואַקסען... פאַרפאַלען.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך בין אַ האָבאָ, און לאָז זיך אַוועק אין וועג. אָבער יעצט קוקט דיר די וועלט אויס גאָר אַנדערש. וואו דו קומסט און וואו דו גייסט טראַכסטו, אַז מאָלי'ן וועסטו דאָרטען ניט געפינען. אָבער גוט איז פאַרט. האָסט פון וועמען צו טראַכטען, נאָך וועמען צו בענקען, אויף וועמען צו וואַרטען. לאַנג קאָן איך זיך אָבער ניט איינהאַלטען. שוין אַזאַ נאַטור ביי מיר... איך בין צוריק אין שטאָט. ווען דזשאַן גייט אַוועק פון הויז, קום איך אריין צו מאָלי'ן.

מאָלי נעמט מיך אויף ווי אַ גוטען ברודער, נאָר לאַנג בלייבען לאָזט זי מיך ניט. טאָמער וועט מיך דזשאַן טרעפען דאָרט, זאָגט זי, מעגען מיר זיך ריכטען אויף אַ קבר. ער האָט אַ רעוואָלווער.

איך האָב זיך געבעטען ביי איר, אַז זי זאָל אַנטלויפען מיט מיר. איך האָב זי געסטראַשעט, געבייזערט זיך. עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. איך האָב געמוזט אַוועקגיין מיט וואָס איך בין צו איר געקומען — מיט גאָרניט.

— יעצט בין איך זיינע, — זאָגט זי, — און אז עס וועט קומען דיין צייט, וועל איך זיין דיינע.

קיין ליינקע שטיק האָט זי ניט האַלט!..

וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? וואָס אייך קאָן נאָר איינפאַלען האָב איך געטאָן און געזאָגט. עס האָט גאָרניט געהאָלפען.

— אָבער וואָס וועט זיין, אז איר וועט ערגעץ אוועקמופען, וואו וועל איך דיך געפינען?

— אז דו וועסט זוכען, וועסטו געפינען, — זאָגט זי, — צום ווידערזען, אדיע!

וואַרט איך אויף מיין צייט.

אין שטאָט בלייבען איז פאַר מיר געווען אוממעגליך, איך וואָלט געמוזט גיין אַלע טאָג שלאָגען זיך מיט דזשאָנ׳ען. בין איך אוועק. איך בין אוועק ווייט. איך בין אוועק אזוי ווייט, אז עס זאָל געדויערען אַ לאַנגע צייט ביז איך וועל קאָנען גרייכען צוריק.

און אז איך בין געקומען צוריק, האָב איך זי ניט געטראָפען. זיי האָבען באַלד ארויסגעמופט. איך האָב זיי געזוכט און געזוכט, און ניט געקאָנט געפינען. איך האָב איבערהגעטרייסעלט ניו יאָרק און ברוקלין ווי אַ וואָגען היי. איך האָב געפרעגט און געשמעקט, אוואו אַ האָבאָ קען זיך נאָר געפינען. קיינער האָט ניט געזען דזשאָנ׳ען.

עהע, טראַכט איך, ברודערקע, דו ביזט שוין דער ריכטיגער קאַרפּ, שמעקען זאָל דיר פון קאָפּ! און דאָ קראַפּיר איך. עס העלפט אָבער ניט. עס גייען אוועק וואָכען, מאָנאַטען, איך זוך, איך נישטער, ניטאָ. אין יעדער פרוי, דוכט זיך מיר, אז דאָס איז זי; אין יעדען מאַן דוכט זיך מיר, אז דאָס איז דזשאָן. אַלע מאָל בלייב איך אָפּגענאַרט.

און איך זוך אַלץ.

דערוויייל איז שוין געוואָרען קאַלט. עס איז שוין ווינטער. אָט קומט שוין קריסטמאַס. אך! —

עס קומט מיר אין קאָפּ אַ גליקליכע אידייע, קריסטמאַס נאַכט, גוט! איך זיץ שוין אין זעלבען פּאַרק, אויף דערזעלבער געפראַ־

רענער באַנק, אַנקעגען דעריזעלבער פּאַרפּוצטער יאַלקע און איך וואַרט.

עס דרייען זיך ארום דיזעלבע אויטאָמאָבילען מיט דיזעלבע אויסגעפּוצטע ליידיס; עס באַדערען מיך דיזעלבע גאַסען־מיידלאַך. אָבער מאַלי איז ניטאָ. איך זיץ און וואַרט און הער זיך צו ווי מיין אייגענע האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט, קלאַפּט. איך מיין אַז איך פּלאַץ פון אונגעדולד און אויפרעגונג.

זי איז דאָ! עס גיט מיר אַ דריזשע.

— העי, האַבאַ, ווילסט זיך גיין אַנוואַרימען?

— מאַלי!

— דזשים!

— טפוי! — זאָגט זי, — כ׳האָב געמיינט, אַז דו וועסט ניט קומען, בין איך שוין ארויס זוכען אַן אַנדערען. איך האָב דיך גאָרניט דערקענט. זע, וואָס פון דיר איז געוואָרען!

מיין גאַנצער כעס, מיין גאַנצע האַרץ־עסעניש איז פּלוצלונג פאַרשוואונדען ווי נאָר איך האָב דערזען איר גאָלדענעם שמייכעל. און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זי צערייסען ווי אַ הערינג, ווי נאָר איך וועל זי דערזען. איך קוק מיר גוט איין אין איר.

— עהע, קעצעל, און דיר איז קענטיג וואויל געגאַנגען!

— קום, — זאָגט זי, — וועל איך דיר אַלעס דערציילען.

און גייענדיג דערציילט זי מיר, אַז דזשאַן איז געוואָרען אַ פּאָלנער מלאך. ער האָט איר איצטער ניט געשלאָגען ווי אַמאָל, ער האָט זי געקאָרמעט פון הויפען און אָפּגעהיט ווי אַ הינדעלע אַן פּערערען.

— ער איז אזוי גוט צו מיר, — זאָגט זי, — דערפאַר וואָס ער וויים אַז דו וועסט צוריקקומען. ער האָט מיך געסטראַשעט, איידער ער איז אוועק, אַז ער וועט זיך לאַנג ניט זאמען. און טאָמער וועט ער דיך טרעפען מיט מיר, וועט ער אונז ביידען באַ־גראָבען לעבעדיגערהייט. און ער קאָן דאָס אויך. מיר וועלען מוזען וואָס שנעלער ארויסמופען. ביז וואַנען ער וועט אונז אויפזוכען, דערווייִלע —

און דערווייִלע האָב איך געהאַט אַ גאָלדענע צייט מיט מאַלי׳ן.

ווי גוט און צערטליך זי איז געווען צו מיר! מיר דוכט, אַז דעם מאָל האָב איך נאָך מער הנאה געהאַט פון איר, ווי לעצטען מאָל. עפּעס איז געווען אַ זעלטענער גענוס צו זיין געבען איר, וויסענדיג אַז זי איז צופרידען וואָס איך בין געקומען, אַז זי האָט געוואַרט אויף מיר, אַז זי האָט מיך געזוכט, אַז זי איז אַ נייע, אַ פרישע, אַ הונגעריגע נאָך מיר, ווי זי האָט עס געזאָגט. און דער רייץ, וואָס מיר האָבען ביידע געוואוסט, אַז מיר זיינען צוזאַמען בלויז אויף אַ ווײלע, אַז עס קען זיין מאָרגען, איבערמאָרגען, וועט דער טייפעל קומען; און אַז דאַן וועט ער אונז אויך ניט שיידען אויף אימער, אַז ווידער וועל איך נאָך איר בענקען און גאַרען, ווידער וועל איך אויף איר וואַרטען, און זי וועט קומען, אָט אַזאַ ווי זי איז, אַ ליבטיגע, אַ פריילּיכע, און וועט מיר שענקען איר גאַנצען לייב, איר גאַנצע נשמה, ווי איך האָב זי איצט! און דערצו נאָך, די געפאַר וואָס האָט געדראָעט איבער אונזערע קעפּ, אַז עס קען זיין, אַז מיר זאָלען טייער דאַרפען באַצאָלען פאַר אונזער יום טוב, ווייל וואָס אַ טאָג עס איז אַוועק ווייטער, אַלץ מער איבערצייגט בין איך געוואָרען ביי זיך, אַז אַזוי לייכט וועל איך זי דאָס מאָל ניט אויפגעבען, און אַז ער וועט זיך אויך ניט באַנוגענען מיט טרוקענע בוכצעס.

אַ וואונדערליכע צייט האָבען מיר איבערגעלעבט! אָבער וואָס טייערער עס איז די צייט פאַר דיר, אַלץ שנעלער שוועבט זי אריבער.

ער איז דאָ!

ער איז מיך באַפאַלען מיט אַן אייזען און מיך אויסגעזעצט אַן אויג. האָט מען מיך צוגענומען אין האָספּיטאַל, און אים אין פּריזאָן. אין פּריזאָן איז ער לאַנג ניט געזעסען. ער איז טאַקע אַ טרעמפּ, אָבער פאַרט איר געזעצליכער מאַן. זי האָט אים פאַרטיידיגט. זי האָט געזאָגט, אַז איך האָב געפּלאַנעוועט אים צו דערמאָרדען. ער האָט דאָך מיך אָנגעגריפען ביי זיך אין זיין היים!

אָבער שענקען האָב איך אים דאָס ניט געקאָנט.

בין איך אים באַפאַלען מיט אַ פאַרזשאַווערטען מעסער. נאָר עס איז מיר ניט איינגעגלונגען. ער האָט בלויז פאַרלאָרען אַ האַלבע האַנט. אָט ווי דו זעסט אים.

אָבער אויסגעזאָגט האָט ער אויף מיר ניט. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָט זי אויף אים געווירקט. אָבער וואָס בלייבט ווייטער?

— הער, — זאָגט זי צו מיר, — וואָס טויגען מיר אַט אַזעלכע געשעפטען? אויב איר וועט זיך ניט איינשטילען און מאַכען אַ שלום, וועל איך מיט אייך ביידען שלאָגען כפרות. צו וואָס דאַרף איך אַ בלינדען האָבּאָ? און וואָס טויג מיר אַ מאַן מיט איין האַנט? און וואָס וועט ווייטער זיין? ער וועט דיר אויסזעצען די אַנדערע אויג און דו וועסט אים אָפּבייסען די אַנדערע האַנט. טו ווער וועט זיך זאָרגען פאַר מיר און פאַר דיין קליינעם האָבּאָ?..

איך האָב געמיינט די כאַליערע ליגט מיט אַוועק אויפ'ן אָרט.

— וואָס האָסטו געזאָגט? ביזטו זיכער, אַז עס איז מיינס?

— געוויס, — זאָגט זי, — און זי ווייזט מיר אַ חשבון.

— און וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— דיזעלבע זאַך.

— טאָ ווער זאָל דיר גלויבען?

— דו.

— און וואָס האָסטו אים געזאָגט?

דיזעלבע זאַך.

— צוליב וואָס — זאָג איך — דאַרפסטו האָבען צוויי טאַטעס פאַר'ן קינד?

— אויף וועמען, — זאָגט זי, — זאָל איך זיך פאַרלאָזען, אויף דיר? און אַז ער וועט דיר אויסשלאָגען דאָס אַנדערע אויג? ביידע, ווי עס איז, וועט איר מיך שוין באַזאָרגען.

טענה אהער, טענה אהין, עס העלפט ניט. ניט דו קענסט דערגיין דעם אמת, און ניט דו קאָנסט לייקענען. קאָנסט גאָרניט אויספירען.

איך וועל אים דער'הרג'נען, טראַכט איך, וועל איך בלייבען מיט איר אליין. אָבער, ערשטענס, האָב איך פיינט אַ טויטען. צווייטענס, האָב איך פיינט אַ צו גרויסע ריזיקע. זי וואָלט אויף מיר אויסגעזאָגט. און נאָך אַלעמען, וואָס וועט זיין אַז זי וועט זיך

אָפּזוכען אַן אַנדערען אויף זיין אָרט? קען איך אַלע מענער אויס־קוילענען? און איידער אַ פרעמדער, איז שוין בעסער דזשאָן. איך האָב אים געהאַלטען פאַר מיינעם אַ קרוב. עפּעס איז ער מיר שוין דאַן געוואָרען טייער.

האָבען מיר געמאַכט שלום. וואָס ער האָט געטראַכט, ווייס איך ניט. אָבער ער האָט אויך צוגעשטימט, אַז איך זאָל מעגען פאַרנעמען זיין אָרט, ווען ער איז אין דער היים ניטאָ. דער מאַן, הייסט דאָס, איז ער, איך בין דער „פּאַראַמור" — אָט אַזוי ווי עס פירט זיך ביי לייטען.

מיינסטו, אַז עס איז שוין געווען גוט? האָסטו אַ גרויסען טעות. די קלעפּ האָבען זיך ערשט אָנגעפאַנגען. ער האָט זיך גע־מאַכט אַ מיאוס'ע מאָדע און ניט געוואָלט זי איבערלאָזען. ער האָט ראק געהינעט אין דער היים, נעבען מאַלי'ן.

דערפאַר, אַז איך האָב שוין פאַרנומען מיין אָרט, האָב איך עס אויך ניט געוואָלט אָפּגעבען. מיר האָט נאָר פאַרדראָסען, וואָס זי האַלט מיט אים. אָבער דאָס איז נאָר געווען, ווען ער איז געווען נעבען איר. ווי ער פלעגט זי פאַרלאָזען, פלעגט זי אים פאַר־געסען און שווערען זיך, אַז זי ליבט נאָר מיך, אַז זי איז מיינע, און דער ממזר'ל איז אויך מיינער. עך, איז דאָס געווען אַ קליין נפש'ל! עס איז געווען אַ מיידעלע, גאָר געראָטען אין איר. דאָך האָט עס געהאַט אַ גרויסע ענליכקייט צו מיר.

איך האָב גערעכענט, אַז מייזי וועט אויפוואַקסען, וועט זי שוין אליין ווייסען, ווער איר פאָטער איז. זי וועט פילען.

אַזוי זיינען אַוועק עטליכע יאָר. מייזי איז געווען שוין אַ היבש מיידעלע. זי האָט אונז ביידען גערופען אָנקעל. ניין, מיר האָט דאָס פאַרדראָסען. אַזוי שנעל ווי זי האָט אָנגעהויבען צו פאַרשטיין, און איך האָב געקענט מיט איר ריידען, האָב איך באַ־שלאָסען איר אויסצוזאָגען, אַז דאָס בין איך איר טאַטע. איינמאָל האָב איך זי אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק. איך האָב מיט איר פאַרפירט אַ שמועס. איך האָב געזען, אַז זי קען שוין פאַרשטיין אַזעלכע זאַכען.

— ווייסט, דאַרלינג מייזי, אַז איך בין דיר ניט קיין אָנקעל?

— יאַ, זאָגט זי, דו ביזט מיין אָנקעל. איך ווייס בעסער.

— ניין, זאָג איך. אַן אָנקעל איז דיר דזשאַן; איך בין דיין פּאַפּאַ.

איך האָב מיט איר גערעדט און גערעדט, און צום סוף זי שוין איינגערעדט. זי האָט פאַרשטאַנען.

— הער, מייזי, — זאָג איך צו איר, — איך בין טאַקע דיין פּאַפּאַ, נאָר רופען זאָלסטו מיך אָנקעל. דיין אָנקעל דזשאַן איז אַ שלעכטער, און ער וועט הערען אַז דו רופסט מיך פּאַפּאַ און אים ניט, וועט ער זיין ברוגז אויף דיר. זאָלסט אים ניט אויסזאָגען וואָס איך האָב דיר דאָ דערציילט. אַז דו וועסט ווערען אַ גרויסע, וועסטו בעסער פאַרשטיין. דערווייל געדענק ביי דיר אין קאָפּ, אַז איך בין דיין פּאַפּאַ. פאַרשטייסט?

— יאַ, — זאָגט מייזי, — איך פאַרשטיי. אָבער אָנקעל דזשאַן האָט מיר פאַרזאָגט, אַז איך זאָל דיר ניט אויסזאָגען, אַז ער איז מיין פּאַפּאַ.

באַץ! אָט האָסטו דיר. עהע, טראַכט איך, און איך האָב געמיינט, אַז איך בין גאָר אַ חכם. ער האָט פאַרכאַפּט אַפריער...

— והעי, דו פּאַסקודנער האָבאַ, — זאָג איך צו דזשאַנ'ען ווען איך האָב אים אויסגעפונען, — וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַדלע שטיק? ווי קומסטו צו דערציילען מייזי'ן אַזאַ ליגען, אַז דו ביזט איר טאַטע? און אָט אַזוי האָלסטו דאָס דיין הינטישען פאַרשפּרע־כען צו מאַלי'ן? דו ווילסט אָפּגנב'ענען אַ קינד'ס האַרץ פון איר טאַטען, און דו מיינסט אַז ווען דו מאַכסט זיך געפּגר'ט וועט דיר דאָס אַלץ געשוויגען ווערען? מיינסט אַז דאָס איז אַ העמד אין באָד? ניט דערהאַרען וועסטו דאָס, דו געלער הונט, אַז מייזי זאָל דיר גלויבען. מייזי ווייס, אַז זי איז מיינע, זי האָט דאָך אפילו איין רויטע לאַטע ניט, ווי דו האָסט אויף דיין חזיר'שען פּרצוף.

האָט ניט געפעלט קיין קלעפּ.

דאַן האָט געטראָפען —

איינמאָל אַן אָוונט קום איך אהיים. איך האָב דאַן געלעבט מיט מאַלי'ן און מייזי'ן. ערשט די רומס זיינען לער. נישטאָ מאַלי, נישטאָ מייזי, נישטאָ קיין זאַך.

עס איז מיר געוואָרען פינסטער אין די בעבריקעס. דאָס איז שוין מסתמא א פוילע שטיק פון דזשאַנ׳ען, טראַכט איך.

און איך נעם אויף זיך א נדר, אז טאָמער וועל איך אים געפינען מיט איר צוזאַמען, וועט ער שוין אזוי לייכט ניט אָפּ־שניידען.

איך לאָז זיך אוועק זיי זוכען.

איך האָב זיי געזוכט מאָנאַטען לאַנג.

איינמאָל טרעף איך דזשאַנ׳ען.

— וואָס מאַכסטו, שיינער בחור? — מאַכט ער צו מיר. — וואו האָסטו פארשטעקט מאַלי׳ן?

עהע, טראַכט איך, שפּילסט שוין נאָר א נייע ראָלע?

דו מאַכסט זיך, פארשייווער הונט, טראַכט איך ביי זיך, נאָר וואַרט, דו דרייסט זיך פון מיר ניט אַרויס. איך וועל דיך היטען ווי דיין שאָטען. וועסט דאָך וועלען א קוק טאָן אויף איר? וועל איך שוין געפינען דיין נאַרע, און דאַן וועסטו שוין ביי מיר לעקען מיט דער צונג די ערד!

היט איך אים.

און ער היט מיך. וואו איך גיב זיך א קער, דזשאַן. ער היט מיר, ווי זיין בייזען גייסט, טראַכט איך. מיר וועלען שוין זען. הקיצור, מיר האָבען זיך אזוי לאַנג געזוכט און געכאַפּט, ביז מיר האָבען זיך ארומגעזען, אז מיר זיינען ביידע באַטראָגען.

— זי האָט אונז ביידען אוועקגעוואָרפען, ברודער, — זאָג איך צו אים. — יעצט זיינען מיר ביידע יתומים.

איך פּרוביר זיך ווייזלען, נאָר אויפ׳ן האַרצען איז גאַנץ פּאַסקודנע.

מיר האָבען אָבער נאָך געהאָפט, אז זי וועט זיך ווען־עס־איז אָפּזוכען.

און דערוויייל איז גוט, אז דו האָסט מיט וועמען צו ריידען וועגען איר, וועגען זיי. און דזשאַן איז א גוטער ברודער. אזוי איז גאַנץ גוט מיט אים צו חבר׳ן זיך. איין חסרון האָט ער נאָר. ער איז זייער איינפערזיכטיג אויף מיר. ער קאָן ניט פארגעסען און פאר־

געבען, וואָס איך האָב געטיילט זיך מאַלי'ן און מייזי'ן, מיט אים. קריגען מיר זיך אָפּט. צעשלאָגען מיר זיך, און אַלץ איבער זיי.

עך, דזשאַן איז מיר אַזוי טייער. דאָס וואָס ער איז אַ קאַליקע אויף איין האַנט, און דאָס וואָס ער האָט מיר אויס־געשלאָגען אַן אויג, דאָס איז דאָך אַלץ געווען צוליב איר. איך ווייס ניט ווי אַזוי און וואָרום, נאָר מיר דוכט זיך, אַז ער איז מיר נאָענט צוליב דעם. עפּעס בינדט דאָס אונז מער צוזאַמען. איז וואָס, אַז מיר צעשלאָגען זיך אַמאָל? עך, גוטער ברודער, דו ווייסט ניט וואָס פאַר אַ גענוס עס ליגט דאַרינען!

טאָמער וועל איך זיי געפינען אַמאָל —

אָבער אָט קומט דזשאַן. ער האָט שוין עפּעס געבראַכט פאַר מיר.

צום ווידערזען!

# פון הײַנט

מיין פריינט, דער דאָקטאָר לוסטגאַרטען, איז פון דער נאַטור אַ לץ, און אַזוי ווי ער האָט אַ היבשע פּראַקטיקע, און קומט אַריין אין אַ סך הייזער, האָט ער אימער אַ סך קאָמישע מעשה׳לאַך צו דערציילען. ער דערציילט זיינע מעשה׳לאַך מיט גרויס אַפּעטיט, ריידענדיג הויך, לעבהאַפט, און מיט טעמפּעראַמענטער מימיק. ער בלייבט שטיין אין מיטען גאַנג, לאַכט זיך פריער אַליין גוט אויס, און נאָכער פאַנגט ער אָן: „הערסט? כאַ־כאַ־כאַ!.. איך קום אַריין אין הויז, ערשט...“ ער באַמערקט דאָס שפּאַסיגע אין מיטען פון טיפען צער. ער איז אַן ערליכער רופא, און טריי איבערגעגעבען זיינע חלאים; דאָס האַלט אים אָבער ניט אָפּ שטענדיג אָפּצולאַכען פון זיי.

איינמאָל גייענדיג מיט אים אין גאַס, האָט ער מיר דערציילט זייער אַ לעבעדיגע געשיכטעלע, און ער האָט דערביי האַרציג געלאַכט.

נאָר פּלוצלונג האָט ער אָפּגעהאַקט זיין לאַכען, און איז גע־בליבען שטיין ווי צוגעשמידט צום באָדען. זיין פּנים איז געוואָרען ערנסט און אומעטיג. ער האָט איינגעלאָזען מיין אָרים, און מיט אַ פּאָר האַסטיגע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו אַ גרויער אַלטינקער פרוי וואָס האָט געפירט אַ פּאָר בלאָנדע, שיינע מיידעלאַך. די קינדער האָבען אויסגעקוקט ווי אַ צווילינג. ער איז געבליבען שטיין, ניט באַגריסענדיג זי, האָט אַרויפגעלעגט זיינע הענט אויף די קינ־דערשע קעפּלאַך, אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין זייערע פרישע פּנים׳־לאַך, און אָן אַ וואָרט צו ריידען איז ער אַוועק פון זיי.

ער האָט געשפּאַנט נעבען מיר מיט שווערע טריט, פאַר־טראַכט. זיין מעשה׳לע האָט ער אינגאַנצען פאַרגעסען.

„אַך, יאַ“, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, נאָך אַ ווײַלע פון שווייגען. „דאָס לעבען איז ניט אין גאַנצען קאָמיש... יענע אַלטינקע האָט דיר געקאָנט דערציילען זייער אַ טרויעריגע גע־שיכטע, וואָס האָט זי פאַר דער צייט גרוי און אַלט געמאַכט.

עס איז געווען מיט עטליכע יאָר צוריק, ווען איך האָב נאָר וואָס אָנגעפאנגען מיין פּראַקטיקע פאר זיך. פריער האָב איך א לענגערע צייט געארבייט מיט מיין אָנקעל, דר. פוקס, וואָס איז געווען א בארימטער פרויען־ספּעציאַליסט.

איינמאָל רופט מיך מיין אָנקעל צו זיך, און גיט מיר איבער א שטיקעל ארבייט. ער האָט געהאלטען אין שטודירען א געוויסע קיים, און ער האָט מיך געבעטען איך זאָל נעכטיגען לעבען פּאציענט. עס איז געווען אן אינטערעסאנטער פאל. די קראַנקע איז געווען א יונגע פרוי, נאָך קינפּעט. זי האָט זיך אויף קיין זאך ניט באקלאָגט. קיין זאך האָט איר ניט וויי געטאָן. דאָך האָט זי געהאלטען אין פארלירען אירע כחות. עס האָט אויסגעזען אזוי ווי איר לעבענסזאַפט ברענט אין איר אויס. די לונגען, די האַרץ, דער מאָגען, די נירען, אלץ אין גוטער אָרדנונג. טו וואָס פעלט איר פאָרט? א גאַנצען טאָג איז זי געווען כמעט פאָלקאָם געזונט: זי איז ארומגעגאַנגען, געגעסען, געטרונקען, פארבראַכט, גערוט — אלץ ווי א נאָרמאַלער מענש. ביינאַכט נור, ארום מיטען נאַכט, צינדט זי זיך פּלוצלונג אָן, קריגט א הויכע טעמפּעראַטור, דער פּולס נעמט קלאַפּען מיט טויזענט האמערס, און זי פאַלט אריין אין א פיבער וואָס האלט אָן ביי א שטונדע צייט. און ווי עס קומט פּלוצלונג, אזוי פארשווינדט עס פּלוצלונג, נאָר די פּאַ־ציענטין בלייבט ליגען אן אויסגעמוטשעטע, א דערשעפּטע, ווי דער פיבער וואָלט אויסגעלעקט איר חיות, און זי קאָן זיך א גאַנצען טאָג ניט דערהאָלען. פון וואַנען נעמט זיך דער פיבער? אזוי ווי מיין אָנקעל איז געווען אן עלטערער מענש און א שוואַכער, איז עס פאר אים געווען צו שווער צו וואַכען ביי דער קראַנקער'ס בעט. האָב איך זיך, נאַטירליך, אונטערגענומען איבערצוגעבען אים פּינקטליך וואָס איך וועל בעאָבאַכטען.

אזייגער צען בין איך אַוועק צום פּאציענט. ווען איך בין גע־קומען איז זי שוין געווען אין בעט, נור זי האָט נאָך ניט געשלאָפען. זי האָט ניט געדאַרפט וויסען, אז איך וועל נעכטיגען ביי איר בעט, און דעריבער בין איך ניט אריין צו איר, נאָר האָב זיך

אוועקגעזעצט אין דערבייאיגען צימער, און געוואַרט ביז איר מוטער, וועלכע האָט געוואַכט איבער איר טאָג און נאַכט, וועט מיר אָנזאָגען אַז דער חולה שלאָפט שוין. די טיר פון מיין צימער צו דער קראַנקער איז געווען אָפען, און אַזוי ווי עס איז געווען גאַנץ שטיל אין הויז, האָב איך געקענט הערען די שטימען פון די פרויען ווי זיי האָבען גערעדט צווישען זיך. איך האָב זיך אונטערגעהערט. זיי האָבען גערעדט וועגען אירע קינדער, האָבען געמאַכט פּלענער ווי צו ערציען זיי, ווי צו לערנען זיי, פּלענער וואָס אַ מאַמע מיט אַ באָבען קאָנען מאַכען אין זייערע פאַנטאַזיעס, וואַכענדיג איבער'ן וויג פון זייער קינד און אייניקעל. עס איז געווען אַ שטילע, ליבע סצענע, פול מיט מאָדנעם, אומשולדיגען קאָמיזם, ווי צוויי דערוואַקסענע מענשען מאַכען זיך נאַריש איבער אַ קליינעם נפש'ל. מיר האָט עס מאָדנע גערריקט. אַך האָב דאָך געוואוסט, אַז די יונגע פרוי האָט גאָר ווייניג שאַנסען צו לעבען, און אירע וואָכען, אויב ניט אירע טעג זיינען געציילטע — און דאָ ליגט זי און מאַכט פּלענער פאַר יאָרען, און פאַנטאַזירט, און האָפט, און טרוימט! — נאַרישער מענש!..

די שטימע פון דער יונגער פרוי איז געווען שוואַך, אָבער ווייך, יונג, צערטליך, וואַרים. אין דער אַלטער'ס שטימע האָט זיך געהערט אַ באַהאַלטענער טרויער, כאָטש זי האָט זיך געגעוויט צו זיין פריילאַך און אויפגעלייגט. זי האָט אַלע ווײַלע געלאַכט און געפּיעשצעט דער טאָכטער און דעם קינד. דאָך האָט מיך געדוכט, אַז אָט, אָט וועט די אַלטע אויספּלאַצען אין אַ געוויין. אפשר האָט זיך מיר דאָס געדוכט, דערפאַר וואָס איך האָב געוואוסט אַז די אַלטע איז זייער שטאַרק באַזאָרגט וועגען איר טאָכטער. אימיצער איז באַלד אריינגעקומען, און איך האָב דערהערט אַ מענערשע שטים. איר מאַן. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט פון זיין פרוי:

„נו, וואָס מאַכסטו? ביזט נאָך אַלץ קראַנק? ווען וועסטו שוין געזונט ווערען?“

עפּעס האָט מיר זיין שטים, זיין קאַלטער, גלייכגילטיגער טאָן, געשניטען איבער'ן האַרצען. איך האָב רחמנות געהאַט אויף די צוויי פרויען.

„װאָרום זעט מען דיך ניט?“ האָט זי געפרעגט צערטליך באזאָרגט, דאָך אָן פאָרװאורף.

„איך האָב פײנט א קראַנקע װײב!“

א װײלע איז געבליבען שטיל. איר שטימע איז געװען צע־קלעמט װען זי האָט געענטפערט:

„װאָס בין איך שולדיג? איך װיל עס דען? איך קען זיך ניט העלפען.“

זי האָט עס געזאָגט אזוי שװאך און אזוי אומבאהאָלפען, אזוי װי זי װאָלט אין דער אמת'ן געפילט אז עס איז טאַקע איר שולד װאָס זי איז קראַנק.

„זעץ דיך א װײלע“ — האָט זיך די אַלטע בײ אים געבעטען. ער האָט עפּעס באמערקט פויל און אַנגע'ברוגז'ט. איך האָב ניט געהערט װאָס.

„נו, און ראָזעלע'ן װילסטו גאָר ניט זען? מיר האָבען זי אָט ערשט אויסגעבאָדען“ — האָט די יונגע אים האַלב אויפגעפאָדערט, מער מיט א פאַרלאַנג אין שטימע, װי אין װאָרט.

„װאָס איז פאַראַן װאָס צו זען? װײז, װאו איז זי, נו?“

„א דאַנק, זי שלאָפט יעצט“, — האָט זיך די באָבע אַרײנגע־מישט, — װעסט זי זען אַנאַנדער מאָל, װען זי װעט גרעסער װע־רען.

שטילע פויזע.

„איך דאַרף גײן ערגעץ!“

די פרויען האָבען געשװיגען.

„א גוטע נאַכט!“

„א גוטע נאַכט!“ — האָט טרויעריג געענטפערט די אַלטע.

דער צימער איז געבליבען שטיל. די פרויען האָבען שוין מער צװישען זיך ניט גערעדט.

איך האָב אויפגעעפענט א בוך, װאָס איך האָב געבראַכט מיט זיך, און אומזיסט געפּרובירט זיך פאַרטיפען אין אים. עפּעס האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אין מײן זינען פאַרשידענע געדאַנקען. די קלײנע סצענקע הינטער'ן װאַנט האָט מיך באאונרואיגט און צע־טומעלט. איך האָב זיך אלײן ניט געקאָנט אָפּגעבען קײן רעכענונג

ווארום מיין געדאנק האט ווידער און ווידער מיך אומגעקערט צוריק צום קליינעם געשפרעך פון די דריי שטימען.

ענדליך איז די אלטע מיך געקומען רופען. איר טאכטער איז איינגעשלאפען. זי האט מיך אריינגעפירט אין צווייטען צימער. איך בין צו צום בעט און באטראכט דער קראנקער. איך האב זיך פארוואונדערט. זי האט אויסגעקוקט זייער יונג, ווי א מיידעל פון זעכצען יאר, דאר, אויסגעמאגערט, דער פנים בלאס, די אויגען איינגעזונקען, די ליפען צעטריקענט. איך האב א קוק געטאן אין וויג וואס איז געשטאנען נעבען דער קראנקער'ס בעט, און מיין פארוואונדערונג איז געוואקסען. צוויי קינדערלאך, איינע אן ערשט געבארענע עופ'עלע, און די צווייטע ביי א יאר אלט, זיינען געלע־גען און געשלאפען איינע לעבען די אנדערע.

„ווי רופט מען אייער טאכטער?" — האב איך יעפרעגט דער אלטער.

„פאלי."

„און ווי אלט איז זי?"

זי האט קענטיג פארשטאנען מיין פארוואונדערונג.

„מיין טאכטער איז אכצען יאר... דארף באלד אכצען יאר ווערען. נאך גאר א יונג קינד, ווי איז צו מיין לעבען.

„זי איז געווען אן אמת'ע קווייט... געזונד, שטארק, שיין... א בלום... און יעצט? די עופ'עלע איז אירע... און די צווייטע איז איר שוועסטער'ס, א יאר אלט, א יתומה'לע נעבאך... מיין עלטערע טאכטער'ס... ווי איז מיר, און ווינד איז מיר... געשטארבען נאך קינפעט... איבערגעלאזט א שוואכע פויגעלע... וואס האבען מיר געזאלט טאן? זי, די איגגערע טאכטער מיינע, נאך אין הויך־שולע געגאנגען... א קינד נאך גאר געווען... האט איינגעשטימט דער שוועסטער'ס ארט צו פארנעמען... עס איז געווען איר חורבן... וואס פון איר איז דאס געווארען... האט חתונה געהאט דער יתומה'לע א מאמע צו זיין... און זי האלט איר שוועסטער'ס קינד נאך טייערער ווי דאס איינענע... האט עס ליב ווי דעם לעבען... היט עס ווי אן אויג אין קאפ... לאזט עס ניט אפ פון זיך פאר א רגע... גאט!.. גאט!.. צוליבביידע עופה'לאך שענק זי מיר... זאל חלילה

קיין צוויי יתומים׳לאך ניט בלייבען... אך, דאָקטאָר, דאָקטאָר, וואָרום קומט עס מיר?״

וואָס א נאַרישע אידענע קאָן אמאָל א פרעג טאָן!

זי האָט זיך געזעצט אויפ׳ן ראַנד פון דער קראַנקער׳ס בעט, האָט אויפגעלעגט ביידע הענט אין שויס און שאָקלענדיג זיך הין־און־הער האָט זי ביטער געוויינט, פארשטיקט און שטיל. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און זי האָט איינגעדרעמעלט. זי האָט זיך אָבער נאָך אלץ געשאָקעלט מיט׳ן אויבערשטען טייל קערפער, ווי אויטאָ־מאַטיש. אויף דער ווייסער וואַנט הינטער איר, איז איר נאָכגע־שפּרונגען א דאָפּעלטער שאָטען, און נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונ־גען. אין צימער איז געוועזן רואיג און אומהיימליך. עפּעס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געפילט אזוי אומרואיג און אומעטיג אין דעם צימער פון א קראַנקען, ווי אין דיזען צימער. עפּעס האָט זיך מיר געדוכט, אז ערגעץ וואו לויערט א סוד, און וואַרט אויף מיר ארויפ־צושפּרינגען אומגעריכטערהייט. איך האָב שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער אלטער, וועלכע איז שוין געוועזן דערשעפּט פון לאַנגען יואַכען. ווי פּאַטעטיש זי האָט אויסגעקוקט אין איר דרעמעל. איר נעזיכט האָט ווי געוויינט פון שלאָף. איך האָב זי אויפגעוועקט און ארויסגעשיקט פון צימער, פאַרזיכערענדיג איר, אז איך וועל זי רופען ווען איך וועל זי דאַרפען. זי האָט מיך געפאָלגט אויס מורא, און אומגערן פארלאָזט דעם צימער. איך בין געבליבען אליין מיט דער קראַנקער, וועלכע האָט שוין גענומען געבען צייכענס פון אָנ־קומענדיגען פיבער. איך האָב אָפּגערוקט דעם וויג אָן א זייט, און זיך געזעצט באַטראַכטען מיין חולה. איר געזיכט איז געוואָרען צע־פלאַמט און זודיג. א נאַסער שווייס האָט באַדעקט איר שטערן. די ליפּען זיינען געוועזן אָפען און צעבערענט. דער גאַנצער קערפּער איז געווען צוזאַמענגעצויגען און צונויפגעדריקט. זי האָט געאָטעמט פלאַך און אומרעגעלמעסיג, די האַרץ האָט געקלאַפּט שנעל און שוואַך, דער פּולס שוואַך און אָפט. זי האָט אויסגעקוקט ווי פאַר־טיפט אין עפּעס א שווערער ארבייט, פאַרטראָגען ערגעץ וואו מיט׳ן גאַנצען קערפּער, מיט דער גאַנצער נשמה... און פּלוצלינג האָט זי אויפגעעפענט די אויגען, גרויסע, שוואַרצע, פייערדיגע,

ווילדע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט מיט אַזא קראַפט, ווי זיי וואָלטען געהאט די אייגענשאַפט דורכצוברענען יעדער זאך וואָס זיי טרעפען אין וועג. מיר האָט זיך געדוכט אַז זיי באַרירען מיך פיזיש... דער ערשטער בליק איז געווען גענוג צו ווייזען מיר, אַז כאָטש זי קוקט אויף מיר, זעט זי מיך ניט. זי האָט ווי געקוקט דורך מיר... אָבער באַלד האָב איך גענומען גלויבען, אַז זי זעט מיך יאָ. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט צו מיר, האָט אָנגע־כאַפּט מיין האַנט, און מיר גענומען ציען צו זיך. דאַן האָט זי מיין האַנט אַרויפגעלייגט זיך אויפ׳ן האַרצען, און אַ לאַנגע צייט געקוקט אויף מיר מיט אַזא טיפען טרויער אין אירע אויגען, אַז מיר האָט אינווענייג געשווינדערט.

„אָבער וואָרום ביזטו ברוגז אויף מיר?“ — האָט זי פּלוצלונג אָנגעפאַנגען. — „וואָס האָב איך דיר געטאָן?“

איך האָב נאַטירליך ניט געוואוסט וואָס איר צו ענטפערען, און איך האָב געשוויגען. זי האָט געוואַרט אויף אַן אַנטוואָרט. און ניט קריגענדיג קיינעם, האָט זי געקוקט אויף מיר מיט טיפען שמערץ. פּלוצלונג האָט זי אַרומגעוואָרפען אירע זוריגע אָרימס אַרום מיר, און מיט אַ מאָדנער קראַפט מיך צוגעדריקט צו איר ברוסט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך שפּיל דאָ צופעליג אַ פרעמ־דע ראָליע. מיר איז געווען מאָדנע אומהיימלאַך און פרעמד צו פילען לעבען זיך די נאַקעטע, יונגע, שיינע פרוי, וואָס האָט געבליט ווי אַ רויטע רויז, אין איר פיבער. ס׳אַז געווען די בליאונג פון טויט. אָבער דער דאָקטאָר אין מיר האָט פאַרשטאַנען אַז דאָ פירט זי אים אַריין אין די געהיימע טויערען פון איר קראַנקהייט. און איך האָב באַשלאָסען צו שפּילען די טרויעריגע ראָלע פון איר געליבטען. אַזוי רואיג ווי מעגליך האָב איך צוגענומען אירע זורינע לאָקען, און אירע ליידענשאַפטליכע קושען.

„אָבער מיר אַרט ניט וואָס עס וועט זיין“, — האָט זי אָנגע־פאַנגען שטיל צו שעפּצען. — „מיר איז אַלץ איינס. קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט!.. נעם מיך, איך בין דיינע... זאָל זיין וואָס עס וויל... נאָר זיי ניט שלעכט צו איר... זי איז דאָך מיין שוועס־טער!.. עס איז דאָך אויף איר אַ רחמנות... זי איז דאָך פאָרט דיין

ווייב... און זי איז איצט אין אזא שלעכטער לאגע... זי איז דאך שוין באלד אויף דער צייט. אז זי זאל אונז יעצט כאפען, קאן נאך געשעהן אן אומגליק... מיט מיר קענסטו טאן וואס דו ווילסט, נאר זאל זי ניט וויסען... קיינער זאל ניט וויסען. אבער דו ביזט אזוי אומפארזיכטיג... זי האט געזען ווי דו האסט מיך געקושט... אז זי זאל זיך כאפען, אז דו ביזט יעצט ביי מיר... גאט מיינער! האסט פארשפארט די טיר?.. גיי פארשפאר!"

איך האב געפאלגט שטומערהייט וואס זי האט געהייסען, און זיך געזעצט צוריק ביי איר אויפ'ן בעט. זי האט מיך באלד ארונטערגעצויגען צו זיך אויפ'ן קישען און זיך געטוליעט צו מיר, און מיר געוויזען אזוי פיל ליבע און צערטליכקייט, געמישט מיט דעם האסט און דער היץ פון איר פיבער, אז עס האט מיך גערירט ביז טרערען. אין מיינע געדאנקען האב איך צוזאמענגעבונדען דעם געשפרעך וואס איך האב געהערט הינטער'ן וואנט, די קאלטע ברוטאליטעט פון איר מאן, מיט דאס וואס די אלטע האט מיר דערציילט.

איך האב פלוצלונג פארשטאנען די גאנצע לאגע, דער יונגער מיידעל'ס ליבעס טראגעדיע, דאס וואס איר מוטער האט פון מיר פארלייקענט. אדער אפשר האט זי אליין ניט געוואוסט? די מיידעל האט מיך אנגענומען פאר איר געליבטען, פאר איר שוועסטער'ס מאן. אין איר האלוצינאציע האט זי דא ווארשיינליך איבערגעלעבט א פארלאפענע סצענע, און דאס וואס עס האט נאכער פאסירט האט מיר איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון מיין השערה. זי האט זיך פלוצלונג א כאפ געטאן פון בעט א דערשראקענע, און איז געבליבען זיצען, קוקענדיג שטאר צום טיר, און זיך איינגעהערט. דאן האט זי א ציטער געטאן מיט'ן גאנצען קערפער. זי האט קענטיג געזען א געשטאלט שטיין ביים טיר, ווייל זי האט זיך געווענדט אהין, ווי דארטען וואלט געשטאנען א לעבעדיגע פערזאן.

„איך בין ניט שולדיג! — האט זי זיך געבעטען ביי דער טיר, אדער ביי דער געשטאלט וואס זי האט געזען — איך בין ניט שולדיג... איך האב עס ניט געוואלט." און דאן האט זיך איר

ציטערען פארוואנדעלט אין א קאָנוואולסיע. איך האָב זי געהיט ביז זי איז רואיג געוואָרען און איז איינגעשלאָפען, פאלענדיג אויפ'ן בעט דערשעפט.

אויף מאָרגען האָב איך זי גענומען אויף א שטרענגען פאר־הער. זי האָט נאטירליך קיין חשד ניט געהאט אז איך וויים עפּעס פון אירע סודות. עס איז געווען אומזיסט מיין מי. זי האָט אלעס פארלייקענט. זי האָט מיר דערציילט דיזעלבע מעשה וואָס איר מאמע, אז זי האָט געהייראט מיט איר שוואָגער דערפאר, ווייל זי האָט געוואָלט זיין א מאמע צו איר שוועסטער'ס יתומה'לע... איך האָב זיך ארומגעזען, אז מיט גוטען וועל איך דאָ גאָר ניט אויספירען, האָב איך איר גענומען סטראשען מיט'ן טויט. זי וועט זיכער שטארבען, האָב איך איר געזאָגט, ווייל מיר קאָנען ניט געפינען קיין פיזיישע אורזאכע פון איר פיבער. עס איז דאָ געוויס א סעקרעט פארבונדען מיט איר קראנקהייט, און אויב זי וועט אונז, אירע דאָקטוירים ניט דערציילען דעם אמת, איז זי א פאר־לאָרענע. איך האָב אפּעלירט צו איר אין נאָמען פון אירע צוויי קינדערלאך, פון איר אלטער מוטער — עס האָט ניט געהאָלפען. דאן האָב איך איר אויסגעזאָגט פון דער ביינאכטיגער סצענע, פון וועלכער זי האָט קיין אנונג ניט געהאט. איך האָב איר געזאָגט, אז איך וועל דערציילען איר מאמען דאָס וואָס איך וויים, אויב זי וועט פארלייקענען דעם אמת. דאָס האָט געווירקט. זי האָט זיך אונטערגעגעבען און מיר פארטרויט איר געהיימנים.

איך האָב קיין טעות ניט געמאכט. דער יונגערמאן ביי וועמען די איינענע פרוי האָט פארלאָרען איר חן ווען זי האָט גענומען ווערען פולער מיט זיין קינד, האָט געקראָגען אפּעטיט צו זיין יונגער שוועגערין. זי איז דאן געווען אינגאנצען א יאָר זיבעצען, שיין און גוט אנטוויקעלט. ביז איר שוועסטער איז געוואָרען א כלה האָט זי פון ליבע געוואוסט ניט מער ווי דאָס וואָס זי האָט געהערט, אָדער געזען אויפ'ן לייווענט אין די קינעמאטאָגראפישע בילדער. פערזענליך האָט עס זי בארירט, ניט מער ווי א ווייטער, ארָאמאטנער בלומען ריח, ווי פרילינג בליאונג אָנגעווייט פון א ווייטער, שיינער לאנד, פון וועלכער דיכטער שרייבען לידער

און ראָמאַנען. מיט יונגע לייט האָט זי זיך כמעט קיינמאָל ניט באַגעגנט. און אויב יע, זעלטען אין נאָענטער, פאַמיליארנער געזעלשאַפט, שעמעדיג און צוריקגעהאַלטען. איר שוועסטער איז געווען עלטער פון איר מיט אַ יאָר אַכט און האָט געהאַט באַקענטע בחורים, אָבער זיי פלעגען נאָר זעלטען אַריינקומען צו איר אין הויז. זי פלעגט אַלע מאָל אַוועקגיין צו אירע חבר'טעס, איבערלאָזענדיג דער אינגערער אין דער היים, מאַכענדיג אירע לעסאָנס. ווען די יונגע מיידעל האָט אַמאָל ניט־ווילענדיג באַמערקט אַ פאַרליבטע פאָרעל אין נאָענטער באַציאונג, האָט זי שנעל די קאָפ אָפגעקערט פאַרשעמט, און ניט געוואָלט מער טראַכטען פון דעם. געווים, זי האָט אָפט געטראַכט פון איר צוקונפטיגען לעבען, פון דעם יונגענמאַן מיט וועמען זי וועט חתונה האָבען, אָבער דאָס וועט דאָך ערשט פאָרקומען ווען עס איז, ווען זי וועט ווערען אַ סך עלטער. מיט איר יעצט, האָט עס קיין פאַרבינדונג ניט. אָבער אָט איז איר שוועסטער געוואָרען אַ כלה, און פלוצלונג האָט זי זיך געפונען אויפ'ן ברעג פון אַ רייצענדען ים פון ליידענשאַפט.

אין די פיר צימערען, וואו איר פאָטער און מוטער האָבען געוואוינט, האָט זי געהאַט איין צימער מיט איר שוועסטער, און שפעטער ווען זיי האָבען געהייראַט, און ער איז אַריינגעקומען לעבען מיט זיי אין הויז, האָט זי אים געמוזט לאָזען איר אייגענעם פלאַץ. ביינאַכט האָט מען געשטעלט פאַר איר אַ בעטעל אין צווייטען צימער; און אין דער ענגער הויז האָט די מיידעל ניט ווילענדיג געזען און געהערט זאַכען וואָס האָבען פלוצלונג אויפגעוועקט איר אייגענע בלוט, און זי האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אַ יונגע פרוי. ניט איין נאַכט האָט זי זיך אומגעוואָרפען שלאָפלאָז אויף איר בעטעל אין אויפגעפלאַמטער ליידענשאַפט, צוהערענדיג זיך מיט אַ ברענענדיגער נייגעריגקייט צו דאָס וואָס עס קומט פאָר אין איר שוועסטער'ס צימער הינטער'ן וואַנט. מיט פאַרביסענע ליפען און צוזאַמענגעדריקטע ציינער, האָט זי נאָכגעפאָלגט יעדען שאָרך, און איר פאַנטאַזיע האָט איר אונטערגעזאָגט מער ווי זי האָט געזען. און אַזוי האָט זי מיטגעלעבט און אַנטייל גענומען אין דעם לעבען פון דער יונגער פאָר.

אין דער פרי פלעגט זי שטודירען איר שוועסטער מיט דורשטיגע אויגען און באַהאַלטענער קנאה. זי האָט געזען שפורען, אָדער זי האָט געטראַכט אַז זי האָט געזען שפורען, אויף דער יונגער ווייבעל פון די נאַכטיגע סצענעס, וואָס האָט אין איר געוועקט אַלערליי ווילדע פאַרלאַנגען. דער שוואָגער איהער איז געווען יונג און פול מיט לעבען. פון אָנפאַנג האָט ער זיך מיט דער מיידעל ניט שטאַרק פאַרנומען. דאָך האָט ער פאַרבראַכט מיט איר אַמאָל, און צייטענווייז אַ שטיף געטאָן מיט איר אויף אַן אונשולדיגען אופן. אָבער זיין יעדער קער ארום דער מיידעל, זיין גאַנצע באַנעמונג האָט זי גערעגט. זי האָט אויף אים געקוקט מיט אויגען פון אויפגעוועקטע געפילען. זי האָט ניט פאַרשטאַנען קיין אומשולדיגען שפאַס. זי האָט זיך געפונען אין פיבער פון איר ערשטער, אָט ערשט רייף געוואָרענער ליידענשאַפט. עס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל געבען אַ קוק אויף איר אַנטבלויזטען אָרים, אויף איר נאַקעטער פוס, און עס זאָל דער מיידעל אויפברויזען. זי האָט פלוצלונג גענומען פילען אַ גרויסען רייץ צו ווייזען זיך פאַר אים אין אירע אונטערקליידער, מיט אַן אָפגעדעקטען לייב. און אומבאַוואוסט, אומבאַמערקענדיג ווי אַזוי, איז זי געוואָרען העבער, בויגיגער, פרישער, עלאַסטיש. איר מויל האָט אָנגענומען אַ תאוה׳דיגען שמייכעל. אירע באַקען האָבען אָפטער געגליט. איר שטים האָט גערופען מיט בענקשאַפט. איר געלעכטער האָט געקלונגען מיט לוסט. איר ריר פון האַנט האָט געגלעט און געשיקט געהיימע גערוסען. אירע אויגען זיינען געוואָרען גרעסער, מער צעעפענט, מיט פייכטערע, שוואַרצערע שוואַרצאַפלען. די בליקען דורכדרינגענדיג און פאַרפירעריש. אירע האָר זיינען געוואָרען גלאַנציגער, בלויער, און גענומען שמעקען. אירע ברוסטען זיינען געוואָרען פולער און אויפגעוועקט. זי איז געוואָרען רולאָז. איר באַוועגונג האָט דערציילט פון שוימענדיגע בלוט. יעדען איינעם נעבען איר האָט זי אָנגעשטעקט מיט אומרואיגקייט. זי האָט אָנגעפילט די לופט מיט אירע פאַרלאַנגען, ווי אַ בליץ־שטורם פילט אָן דעם וואַלד מיט עלעקטריציטעט.

ווי לאַנג האָט עס געדאַרפט געדויערען ביז דער יונגער מאַן

זאָל זיך ארומזען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד די מײדעל געפינט זיך? און ער האָט זיך באַנוצט מיט דער לאַגע. ער האָט זי גענומען פאַרפאַלגען מיט זײַנע בליקען און מיט זײַנע באַרירונגען. פון אָנפאַנג האָט ער זיך געהיט פאַר זײַן פרוי, און האָט געשיקט זײַנע ליבעסדערקלערונגען צו דער מײדעל שטומערהײט, דורך זײַן אויג, דורך זײַן האַנט. דער שטומער ליבעס־שפּיל האָט אויס־געקוקט גאַנץ אומשולדיג, און זיכער פאַר אים; עס האָט אָבער געווירקט מיט אַ דאָפּעלטער קראַפט, דערפאַר ווײַל די מײדעל האָט צו יעדער זאַך צוגעגעבען איר אײגענע באַדײַטונג, אַ באַ־דײַטונג פיל טיפער און הײסער ווי ער וואָלט פון אָנפאַנג געוואַגט צו איבערגעבען אין ווערטער. דאָס האָט אויפגעבלאָזען איר פלאַם. און ווען ער האָט געזען, אַז זי איז הילפלאָז, איז ער געוואָרען ברוטאַל.

די עלטערע שוועסטער האָט גענומען באַמערקען, וואָס עס קומט פאָר צווישען איר מאַן און דער יונגער מײדעל, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. און אײן נאַכט האָט זי זײ געפונען צוזאַמען.

זי האָט מורא געהאַט צו מאַכען אַ סקאַנדאַל צוליב איר מוטער, צוליב דער מײדעל און צוליב איר אײגענעם גוטען נאָמען. און ווען די מײדעל האָט זיך פאַר איר מודה געווען און איר אַלעס דערצײלט, ווי אַזוי עס איז מיט איר פאָרגעקומען, האָט זי אײַנגעזען אַז אַ טײל פון דער שולד איז אירע. זי האָט באַ־שלאָסען צו דערשטיקען אין זיך איר שמערץ און שאַנד. אָבער באַלד האָט זי זיך ארומגעזען, אַז אויך איר שוועסטער ווערען קענטיג די שפּורען פון איר זינד, און אַז אײנע וועט מוזען אָפּ־טרעטען. זי איז געוואָרען פאַרצווײפעלט און באַשלאָסען אַז זי מוז לײדיג מאַכען איר אָרט. נאָך איר קינפּעט איז זי פּלוצלונג געשטאָרבען. קײנער האָט ניט געוואוסט פון וואָס. און אַזוי האָט עס געהײסען פאַר דער וועלט, אַז די יונגע מײדעל האָט חתונה מיט איר שוואָגער כּדי צו זײַן אַ מאַמע צו דער קלײנער יתומה'לע.

זי אַלײן האָט אָבער גוט געוואוסט פון וואָס, און צוליב וואָס איר שוועסטער איז פּלוצלונג געשטאָרבען. זי האָט זיך עס ניט

געקענט מוחל זיין. זי האָט איר שוועסטערס קינד געהאַלטען טייערער ווי איר אייגענע. זי האָט פאַר איר אָפּגעגעבען די ליבע פון צוויי מוטערס. אָבער איר האַרץ האָט זיך ניט געשטילט. איר ברוטאַלען מאַן האָט זי אַלעס פאַרגעבען. זי האָט געגלויבט, אַז די שולדיגע אין זייער ליבע איז זי געווען, זי נאַר אַליין. זי האָט אים פאַרפירט געגען זיין ווילען; זי האָט דאָך געוואוסט פון אירע זינדיגע מחשבות. יאָ, זי האָט אים אומגליקליך געמאַכט, ווייל ער האָט זיין ערשטע פרוי געליבט, און זי איז געשטאָרבען צוליב איר, — אַזוי האָט ער איר געזאָגט, און זי האָט אים געגלויבט. און דאַריבער האָט ער דאָך אַ רעכט צו זיין ברוטאַל צו איר. און וואָס ברוטאַלער ער האָט זי איצט באַהאַנדעלט, אַלץ מער מיטלייד האָט זי מיט אים געהאַט. ער ליידעט דאָך צוליב איר! ווי קאָן ער זי ליב האָבען, אַז זי איז אַזוי געמיין און פאַרדאָרבען? ווי קאָן ער איר פאַרצייען וואָס זי האָט ביי אים אוועקגערויבט זיין פרוי? זי האָט שרעקליך געליטען פון אירע געוויסענסביסען און פון זיינע געמיינע באַנעמונגען. ער האָט זי געמוטשעט מיט פאָרוואורפען, מיט קאַלטקייט, מיט גראָבקייט. און אַז זי איז אריין אין די העכערע מאָנאַטען, און האָט מער ניט געקענט צופרידענשטעלען זיין תאוה, האָט ער זי אינגאַנצען פאַרנאַכלעסיגט און אָפּגעזוכט אַנדערע. ער האָט גענומען אויסבלייבען פון הויז. ער האָט זיך אָפּגעזוכט גוטע ברידער, האָט געגעמבעלט און גע׳שכור׳ט. און זי האָט עס אַלץ גענומען אויף איר חשבון. זי איז דאָך געווען נאָך גאָר אַ קינד! זי איז גיך געוואָרען געבראָכען. פון איר קימפּעט איז זי אַרויס דערשעפּט, און האָט מער צו זיך ניט געקאָנט קומען.

און דאַן האָבען זיך גענומען ווייזען אירע האַלוצינאַציעס; יענע נאַכט, יענע פּאַסירונגען, ווען זי האָט זיך געפונען ביי איר געליבטען אין די אָרימס, און פּלוצלונג האָט זי דערזען איר שוועסטער שטיין ביים בעט, האָבען זיך אריינגעברענט טיף אין דער מיידעל׳ס נשמה. און איצטער האָט זי עס גענומען איבערלעבען יעדע נאַכט נאָכאַמאָל. יעדע נאַכט כאַפּט זי זיך אויף אין פיבער און שפּילט איבער, אין אַ מין וואַנזין, יענע סצענע.

איר דוכט זיך, אז איר געליבטער איז מיט איר, און דאן דערזעט זי פלוצלינג איר שוועסטער אריינקומען. איר שוועסטער זעט זי אבער ניט ווי א לעבעדיגע, נאר ווי א טויטע. זי האט זי געזען אנגעטאן אין אירע תכריכים, איידער מען האט זי אין קבר אריינגעלייגט. ביי דער מיידעל אין די געדאנקען האבען זיך דיזע צוויי שרעקליכע בילדער אויפגעגאסען אין איינעם; די צוויי שרעקליכע איבערלעבונגען אירע, וועלכע זיינען ביידע געוועזען פאר־בונדען מיט איר זינד, מיט איר ליבע, די לעצטע אלס רעזולטאט פון דער ערשטער, האבען זיך אויפגעמישט אין איין שרעקענס פאנטאזיע, וואס האט זיך געוויזען פאר איר יעדע מיטען נאכט, פונקט צו יענער צייט אין וועלכער איר שוועסטער איז צו איר אריינגעקומען אין דער ווירקליכקייט.

צום ערשטען מאל איז עס אויסגעפאלען אויף מיר דער גורל איינטייל צו נעמען אין דער סצענע ווי איר געליבטער. אין דער צייט פון איר האלוצינאציע קאן זי ניט אפטיילען דאס פאנ־טאסטישע פון דאס ווירקליכע. זי האט מיך אויפגענומען פאר א טייל פון איר טרוים.

איך האב, נאטירליך, איבערגעגעבען מיין אנקעל אלעס וואס איך האב געזען און דערפארען. מיר האבען געטאן אונזער בעסט פאר דער ארימער יונגער פרוי. מיין אנקעל האט זיי געראטען איבערצובייטען זייערע צימערען, און אלעס וואס נאר מעגליך, וואס איז געווען פארבונדען מיט אירע פריערדיגע איבערלעבונ־גען. די בעסטע זאך וואלט געווען אז זי זאל אומרייזען, אבער דאס האט איר צושטאנד ניט ערלויבט. זיי האבען זי געשיקט אויפ'ן לאנד. פון אנפאנג האט עס אויסגעזען, אז דאס האט גע־האט א גוטע ווירקונג אויף איר, אבער באלד האט זיך ארויסגע־וויזען דאס פארקערטע. זי האט ניט געוואלט זיין ווייט פון איר מאן, און האט געבענקט נאך אים. אירע האלוצינאציעס האבען ניט אויפגעהערט.

פאר דאס וואס מיר האבען זיך געשראקען איז געקומען. די האלוצינאציעס האבען זיך גענומען ווייזען בייטאג. זי איז וואנזיניג געווארען און אין גיכען געשטארבען.

די אָרימע, אַלטע באָבע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַליין מיט אירע צוויי יתומה׳לאַך. דו האָסט דאָך זי געזען, ווי זי קוקט אויס! עס איז נאָר איר שטאַרקע ליבע צו די אָרימע קינדערלאַך, וואָס געפינען זיך אין אַזא אומבאַהאָלפענער לאַגע, וואָס עס האַלט איר אויף די פיס, אַ ניט וואָלט זי שוין לאַנג געווען ביי אירע הייסגעליבטע טעכטער. איך קאָן זי ניט פאַרגעסען! אימער נאָך הער איך איר מאָדנע פראַגע: „אַך, ליבער דאָקטאָר, זאָגט מיר, פאַר וואָס קומט דאָס מיר?״

ווי גערען איך וואָלט עס אַליין געוואָלט וויסען.

אָבער אַ שווערערע פראַגע, דוכט מיר, האָט די יונגע מיידעל געקאָנט פרעגען. דאָס לעבען איז געווען שרעקליך גרויזאַם צו איר. אויפגעריסען זי ווי אַ בלום פון איר קנאָספּע, געוויזען פאַר איר אַ פאַלשען גליק, שכור געמאַכט זי מיט דעם וויין פון אויפגע־ברויזטער יוגענד, גלייך צעפליקט און צעטראָטען!

קיין זאַך אין מענשליכען לעבען, דוכט מיר, איז ניט אַזוי טרויעריג צו באַטראַכטען ווי אָפּגענאַרטע ליבע. דאָרטען, וואו דאָס לעבען פאַרשפּרעכט דאָס העכסטע, צו געפינען רואינירונג און טויט! אז ווען עס איז נאָך אַ יונגע, אומשולדיגע קינד, אַן אומדערפאַרענע, צאַרטע, שיינע מיידעל, וואָס די נאַטור אַליין האָט, דאַכט זיך, אַזוי פאַרזיכטיג, מיט אַזוי פיל מי, געפּאַרמוירט און באַוואָרנט מיט אַלע מעגליכקייטען פאַר גליק, — און אָט ליגט זי שוין אויפגעמישט מיט דער פאַרמלאָזער, אומבאַלעבטער ערד.

דאָך איז אין ליבע, אפילו אין אָפּגענאַרטער ליבע, פאַראַן עטוואָס שיינעס. די פאַרליבטע מיידעל פאַרזוכט דאָך פאָרט פון איר גליק, כאָטש אין איר טרוים, אין איר דערוואַרטונג; איידער עס פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ געשלעכטליכער ליידענשאַפט, וואַנדעלט זי דאָך אין אַ צויבער־וועלט פון טרוים און פאַנטאַזיע, וואָס באַרייכט איר האַרץ און נשמה. און דאַן, ווען זי געפינט זיך אַן אָפּגענאַרטע, געפינט זי דאָך איר שולד ניט אין זיך. אָבער דער אַלטער׳ס יונגע טאָכטער, גלייך אריינגעשליידערט אין פיבער פון לעבען, האָט אפילו פון די זיסקייט פון ליבע ניט געוואוסט!״

— — — — — — — — — — — — — — — — —

# דער רוף

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען אָלגאַ האָט פאַר־לאָזען די שוועל פון איר לעצטען קונד, און זיך געזעצט, אָן אויס־געמאַטערטע, אויף איר מילך־וועגעל, צו פאָרען אהיים.

פּרינץ, איר קליין פערדעל, איז געווען ניט ווייניגער מיד ווי זי, אומשלעפּענדיג זיך א גאַנצען טאָג פון טיר צו טיר, ביז זי האָט אויסגעטיילט אירע פלעשער מילך. ער האָט קיין קאָפּ וואַסער אין מויל ניט געהאַט זינט ער האָט פאַרלאָזען זיין שטאַל, פינף א זייגער אין דער פרי. און דער טאָג איז געווען א הייסער, א טרוי־קענער. דער וועג איז געווען א שטויביגער, און דאָס ווינטעל האָט אָנגעטראָגען א דיקעם זאַמד פול די אויגען און פול דעם נאָז, און די פליגען זיינען געווען בייז און צורייצט, און געשטאָכען אָן רחמנות. — האָט ער געשמיסען מיט׳ן עק אין אלע זייטען, גע־טריבען די פליגען, געפּאַטשט מיט די ליפּען אלע ווײַלע, און זיך געפּוילט צו שלעפּען דאָס גרינג וועגעלע. ווען זיין באַלעבאָסטע האָט אים דערמאָנט מיט׳ן בייטש ער זאָל זיך אונטערראַיילען, האָט ער זיך כלומר׳שט א נעם געטאָן, געוואָרפען די פיס פון אונטער זיך, געהויבען דעם רונדען הינטען קעגען איר, ווי צו ווייזען איר, אַז ער טוט זיין בעסט; אין אמת׳ען אָבער האָט ער קיין חשק ניט געהאַט צו גיין, געטאַנצט אויף איין אָרט, און ווייניג וועג איינ־געלאָפען.

נאָר אָט האָט דאָס אָפענע פעלד א וואונק געטאָן צו אים, און דאָס ווינטעל האָט צוגעטראָגען צו זיין נאָז דעם ריח פון פרישע גראָז, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פּאַשע, אָן דער קרעניצע מיט קאַלטען, פרישען וואַסער, וואָס האָט געוואַרט אויף אים אויף דער לאָנקע אין דער היים. האָט ער פרייליך א הירזשע געטאָן, אויס־געגאָסען דעם שטויב פון נאָז, אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אויפגע־טרייסעלט די גריווע, א פּאָר מאָל א צי געטאָן די מאָרדע פאַר־אויס, צו זען צי די באַלעבאָסטע גיט אים פרייע לייצעס, און דער־

פילענדיג, אז ער איז פריי, האט ער אויפגעהערט צוווארפען דעם הינטען, גענומען שטעלען פיס, און געמאכט וועג. און וואס נעענטער ער איז געקומען אהיים, אלץ לייכטער איז אים געווארען דאס הארץ, און אלץ גרינגער דער גאנג.

ניט אזוי זיין באלעבאסטע. זי האט געלאזט גיין איר פערדעל ווי ער וויל, און אליין זיך אפגעגעבען מיט אירע געדאנקען. וואס נעענטער זי איז געקומען אהיים, אלץ שווערער איז איר געווארען דאס הארץ. היינט איז עס געווען באזונדער שווער.

יעדען מאל, וואס זי איז געפארען צוריק צו איר פארם, צו איר קראנקען מאן, צו איר שווערער פראצע, און צו איר איינזאמקייט, האט זי געטראכט דיזעלביגע מחשבות: איר לעבען איז א פארלארענער, עס איז ניטא מער פאר איר קיין האפנונג, זי וועט זיך מוזען מוטשען אט אזוי ביז׳ן קבר אריין.

מיידעלווייז האט זי געטראכט און געטרוימט פון א רייכען מאן, פון א שיינער היים, און פון א לעבען פול מיט לוקסוס און פארגעניגען. אבער ווען זי האט זיך גענומען צוקוקען צו די יונגע לייט, וועלכע האבען זיך ארומגעדרייט ארום איר, האט זי אויסגעפונען, אז די מעגליכקייטען פאר אזא לעבען פון וועלכען זי האט געטרוימט, זיינען גאנץ קליינע. האט זי קאקעטירט מיט די פארליבטע בחורים און ניט געאיילט זיך חתונה צו האבען.

א פאר יאר זיינען אבער שנעל אוועק. אלנא האט זיך ארומגעזען, אז זי מוז אויסקלייבען איינעם פון אירע באקאנטע יונגע לייט. וועלכען?

געליבט האט זי קיינעם ניט. צוויי יונגע לייט, פישביין און בלומשטיין, זיינען איר אבער געווען נעענטער צום הארצען, ווי די איבעריגע. האט זי זיך אמאל צוגעלאזען צו איינעם, אמאל צום אנדערען, א לאנגע צייט ניט געקענט אנטשיידען, און צום סוף געווארען א כלה פאר בלומשטיינ׳ען. באלד האבען זיי זיך גענומען גרייטען צו זייער חתונה.

נאר פלוצלונג האט זי דערהערט די טרויעריגע נייס, אז פישביין איז קראנק. פון יענער מינוט אן האט זיך עפעס גערירט אין איר הארצען. זי האט אויף אים שטארק רחמנות געהאט. זיי זיינען

אזוי לאנג געווען נאָענט. וויפיל האָט געפעלט, אז זי זאָל זיין כלה ווערען? און איצט גייט זי חתונה האָבען מיט אן אנדערען, וועט זיין גליקליך, און ער?...

זי האָט אפט געטראכט דערפון. וואָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט איצטער געווען זיין כלה? וואָלט זי זיך אפגעזאָגט פון אים צוליב זיין קראנקהייט? וואָלט זי ניט געטאָן איר פליכט? דער געדאנק האָט זי ניט אפגעלאָזען. ווען ער וואָלט געהאט לעבען זיך די האנט פון א געטרייער פרוי, וואָס זאָל אויף אים גוט אויפפאַסען, האָט זי געטראכט, וואָלט ער נאָך אפשר געזונט געוואָרען. נאָר ער האָט קיינעם ניט געהאט, ניט קיין ווייב, ניט קיין שוועסטער, ניט קיין פריינדין. און וועלכע מיידעל וועט דאָס וועלען מיט אים חתונה האָבען איצט? עס קאָן זיין, אז ווען זי וואָלט אים אזוי לאנג ניט אפגעצויגען מיט אירע האלבע פארשפרעכונגען, וואָלט ער איצט שוין לאנג געווען פארהייראט פאר אן אנדערער. ווייל ער האָט אויף איר געהאָפט, איז ער געבליבען אליין. און ווער וואָלט אים נאָך געקאָנט זיין אזוי געטריי און איבערגעגעבען ווי זי? און ווער וואָלט נאָך געקאָנט האָבען אזא איינפלוס אויף איהם ווי זי? וואָס קאָן זי טאָן פאר אים איצט? אָה, ווען זי וואָלט געהאט דעם מוט!...

און איבערראשט אליין, האָט זי זיך גענומען צוהערען ווי פון ערגעץ שלאָגט ארויס אין איר, א באהאלטענע ענערגיע, און פליסט און רוישט אין אירע אלע מוסקולען. יאָ, יאָ, זי וועט דאָס טאָן!

זי האָט געטראכט און געטראכט, און ניט געקאָנט אפרייסען איר הארץ פון דעם. ביסלאכווייז האָט דער געדאנק גענומען שיקען א ציטער נאָך א ציטער דורך איר בלוט, א ציטער פון פרייד און באגייסטערונג. עס האָט אָנגעצונדען איר פאנטאזיע. עס האָט געוועקט און גערעגט איר נשמה. צום ערשטען מאָל אין איר לעבען האָט זי געפילט דעם וואונדערליכען רייץ פון אן איידעלער טאָט. זי האָט זיך גענומען שעמען מיט איר איינענעם גליק, מיט איר אומפאראנטוואָרטליכען לעבען. צו וואָס דארף ער זי, יענער געזונטער מענש? וואָס וועט זי טאָן ביי אים?...

איינמאָל, ווען זי איז אים געקומען באזוכען, און געזען זיין

הילפלאָזען, צעבראָכענעם לעבען, אַז זי געוואָרען געריהרט ביז טרערען. זי האָט איהם באַטראַכט מיט אָנגעצונדענע אויגען. זי האָט געזעהן, ווי איהר שמייכעל, איהר ווייך וואָרט לינדערט זיין שמערץ, ווי איהר קער און ריהר אַרום איהם פרישט אָפּ זיין געלען, טרוקענעם פּנים, און זי האָט דערפיהלט אַ גרויסע ליבע, אַן אומענדליכען קוואַל פון געטריישאַפט און איבערגעבענקייט, צו אַט דעם עלענדען, שוואַכען מענשען, וואָס דאַרף אַזוי איהר לעבען און ענערגיע.

זי איז געווען פון יענע נאַטורען, וואָס גיבען זיך אָפּ אינגאַנצען צו איין געפיהל, מיט'ן גאַנצען האַרצען, מיט דער גאַנצער נשמה, מיט דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. איהר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז זי האָט טאַקע פּישביין'ען די גאַנצע צייט ליב געהאַט, אַז זי האָט גאָר קיינמאָל קיין אַנדערען ניט געוואָלט, קיין אַנדערען ניט געליבט, און וועט קיין אַנדערען מעהר ניט קענען ליבען. עס האָט זיך אָנגעצונדען אַ פיבער אין איהרע ביינער, און זי האָט ניט געקאָנט רוהען ביז זי איז געוואָרען זיין פרוי.

דאָקטוירים האָבען איהר געהייסען באַזעצען זיך מיט איהם אויפ'ן לאַנד, ערגעץ אין אַ טרוקענעם קלימאַט. אַביסעל געלט האָבען זיי געהאַט, אַביסעל געלט האָבען זיי געליהען, זי האָט אויספאַרקויפט אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט, געבליבען כמעט נאַקעט, אַביסעל געבאָרגט אויף'ן אויסצאָלען, און מיט שווערער מיה געקויפט די פאַרם, וואָס זיי האָבען איצט, און זיך דאָרט באַזעצט. און דאָרט זיצען זיי שוין דרייצען יאָהר.

זי איז געווען יונג, פול מיט מוט און ענערגיע, האָט זי זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר קיין זאַך, ניט פאַר שווערער אַרבייט, ניט פאַר איינזאַמקייט, אַבי איהם צו העלפען.

און אַפילו שפּעטער, ווען די ליכטיגע האָפנונגען האָבען זיך גענומען אויסלעשען, ווען זי האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז טראָץ איהר מיה, טראָץ איהר געטרייער, איבערגעבענער וואַכזאַמקייט, טראָץ איהר זאָרג און איהר פליים, האָט ער זיך ניט געבעסערט, האָט זי נאָך אַלץ ניט פאַרצווייפעלט. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט איבער די כחות, אַבי ער זאָל כאָטש לעבען, ער זאָל כאָטש ציהען זיינע יאָהרען.

און דאָס איז איר געלונגען. זיין לעבען, כאָטש עס ברענט ווי א שוואך ליכטעל, קאָן זיך נאָך ציען און ציען. און זי וועט שוין זאָרגען דערפאר!

זי האָט געזיגט. אָבער וואָס איז געוואָרען פון איר? זי האָט א י ם אוועקגעגעבען אירע בעסטע, יונגע יאָרען. אָבער זי וויל גאָרניט טראַכטען פון דעם! אָט אין יענער שעה, ווען זי האָט באַשלאָסען צו ווערען זיין פרוי, האָט זי שוין געוואוסט, וואָס עס קאָן ווערען פון איר. זי האָט געוואוסט, אַז זי גייט זיך מקריב זיין פאַר אים. דאָס איז דאָך געווען דער שרעקליכער, וואונדערליכער רייץ, וואָס האָט זי געקאָנט טרייבען צו ווערען זיין פרוי, און וואָס האָט נאָך איצט אויך די קראַפט געהאט, צו טרייבען זי יעדען פרימאָרגען פון איר געלעגער, א טאָג אָפּצומאַטערען זיך פון זיינטוועגען, אַז ער זאָל האָבען זיין זונליכט, זיין פרישע איי, זיין גלאָז מילך, און די טרוקענע, היילענדיגע בארג לופט.

דרייצען יאָר זיינען שוין אוועק אָט אזוי. דרייצען יאָר, יעדען טאָג שטייט זי אויף באגינען נאָך איידער די זון גייט אויף, און נעמט זיך צו איר שווערער ארבייט, ביז שפּעט ביינאכט פאַלט זי אָן כחות אוועק אויף איר געלעגער.

די יאָרען לויפען. אָבער די טעג זיינען שווערע, לאַנגזאַמע. די כחות האָבען זיך אויסגעשעפּט, די זאַפט פון אירע ביינער האָבען אויסגעטריקענט. עס פאַלט איר שווער די לאַסט. דער גאַנצער יאָך פון פארם פאַלט אויף איר. ער איז צו שוואך איר צו העלפען.

אָבער נאָך מער פון דער שווערער ארבייט מאַטערט זי אויס די איינזאַמקייט. זי קומט אַלע טאָג אין שטעטעל, רעדט מיט מענשען, קומט אין באַרירונג מיט זיי; און דאָס וועקט נאָך מער איר בענקשאַפט. צו זיי אויפ'ן פארם קומט קיינער ניט. זייער שכנ'ס הויז איז מיילען ווייט פון זיי. זיי געפינען זיך אַליין צווישע הימעל און ערד, ווי זיי וואָלטען געווען פארוואָרפען ערגעץ אויף א ווייספּע.

און ער, דער מענש, מיט וועלכען זי האָט יאָרען אָפּגעלעבט,

פאר ווערמען זי האט איר לעבען אוועקגעגעבען, ער איז איר דאכט זיך אזוי נאענט, און דאך ווי פרעמד! ווי פרעמד!

ער איז געווען פון א נידעריגען וואוקס, מיט קליינע, מילדע געזיכטציגען. און איצט, צוליב זיין קראנקהייט, איז זיין פיגור אפגעצערט און איינגעטריקענט געווארען. זיין פנים איז געווארען קלענער, איידעלער, צארטער, און דאכט זיך אינגער, — טראץ די גרויע האר, וואס האבען זיך באוויזען ארום זיינע שלייפען. זיינע רואיגע, פריינטליכע אויגען האבען זיך איצט פארצויגען מיט א דינעם נעבעל פון טרויער, דורך וועלכען עס האט דורכגעלויכטען, און זיך דורכגעמישט, א גוטער שמייכעל, און אין זיין בליק איז געלעגען עפעס הכנעה'דיגס און נאאיוועס, וואס האט געוועקט מיטלייד. ווייט פון מענשען און פון זייער לויב און לוין, טראכטענדיג שטענדיג פון זיין נאענטען סוף, האט ער ניט געהאט קיין שום אמביציעס. זיין אינווענינגסטער דראנג האט זיך איינגעשטילט. זיין לעבען איז געפלאסען רואיג, שטיל, אן אויפרעגונג און אן רעש, און די אינווענינגסטע מנוחה האט דורכזיכטיג געשיינט אין זיין פנים. צו דערצו, פארברענגענדיג זיינע לאנגע, מאנאטאנע טעג אין זיצען און קוקען און חבר'ען זיך מיט דער נאטור, האט זיך אויף זיין פנים געשפיגעלט די ריינקייט און פארטראכטקייט פון הימעל, פון די בלויע שפיצען בערג און ווייטע פערספעקטען. דאס אלץ האט געגעבען זיין געזיכט אן אומשולדיגען, איבערערדישען חן. אבער עס האט געווייעט מיט פרעמדקייט און קאלטקייט פון אים. ער האט שטענדיג געשוויגען. און דער בלאסער שמייכעל אויף זיינע ליפען האט ווי געבעטען פארצייאונג פאר זיין פארטראגענקייט. נאר ווען ער האט גערעדט, איז זיין שטימע געווען פארפיעסטשעט, און עפעס קרענקליכעס האט זיך געהערט אין זיינע רייד, וואס האט געמאכט צו טראכטען פון אים ווי פון א שוואכען אינגעל. זיין שטענדיגע הילפלאזיגקייט, זיין שוואכקייט און שטילקייט, זיין קלאגען און פיעסטשען זיך, האט געוועקט אין איר שוועסטערליכע געפילען. און ווען ער האט זיך גע'כעס'ט אמאל און געבייזערט זיך, האט זי דאך געוואוסט, אז זיין כעס איז אן אומבאהאלפענער, אז זיין ברוגז איז א קאפריז, האט זי געזוכט אים

צו בארואיגען, איינצושטילען. זי איז שטענדיג געקומען צו אים מיט א שמייכעל, געדעדט צו אים לאשטשענדיג, האָט קיינמאָל ניט געוויזען פאר אים קיין טרויעריגע מינע, קיינמאָל קיין זיפץ ניט געלאָזט פאלען. זי האָט אים איינגעהילט מיט מיטלייד, מיט גוטסקייט, מיט צערטליכקייט, — אָבער איר הארץ איז געווע־ עלענד און אליין.

זי האָט קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאט אויף דאָס וואָס זי האָט געטאָן. זי האָט געוואוסט, אז זי האָט אזוי געדארפט טאָן. און זי האָט ליב געהאט אירע פארשוואונדענע טעג: זיי זיינען פאר איר געווען הייליג ווי זיינע און אירע ליידען. אָבער ווי אָפט האָט זי זיך געכאפּט ביי געדאנקען וועגען אן אנדער לעבען, ווי אָפט האָט זי געטראכט פון א הויז פול מיט פרייליכע קינדער־ שטימען, פון א הויז פול מיט געלעכטער און פרייד, פון א הויז, וואו זי איז די שוואכע, די געצערטעלטע, וואו אלץ ווארט גרייט און פארטיג פון אירטוועגען, וואו זי וואָלט געקאָנט אוועקלייגען איר מידען קאָפּ און רוען, רוען, רוען!

זי האָט זיך ניט געקאָנט העלפען. פאנטאזיעס זיינען געקומען אליין. און וואָס פאר א ווייטאָג זיי האָבען געבראַכט מיט זיך! בייטאָג איז געווען נאָך ווי עס איז, זי איז געווען פארנומען מיט איר ארבייט. אָבער ווי נאָר עס פלעגט צופאלען די נאכט מיט איר איינזאמקייט, די טיפע זומער־נאכט מיט איר שטילקייט, ווען אי־ בער'ן קאָפּ ציט זיך דער אויסגעשטערנטער הימעל אין אומענד־ ליכקייט, און אויף דער ערד ווערט שאָטענדיג און אומעטיג, ווען אלץ ווערט קלענער, צוזאמענגעדריקטער, און דאָס הארץ איינזא־ מער, דאן פלעגט א מאָדנע אומרו ארומכאפּען איר נשמה. זי פלעגט זיך ווארפען א מידע אויף איר בעטעל, נאָר איינשלאָפען האָט זי ניט געקאָנט. מיט אויפגעריסענע אויגען, מיט א צע־ פלאמטען פנים, מיט צעשפרייטע הענט, מיט א נאָגענדיגען ווייטאָג אין הארצען, פלעגט זי זיך קייקלען אויף איר געלעגער אין הילפלאָ־ זען יאוש. מאָדנע געדאנקען האָבען זי געמוטשעט. דורך איר קאָפּ האָבען זיך געצויגען הייסע, צעשוואומענע פאנטאזיעס און זי געררייצט מיט ווילדע בילדער. פון די טיפע העמערלאך פון איר

ליב האָט זיך געריסען אַ בענקשאַפט. איר האָט זיך געוואָלט אַנט־לויפען פון זיך אַליין, לויפען ערגעץ אין דער פרעמד, אין דער ווייט. דאַכט זיך, אַז אימיצער וואַרט אויף איר, רופט זי. פּלוצלונג פלעגט זי זיך אויפהויבען פון געלעגער, אַרויסגיין אין דרויסען, גיין מיט די באָרוועסע פיס אין נאַסען גראָז, בלייבען שטיין אין דעם נאַכטיגען פעלד, און איר האַרץ פלעגט קלאַפּען, קלאַפּען. איז דאָס געווען שרעק? איז דאָס געווען דערוואַרטונג?

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פלעגט זי אַריינגיין צוריק אין הויז. אויף די שפּיץ פינגער פלעגט זי צוגיין צו איר מאַנ'ס בעט, שטיין אַ ווײַלע, איינקוקען זיך אין זיין בלאַסען, קינדערשען פּנים, הערען זיין שוואַך אָטעמען, און אוועקגיין צוריק אויף איר בעטעל אַ פאַר־שעמטע, אַן אָרימע.

אויף מאָרגען פרי פלעגט זי אויפשטיין אַ מידע, אַ צעבראָ־כענע, אין אַ קאַלטען, קלעפּיגען שוויים, מיט אַ פיבער אין אירע ביינער. זי איז אָפּגעצערט געוואָ ען. אונטער די אויגען האָבען זיך געוויזען בלויע רעדער. די אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אַן אומפאַריינטליכען פייערעל. זי האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען, אַז זי ווערט קראַנק. אפשר איז זי אַרויף אויף זיין וועג?... און זי האָט פאַר זיך געשמייכעלט מיט אַ ביטערען, שטעבעדיגען שמייכעל.

איינמאָל, אין אַ שעה פון אומטרעגליכען אומעט, פון עלענד און בענקשאַפט, ווען איר נשמה האָט געבלוטעט אין איר, האָט זי זיך געזעצט און אָנגעשריבען אַ בריוו צו איר אמאָליגען חתן, צו בלומשטיינ'ען, און געבעטען אים, אַז ער זאָל קומען.

אויף מאָרגען איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ קריישטאָלענער רו אין אַלע גלידער. זי האָט גענומען וואַרטען אויף דעם גאַסט אירען, ווי איינער וואַרט אויף אַ גרויסען גליק. זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט קומען, און זי האָט געוואוסט, וואָס זי וועט טאָן. זי האָט ניט געהאַט קיין חרטה. זי האָט זיך גענומען גרייטען פאַר אים ווי אַ יונגע ווייבעל גרייט זיך פאַר איר מאַן, וואָס איז אַ לאַנגע צייט אין דער היים ניט געווען. די טעג זיינען אַוועק אין טרוימען. זי האָט זיך דערמאָנט אָן יענע טעג, ווען זי איז געווען זיין כלה. און דערווײַלע וואַרטענדיג, זיינען אירע אַלע פאַרשוואונדענע טעג

איר גאַנצע יוגענט, צוריקגעקומען צו איר. זי איז געוואָרען פולער, פרישער און בוויגיגער. איר טראַט איז געוואָרען גרינגער און זאַפטיגער. אירע אויגען האָבען צוריקבאַקומען זייער אַמאָליגען גלאַנץ, איר בלוט — דעם אַמאָליגען פייער. אַ ליידענשאַפטליכע שעמעוודיגקייט האָט גענומען שפּילען אויף איר פּנים, און אָפט איז אַ גליענדיגער פלעק געשטאַנען אין אירע באַקען. זי האָט גענומען קוקען מיט אַ צאַרטען, אַראָפּגעלאָזטען בליק, און שמייכלען מיט ר יץ. אין אירע באַוועגונגען האָט זיך באַוויזען אַ פאַרבאָרגענע תאוה. זי האָט זיך גענומען פוצען, פאָרענדיג אין שטעטעל. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי קוקט נאָך די יונגע, שיינע מענער, וועלכע זי האָט באַגעגענט, און אָפט האָבען מענערישע בליקען געצונדען איר בלוט. זי האָט זיך אַליין געוואונדערט, ווי אָפּגעפרישט איר לעבען איז געוואָרען. איר אַמאָליגע ענערגיע און פלייס איז צוריקגעקומען. די ארבייט איז פאַר איר מער ניט שווער געווען. זי איז געוואָרען בעסער און מילדער. איר קראַנקען מאַן האָט זי באַשאַ־טען מיט צערטליכקייט. זי איז, האַכט זיך, געוואָרען אויף דאָס ניי פאַרליבט אין אים. אפילו די שטומע בהמות האָבען דערפילט, אַז זייער באַלעבאָסטע איז גליקליך.

יעדען טאָג, קומענדיג אין שטאָט איז זי געגאַנגען אויף פּאָסט זוכען אַ בריוו פון אים, און יעדעס מאָל האָט זי געעפענט איר בריוועקעסטעל מיט אַ קלאַפּענדער האַרץ. יעדעס מאָל געפינענדיג אַז עס איז ליידיג האָט זי אַ גאַנצען טאָג ניט געקאָנט אונטער־דריקען איר אַנטוישונג. אָבער זי האָט ניט אויפגעגעבען איר האָפנונג.

און אָט האָט זי איינמאָל געפונען זיין בריוו. אָ, ווי איר האַרץ האָט אַ שפּרונג געטאָן! ווי אַ הונגעריגע האָט זי זיך גע־וואָרפען אויפ׳ן בריוו. זי האָט אים געלייענט, און ניט געוואוסט וואָס זי לייענט, און יעדעס מאָל, דאַכט זיך, געווען אויף דאָס ניי אַנטוישט, און יעדעס מאָל אויף דאָס ניי איבערראַשט. מיט אָנגע־צונדענע אויגען, מיט אַ הונגעריגער האַרץ, האָט זי געשלונגען יעדען וואָרט. ניין, ניט דאָס האָט זי דערוואַרט. און דאָך, שטראָמט די וואַרימקייט פון בריוו, צי פון איר אייגענער האַרץ? זי איז געווען

ווי שכור. געדאַנקען, געפילען, פאַנטאַזיעס, האָבען געשלאָגען אין איר נשמה ווי פון אויפגעפעפענטע ברונימער. א רווישיגע פרייד איז אויפגעשפּרונגען פון ערגעץ וואו, און זיך צעשפּרייט דורך איר בלוט אין אַלע אברים. זי איז ארומגעגאַנגען דעם גאַנצען פרי־מאָרגען פון הויז צו הויז מיט איר מילך־וואָגען, אויסגעטיילט אירע פלעשער מילך, גערעדט מיט אירע קונדען, געשמייכעלט, געלאַכט. אין אמת'ען האָט זי ניט געוואוסט אויף וואָסער וועלט זי געפינט זיך.

נאָר ווען זי האָט זיך געזעצט אויף איר וועגעל צו פאָרען אהיים, און פרינץ האָט זיך געלאָזען אויף דעם גוט באַקאַנטען וועג, איז זי געקומען צו זיך, און פלוצלינג איז איר הארץ שווער און טרויעריג געוואָרען. זי האָט זיך גענומען וואונדערען אויף זיך אליין: פון וואַנען האָט זיך גענומען צו איר אזא שמחה? וואָס האָט פאַסירט?

פלוצלינג האָט זי זיך דערשראָקען פאַר דער גאַנצער געשיכטע. וואָס זאָל זי טאָן מיט'ן בריוו? ווייזען עם אים, איר מאַן? ניין, זי טאָר עס ניט טאָן. ער וועט דעם בריוו ניט פאַרשטיין. גאָט ווייס וואָס פאַר א נאַרישקייטען עס קאָנען אים קומען אין קאָפּ אריין. ער וועט טראַכטען, אז זי האָט זיך פאַר איר פריינט באַקלאָגט אויף איר שווערען מזל, אז עס איז איר שוין נמאס געוואָרען איר שווער לעבען. און דאָס האָט זי דאָך טאַקע געטאָן!... און עס איז דאָך אמת אויך!... ווי אָפּט איז איר דאָס לעבען מיאוס, ווי אָפּט! אָבער ער טאָר ניט וויסען. פאַר אים האָט זי דאָך אַלע מאָל א שמייכעל. ער טאָר ניט פאַרדעכטיגען די אמת'ע לאַגע. און צוליב וואָס האָט זי צו יענעם טאַקע געשריבען? און צוליב וואָס האָט זי אים געבעטען קומען? און פאַרוואָס האָט זי מיט אזויפיל פרייד געוואַרט אויף זיין קומען? מיט וואָס קאָן ער איר לאַגע בייטען? ווי אזוי וועט ער איר לעבען אנדערש מאַכען? טאָ פאַרוואָס איז זי אזוי אויפגערודערט געוואָרען פון זיין קומען? אַך, איר לעבען איז דאָך סיי־ווי א פאַרלאָרענער. זי מוז זיך שוין פּלאָגען אָט אזוי ביז אין קבר אריין.

אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיגען. זי האָט געטראַכט

און געטראַכט. דיזעלביגע געדאַנקען זיינען געקומען ווידער און ווידער. זי האָט באַשלאָסען דעם בריוו איר מאַן ניט צו צייגען. עס איז בעסער פאַר אים, אַז ער זאָל פון גאָרניט וויסען. זי איז געוואוינט געווען צו טאָן זאַכען הינטער זיין רוקען, צו פאַרשפּאָרען אים זאָרג. אָבער איר געוויסען איז ניט געבליבען ריין. זי האָט דאָך געוואוסט, אַז זי איז באַגאַנגען אַ גרויסע זינד קעגען אים מיט איר בריוו, און נאָך מער מיט אירע געדאַנקען. געוויס, אין בריוו צו איר פריינט האָט זי קיין זאַך ניט געשריבען, וואָס זי זאָל זיך דאַרפען אויפוואַרפען. זי איז גאָרניט אויסען געווען מיט איר שרייבען. אָבער זי האָט דאָך געוואוסט, אַז געוויסע געדאַנקען און געוויסע געפילען האָבען זיך טונקעל געמישט אין איר פאַרלאַנג צו שרייבען צו בלומשטיינ׳ען. און איז זי זיכער, אַז די אַנדערע געפילען און געדאַנקען האָבען ניט געפונען קיין אויסדרוק אין איר בריוו? האָט זי ניט געגעבען בלומשטיינ׳ען קיין גרונט פאַר אַלערליי פאַרהדאַכטען? וואָס פאַר אַ שאַנד! וואָס פאַר אַ שאַנד! און פאַרוואָס וואָלט ער אַזוי גיך געקומען?...

און פּלוצלונג האָבען זיך, ווי אַ פאַרשפּאַרטער שטראָם, דורכגעריסען אירע געדאַנקען, און זי פאַרטרונקען מיט ליידענשאַפט.

נו, יאָ!... נו, יאָ!... — האָט זי טריאומפירט איבער זיך אַליין. אין בריוו איז קענטיג, אַז ער האָט זי נאָך ליב, אַז ער האָט זי נאָך ניט פאַרגעסען, אַז ער האָט פאַרשטאַנען אירע אָנצוהערענישען. ער האָט געהערט איר רוף, און ער וועט קומען. זי האָט עס טאַקע געוואָלט. זי האָט אויף דעם געהאָפט. און פון דאַנען האָט זיך גענומען איר פרייד. אָ, ווי גוט עס איז!

ווי לאַנג זיי האָבען זיך שוין ניט געזען! — האָט זי געטראַכט. ווען ער קומט איצט, וואָלט ער זי גאָרניט דערקענט. ער וועט זי געוויס ניט דערקענען. ער טראַכט געוויס, אַז זי איז נאָך יונג און שיין ווי דעמאָלט, ווען זי איז נאָך געווען זיין כלה. דרייצען יאָר שוין אוועק! און וואָס איז געוואָרען פון איר אין דער צייט? ניין, ניין, זי טאָר ניט טראַכטען. אָבער פאַרוואָס טאָר זי ניט טראַכטען? קאָן זי ניט קוקען מיט שטאָלץ אויף אירע פאַרגאַנגענע יאָרען?

אָבער איר אויסזען! — די שוואַרצע קישעלאָך אונטער די אויסגעלאָשענע אויגען, און די אויסגעפאַלענע האָר פון איר מידען קאָפּ, און איר הויט געל מיט פלעקען פון זון און פון ווינט, און אירע רויטע, פאַרגרעבטע הענט, און איר איינגעפאַלענע ברוסט, — מיט וואָס וועט זי זיך פאַר אים ווייזען?

זי האָט זיך דערשראָקען פאַר אירע געדאַנקען. ניין, זיכער, זי האָט אויף אַזוי ווייט ניט געטראַכט ווען זי האָט געשריבען צו אים. זי האָט אים גערופען ווי אַ פריינד.

אָבער וואָס וועט זיין ווען ער וועט קומען? זיי זיינען דאָך אַמאָל געווען אַזוי אינטים. ער האָט זי אַזוי געליבט. מאַנכעס מאָל כאַפּט זי זיך נאָך איצטער אויך אויף מיט זייז הייסען אָטעם אויף איר בוזים. האָט ער דאָס פאַרגעסען? זי האָט געהערט, אַז ער האָט אַ שיין ווייב. און פונדעסטוועגען קומט ער צו איר ביים ערשטען רוף.

אָבער גאָט, גאָט, וואָס פאַר אַ נאַרישע זאַכען עס קריכען איר אין קאָפּ אַריין! קאָן זי דען ווירקליך ניט פאַרטרייבען פון זיך אַ פּאָר זינלאָזע פאַנטאַזיעס? וועט זי איצט מיט איינמאָל פאַר־ניכטען דאָס וואָס זי האָט אַזוי שווער געבויט דורך לאַנגע יאָרען? ניין, זי מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין. זי האָט אַזוי פיל אַר־בייט צו טאָן! זי קאָן זיך ניט ערלויבען צו פאַרשווענדען צייט אויף פּוסטע מחשבות. זי האָט אַזויפיל אַרבייט!...

---

אָלגאַ האָט געהאָפּט, אַז ווען זי וועט קומען אַהיים, ווען זי וועט טאָן איר געוואוינטע אַרבייט, און האָבען אונטער איר אויג אַלץ וואָס איז אויסגעוואַקסען אונטער אירע הענט, ווען זי וועט זיין לעבען איר מאַן פאַר וועמען זי האָט אַזויפיל געטאָן, וועט איר האַרץ רואיג ווערען, און אירע געדאַנקען וועלען ווערען קלאָר און היימיש. דער רושם פון דעם בריוו וועט ביסלאַכווייז פאַרגיין און אַלץ וועט ווייטער זיין ווי געווען. איר פריערדיג, שווער לעבען האָט פאַר איר איצטער געהאַט דעם רייץ פון רו און פרידען.

אָבער זי האָט שוין מער קיין רו און קיין פרידען ניט געקאָנט געפינען. דער פיבער, אין וועלכען דער בריוו האָט זי אריינגעוואָרפען, האָט זי מער ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך האסטיג געוואָרפען פון איין ארבייט צו דער צווייטער. זי האָט געפונען א סך זאכען, וואָס זי האָט פארנאכלעסיגט, א סך ניט פארענדיגט, און א סך ניט אָנגעפאנגען. אין די פיבערדיגע טעג, וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט, האָט זי געמאכט טויזענט נייע פּלענער, ווי אזוי צו פארגרעסערען די פארם, ווי אזוי אויסצובעסערען די וואסערלייטונג אויף די פעלדער, ווי אזוי צו פארשפרייטען איר מילך געשעפט. זי האָט אויסגעפונען, אז דער דאך פון הויז רינט, און זי האָט עס געלאָזען פארריכטען. דאן האָט זיך אנטדעקט, אז די עפּעל־בוימער דארפען ארומגעשניטען ווערען, און זי האָט זיך גענומען צו דעם. זי האָט פארקויפט עטליכע אלטע קי און געקויפט נייע. זי האָט פלוצלונג אויסגעפונען, אז איר ארבייטער, א פּוילישער פויער, איז א גרויסער פוילער, אז פרינץ איז שוין צו אלט, אז די קי זיינען פארלאָזען, אז דאָס היי איז היי־יאָר ניט געראָטען, אז די טירען עפענען זיך ניט גוט, אז דער אויווען ברענט ניט, די האק האקט ניט, זי איז מיט קיין זאך ניט געווען צופרידען. זי האָט ניט גערוט, זי איז א מינוט ליידיג ניט געזעסען.

אָבער אין דער אמת'ען איז זי געווען דערשעפּט און תמיד זיך געפילט מיד ביז טויט. יעדער טראָט איז איר געווען איבעריג. איז זי געשטאנען, האָט זי געוואָלט זיצען. האָט זי זיך געזעצט, האָט זי געוואָלט שטיין. זי האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. און דורך דער גאנצער צייט, דורך איר האָווען און פליען, האָט זי אלע מאָל געהערט ווי א פליג וואָלט איר אין אויער געזשומעט: דו ווייסט דאָך, אז דאָס איז דיר אלץ ניט צום הארצען, אז דאָס איז דיר אלץ איבעריג, אז דו האָסט, דו האָסט אלץ, די גאנצע וועלט און נאָך מער זיך אליין. און פון זיך אליין וועסטו ניט אנטלויפען!

אָט דער צווייפעל אין אירע אייגענע כחות איז געווען פאר איר דאָס ערגסטע. זי האָט אלעמאָל געגלויבט אין איר שטארקען ווילען, אין איר ענערגיע.

איצטער איז זי געווען הילפלאָז. זי האָט זיך אליין פאר־

ראטען. זי האָט ניט דערקענט אירע אייגענע געדאנקען, אירע אייגענע געפילען. זי האָט געטראכט, וואָס זי האָט ניט געוואָלט, און געפילט וואָס זי האָט ניט געדארפט. עפּעס איז דער גאנצער געבוי פון איר לעבען לויז געוואָרען.

און אָט איז ער געקומען. אַלגא האָט אים באגעגענט אויפ׳ן וואָקזאַל. זי האָט אים קוים דערקענט. ער האָט זיך איינגאנצען געביטען. זי אַמוועניגסטענס, האָט דערוואַרט אַן אנדערען. שוין ביים ערשטען אַנבליק, וואָס זי האָט געוואָרפען אויף אים, איז איר הארץ געזונקען. וואָס האָט זי צו טאָן אָט מיט דעם פרעמדען, זאטען, צופרידענעם מענשען? ער איז, דאכט זיך, נידעריגער גע־וואָרען. ער האָט אָנגעקליבען א שווערען קערפּער. זיין ברייט פּנים איז געוואָרען צעגאָסען. זיינע קליינע אויגען זיינען פארזונ־קען געוואָרען אין זיינע פולע, פעטע באקען. זיין נאָז איז געווען לאנג און פליישיג. זיין מויל פול מיט גאָלדענע ציין. זיינע קורץ געשאָרענע האָר זיינען געווען שיטער און גרוי. ער האָט זיך גערירט פויל און אָפּגעלאָזען. ווען זי האָט געהאלטען זיין גרויסע, שווערע, ווארימע, שווייסיגע האנט אין אירער, האָט זי געפילט אַן עקעל צו אים. זיין געלעכטעריל האָט זי אויפגערייצט. זי האָט געפילט ווי אָנצופאנגען צו שרייען. זי איז געווען אומגליקליך און פארצווייפעלט. זי האָט געפילט, אז דער מענש איז איר ווייט, פרעמד, אָפּ־שטויסענד. זי האָט מורא געהאט פאר זיינע בליקען. זי האָט געוואָלט פארפירען א געשפרעך מיט אים, און ניט געקאָנט. און איר שוויינען האָט זי באליידיגט, באשמוצט. זי האָט זיך גע־פילט ווי א שולדיגע, ווי א פארקויפטע. זי האָט זיך געמאטערט אויפצולעבען אין זיך אַן אינטערעס צו אים, ווי צו א פריינט, און זי האָט ניט געקאָנט. זיין געשפרעך האָט זיך ניט געקלעפּט און איר ניט אינטערעסירט. זיין אָפּטער, נארישער לאכען האָט זי געמוטשעט. ווען זי קאָן נאָר אנטלויפען פון אים!

זי האָט אים געמוזט דערקלערען, אז אהיים צו זיך קאָן זי אים ניט נעמען. זי האָט דאָך איר מאן פון גאָרנישט ניט דער־ציילט. זי מוז אים איבערלאָזען אין האָטעל דערווייל. ער איז ניט געווען איבערראשט, און דאָס האָט זי דערשלאָגען. זי האָט

זיך געפּלאָנטערט אין אירע אייגענע רייד, און איז רויט געוואָרען ביי יעדען וואָרט, און געליטען פון איר שאנד, פון איר גרויסער, ברענענדיגער שאנד!

ווען זי איז געקומען אהיים, איז זי ארומגעגאנגען א דער־שלאָגענע, א דערשטיקטע. זי האָט ניט געקאָנט עסען, און ניט גע־קאָנט טרינקען. זי האָט געהאט א קאָפּווייטאָג און פיבער. עפּעס האָט איר געשטיקט אין האלז. פון אירע אויגען האָבען גערונען טרערען, קאלטע, קלעפּיגע טרערען. זי האָט זיך פארקליבען אין א ווינקעל און געוויינט.

זי האָט אָפּגעוויינט א גאנצען טאָג. ביינאכט ווען איר מאן איז איינגעשלאָפען, האָט זי געבאָדען אירע אויגען אין קאלטען וואסער, איינגעוואשען זיך, פארפּוצט זיך, אָנגעטאָן אירע בעסטע קליידער, ארויסגע׳גנב׳עט זיך פון הויז, און איז אוועק צו בלומ־שטיינ׳ען אין האָטעל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט שוין אָנגעפאנגען צו טאָגען ווען זי איז געגאנגען צוריק. זי איז געווען שוואך און קוים געקאָנט גיין גלייך. אירע אויגען זיינען געווען בלינד מיט א פּוסטען, לעבענסלאָזען בליק. זי האָט ניט געטראכט, ניט געפילט. זי איז געווען דערשלאָגען.

ארויפגייענדיג אויף דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו איר הויז־טיר, איז זי שיר ניט אומגעפאלען. ביי אירע פיס איז געלעגען א טויטער קערפּער. זי האָט זיך איינגעבויגען און דערזען איר מאן. ארום זיין מויל, און אין דעם זאמד ארום, האָט זיך געשלענגעלט א שטראָם פארטריקענטע בלוט.

# זיין פרויס טויט

בערגער'ן האָט געטראָפען אן אומגליק: זיין פרוי איז פלוצלונג געשטאָרבען.

דריי טעג איז זי קראַנק געווען אויף דער שפאַנישער אינפלוענציע און איז געשטאָרבען. בערגער האָט זיך נאָך גאָרניט ארומגעזען, וואָס עס איז געשען. די דריי טעג זיינען פארלאָפען אין טומעל, אין איילעניש מיט דאָקטוירים, נוירסעס, רעצעפטען, מעדיצין, פריינט, באקאנטע, הו־האַ. ער האָט ניט גערוט און ניט געהאַט קיין צייט צו טראכטען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר. אים איז אויפ'ן זינען ניט געקומען, אז זי קאָן שטארבען. אַט ערשט א פרישע, א געזונטע. עט, עס איז א קלייניגקייט, עס וועט באלד פאָריבער! אָבער ער מוז אלעס טאָן, וואָס נאָר מעגלאך. און ער האָט אלעס געטאָן אימפולסיוו, כמעט אינסטינקטיוו, ווי אימיצער וואָלט אים כסדר געהייסען: אָט דאָס טו איצט, אָט דאָס דארף מען טאָן איצט.

און אָט איז זי שוין טויט.

איצט קאָן ער באטראכטען זיין היזק. זיין פליכט האָט ער דערליידיגט. מער קאָן ער שוין פאר איר גאָרנישט טאָן. אָט ליגט זי שוין א צוגעגרייטע, א פארטיגע אין אָרון. דער קבר איז שוין באשטעלט. מאָרגען פרי פירט מען זי אוועק אהין, וואו מען דארף שוין מער קיין זאַך ניט. און איצט, אז זיינע פריינט זיינען זיך צעגאנגען און אים געלאָזען אליין, איצט קאָן ער זיך ארומזען, וואָס ער האָט פארלאָרען. ווי שטייט זיין רעכנונג?

קיין שטארקען ווייטאָג האָט ער ניט געפילט. דאָס האָט ער שוין באמערקט, ווען די נוירס האָט אים אָנגעזאָגט, אז זי איז טויט. ער האָט זיך געפילט אביסעל אנטוישט, ווי איינער, וואָס האָט געהאַט א דורכפאל אין א געשעפט, אין וועלכען ער איז געווען פאראינטערעסירט. איז זי פאָרט געשטאָרבען? און די גאנצע מי איז ארויסגעוואָרפען? דער ביסעל טרויער, וואָס האָט

זיך באוויזען אויפ'ן דעק פון זיין נשמה איז געווען ניט מער, ווי דער אלגעמיינער טרויער, וואס איינער פילט אין דער אנוועזענ־הייט פון טויט. און דערצו איז געווען צוגעמישט אביסעל רחמנות אויף איר. געשטארבען פלוצלונג, און נאך גאר א יונגע!

אזוי האט ער געפילט. אזוי וואלט ער געפילט, ווען אימיצער וואלט אים דערציילט פון א באקאנטען, וואס איז געשטארבען. אבער וואו איז יענער געפיל פון צער און פערזענליכען פארלוסט. וואס איינער דארף פילען, ווען זיין נאענטער פריינט שטארבט פלוצלונג? וואו איז דער געוואלדיגער וויי און פארצווייפלונג וואס ער האט פיל מאל געזען אויף די פנים'ער פון די אבלים? דאס וועט נאך מסתמא שפעטער קומען, האט ער געטראכט, און געווארט אויף דעם. עס מוז דאך קומען.

אבער עס איז ניט געקומען.

און וואס וועט איצט זיין? וואס וועט געשען מיט אים? וואס וועט ער טאן מיט זיין פרייהייט?

אך, כאפט דאס דער טייפעל! ווי לאנג האט ער שוין גע־ווארט אויף דעם? וויפיל מאל האט ער זיך געוואונשען פטור צו ווערען פון איר?

ס'האט אים געטראפען אן אומגליק ווען ער האט חתונה גע־האט. איין מאל ארייגעפאלען, און ער וועט שוין דעם גאנצען לעבען מוזען אפקומען. אריינגעקראכען אין א זומפ, אין וועלכען ער וועט מוזען שטעקען זיין גאנצען לעבען, סיידען —

און אט איז זי טויט!

וויפיל מאל האט ער געטראכט, ווי אזוי דערלייזט צו ווערען פון איר? אבער אלע מאל פלעגט ער קומען צום שלום, אז בלייבען מוז עס שוין אזוי. קיין קינדער האבען זיי ניט געהאט, און זי איז נאך געווען יונג און שיין. אביסעל געלט וואלט ער איר אויך געגעבען, — אבער איר איז גאר קיינמאל ניט אייגעפאלען צו וועלען זיך שיידען פון אים. אז ער זאל זי אוועקוואַרפען, דאס האט ער ביי זיך ניט געקאנט רעכט מאכען. ער האט אויף איר רחמנות געהאט. ער האט ניט געוואוסט צו זי האט אים ליב. נאר ווען זי ליבט אים אפילו, איז עס אויך ניט געגאנגען אום דעם.

זי וואָלט אים שנעל פאַרגעסען. באַלד וואָלט אַרויסגעפּויזשט אין איר בוזים אַ קליינער, נאַרישער פאַרלאַנג, און זי וואָלט גע־זוכט דעם פאַרלאַנג צו זעטיגען. זי וואָלט זיך אַרויסגערוקט פון באַהעלטעניש. דאַן וואָלט געקומען נאָך אַ קליינער פאַרלאַנג, און נאָך איינער, און אַזוי וואָלט זי זיך אומגעקערט צוריק צום לעבען. עס קאָן זיין, אַז איר אומגליק וואָלט געוועזן גאָרניט אַזוי גרויס, געוויס ניט אויף לאַנג. אָבער דערווייל וואָלט עס געוועזן פאַר איר אַ שווערער קלאַפּ. און דערצו איז זי נאָך אַזאַ סענזיטיווע. אירע פריינט וואָלטען געקוקט אויף איר מיט רחמנות, און צו דערזעלבער צייט מיט נקמה, צוויי געפילען, וואָס זי האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגען. אירע פריינט האָבען איר געוואָרענט פון אים. זיי האָבען איר געסטראַשעט, אַז ער איז אַ שלעכטער, אַז דער סוף וועט זיין ניט קיין גוטער פאַר איר. זי האָט זיי פאַר־געוואָרפען, אַז זיי פאַרגינען ניט איר גליק, און דערפאַר ריידען זיי אַזוי פון אים. און אָט האָט ער זי אַוועקגעוואָרפען! אַז ער ליבט זי ניט, האָט זי געוואוסט. דאָס האָט ער פון איר ניט באַ־האַלטען. אָבער מאַן און ווייב, גוטע פריינט, זיינען זיי דאָך געוועזן, און טריי איז ער געוועזן צו איר. יעדענפאַלס, זי האָט אים געטרויט. און פּלוצלונג — ניין, ער האָט ניט געהאַט דעם מוט זי אַוועקצו־וואַרפען. צום גוטען, צי צום שלעכטען, זי האָט דאָך אים אוועק־געגעבען איר לעבען. זי האָט דאָך פאַרבונדען מיט אים אירע טרוי־מען און האָפנונגען. עס וואָלט זיכער ניט געוועזן ערליך פון זיין זייט. און וואָס וואָלטען זיינע פריינט געדענקט פון אים? אים האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז זיי פאַרדעכטיגען אים אין אַלעם בייזעם. ער האָט געטראַכט, אַז שטילערהייט האָבען זיי אַלע דערוואַרט פון אים, אַז ער זאָל אָפּטאָן אָט טאַקע אַזאַ שטיקעל אַרבייט. ער, דער איינציגער צווישען זיי, וואָס האָט ניט געהייראַט מיט זיין פרוי, ניט נאָכ'ן רעליגיעזען דין, און ניט נאָך די ציווילע געזעצען. וואָל־טען זיי ניט אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז דער רעזולטאַט פון זיין פריי־זין? זיי וואָלטען אַלע געזאָגט, אַז ער האָט דאָס פריער פאַר־טראַכט, אַז ער האָט פריער געוואוסט, אַז ער וועט אַזוי טאָן. און ער האָט זי פשוט פאַרפירט. זיי וואָלטען אים מקנא געוועזן,

ראָך וואָלטען זיי אים געטאדעלט. און זי? ווער ווייס, אפשר וואָלט זי אים אויך באשולדיגט אין דאָסזעלבע? און איז ער טאקע אזא, אויף וועלכען א פרוי קאָן זיך ניט אָנטרויען? ווער האנדלען, ווי עס האנדלען די אלע אומפאראנטוואָרטליכע יונגע לייט? ניין! ניט זיין געוויסען האָט דאָס אים דערלויבט, און ניט זיין אייגענליבע.

טו ווי קאָן עס פאָרט געשעהן?

ניט איינמאָל האָט עס געטראָפען, אז ווען זי פלעגט אוועקגיין פון הויז און זיך פארזאמען לענגער, ווי ער האָט דערהווארט, פלעגט ער נעמען טראכטען, אז אן עקסידענט האָט ערגעץ פאסירט, און זי וועט מער ניט קומען צו אים. ווי גוט עס וואָלט געווען! ער וואָלט דאָך ניט געווען פאראנטוואָרטליך. יאָ, עס וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג. און כמעט אנטוישט פלעגט ער ווערען דערהערענדיג אירע טריט, אז זי קומט צוריק.

און אָט איז עס געשעהן. אָט ליגט זי טויט. ער איז מיטאמאָל פריי געוואָרען. ווי אומגעריכט שנעל. און ער איז ניט שולדיג אין דעם. ער האָט דאָך געטאָן אלעס מעגליכעס, אז זי זאָל געזונט ווערען. זיין געוויסען איז ריין. און אָט איז ער פריי!

ער האָט זיך גענומען רייבען די הענט מיט שמחה. ער איז פריי. בעסער ווי געוואונשען. אזוי גיך.

און איצט פאנגט זיך פאר אים אָן א נייער לעבען. פטור געוואָרען פון א צרה. — אָרימע לילי! האָסטו זיך כאָטש איינמאָל פאָרגעשטעלט, אז דיין מאן וועט רייבען די הענט מיט פרייד ביי דיין טויטען קערפער? אָבער פאָרט, ער איז פריי. און ער האָט גענומען טראכטען וועגען זיינע נייע מעגליכקייטען. יעדע פרוי, יעדע מיידעל, וועלכע ער האָט ווען נאָר באגעגענט האָט אים גערופען צו זיך. יעדע נייע פרוי פלעגט אים ברענגען א נייעם פארשפרעכען. אָבער ער פלעגט מיט הארצווייטאָג מוזען צוגעבען, אז ניט פאר אים וואָרטען זיי. ניט אים וועלען זיי ברענגען דעם צוגעזאָגטען גליק. אָבער איצט?

איצט וועט זיין הארץ ווידער קלאפען אומרואיג ביים אָנבליק פון יעדער פרעמדער פרוי, וואָס וועט אים אנקעגען קומען. זיין

גאַנצער לעבען וועט ווערען אָפּגעפּרישט, וועט קריגען א נייעם רייץ, ער וועט ווערען אינגער. איצט וועט ער קענען ווייטער זוכען, זוכען זי — וועלכע ער האָט ניט געפונען, נאָך וועלכער ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו בענקען.

ווי מאָדנע, האָט ער געטראַכט. נאָך אַלץ טראָגט ער זיך ארום מיט ראָמאַנטישע פאַרלאַנגען? פאַרוואָס האָפט ער נאָך אַלץ אויף איר, אויף דער פרוי? אָבער אַזוי איז עס שוין: דער מאַן מעג טויזענט פרויען האָבען, און נאָר איין טאָג צום לעבען, וועט ער נאָך אַלץ באַגעגענען יעדע נייע פרוי מיט אַ קלאַפּענדער האַרץ, טאָמער איז דאָס זי? — סיידען ער האָט זי שוין געפונען. אָבער, צו האָט שוין ווער אַמאָל נעפונען זי, וועמען ער האָט געזוכט: זי, די איינציגע? ווער ווייס?

איר קוקט זיך צו, ווי יענער לעבט, דאַכט זיך אייך, אַז יענער לעבט גליקליך. אַז איר קוקט זיך צו בעסער, אַז איר באַקענט זיך מיט יענעמס לעבען און איר געפינט אויס גראָד דאָס פאַרקערטע, טראַכט איר, אַז אין דעם פאַל האָט איר זיך גענאַרט, אָבער אָט יענער, דער אַנדערער, לעבט טאַקע גליקליך. און אַז איר איבערצייגט זיך אין אייער טעות אויך אין צווייטען פאַל, גלויבט איר אַז דער דריטער, דער פערטער, י ע נ ע ר איז גליקליך. איר גלויבט, אַז עס געפינט זיך וואו־ניט־איז א גליקליכער מענש און איר גלויבט, אַז עס געפינט זיך וואו־ניט־איז די ריכטיגע פּאָר. איז עס דען בלויז א לעגענדע? עס גלויבען דאָך אין דעם אַלע מענשען! האָבען אַלע ניט געגלויבט, אַז ער און לילי לעבען גליקליך? אויף זיי האָבען אַלע געזאָגט, אַז זיי זיינען די ריכטיגע פּאָר. פאַרוואָס האָבען זיי זיך גענומען? טאַקע פאַרוואָס האָט ער גענומען לילי'ן? פאַרליבט איז ער דאָך אין איר ניט געוועזען. איז ער געוועזען בלינד? איז ער געוועזען פאַרפירט? ניין, ער האָט גוט געקענט אַלע אירע מעלות און אַלע אירע חסרונות. ער האָט זי געקענט פאַר אַ לאַנגער צייט. און זי איז ניט געוועזען דאָס איינציגע מיידעל, וואָס ער האָט געקענט. פאַרוואָס האָט ער זי גענומען?

ער האָט געהאַט אַלערליי ערפאַרונגען מיט מיידלאַך און פרויען, אָבער געליבט האָט ער קיינמאָל ניט לענגער, ווי א טאָג,

צוויי. עס פלעגט טרעפען, אז ער פלעגט אריינפאלען אין א מין עקסטאז ווענען א מיידעל, ווען ער האט זי צום ערשטען מאל געזען, אבער דער עקסטאז האט נאר אנגעהאלטען ביז ער האט זי געזען א צווייטען מאל, און ניט לענגער. ניין, געליבט האט ער קיינמאל ניט, כאטש ניט איינמאל האט ער עס געזוכט איינצורייִדען א מיידעל, און דערביי טאקע זיך אויך. און פלעגט אים געלינגען צו מאכען וועלכע מיידעל גלויבען, אז ער איז אין איר שטארק פארליבט, האט ער אבער ביי זיך אין הארצען גוט געוואוסט, אז דאס איז בלויז א שפיל פאר א ווייל.

ער האט קיינמאל ניט געטראפען א פרוי, וואס זאל אים קענען צופרידענשטעלען מיט א טיפער אינטעליגענץ און אמת'ער קלוגהייט. האט ער אויפגעהערט צו זוכען און צו בראקירען. ער האט גענומען וואס עס האט זיך געמאכט. אם בעסטען איז ער געווען צופרידען מיט יענער, וועלכע האט געוועקט זיין פאנטאזיע און געלאזען זיך אנקליידען אין זיינע פארבען. האט ער גענומען דאס ביסעלע שיינקייט וואס זיי האבען ארייננעבראכט אין זיין לעבען, און איז געווען דאנקבאר. די מיידלאך מיט וועלכע ער האט זיך באפריינדט האבען עס געוואוסט, אים געגעבען דאס ביסעלע, וואס ער האט פון זיי געפאדערט, און נישט מער.

לילי איז געווען אן אויסנאם. זי איז געווען ניט פראקטיש גענוג. זי האט אים געגעבען מער ווי ער האט געפאדערט. זי האט אים אוועקגעגעבען איר גאנץ לעבען. זי איז געווען א נאר און זיך פאר אים געאפפערט.

— אבער וואס קאנסטו דערוואַרטען פון מיר, לילי? דו ווייסט דאך, אז איך וועל מיט דיר ניט חתונה האבען. דו ווייסט דאך, אז דו ביזט ניט די איינציגע, אז איך האב דיך ניט ליב גענוג, אז איך זוך פון דיר בלויז אביסעלע פארגעניגען און ניט מער — פלעגט ער איר אפט זאגען.

— נו גוט. איך בעט ביי דיר ניט מער, ווי דו קאנסט מיר געבען. — פלעגט זיין איר ענטפער.

— אבער פארוואס זאלסטו דיין לעבען פארשווענדען? — האט ער פון איר געפאדערט.

— אויף וואָס דאַרף איך מיין לעבען? צו וואָס זאָל איך זיך שפּאָרען? פאַר וועמען דאַרף איך עס באַהאַלטען?

— אָבער וואָס וועט זיין, לילי, אז יענער וועט קומען, דיין מאַן, דיין באשערטער, וואָס וועסטו אים ברענגען?

— מיין מאַן? מיין באשערטען? איך וועל אים ניט מער ליב האָבען, ווי דיך, — פלעגט זיין איר ענטפער.

ער האָט געוואוסט, אז אירע רייד זיינען נאַרישע. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אז זיי זיינען אויפריכטיגע. וואָס האָט זי דאָ געקאָנט שפּילען פאַר אַ ראָלע? וואָס האָט זי געקאָנט גע־ווינען אויסערליך? אָבער עס איז אים געווען שווער צו גלויבען אין אַזאַ טראַגישער ריינקייט פון געפיל.

— וואָס וועט זיין, לילי, אז איך וועל אָנהויבען צו גלויבען, אז דו מיינסט דאָס טאַקע, וואָס דו זאָגסט? — פלעגט ער איר פרע־גען מיט אַ דראָענדיגען שמייכעל, — וואָס וועט זיין דערנאָך?

לילי האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען.

— איך וויל ניט וויסען, וואָס שפּעטער וועט זיין. — דאָס איז אַלעס, וואָס ער האָט געהערט פון איר.

געוויס קאָן אַזוי ריידען נאָר אַ נאַריש קינד. אָבער ער וועט ניט אויסנוצען איר נאַאיווקייט. און ער איז אוועק פון איר. ווען ער איז געקומען צוריק צו איר, האָט ער זיך גערן צוגעהערט צו איר נאַרישער ליבע. איצט האָט ער איר גערן געגלויבט. אָבער זיך באַ־שליסען צו שטעלען זי צו פּראָבע, האָט ער ניט געקאָנט, פלעגט ער זי אַליין דראָען און סטראַשען און צווייפלען אין אירע רייד. ער האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט איר איינצושמועסען, אז זי אַליין ווייס ניט וואָס זי רעדט. ער האָט געזוכט ארויסצורופען אַ צוויי־פעל אין איר הארץ געגען איר אייגענער ליבע, אָבער עס איז אים ניט געלונגען. דאַן האָט ער גענומען וואַרפען שמוץ און ציניזם אויף אירע געפילען. ער פלעגט זי אָפט באַליידיגען מיט זיינע רייד. ער פלעגט זי אָפט מאַכען צו וויינען. ער האָט געזען, אז ער מוטשעט זי אומזיסט. אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּ־האַלטען פון דעם. דאַן איז אים איינגעפאַלען, אז ער קאָן מיט איר חתונה האָבען. סיי־ווי־סיי איז זיין לעבען ווערטלאָז, און אויב

עס האט ווער פארדינט פון זיין לעבען צו געניסען, איז דאס זי
געווען. פארוואס זאל ער זי ניט מאכען גליקליך? אבער ער האט
געצווייפעלט, אויב ער וועט זי קענען מאכען גליקליך. ניין, ער
האט זיך ניט גענארט אין דעם. ער טויג ניט פאר איר. ווען זי
געפינט אן אנדער סארט מענשען, אן איינפאכערען, א נארישערען,
איינער וואס זאל האבען א פיינער הארץ, ווי ער, און ער האט גע־
קענט א סך אזעלכע, וואלט זי בעסער געמאכט אין דער ענד. ער
האט זאגאר פרובירט רעדען איר א שידוך מיט זיינעם א פריינט,
אבער זי האט ניט געוואלט הערען. נאטירליך, איז עס געווען א
משוגעת פון זיין זייט. און וואלט זי ניט געווען אזא נאר, וואלט
זי זיך גוט אויסגעלאכט פון אים, וואס ער מאכט זיך אזוי לעבער־
ליך. צום סוף האט ער זיך איינגערעדט, אז עס וועט זיין פאר איר
א גרויסע טובה, ווען ער וועט געניסען פון איר ליבע. יעדענפאלס,
ער האט גענוג געזוכט זי אפצורייידען פון דעם. ער האט זיין חוב
דערפילט. ער האט איר געווארענט און געסטראשעט און ארגומענ־
טירט מיט איר, — וואס נאך האט ער געזאלט טאן? די רעזולטא־
טען וועלען אים ניט קאמפראמעטירען. און ער האט איר נאכגע־
געבען. ער האט גענומען פון איר יונגען, פרישען לעבען מיט פולע
הויפענס. זי האט זיך אים אפגעגעבען אן וועלכע עס איז באדינ־
גונגען.

און וואס מער ער האט גענאסען פון איר ליבע, אלץ מער האט
ער זי געמוטשעט. ער האט איר אלע ווייל דערמאנט, אז ער ליבט
זי ניט, און דאס וואס ער טוט, איז א זינד, אז אין אמת'ען איז ער
איר גארניט דאנקבאר: פארקערט, ער לאכט זיך אויס פון איר ביי
זיך אין הארצען. זי האט זיך ניט אריינגעטראכט אין דער לאגע,
אין וועלכער זי האט זיך געפונען. וואלט זי פארשטאנען דעם
אמת, אז ער געווינט פון איר ליבע, אז ער האט זי אין אמת'ען
ליב, און דארף זי אזוי נויטיג, ווי זי אים, וואלט זי אים אפשר
באשטראפט מיט איר קאלטקייט, דערפאר וואס ער מאטערט זי
אזוי. זיכער איז, אז וואלט זי אוועק פון אים, וואלט ער איר צו
די פיס געפאלען און געבעטעלט אביסעלע גלויבען אין אים און אין
זיין ליבע. אבער זי האט געגלויבט אין אלץ וואס ער האט געזאגט,

און שטילערהייט געליטען. זי האָט אים ניט פארשטאנען, און זיך אויך ניט. זי האָט ניט געקאָנט אנאליזירען אירע געפילען. זי האָט נאָר געוואוסט, וואָס איר הארץ זאָגט איר. זי האָט אים גע־געבען א גאנצען געפיל. זי האָט אים געגעבען אלעס, וואָס זי האָט פארמאָגט. ער האָט פארלאנגט מער. וואָס מער זי האָט אים גע־געבען, אלץ מער האָט ער פארלאנגט.

— נו, ביזטו איצט גליקליך, לילי? ביזטו צופרידען?

— איך האָב פון קיין גרעסערען גליק ניט געטראכט. געוויס בין איך צופרידען.

— פארלאנגסטו מער גאָרנישט?

— וואָס נאָך קאָן איך פארלאנגען?

— ביזטו צופרידען מיט אָט דאָס, וואָס דו רופסט אָן ליבע? האָסטו זיך ניט פאָרגעשטעלט עפּעס א העכערען און שענערען גענום?

— אָבער דאָס איז דאָך ניט אלעס. דאָס איז דאָך בלויז דער קערפּערליכער אויסדרוק. אָבער סיי־ווי־סיי האָב איך קיין חרטה ניט.

— אָבער זע, לילי, זע, ווי אָרים אונזער צוזאמענלעבען איז. זע, האָט זיך געלוינט צו האָפען און ווארטען און ליידען? וואָס איז דאָ? א הונט מיט א הונט קומען זיך צוזאמען אָט אזוי, א קאץ מיט א קאץ, נאָר ביי זיי איז דאָס איינפאכער, נאטירליכער און שענער.

— אָבער וואָס ווילסטו? טו פארוואָס זוכסטו דאָס?...

אך, ווי זי פארשטייט אים ניט! ניין, זי פארלאנגט טאקע מער ניט.

— אָבער, אָבער — הער, לילי, ווי שטעלסטו זיך פאָר עפּעס א גרויסען גליק? שטעל זיך פאָר, אז דו האָסט א ווינש־פינגערעל, און דו קאָנסט האָבען אלץ, וואָס דיין הארץ גלוסט. וואָס וואָלסטו פארלאנגט?

לילי האָט אים געענטפערט מיט א שמייכעל, אז די ערשטע זאך, וואָס זי וואָלט געוואונשען איז, אז ער זאָל ניט זיין אזא שלעכטער.

אים האָט עס פאַרדראָסען. זי פאַרשטייט ניט פון וואַנען עס נעמט זיך זיין שלעכטקייט.

— נו, גוט. און וואָס וואָלסטו דערנאָך געוואונשען? שטעל דיר פאָר עפּעס גרויסעס!

זי האָט זיך פאַרקלערט און גענומען פאַנטאזירען. זי וואָלט געוואָלט האָבען א שיינעם שלאָס איבער א גרויסען טייך, און ער זאָל קומען צו איר אַלע נאַכט אויף אַ גאָנדאָלאַ, און —

— ניט דאָס מיין איך, לילי, — האָט ער זי איבערגעשלאָגען צערייצט. — דאָס זיינען דאָך אַלץ אויסערליכע זאַכען. וואָס איז דער אונטערשיד וואו איך וואָלט דיך געטראָפען?

— ניין — זאָגט זי — אז מיר טרעפען זיך דאָ, אין פּאַרק, זיינען מיר ניט פריי, און, און —

זי האָט זיך געשעמט צו ענדיגען אירע געדאַנקען. ער האָט פאַרשטאַנען.

— נו, געוויס, לילי, אויף אַ ווייכען בעט אין שלאָס וואָלט עס געווען אנגענעמער, רואיגער. אָבער, לילי, זוכסטו נאָר באַקוועמליכקייטען? זע, וואו וואָלסטו געקאָנט קריגען אַזא שיינעם דאַך, ווי דער הימעל? קוק זיך צו, איז עס ניט וואונדערלאַך? שטענדיג אנדערש, פריש, ניי, ערהאַבען. ניט אזוי?

—יאָ, דער הימעל איז טאַקע זייער שיין, אָבער אין שלאָס וואָלטען מיר געהאַט אן אָפענעם טורם, וואָלטען מיר געקאָנט זיצען דאָרט און היטען דעם הימעל, דעם טייך.

ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט פאַרצווייפעלט.

— אָבער איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט. קאָנסט דאָך זאָגען! ביזט אין כעס אויף מיר, און איך ווייס ניט פאַרוואָס.

— האָט זי זיך געקלאָגט.

— ביזטו צופרידען מיט מיין ליבע, לילי? — האָט ער איר געפרעגט אַן אנדערש מאָל.

זי האָט מורא געהאַט צו זאָגען אזוי צו אזוי. זי האָט ניט געוואוסט, וועלכער ענטפער עס וועט אים בעסער צופרידענשטעלען.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין, צו באנוגענסטו זיך מיט דער ליבע, וואָס איך גיב דיר.

— איך וויל ניט, אז דיין ליבע זאָל זיין א געמאכטע, — האָט זי אים געענטפערט. — אויב דו קאָנסט מיך ניט ליבען מער, בין איך צופרידען מיט אזויפיל.

— אָבער, וואָלסטו ניט געוואָלט, אז איך זאָל דיך ליבען מער?

— געוויס. איך וואָלט געוואָלט, אז דו זאָלסט מיך ליבען אזוי שטארק, ווי איך דיך. אָבער דאָס קאָן דאָך ניט זיין.

— אָבער זאָלען מיר זאָגען, אז דאָס וואָלט מעגליך געווען, וואָס וואָלט דאן געווען?

— דאן וואָלט איך געווען אמת גליקליך.

— און איצט, לילי?

— איצט בין איך אויך צופרידען.

— ביזטו זיכער, אז דו וואָלסט געווען גליקליכער, ווי איצט?

— געוויס.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, לילי?

— וואָס מיינסטו, וואָס וואָלט איך געטאָן?

— וואָלט דיין לעבען געווען אנדערש?

לילי האָט זיך פארטראכט.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו שטייסט אויף אין דער פרי? ווי וואָלסטו פארבראכט דעם טאָג? ווי וואָלסטו פארבראכט די נעכט? און וואָס וואָלסטו געטאָן אויף מאָרגען? איבערמאָרגען, דעם נעקסטען טאָג, די נעקסטע וואָך, מאָנאַט, יאָר?

זי האָט אויף די פראגען געשמייכעלט:

— ווי קאָנסטו מאכען א פּלאַן? יעדער נייער טאָג וואָלט גע־בראכט נייע לעבען.

— ביזטו זיכער אין דעם, לילי? דיין לעצט יאָר איז פאָר־איבער. איז ניט איין טאָג געווען גערעטען אין צווייטען?

— אמת, — האָט זי געענטפערט. — אָבער עס איז גאָרניט אזוי שלעכט. אפשר, ווען מיר וואָלטען געווען רייך —

— זעסטו, דו ווילסט שוין נאָך עטוואָס, א חוץ מיין גאנצער

ליבע. אָבער וואָס וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטען געווען רייך?

— מיר וואָלטען געזוכט יעדען טאָג אַן אַנדער פאַרגניגען.

— מיין גאַנצע ליבע וואָלט ניט געווען גענוג צו פאַרשפּאָרען זוכען נייע פאַרגעניגענס?

זי האָט זיך פאַרשעמט.

— יאָ, לילי, איך פאַרשטיי. דערצו וואָלסטו געוואָלט אַ שיינעם שוך, אַ זאַפּטיגען עפּעל, אַ ווייכע בעט, ניט אמת?

— פאַרוואָס ניט? אָבער זעסט דאָך, אַז איך קאָן אויסקומען אויך אָן דעם.

— קאָנסטו דאָך, לילי, אויסקומען אָן מיין פולער ליבע, ניין? וואָס האָסטו געטאָן, ווען איך בין געווען ווייט פון דיר און פרעמד?

— איך האָב גענוג געליטען, — האָט זי געזאָגט, ווי פאַר זיך.

— איך האָב געבענקט נאָך דיר און גע'חלש'ט דיך כאָטש זען.

— וויפיל מאָל ביזטו געווען אין דער צייט אין „מואווינג פּיקטשורס“?

זי האָט זיך צעלאַכט.

— גיי, גיי. אַ משל! וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז מיר איז געווען אומעטיג? דאַרטען האָב איך זיך פאַרגעסען אביסעל אָן מיין אומעט.

ער איז געבליבען טרויעריג פאַרטראַכט.

זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט און אריינגעקוקט מיט ליבע אין געזיכט אריין.

— גלויבסטו ניט, אַז איך ליב דיך שטאַרק? גלויבסטו ניט אַז איך ליב דיך מער פון מיין גאַנצען לעבען? איך וואָלט מיין קאָפּ אוועקגעגעבען דיך גליקליך צו מאַכען.

ער האָט זי ווארים צוגעדריקט צו זיך און איר אַ קוש געטאָן. אָבער זיין הארץ איז געבליבען פול מיט אַ שווערען קומער.

דאָן האָט אים זיין געוויסען אָנגעהויבען צו פּלאַגען, פאַרוואָס ער מוטשעט זי, און ער האָט באשלאָסען גוט צו מאַכען די עולות, וואָס ער האָט געגען איר באַגאַנגען, מיט דעם, וואָס ער וועט באַקאַנט מאַכען פאַר אַלעמען, אַז זיי זיינען מאַן און ווייב. אזוי האָט ער געטאָן, און זיי האָבען געלעבט צוזאַמען. נאָך מער, ער האָט

איצט געמאכט פאר זיין פליכט איבערצוצייגען זי אין זיין ליבע. ער האט באשלאסען אז וואס ער זאל ניט פילען, זאל זי נאר וויסען, אז ער ליבט זי, ווען ער זאל זיך דארפען אפילו מאסקירען יעדען טאג.

אבער זיין אויפגאבע איז געווען זייער א שווערע. טאג־איין, טאג־אויס ווייזען איר א פאלש פנים, איז געווען אן אוממעגליכקייט פאר אים. ער האט איצט אליין ניט געוואוסט, וואס זיינע געפילען זיינען געווען צו איר. צייטענווייז האט ער געגלויבט, אז ער ליבט זי. אבער ער האט האך געוואוסט פון זיין באשלוס אז ער דארף דערשטיקען אין זיך אלע געפילען פון אנטפרעמדונג און אנטי־פאטיע, האט ער זיך איינגערעדט, אז ער טוט עס טאקע, אז וואלט ער זיך צוגעהערט צו זיינע געפילען, וואלט ער אויסגעפונען, אז ער האט זי פיינט; אז דאס, וואס ער פילט פאר איר אמאל א וואריי־מען געפיל, איז עס אן איינגעשמועסטע זאך. אין אמת'ען איז עס געווען פונקט פארקערט. ער האט זיך איינגערעדט, אז ער האט זי פיינט. ער איז געווען איבערצייגט ביי זיך, אז זי איז א נאר, און דעריבער — וואס זי האט נאר געטאן, איז אים ניט געווען געפעלען. ער איז געווען איבערצייגט, אז אלע וויסען, דאס זי איז א נאר און לאכען פון איר, און דאס האט אים געקרענקט אן א שיר. זיין עגאאיזם האט געליטען פון דעם. האט ער אויפ־געהערט צו גיין מיט איר אין געזעלשאפט. און אז ער פלעגט שוין יא אמאל גיין ערגעץ מיט איר, פלעגט ער פאר אלעמען אין די אויגען לאכען פון איר, צו ווייזען זיי אלעמען, אז ער איז א מבין אויף איר, אז ער נעמט ניט די פאראנטווארטליכקייט פאר אירע נארישקייטען.

נאכדעם פלעגט עס אים פארדריסען, און שטילערהייט פלעגט ער ליידען פון געוויסענביסען.

אבער ער איז איבערצייגט געווען, אז ער שטייט מיילען הע־כער פון איר, אז זי פארשטייט אים ניט און קאן אים ניט אפ־שעצען, אז זי שטייט אים אין וועג.

וואס איז איצט איר לעבען? פלעגט ער טראכטען. נאריש און קליין. שטייט אויף אינדערפרי און פארעט זיך ארום הויז א

גאנצען טאָג. וואשט, רייניגט, קערט, קאָכט, נייט. זי גייט ערגעץ קיינמאָל ניט, פארברענגט ניט מיט מענשען, ידענקט ניט, טראכט ניט, האָט ניט קיין פרייד און ניט קיין צער. אפילו ליידען האָט זי איצט אויך אויפגעהערט. זינט ער האָט זי גענומען אונטער זיין דאך, לעבט זי דאָס לעבען פון א בהמה; איר ליבע, וואָס איז געווען דאָס גאנצע שיינע אין איר לעבען, האָט דאָך איצט אויך אויפגעהערט. עס איז געוואָרען א פונקציע. ווי קאלט און פארשלאָפען זי נעמט אויף זיינע הייסע לאסקעס. זי האָט זיך איבערגעגעבען צו אים אלס א פליכט, ווי אים צוליב, ווייל ער וויל עס. טעג פלעגען אוועקגיין, ווען זיי האָבען איינע צו די אנדערע קיין וואָרט ניט גערעדט. ער איז געווען בייטאָג פארנומען מיט זיינע געשעפטען. ביינאכט, אז ער פלעגט קומען אהיים, האָט שוין זיין סאפער געוואַרט אויף אים. ער פלעגט עסען שטילערהייט, וואָס זי פלעגט אים געבען, און אריינקוקען אין א ציי־טונג. נאָכ'ן עסען פלעגט ער, אָדער גיין צו א מיטינג, אָדער לעזען א בוך. אמאָל פלעגט ער גיין צו א פריינט. וואָס פאר א געמיינשאפטליכע אינטערעסען האָבען זיי געהאט? זיינע פארלאנגען פלעגט זי טרעפען, נאָך איידער ער האָט עס ארויסגעזאָגט. געזעלשאפט ביי זיך האָבען זיי גאָר זעלטען אויפגענומען. אמאָל פלעגט ער גיין מיט איר אין טעאטער. וועגען הויז־זאכען האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקימערט. ער האָט פארלאָרען דעם אינטערעס אין איר, ארום איר, אָדער ארום איר הויז. ער איז געווען א פרעמדער, א גאסט, וואָס האלט זיך אויף איבער גוואלט. ער מוז שטילערהייט טראָגען זיין לאסט און שווייגען, זי זאָל ניט וויסען, ווי שווער עס פאלט אויף אים. אָט אזוי וועט זיך איבערשטופען דער נארישער לעבען. וואָס איז געוואָרען פון אלע זיינע טרוימען? וואו זיינען אהינגעקומען זיינע האָפנונגען און שטרעבונגען? זיי ליגען אויפ'ן מיסט. וואָס טראָגט ער אין קאָפּ, אויפ'ן הארצען? שמאטעס. און זי איז אויך אין זעלבען באגאזש. ער האָט געזוכט צו דערפילען זיין פליכט צו איר אויפ'ן בעסטען אופן, ווי ער האָט געקאָנט. ער האָט געטאָן זיין בעסטעס. זי האָט אפשר פארשטאנען, ווי טיף דער תהום איז צווישען זיי, און אפשר ניט. זי

האָט געזען, אַז ער איז אומגליקליך. וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? זי האָט אונטערגעבעט איר אייגענעם לעבען אונטער אים. זי האָט געזוכט אים צופרידענצושטעלען, ווי נאָר מעגליך. זי האָט גע־זוכט צו טרעפען זיין וואונש. אָבער וואָס מער זי האָט פּרובירט, אַלץ מער איז זי אים געשטאַנען אין וועג. דאָס איינציגע גוטע וואָס זי האָט געקאָנט טאָן, איז צו לאָזען אים פריי, אוועקגיין פון אים, און דאָס איז איר ניט איינגעפאַלען. עס קאָן זיין אַז זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז אים נויטיג, אַז ער וואָלט געווען הילפ־לאָז אָן איר. און ווי ער האָט ניט געזוכט צו רעכטפערטיגען זי, האָט ער אָבער ניט געקאָנט מוחל זיין איר, פאַרוואָס זי האָט אָנגענומען זיין קרבן. אָבער פאַרפאַלען!

אַך, ניין! ניט פאַרפאַלען! אָט איז ער ענדליך פריי געוואָ־רען! זי איז טויט. ער איז פריי. זי וועט אים שוין ניט מוטשען מיט אירע טובות. ער איז פריי, פריי, פריי! גוט, וואָס זי איז געשטאָרבען ניט וויסענדיג דעם אמת. ער איז איצט געווען צו־פרידען מיט זיך. ער האָט אויף זיך געקוקט, ווי אויף אַ מאַרטי־רער. ער האָט שווער פאַרדינט זיין פרייהייט, און נאָך מער זיין ריינעם געוויסען. און ווי גוט עס איז צו פילען זיך אומשולדיג און געוויסענהאַפט! ער איז אריין אין אַ געהויבענער שטימונג. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער איצט געגאַנגען אויפ־זוכען אַ לוסטיגע געזעלשאַפט מיט אביסעל וויין, און טרינקען אַ טאָאַסט פאַר זיין געשטאָרבענער ווייב, און צו דעם גרויסען, שיי־נעם, פרייען, אַלמעכטיגען לעבען, וואָס מאַרשירט טריאומפירענדיג איבער די טויטע קברים.

ער האָט באַמערקט, אַז די ליכט, וואָס שטייען לעבען אָרון, האָבען זיך אויסגעשמאָלצען. ער האָט אָנגעצונדען נייע, גרויסע ליכט. ער איז געווען צופרידען מיט לילי'ן, פיליכט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען. ער איז איר איצט אַלעס מוחל געווען פאַר דער גרויסער טובה, וואָס זי האָט אים געטאָן מיט איר שטאַרבען. אים האָט זיך פאַרוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר. ער האָט אָפּגעדעקט איר פּנים. עס איז פאַרגעקומען אַ מאָדנע פאַרענדערונג אין איר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז שענער געוואָרען. עפּעס אַ מין

הייליגע רו איז געלעגען אויסגעשפרייט איבער אירע געזיכטציגען, און דאס האט צוגעגעבען איר יונגען פנים א מאדנעם, איבער־אירדישען חן.

און דאך איז עס געווען דערזעלבער באקאנטער, גוטמוטיגער, אונטערגעגעבענער פנים.

זי איז נאך גאר יונג, האט ער געטראכט. יא, זי איז אכט־ניין־און־צוואנציג יאר. איינגאנצען האט ער געלעבט מיט איר פיר יאר. קיין קינדער האט זי ניט געהאט און זי האט זיך אין דער צייט ניט פיל פארענדערט. אירע גלידער זיינען געבליבען שיין און איידעל. און נאך אלעמען האט ער דאך א היבשע מאס געננים געהאט פון אט דעם קערפער, וואס וועט באלד אנהויבען פוילען, און פארשווינדען. באלד וועט קיין זכר ניט בלייבען פון איר. קיין קינדער האט ער ניט געוואלט, האט זי אים נאכגעגעבען. ווער וועט זי איצט געדענקען? אט אזוי איז זי געווען, און אט אזוי וועט זי פארשווינדען אן א שפור. ווער וועט זי דערמאנען? ער איז צופרידען, וואס זי איז געשטארבען. ער וועט זי באלד פארגעסען. צו וואס האט זי געלעבט? בלויז אים צו מוטשען? און נאך אלעמען, וואס האט זי געקאנט העלפען? איז עס איר שולד, וואס זי איז געבארען געווארען אט אזא און ניט קיין אנדערע? אבער פארוואס טאקע ניט אזא? איז זי דען געבארען געווארען אים צו געפעלען? ווען זי וואלט עס געקאנט איבערמאכען, וואלט זי עס זיכער געטאן. יא, לילי, איך וויים, האט ער איצט געקוקט אויף איר פרומען פנים, איך וויים, אז דו האסט זיכער געוואלט מיר געפעלען. דו האסט דיין גאנץ לעבען מיר אוועקגעשענקט. אים האט זיך איצט געדאכט, אז דאס, וואס זי איז געשטארבען, איז עס אויך געווען, כדי אים צופרידענצושטעלען. געוויס, זי איז קיין זעלבסטמארד ניט באגאנגען. איר טויט איז דאך געקומען דורך דער מגפה. אבער, יא, זי האט געמוזט זיין צופרידען צו שטארבען. זי האט זיך ניט באקלאגט און ניט געקרעכצט אפילו. זי איז געשטארבען מיט א שטילען זיפץ, אט ווי זי האט געלעבט. האט זי ווען געפאדערט פון אימיצען עטוואס? פון קינדווייז אויף האט זי איר אייגען שטיקעל ברויט

פארדינט. זי האט געוואוסט, אז זי דארף פאר אלעם שווער באַ־צאָלען, און זי האט געצאָלט. און אזוי האט זי אפּגעלעבט איר קורצען לעבען. וואו איז געווען איר חלק גליק? געוויס האט זי דאָך רעכט געהאט אויף אביסעלע גליק, ווי יעדער איינער. געוויס האט זי דאָך געטרוימט און געהאָפט, און געווארט — און וואָס האט זי געפונען? אים?

אָך, יאָ, אים. וויפיל זי האט דאָס געהאָפט אויף אים. איז ער ניט געווען איר שענסטער טרוים? ווי שטאַרק זי האט אים געליבט. האט זי דאָך אלעס איינגעשטעלט צוליב אים. און זי האט גאָרנישט ניט געפאָדערט דערביי. אָבער, איז זי ניט געווען אנטוישט אין אים? אָך, געוויס. אפשר נאָך מער, ווי ער אין איר. ער האט דאָך גאָרנישט באַצאָלט, און זי — אזוי טייער! יאָ, ער האט אלעס גענומען פון איר און גאָרנישט געגעבען. און דאָס ביסעלע, וואָס ער האט איר יאָ געגעבען, האט ער איר ניט פארגונען, און שטענדיג געזוכט עס צו פאר'סמ'ען מיט זיין ביי־טערען גאַל. וואָס איז דער וואונדער, וואָס איר ליבע, איר גייסט איז שנעל געשטאָרבען אין איר? מער ווי איר קערפּער האט ער דאָך ניט געפאָדערט. מער, אז איר דינסט האט ער ניט געזוכט. אז ער פלעגט קומען צו איר, געניסען פון איר קערפּער, פלעגט ער דאָך פארשפּאָטען איר גייסט, לאַכען פון איר ליבע. ער האט דאָך איר אליין אָנגעוויזען, אז מער ווי איר לייב וויל ער ניט. ער האט דאָך ביי יעדער געלעגענהייט אין איר דעם גלויבען גע־זוכט צו טויטען, דעם גלויבען אין עפּעס העכער מענשליכעס אין זייער צוזאמענלעבען. פארוואָס האט ער עס געטאָן? ער האט געזוכט דעם אמת. דאָס איז זיין נארישער טריב. אָבער איז עס ווירקליך געווען אָט דיזער טריב צום אמת? פארוואָס האט ער פיל מאָל אַ פרעמדע פרוי געזוכט צו איבערצייגען אין זיין ליבע, וויסענדיג גאַנץ גוט, אז עס איז אַ ליגען? פארוואָס זאָגט ער טויזענט ליגענס אַ טאָג, און באַנייט מער נאָך פאַלש־קייטען אין זיינע געשעפטען? פארוואָס האט ער גראָד מיט איר געוואָלט זיין אויפריכטיג? און אז ער האט שוין נאָכדעם יאָ באַשלאָסען צו מאַסקירען זיך פאר איר, פארוואָס האט ער זיין

באשלום ניט געהאלטען? האט ער ווירקליך געטאָן זיין בעסט? יאָ, און זי האט אויך געטאָן איר בעסט. אך, גאָט מיינער! אָבער דאָ איז געוועזען פאָרט א פארבלענדעניש. ער האָט זיך פארטראכט. יאָ. און אָט איז זי טויט. און אזוי האָט זיך פארענדיגט איר איינזאמער לעבען. ווער האָט זיך צוגעהערט צו אירע שטילע זיפּ־צען? ווער האָט געזען אירע הייסע טרערען? ווער האָט גע־וואוסט, וואָס עס קומט פאַר אין איר הארצען? ער? געוויס ניט. פאָרט איז זי דאָך געוועזען א מענש! געוויס האָט זי דאָך געהאט אנדערע פארלאנגען א חוץ — א חוץ וואָס? וואָס האָט ער איר פארשאפט, וואָס זי האָט אליין ניט געקאָנט קריגען? וואָס האָט זי געהאט ביי אים, וואָס זי האָט ניט געקאָנט קויפען פאַר דאָס געלט, וואָס זי האָט פארדינט אין שאפּ?

אמת, זי האָט גאָרנישט געפאָדערט, אָבער צו דען האָט זי ניט געגארט נאָך אביסעלע פרייד, אביסעלע חבר'שאפט, אביסעלע גליק, ווי אלע אנדערע פרויען? אמת, ער האָט איר ניט פאַר־שפּראָכען. פארקערט, ער האָט איר אלעמאָל אויפמערקזאם גע־מאכט, אז ביי אים וועט זי דאָס ניט קריגען. אָבער וואָס האָט זי ביי אים יאָ געקראָגען? זי האָט געלעבט מיט איר גרויסער ליבע נאָר פאַר אים, און איז גרייט געווען אלעס צו פארבויגען אבי צו זיין לעבען אים, זיין נוצליך פאַר אים; און זי האָט אין אים געפונען א פרעמדען, קאַלטען מענשען, וועלכער האָט זיך געהאלטען אין די וואָלקענס אריבער איר. געוויס, זי האָט אים ניט געקענט צופרידענשטעלען מיט איר באגרענעצטער גייסטיגער וועלט. אָבער איז זיין גייסטיגע וועלט עפּעס מער ווי א שאָטען? פארוואָס האָט ער זיך געקאָנט צופרידענשטעלען מיט זיינע חברים, פריינט און געליבטע — נאָר ניט מיט איר? פארוואָס איז זיין לעבען פּוסט און וויסט א גאנצען טאָג, און דאָך זעצט ער פאָר זיין נארישע עקזיסטענץ יאָר־איין און יאָר־אויס, נאָר דאָס ביסעלע צייט, וואָס ער דארף פארברענגען מיט איר, פאַר־וואָס קאָן ער עס ניט געדולדיג פארטראָגען? פארוואָס האָט ער געפאָדערט, אז אין זיינע באציאונגען מיט איר זאָלען זיי זיך אִי־בערהויבען הויך אריבער די טאָג־טעגליכקייטען, און שוועבען ערגעץ

אין נייע, אומאַנטדעקטע רוימען? פאַרוואָס האָט ער געזוכט גראָד אין איר נאַרישע חלומות, און ניט געוואָלט אָננעמען דאָס, וואָס איז ווירקליך שיין און זעלטען אין איר? פאַרוואָס האָט ער געוואָלט, אז זי זאָל אים ברענגען צוריק דעם גלויבען אין מענשליכען גייסט, וואָס איז ביי אים פאַרלאָרען געגאַנגען אין ויינע טאָג־טעגליכע ערפאַרונגען? פאַרוואָס האָט זי געזאָלט זיין פאַר אים יענע נשמה, פון וועלכער ער האָט נאָר אַן אנונג געהאַט אין זיינע פאַרגעבעלטע קינדערשע טרוימען — אין וועלכער ער האָט אָבער איצט ניט געקאָנט גלויבען אפילו? פאַרוואָס האָט זי געזאָלט זיין פאַר אים דאָס, וואָס ער האָט אליין ניט געקאָנט זיין? איז זי געבאָרען געוואָרען צופרידענצושטעלען די קאַפריזען פון זיין פאַנטאַזיע? ער האָט געוואָלט, אז זי זאָל אים ליבען איבערמענשליך, און דערוויל האָט ער געלאָזען איר מענשליכע פאַרפרירען. מיט וואָס האָט ער געוועקט אין איר א העכערעס לעבען? מיט גלייכגילטיגקייט, שפּאָט און ציניזם. ער האָט געוואָלט, אז זי זאָל זיין דער טריאומף זיינער איבער דער וואָכעדיגער וועלט, און ער האָט גענומען דאָס קערפּערליכע אין איר ווי א בעסטיע. זי האָט געמאַכט איר קערפּער אַנגענעם פאַר אים. אפשר האָט זי אים אלץ געליבט? אפשר האָט איר ליבע גאָרניט אויפגעהערט? עס קאָן דאָך זיין, אז זי האָט געמוזט איר ליבע טיף אין בוזים באַהאַלטען און אַרומוויקלען אַרום זיך א גראָבע פעל, אז זי זאָל ניט פאַרוואונדעט ווערען יעדען טאָג. ווער ווייסט, וויפיל זי האָט אינערליך געבלוטעט? האָט ער זיך צוגעקוקט צו איר לעבען?

ער האָט זיך פאַרטראַכט. יאָ, איר קורצער לעבען האָט געמוזט זיין א שווערער. וויפיל מאָל האָט ער זי געטראָפען מיט פאַרוויינטע אויגען? ער האָט זיך גאָרניט געמאַכט פון אירע טרערען. געוויס, ער האָט פריער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אז אלץ וואָס איז פאַרבונדען מיט איר, איז א נאַרישקייט, טאָ צו וואָס זאָל ער זיך קימערען? זי וועט זיך אויסוויינען און פאַרגעסען אויף וואָס זי האָט געוויינט. אָבער אירע טרערען זיינען געקומען פון א טיפערען קוואַל. דאָס האָט ער איצט פאַרשטאַנען.

עס קאָן זיין, אז איר ליבע וואָלט זיך מיט דער צייט סיי־ווי־סיי אויסגעלאָשען. ניטאָ קיין אייביגעס. עס וואָלט אָבער איבערגעלאָזען גרויסע ערינערונגען, עס וואָלט געלאָזען א גרויסע דאנקבארקייט, א צוגעבונדענקייט, א פריינטשאפט. אזוי?

און, אייגענטליך, וואָס האָט ער פון איר געוואָלט? פאַרוואָס איז זי אים ניט געפעלען געווען? געוויס, זי האָט געהאט חסרונות, אָבער ווער האָט עס ניט? האָט ער ניט? האָט ער ניט מער פון איר? זי האָט זיכער געהאט א סך מעלות. ביי אן אנדער פרוי וואָלט ער געוואוסט ווי הויך צו שעצען אזעלכע מעלות. פארוואָס ניט ביי איר? דערפאר וואָס זי האָט אים אלץ פריי געוואָרפען צו די פיס און ניט געפאָדערט קיין אנערקענונג?

זי איז געוויס געווען א שיינע. נאָר גאָר צו שנעל האָט ער זיך צוגעוואוינט צו דעם און האָט עס מער ניט געזען. טרעפען פלעגט נאָר, אז ווען זיי פלעגען זיך געפינען צווישען א סך פרעמדע מענשען, אמאָל אין טעאטער, אָדער צו א באַל, פלעגט ער זיך פלוצלונג ארומזען, אז צווישען אלע פרויען איז זי די שענסטע. און אזוי פלעגט ער אויך פארגעסען דאָס איידעלע און פיינע אין איר . פלעגט ניט טרעפען אמאָל, אז ער פלעגט נעמען טראכטען פון אוועקווארפען זי, און נעמען זוכען אזא איינע, וועלכע וועט קאָנען פארנעמען איר אָרט, אז ער פלעגט ניט קאָנען געפינען קיין פרוי צווישען זיינע אלע באקאנטע, וואָס זאָל זיך קאָנען פארגלייכען צו איר אין אמת'ע מעלות? אך, אָבער ער האָט דאָס קיין מאָל ניט געוואָלט צוגעבען. ער איז געווען צופיל פארנומען מיט זיך, צו עגאָאיסטיש. עס קאָן זיין, אז גראָד דערפאר, ווייל זי איז געשטאנען אזוי הויך איבער אים אין נאטירליכע ברכות, און ער איז איר געווען אזויפיל שולדיג פאר אזויפיל אומזיסטע גוטעס, האָט ער זי געזוכט ביי זיך צו פארלוימדען. עס פאָדערט זיך א פולע מאָס פון גרויסמוט צו זען יענעמס שיינע נאטור. ער האָט דיזען גרויסמוט ניט באזעסען. זי האָט אָבער פאַרט געהאט א שיינע נשמה. דער פאקט אליין, וואָס זי האָט געקאָנט אזויפיל געבען. געבען און ניט קריגען באצאָלט און דאָך געבען — דאָס קענען נאָר די איינצעלנע אויסדערוויילטע, און זי האָט עס גע־

קאָנט. וואָס האָט ער דען געגעבען ווּעמען? דער שיקזאַל האָט גראָד אזוי געוואָלט, אז ער, דער עגאָאיסט, דער אייגענזיכטיגער מענש, זאָל אלע מאָל געפינען ארום זיך מענשען, וואָס זיינען גע־ווען גליקליך, וואָס זיי האָבען אים געגעבען: פאָטער, מוטער, שוועסטער, ברידער, געליבטע, פרוי — אלע האָבען עס געהאלטען פאר זייער גליק, וואָס ער האָט גענומען פון זיי. און ער האָט אלע־מאָל געפאָדערט! דער שטאָלצער נארישער מענש — ווי ער האָט זיך שטענדיג איבערגענומען מיט דעם, ביז ער האָט זיך איינגע־שמועסט, אז דאָס האָט ער אלעם פארדינט, אז דאָס באצאָלט מען אים, אז אים קומט דאָס אלעס. און אָט אזוי האָט ער אָנגעפאנגען קוקען אויף זיך, ווי אויף א העכערען וועזען. אָרימע מוטער, וויפיל שווערע מי און בלוטיגע טרערען דו האָסט אוועקגעגעבען פאר אים. און זיין פאָטער, וואָס האָט אים יאָרענ־לאנג געטראָגען אויף זיינע אלטע פלייצעס? און איצט זיין פרוי! און ער? וואָס האָט ער ווען אָפּגעגעבען? אָרימע לילי, ווי שטרענג ער איז געווען צו איר. יעדע שוואכקייט און יעדען קאַ־פּריז זיינעם האָט זי געמוזט אויסשטיין. איז דאָס געווען איר נארישקייט, וואָס זי האָט זיך מקריב געווען צו זיינע קליינליכע תאוות? פארוואָס האָט ער זי געהאלטען פאר א נאר? געוויס, זי האָט זיך ניט געקאָנט פלפול'ען מיט אים און זיינע חברים אין אבסטראקטע פראגען; אָבער דערפאר האָט זי געהאט א פיינערען פארשטאנד פאר די אידעלע און שיינע זייטען פון לעבען. זי האָט קיינמאָל ניט „געגלאנצט“ אין א געזעלשאפט, אָבער, האָט ער דען ניט געהאסט די וואולגארע בלומען, וואָס שרייען מיט זייערע קאָלירען און שטינקען מיט זייער פארפום? זי האָט אי־מער אויסגעמיטען צו ציען אויף זיך יענעמס אויפמערקזאמקייט. זיינע חברים האָבען פון איר ניט געהאלטען? אָבער ווער פון זיי האָט א חוש פאר די שטילע, אמת'ע שיינהייטען פון דער נשמה? און ער? אָט האָט ער אָפּגעלעבט יאָרען זייט ביי זייט מיט אן אידעלען, צארטען וועזען, און אָנשטאָט צו געפינען אין איר דעם שטילען און טרייען חבר, וואָס ער האָט אזוי געזוכט אויף זיין מיזאמען לעבענסוועג, האָט ער אין איר געפונען א דינסט.

לילי, פארוואס איז ער געווען אזוי אומגערעכט צו דיר?
איז עס געווען צוליב זיין בלינדען עגאאיזם? איז עס געווען צוליב זיין טיפער ליבע צו דיר, פון וועלכע ער האט אליין ניט געוואוסט?
גראד דערפאר, וואס ער האט דיך געליבט, האט ער אויף דיר אויסגעגאסען זיין ביטערען צארן פון אנטוישונג!
ער האט אנגעשפארט זיינע הענט אויף דעם קאסטען, וואו זיין טויטע פרוי איז געלעגען, און זיין קאפ איז פארזונקען אין מחשבות. די פסולת פון זיין לעבען איז געפאלען צו איר אין שוים, האט ער געטראכט, אבער געקומען איז עס ניט פון א שלעכטער הארץ.
אויף מארגען ווען ער איז געגאנגען באגלייטען זיין לילי׳ן צו איר רו, איז ער געווען א סך קליגער, אבער א שווערער צער, א גרויסער אומעט האט אראפגעצויגען זיין קאפ.